STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01605

A GLIKLIKHE VELT, ODER, A MABL FUN FAYER

Netanel Basin

Permanent preservation of this book was made possible
by Goldie Hoffman
in memory of
her parents Lillian & Nathan Weissman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נתנאל הכהן באַסין

אַ גליקליכע וועלט

אָדער

אַ מבול פון פייער

ארויסגעגעבן פון
פאַרלאַג „קאַיאָר", יאָהאַנעסבורג,
דרום־אַפריקע,
1975.

"A GLÜCKLICHE WELT
ODER
A MABUL FUN FAIER"

"A HAPPY WORLD
OR
BRIMSTONE AND FIRE"

Postal Address:

S. BASSIN,
C/o No. 8 — 17th Street, Orange Grove,
Johannesburg,
S. Africa.

© COPYRIGHT RESERVED
קאָפּיע־רעכט רעזערווירט.

Printed by Pacific Press (Pty.) Ltd

א י נ ה אַ ל ט

ז יי ט

(ערשטער קאַפּיטעל)

דער צוזאָג ככוכבי השמים וכעפר הארץ — — — 12 —9

(צווייטער קאַפּיטעל)

דער אַנטיסעמיטיזם און זיינע פאָלגען — — — 24 —12

(דריטער קאַפּיטעל)

דער טעות פון אידען וואָס באַהאַלטען זייער נאַציאָהנאַליטעט — — — — — — — — 28 —24

(פירטער קאַפּיטעל)

דער גורל פון אידישען סאָלדאַט נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה — — — — — — — — 36 —29

(פינפטער קאַפּיטעל)

ציוויליזאַציע אין דינסט פון מענשליכע רשעות — 39 —36

(זעקסטער קאַפּיטעל)

דער אָפּשטאַם פון מענשליכער רציחה — — — 46 —39

(זיבעטער קאַפּיטעל)

דער בעדייטונג וואָס איז אַ איד און וואָס איז די תורה — — — — — — — — — 54 —46

(אַכטער קאַפּיטעל)

רעליגיאָהנען — אַלס מקור פון ברוטאַליטעט און רציחה — — — — — — — — — 58 —54

(ניינטער קאַפּיטעל)

די ריכטיגקייט פון דעם אידישען רעליגיאָהן — 69 —59

(צעהנטער קאַפּיטעל)

דער מבול און דער דערשיינען פון אברהם אבינו — 81 —69

(עלפטער קאַפּיטעל)

דער בונד מיט אברהם אבינו — — — — — 92 —81

(צוועלפטער קאַפּיטעל)

דער פאַרגעסענער בונד און זיינע רעזולטאַטען — 111—93

זייט

(דרייצעהנטער קאַפּיטעל)
דער גורל פון אידישען פאָלק אין דער ערשטער פעריאָדע — — — — — — — — — 112—117

(פערצעהנטער קאַפּיטעל)
דער גורל פון אידישען פאָלק אין זיינע וואַנדערונגען — — — — — — — — 117—131

(פופצעהנטער קאַפּיטעל)
דער משל מיטן פראָפעסאָר און זיין זוהן — — 132—141

(זעכצעהנטער קאַפּיטעל)
די אידען דער שעיר לעזאזל — — — — — — 142—147

(זיבעצעהנטער קאַפּיטעל)
בור כרו ויחפרוהו — — — — — — — — 148—162

(אכצעהנטער קאַפּיטעל)
היטלער׳ס, ימח שמו, שטייגען און פאַלען — — 162—169

(ניינצעהנטער קאַפּיטעל)
קאַפּיטאַליזם און קאָמוניזם — — — — — — 169—172

(צוואַנציגסטער קאַפּיטעל)
מענש, חיה און דער בעשטאַנד פון דער נשמה — 172—180

(איין און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל)
כי לא בחיל ולא בכח כי אם ברוחי, און דער פילם פון אידישען אַרט לעבען — — — — — 181—194

(צווי און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל)
דער חטא פון אידישען פאָלק וואָס מוז פאַרריכט ווערען — — — — — — — — — 194—205

(דריי און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל)
די וואָרצלען פון אַנטיסעמיטיזם ציהען זיך פון קריסטענטהום — — — — — — — 205—228

(פיער און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל)
פאַרוואָס די קליינע ארץ ישראל און ניט אַמעריקע ? 229—230

(פינף און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל)
מלחמת גוג ומגוג — — — — — — — — 230—235

הקדמה

ב״ה. ט׳ אדר תשל״ה. 20/2 1975.

דיזער בוך איז געשריבען געוואָרען אין די יאָהרען פון דער צווייטער וועלט־מלחמה 1939—1945, אָבער צוליב געוויסע אומשטענדען האָט זיך פאַרצויגען דער דרוקען פון דעם בוך ביז יעצט. דערווייל זיינען פאַרגעקומען מאַנכע ענדערונגען און צוגאָבען וואָס די צייט האָט מיטגעבראַכט דאָס צו טאָן, כדי דער בוך זאָל שילדערען דאָס ריכטיגסטע וואָס עס קען נור זייך.

וואָס אייגענטליך האָט גורם געוועזען, איך זאָל זיך נעהמען צו שרייבען דעם בוך? דער אַנטוואָרט איז: זעהענדיג ווי די מענטשהייט אין דער וועלט גיט אויס טויזענדטער אָדער מילליאָהנען דאָלאַרען אויף ריסערטש, געלע־רענטע מענטשן זיטצען טאָג און נאַכט און מאַכען אַלערליי עקספערימענטען טאָמער וועט זיך איינגעבען צו געפינען אַ מיטעל צו ראַטעווען דער מענש־הייט פון קראַנקהייטען וועלכע עס נעהמען אַוועק מענש׳ן פאַר זייער צייט פון דער וועלט, ווי למשל: הארט־אַטאַקעס, ליוקימיאַ — קאַנסער אַף די בלאַד, רומאַטיזם־אַרטרייטיס, קאַנסער און נאָך און נאָך אַזעלכעס, און עס ווערט ניט נמאס דאָס וואָס עס קאָסט אַפּ אזוי פיל געלט און האַרעוואַניע און מען האַלט דאָס אָהן און אָהן.

דער אידישער פאָלק ליידעט אונמענשליכע צרות און קרבנות פון זינט דעם ערשטען אידען אברהם אבינו אָהן, און דאָס האַלט אָהן פאַר טויזענדטער יאָהרען אָהן אַן אויפהער, אפילו ביי היינטיגע צייטען אין אונזער קליינע מדינה פאַלען אלע ווילע קרבנות. מען וויל פשוט אונז אומברייגגען אינגאַנצען. און אין דעם גאַנצען פעריאָד פון אונזער טרויעריגער היסטאָרי האָבען זיך ניט געפונען ווער ניט איז, פון אונזערע קעפּ־מענש׳ן, ווער עס זאָלען זיך אָפּגעבען, צו זוכען און צו פאָרשען די ריכטיגע אורזאַכע, פאַרוואָס עס האָט זיך אויסגעגאָסען אַזאַ שרעקליכע תוכחה אויף אונזער פאָלק, וואָס עס האַלט אָהן פאַר טויזנעדטער יאָהרען און עס זעהט זיך ניט, אז עס זאָל נעהמען ווען ניט איז אַ ענדע צו אונזערע צרות.

דער אויבערשטער האָט אונז געגעבען די שטרייגגסטע התראה: השמרו לכם פן יפתה לבבכם וסרתם ועבדתם אלהים אחרים והשתחויתם להם, וחרה אף ד׳ בכם... מיר האָבען דאָס אפשר געטאָן, געדיינט צו אָפּגעטער, מיט טויזענדטער יאָהרען צוריק, אָבער ניט אין אונזערע דורות! פאַרקערט, מיר האָבען זיך גאָר מקריב געוועזען על קידוש השם! דאָך גיסט זיך אונזער בלוט אָהן אַן אויפהער!

מיר אַללע ווייסען, אז אַ מענטש פאַרזינדיגט זיך, ער האָט געטאָן דעם גרעסטען פאַרברעכען, ער האָט אוועקגעהרגעט אַ מענטשין! ברייננגט מען איהם אין געריכט און דער געריכט פאַרמשפּט איהם, לאָמיר זאָגען אויף 20 יאָהר טורמע. זיצט ער אָפּ זיין טערמין און ער גייט דערנאָך ארויס פריי. ער האָט בעצאָהלט פאַר זיינע זינד איינמאָל פאַר אַללע מאָהל!

מיר אידען ליידען טויזענדטער יאָהרען אָהן אַן אויפהער, און עס זעהט זיך ניט קיין סימן, אז די שוידערליכע שטראָף אויף אונז זאָל ווען ניט איז אָפּהאַלטען! דאָס ווייזט, אז מסתמא האָבען מיר געטאָן, און מיר טוען דאָס נאָך היינט אויך, אַזאַ פאַרברעכען, וואָס עס קען קיינמאָהל ניט פאַרגעבען ווערען!

טאָ וואו זיינען געוועזען אונזערע גדולי הדור? אונזערע גרעסטע קעפּ־מענשין פון אללע צייטען, ווער עס זאָללען זיך האָבען אריינגעלייגט, מיטן גוף און נשמה, אין דיזער לעבענס פראַגע פאַר אונזער פאָלק, צו דערגיין וואס קען זיין אונזער פאַרברעכען, וואָס מיר זיינען באַגאַנגען, און וואָס מיר באַגעהען דאס נאָך היינט אויך, אז אונזער שוידערליכע שטראָף, וואָס נעהמט אוועק טויזענדטער אידישע לעבענס אומעטום, וואו נור מיר אידען בלייבן, זאָל אפשר אָפּגעשטעלט ווערין?!

דאָס איז ניט קיין ממשותדיגער ענטפער, וואָס מיר קריגען פון אונזערע מנהיגים, אז מיר קענען ניט פאַרשטיין דעם אויבערשטענס וועגען! אָדער צו טרייסטען זיך מיט דעם, אז משיח וועט קומען וועט דאַן קומען אונזער ישועה!

מיר וואַרטען אזוי לאַנג און מיר טרייסטען זיך אז ער וועט קומען, און ער קומט נאָך אַלץ ניט! עס מוז דאָך זיין עפּעס אַן אָפּהאַלט, פאַרוואָס ער קומט ניט?„ פרעגט זיך אַ פראַגע וואָס איז דער אָפּהאַלט? וואָס איז אונזער פאַרברעכען, וואָס מיר טוען דאָס נאָך אפילו היינט? פאַרוואָס די גאולה שלמה קען ניט קומען פאַר אונז?

אָט דאָס האָט מיר געמאַטערט יאָהרען לאַנג, צו זוכען און צו פאָרשען, וואָס עס קען זיין אונזער זינד? וואָס זי איז אזוי שרעקליך! וואָס זי האָלט אָפּ די ישועה פאַר אונזער אונגליקליכען פאָלק?

ליבע לעזער! איך איהר ווילט געפינען דעם אמתן ענטפער צו דער דאָזיגער באַהאַלטענער פראַגע, ראָט איך אייך צו לייענען דעם בוך נור אין דעם סדר ווי ער איז געשריבען. דאַהן וועט איהר עס געפינען.

איב אָבער, איהר וועט וועלען וויסען האַסטיג, און איהר וועט ניט לייענען אין דעם סדר ווי איך וויז אָהן, איז אַ שאָדען אייער מיה! איהר וועט דעם ענטפער ניט פאַרשטיין, אָהן דעם דורכשטודירען די אַללע פעקטס, וועלכע עס דערפיהרען צו דעם ענדגילטיגען אַנטוואָרט.

ערשטער קאַפּיטעל

דער אידישער פֿאָלק האָט היינט געדאַרפט זיין אזוי גרויס, אז מען וואָלט איהם געוויס ניט געקענט איבערציילען! עס וואָלט זיכער מקוים געוואָרען דאָס אַללעס, וואָס עס שרייבט זיך אין דער תורה, וואָס גאָט האָט געזאָגט צו אברהם אבינו: „ושמתי את זרעך כעפר הארץ אשר אם יוכל איש למנות את עפר הארץ גם זרעך ימנה". און איך וועל מאַכען דאָס דיינע קינדער וועלן זיין אזוי פיל אין צאָל, פונקט אזוי ווי די זעמדעלאַך פון דער ערד. איז עס מעגליך פאַר אַ מענשין איבערצוציילען די זעמדעלאַך פון דער ערד? אזוי וועט זיין אונמעגליך איבערצוציילען דיינע קינדער.

אַ צווייטען מאָהל האָט גאָט געזאָגט צו אברהמען: „הבט נא השמימה וספר הכבבים, אם תוכל לספר אותם כה יהיה זרעך". גיב אַ קוק אין הימעל אריין און צייל די שטערען! קענסטו זיי איבערציילען? אזוי וועט מען ניט קענען ציילען דיינע קינדער.

וואָס אָבער זעהען מיר היינט צו טאָג?! ווי שטייען מיר אין דער ווירק־ליכקייט?

צום גרעסטען באַדויערן! זייער זייער אַ קליינע צאָהל זיינען מיר גאָר געבליבען! אונזער געשיכטע איז גאָר זייער אַ טרויעריגע! זי איז גאָר גע־שריבען מיט בלוט און מיט טרערען! ווער עס וויל וויסן גענוי, וואָס עס איז פאַרגעקומען מיט אונז אין די טויזענדטער יאָהרען פון אונזער עקזיסטענס, ראָט איך צו לייענען פּראָפעסאָר גרעטץ'ס היסטאָרי פון דעם אידישען פאָלק.

איך וויל דאָ געבען בלויז אַ קורצען איבערבליק אויף אונזער טרויערי־גער היסטאָרי, די גרויזאַמע פערלוסטען וועלכע מיר האָבען געליטען פון צייט צו צייט, זינט מיר זיינען געוואָרען אַ פאָלק.

אָנהויבענדיג פון דער מצרים עפּאָכע, פון דעם שרעקליכען גלות, פון פינסטערע 210 יאָהר, וואו מיר האָבען פאַרלאָרען טויזענדטער נפשות און אַ גרויסע צאָהל קליינע אונשולדיגע קינדער!

אויך, ווען נבוכדנצר איז אונז באַפאַלען מיט איבער 2000 יאָהר צוריק, און ער האָט אונז פאַרטריבען פון אונזער אייגענער לאַנד פון ארץ ישראל, האָבען מיר דאָהן ווידער פאַרלאָרען הונדערטער טויזענדטער נפשות דורך שווידערהאַפטע טויטען.

דערנאָך איז אויפגעשטאַנען אויף אונז אַ המן, ווער עס האָט מיט זיין טייוועלשען פלאַן שיער ניט אומגעבראַכט די גאַנצע אידישע בעפעלקערונג פון מלכות „פרס ומדי" אין איין טאָג! אייב עס וואָלט דאָהן ניט געטראָפען

דער גרויסער נס פורים וואָס גאָט האָט געטאָן צו אונזערע עלטערין, און אונזערע אָרימע עלטערין זיינען אָפּגעקומען בלויז מיט טויט שרעק און מיט בלוטיגע טרערען!

דערנאָך האָט אונזער פאָלק געמוזט דורכמאַכען די זייער שרעקליכע איבערלעבונגען פון די צייטען פון טיטוס הרשע, וואו מיר האָבען פאַרלאָרען טויזנעדטער נפשות און מיר זיינען פאַרטריבען געוואָרען אין אַללע פיער עקען פון דער וועלט.

דערנאָך! די שרעקליכסטע צייטען פון די מסעי הצלב וואו מען האָט אונז אויסגעקוילעט אזוי ווי שעפסען אין שעכטהויז! דערנאָך איז אויפגע־שטאַנען אויף אונז די בלוטדורשטיגע שפּאַניע, וועלכע עס האָט פאַרפייניגט צעהנדליגער אָדער הונדערטער טויזענדטער נפשות פון אונדזער פאָלק אין דער וועלט בעוואוסטער שרעקליכער אינקוויזיציע! מיר האָבען פאַרלאָרען זייער פיל פון אונזערע ברידער און שוועסטער, וועלכע עס זיינען געוועזען צו שוואַך אויסצוהאַלטען די שרעקליכע פיין און האָבען זיך נעבאַך אונטער־געגעבען און זיך אויסגעשמדט.

אויך די אַלטע רעאַקציאָנערע רוסלאַנד האָט אומגעבראַכט פון אונזערע ברידער און שוועסטער קרבנות אין די שווערע טויזענדטער אין שרעקליכע פּאָגראָמען דורך פאַלשע בלבולים!

פוילען און רומעניע האָבען אויך אומגעבראַכט זייער פיל אידישע לע־בענס דורך שרעקליכע פּאָגראָמען און בלוט בלבולים. מיר האָבען אויסער־דעם אויך פאַרלאָרען הונדערטער טויזענדטער אידען אין פרעמדע מלחמות, אין וועלכע מיר האָבען איבעראַל געהאָלפען די פעלקער, ביי וועמען מיר זיינען געבליבען, צו געווינען זייערע מלחמות!

גייסטליכע, פון אַנדערע גלויבענס, האָבען אָנגעריצט זייערע פעלקער און מען האָט אונז אויסגעקוילעט אזוי ווי שאָף, און מיר האָבען געמוזט לויפען אַללע ווילע פון איין לאַנד צו אַן אַנדערער פון דעם געפאַר מיט אונזערע לעבענס!

און ענדליך האָט אונזער פאָלק געקראָגען דעם גרעסטען טויט קלאַפּ גאָר ניט לאַנג צוריק פון דער מערדערישער נאַצי דייטשלאַנד, וואו מיר האָבען פאַרלאָרען 6 מילליאָהן פון אונדזערע טייערסטע און ליבסטע! אונ־זערע טייערע עלטער׳ן און אונזערע ליבע ברידער און שוועסטער וועלכע עס זיינען אומגעקומען, צוזאַמען מיט זייערע ליבע קינדערלאַך אין גרויזאַמע פיין דורך שוידערהאַפטע טויטען! אזא טרויעריגער אונגליק האָט אונז געטראָפען, וועלכען מיר קענען ניט פאַרגעסען און וואָס מיר וועלען אזא קיינמאָל ניט פאַרגעסען אויף דור דורות.

אויך יעצט, אפילו נאָך אזא שוידערליכען אונגליק וואָס עס האָט אונזער פאָלק געטראָפען, געפינען זיך נאָך אַלץ אזעלכע פאַרדאָרבענע מענש׳ן ווער עס

האָבען ניט קיינע מענשליכע געפילען און זיי פייניגען אונזערע ברידער און שוועסטער אפילו אין אונזער אייגענער לאַנד גופא! אונזערע אונגליקליכע ברידער און שוועסטער וואָס זיי זיינען אפשר איינער אָדער איינע געבליבע־נע פון אַ גאַנצען דור וועלכע עס האָבען זיך מיט וואונדערבאַרע נסים קוים ארויסגעראַטעוועט פון אונטער די בלוטיגע בעגעל פון די מערדערישע נאַ־ציס! אונזערע אונגליקליכע ברידער און שוועסטער וועלכע עס מאַכען דורך שוידערהאַפטע רייזעס אין אַלטע אויסגעבראַקירטע שיפען אין וועלכע זיי ריזיקירען פשוט זייערע לעבענס, טרייבט מען אויך זיי אַוועק מיט קלעפּ און מיט אַלערליי יסורים פון די ברעגעס פון דער איינציגער לאַנד וואו זיי האָבען געהאָפט אַפּצואָטהעמען פריי, פון ארץ ישראל, און מען פיהרט זיי אַוועק און מען פאַרשפאַרט זיי אויף אַן אינזעל אונטער אַ שטאַרקע וואַך, פונקט אזוי ווי זיי וואָלטען געוועזען קריגס געפאַנגענע אָדער קרימינעלע פאַרברעכער!

די זעלבע פאַרדאַרבענע מענשין שטייען אין אַללע זייטען און זיי טוען אַללעס וואָס זיי קענען נור, צו פאַרשטעלען דעם וועג פאַר אונזערע ברידער און שוועסטער אז זיי זאָללען ניט קענען אריין אין ארץ ישראל. דיזע פאַר־דאַרבענע מענש'ן האָבען פאַרלאָרען די בושה פאַר דער וועלט און זיי שע־מען זיך גאָרניט אפילו צו טאָן אזא מיאוסען פאַרברעכען ווי איינצורײדען און אַנצוהעטען אַנדערע פעלקער אז זיי זאָללען אויך מיטהעלפען אין דער שמור־ציגער זאַך צו מאַכען אונזער פאָלק מעהרערע שוועריגקייטען אין דעם גיין צו אונזער אייגענער לאַנד.

מיר האָבען געלעזען אין אונזער געשיכטע און מיר קענען אפילו זעהען אמתע פעקטס אין אונזערע צייטען גופא, אז אזעלכע פעלקער וועך עס האָבען פאַרגאָסען אידישע בלוט האָבען אַלעמאָל זייער שווער בעצאָהלט און עס איז ווירקליך מקוים געוואָרען און עס ווערען אלעמאָל מקוים די ווערטער פון דער גרויסער התראה וואָס אונזער גרויסער נביא ירמיהו האָט מתרה געווען אַללע פעלקער אין גאָט'ס נאָהמען: „קדש ישראל לד׳ ראשית תבואתו כל אכליו יאשמו רעה תבא אליהם נאום ד׳״. דער איד איז הייליג ביי גאָט, ער איז די ערשטע שפּראָצונג פון זיינע געוויקסע! די דאָזיגע פעלקער וועלכע עס פייניגען דעם אידען טוען זינדיגען! שלעכטס וועט קומען אויף זיי! דאָס זיינען די ווערטער פון גאָט. דאָס איז געוועזען ירמיהו'ס שטרייגנע התראה צו אַללע פעלקער פון דער וועלט אין נאָהמען פון דעם גרויסען בעשעפער פון אַללעס.

אָבער וואָס האָבען אפילו אזעלכע שטרייגנע התראות געהאָלפען, וואָס ירמיהו ווי אויך וואָס אַנדערע הייליגע נביאים האָבען מתרה געווען דער מענשהייט?!

מיר האָבען געליטען פאַר דעם, און מיר ליידען עד היום אפילו, נאָך

אַלץ אזעלכע שרעקליכע היזקות. אונזערע אומגעקומענע ברידער און שוועסטער וועלכע מיר האָבען אזוי טרויעריג פאַרלאָרען האָבען זיך ניט צוריקגעקעהרט! זיי זיינען שוין מעהר ניטאָ פאר אונז! אונזערע צרות ענדיגען זיך קיינמאָהל ניט! און אפילו די זייער קליינע צאָהל אידען וואָס עס איז פאַרבליבען ביי היינטיגען טאָג, אָט די קליינע הייפעלע אידען, שטייען אויך נאָך אַלץ אין דער זעלבער געפאַר מיט זייערע לעבענס אָט אזוי ווי אין די פריהערדיגע צייטען.

ברידער און שוועסטער! איך וויל אייך אויפמערקזאַם מאַכען אז איהר זאָלט ניט דיינקען אז איהר זייט אפשר פאָלשטענדיג זיכער מיט אייערע לעבענס אָט דאָ אין אַפריקע! אָדער אז איהר זייט אפשר זיכער מיט אייערע לעבענס אין דער דעמאָקראַטישער ענגלאַנד! איהר זאָלט אויך ניט דיינקען אז איהר זייט די גאַנצע 100% זיכער אין דער דעמאָקראַטישער אמעריקע! און איך וויל אייך אויך אויפמערקזאַם מאַכען אז איהר זאָלט ניט זיין ביי זיך פאָלשטענדיג זיכער אז איהר זייט זיכער מיט אייערע לעבענס אין דער נייער רוסלאַנד! זעהט וואָס עס קומט פאָר מיט אונזערע ברידער ווער עס בעט'ן זיך מען זאָל זיי לאָזען פאָהרען אין אונזער אמתער היים ארץ ישראל! מיר אידען מוזען די זאַך שטענדיג האַלטען אין זינען, אז מיר אידען זיינען ערגעץ ניט זיכער מיט אונזערע לעבענס! איך בעט אייך די זאַך זאָל יעדער איד געדיינקען: אז עס קען חלילה קומען אַ צייט אז מען וועט אויך אין אַ צווייטע לאַנד צונאַממענעהמען אידען מיט זייערע טייערע ווייבער און קינדערלאַך און מען וועט חלילה אויך מיט זיי טאָן אזא שוידערליכען פאַרברעכען אזוי ווי די נאַציס האָבען אָפּגעטאָן מיט אונזערע ברידער און שוועסטער גאָר ניט זייער לאַנג צוריק! איז דען דאָ ווער ניט איז, פון די פעלקער, ווער עס זאָל זיך אָנעהמען פאַר אידען?! די פאַרגאַנגענהייט איז דאָך דער עדות!

צווייטער קאַפּיטעל

איך וויל אייך אין קורצען ווייזען בלויז איניגע פעקטס ווי גרויס עס איז די אומזיסטע שנאה צו אונז אידען איינגעפלאַנצט אין די הערצער פון אַ סך ניט אידען און ווי אזוי דאָס ווערט פאַרשפרייט.

עס איז 8 יאָהר ווי איך בין אין דער אַרמיי און ווי איך לעב אַלס סאָלדאַט אין קעמפּס צווישען מיינע ניט אידישע חברים. דאָ האָב איך מיינע אויגען געעפנט און איך האָב דערזעהען דעם קלאָרסטען בילד וואָס עס קומט פאָר ארום אונז אידען. ווי גרויס עס איז די געפאַר פאַר אונדזער עקזיסטענס! כאָטש איך פערזענליך בין יא געוועזען געאַכטעט ביי די גרעסטע טייל פון זיי, סיי

ביי די, וועלכע עס האָבען מיך געקענט פערזענליך און סיי אויך ביי די וועלכע עס האָבען בלויז געהערט פון אַנדערע, אז איך בין אַ פרומער און אַן אָרענטליכער איד. דאָך האָב איך אפילו אויך ניט אויסגעמיידט זיך אָנצושטויסען אויף די סאַמע ערגסטע, און איך האָב אויך ניט אויסגעמיידט פון צו ליידען צרות פון פערשידענע זאָרטען חיות אין געשטאַלטען פון מענשין!

איך וואָלט דאָ וועלען פראָווען צו שילדערען פאַר אייך בלויז אַ קורצען בילד פון דאָס וואָס איך האָב זיך אָנגעזעהען און זיך אָנגעהערט, לעבענדיג טאָג און נאַכט צווישען ניט אידען און שטודירענדיג נאָכאַנאַנד ווי אזוי עס האַלט די אידישע פראַגע צווישען אַללע קלאַסען פון פאָלק.

דעם ערשטען אויף מיין רשימה וועמען איך האָב בעשלאָסן צו בעשרייבען איז: אַ מיטעליעהריגער מענש מיט פוסטע אירישע שטאָלצקייט, ווער עס איז אַלעמאָל גרייט געוועזען אייך איבערצושפּאַרען אז ער וויס מעהר פון אייך! נאָכין אויסזעהען וואָלט מען איהם אָנגענומען פאַר אַ אידען פון פוילען אָדער פון גאַליציע. ער איז געוועזען אַ רייזענדער ביי אַ קריסטליכע פירמע אין יאָהאַנעסבורג פון מאַטעריאַל פאַר קליידונג, ער האָט געוואוסט פון אַללע אידישע לאָמבאַרדען ביי וועמען ער פלעגט אָפט פאַרזעצטען משכנות און פלעגט קריגען אַ הלואה צו שטילען זיין לוסט צו בראַנפען. איז דיזער מאַהן געוואָרען גוט אָפּ אין דער ארמיי און ער האָט שוין ניט געדאַרפט פאַרזעצען קיינע משכנות, ער האָט זיך שוין געקענט ערלויבען צו טרינקען וויפיל זיין האַרץ האָט געלוסט און ער האָט טאַקע אויסגענוצט דעם מאָמענט און איז שטענדיג געוועזען לוסטיג און פריילאַך פון שכורען נאָכאַנאַנד.

אָבער איין זאַך איז געוועזען מערקווירדיג מיט אים. כאָטש ער האָט געטרונקען אָהן אַ מאָס, פון דען איז ער אַלעמאָל געוועזען ביין זינען. אַלעמאָל אויף דער וואַך! אזוי ווי אימיצער וואָלט איהם עפּעס דערמאָנען! דעריבער האָב איך אלעמאָל געקוקט אויף דעם זאָרט מענש'ן מיט גרויס פאַרדאַכט אז דאָס מוז זיין אַ מענש מיט אַן אוירינגעל! אז דאָס מוז אפשר זיין א געהימער אַגענט פון אַ געוויסער מלוכה, לויט זיינע אַקטיאָרישע שטיק וועלכע איך האָב פון איהם ארויסגעזעהען אין דער ראָלע פון אָפּלאַכען פון אידען מיט אלערליי לצנות און וויטצען וועלכע ער האָט געהאַט אין די צעהנדליגער: וועגען כהנען, איבען און רעבעקען, וועלכע ער פלעגט דערציילען מיט די גרעסטע התלהבות אין אַ געבראָכענעם ליטוויש־אידישען אָדער אין אַ געבראָכענעם אינגליש־אידישען אַקצענט וואָס מען האָט דאָס געקענט הערען פון איהם וואו נור מען איז געגאַנגען: אין אָפּיס אין קעמפּ, אין באַר און אין מעס און אומעדום! און דער המון פלעגט שטיין ארום איהם און פלעגען שטעלען איהם דרינקס, און מען פלעגט זיך קייקלען אויף די בייכער פון געלעכטער הערענדיג די געשמאַקע וויטצען וועלכע עס מאַכען לעג וקלס פון אידען! ער האָט זיך דערצו פאַרנומען אוידמיט אַ טרייפען ביזנעס אין דער

אַרמיי גופא, מיט נעהמען בעטס פון אַלעמען: פון אָפיצערען, פון סאָלדאַטען און סאָלדאַטקעס, און אפילו פון יונגסטערס, װעלכע עס האָבען זיך אַזוי איינגעװאָרינט אין געמבלען, אַז איניגע פון זיי זיינען שפּעטער געכאַפּט געװאָרען און געמשפּט געװאָרען פאַר ברעכען שלעסער און גנבענען פון די מלוכה סקלאַדען!

װען אַ איד װאָלט אָנגעגאַנגען מיט אַזאַ טרייפען ביזנעס װאָלט מען איהם לאַנג געמסרט! איהם אָבער האָט קיינער ניט געמסרט, װייל ער איז געװעזען בערימט ביין המון מיט זיינע װיטצען װעגען אידען! אָט אַזוי פלעגט ער מאַכען שװערע פונטען פון די אָרימע געלט װאָס דער המון פלעגט אַרויפלייגען אויף די הינט און פערד רייסעס און ער פלעגט זיי דערפאַר שפּייזען מיט װיטצען װעגען אידען. און דער המון פלעגט ניט זעהען דערװייל, װי ער ברענט אָפּ מיט פונטען.

דאָ האָט איהר אַ בילד פון אַ מענשין װער עס האָט זיך פאַרנומען מיט דעם שמוציגען דזשאָב צו דערנידערען דעם פּרעסטיזש פון אונז אידען אין די אויגען פון המון, אויף אַזאַ אופן!

יעצט װעל איך אייך פאָרשטעלען אַ צװייטען בילד אויך פון אַ מיטעליעהריגען מענש׳ן אַן איינגלישמאַהן, אַ געװעזענעם אָנגעשטעלטען ביי אַ שאָקאָלאַד פירמע, װער עס האָט אָהן צװייפעל געמאַכט אַ גרויסע טייל פון זיין קאָממיסיאָהן פון אידישע קרעמער. דאָ שטעל איך אייך שוין פאַר אַ פּשוטע חיה אין דעם געשטאַלט פון אַ מענש׳ן! דאָס איז אויך אַ מענטש װעלכער איז זייער אָפּט געװעזען אונטערן דרוק פון אַלקאָהאָל.

דיזע חיה פלעגט זייער אָפּט זיך צומאַכען צו מיר אַלס אַ כלומרשטער פריינד מיינער און פלעגט מיך כלומרשט ריהמען פאַר אַלעמען! און פון דער אַנדער זייט פלעגט דאָס ארומגיין שיכורעררהייד איבערן קעמפּ פון איין באַראַק צום אַנדערען און פלעגט האַלטען אין איין ריידען די גרעסטע רשעות אויף אידען. איך האָב זיך דאָס דערװאוסט ערשט אין אַ צייט ארום דורך אַ צופאַל װאָס עס האָט מיינע אויגען געעפנט, אַז איך האָב דערזעהען זייער קלאָר װאָס דאָס איז פאַר אַ חיה און אויך פון דעם װאָס איניגע פון זיינע פריינד האָבען מיר שפּעטער דערציילט, װי ער קומט אריין און האָט שמוציגע ויכוחים װעגען אידען.

די דאָזיגע חיה, װען דאָס איז געװעזען אין פאַרנאַכט זייער שטאַרק אָנגעשיכורט, אַזוי גיך װי ער האָט מיך דערזעהען אריינקומענדיג. אין מעס װאו מיר פלעגען עסען, האָט ער גלייך ארויסגעשריען אויפן קול װאָס ער האָט געהאַלטען אופן האַרצען: איך װינש אַז מען זאָל אויך דאָ מאַכען מאַרשאַלאָ אַזוי װי אין פּאַלעסטיין! װאָלט איך דאַהן ארויסגעשלאַכט דעם גאַנצען בלוטיגען אידישען רייס צוזאַממען מיט דיר! דו בלוטיגער רוסישער איד!

און איך וואָלט גענומען נקמה פאַר מיינע 3 ברידער וועלכע עס זיינען געפאַלען אין פאַלעסטיין דורך איך, שמוציגע אידען. ער האָט, ווייזט אויס, געלייענט אין די צייטונגען די גיפטיקע פראָפּאַגאַנדע אויף די אידען, אז די אידען זיינען טעראָריסטען און הרגענען אויס אין פאַלעסטיין נעבאַך אזעלכע אונשולדיגע סאָלדאַטען ווי זיינע ברידער זיינען.

הערענדיג אונגעריכטערהייד אזעלכע שמוציגע זלזולים אויף מיין פאָלק און אויף זיך אליין, האָט בעת מעשה מיין פנים שרעקליך געפלאַקערט פון בזיונות און פון כעס אז איך האָב קוים איינגעהאַלטען מיין טעמפּער! איך האָב אָבער באשלאָסען זיך בעסער איינצוהאַלטען און איך בין ארויס פון מעס! ערשטענס בין איך איינער, און פאַר איהם וועלען זיך געוויס אָננעהמען זיינע חברים. צווייטנס בין איך אַ סאָלדאַט! אַ איד! און דריטענס איז ער ניט דער ערשטער אידישער שונא און ניט דער לעצטער. ער איז איינער פון טויזענדטער אַזעלכע וועלכע עס זיינען פאַרסמט פון פראָפּאַגאַנדע אויף אידען! ניט מיט נעהמען נקמה פון איינעם קען דער אנטיסעמיטיזם אָפּגעשטעלט ווערן! און מיט דעם געדאַנק האָב איך מיין צאָרן אָפּגעקיהלט.

די זעלבע חיה אויף צוויי פיס פלעגט געראָדע שלאָפען אין דעם זעלבען באַראַק אין וועלכען איך פלעג שלאָפען אָבער ניט אין דעם זעלבען צימער. פאַר אַ לאַנגע צייט נאָכדעם פלעגט ער שרייען פון דער אַנדער זייט וואַנט ביז שפעט אין דער נאַכט צווישען אלערליי זלזולים אויף אידען אין אַלגעמיין אויך שמוציגע ווערטער אויף מיין אַדרעס: ווי בלוטיקער רוסישער איד! אויך פלעגט ער אין זיינע ספּאַזמעס זייער אָפט איבערקרימען ווי אזוי אַ איד דאַווענט מיינענדיג געוויס מיך! ווייל ער האָט דאָס אָפט באַמערקט דורכען פענסטער אָדער ער האָט זיך צוגעהערט ווי איך פלעג דאַווענען און ער פלעגט מיך איבערקרימען מיט אַן אינדיאַנישען ווילדען נגון אז זיינע שכנים פלעגען זיך פאַרנאַנדערלאַכען, צי זיי האָבען עס טאַקע געטאָן פון מיטהאַלטען מיט איהם אָדער זיי האָבען זיך ניט געקענט איינהאַלטען.

די דאָזיקע חיה האָט נאָך געהאַט אַ העזה צוצוגיין צו מיר שפּעטער און פאַרלאַנגען אז מיר זאָלען אָנהויבען ווידער ריידען! און ווייל איך האָב מיט איהם מעהר ניט געהאַט צו טאָן און ווייל איך פלעג איהם אויסמיידען, פלעגט ער דוקא אָנקומען מיר אַנטקעגען און זיך רייצען מיט מיר. ער האָט מיר אָנגעטאָן זייער גרויסע האַרצווייטאָק. דאָס איז געווען א משומד צו טאָן מיר אַללעס אויף צו להכעיס! איך האָב זיך געווענדעט צום קעמפּ סאַרדזשענט־מיידזשער ער זאָל איהם איבערהויבען אין אַן אַנדער באַראַק אָדער מיך. און כאָטש דער סאַרדזשענט־מיידזשער איז געווען אַ פיינער מאַהן, דאָך האָט מיין פאַרלאַנג זיך פאַרצויגען אויף אַ געוויסע צייט, צוליב פערשידענע אורזאַכען. ערשטענס איז דיזער משומד אוועק אויף אורלויב אויף אַ פּאָר וואָכען און דערנאָך האָט זיך זייער שטאַרק גערעדט אז מיר וועלען ארויס פון

דיזען קעמפּ וואָס עס איז טאַקע שפּעטער מקוים געוואָרען און אזוי בין איך מיט דעם משומד שוין מעהר ניט געשטאַנען אין איין קעמפּ.

איך וויל איך אויך פאָרשטעלען אַ דריטען בילד פון אַ מענשין „אַ שאינו יודע לשאול״, פון אַ שטענדיגען אַלקאָהאָליק־לונאַטיקער, ווער עס פּלעגט קיינמאָל ניט וויסען אויף וואָסער וועלט ער איז פון שכרות. דאָך, פּלעגט אָט דער מנובל יאַ טרעפען פון די סאַמע טיפקייט פון זיין שכרות ארויסצושרייען צווישען אַנדערע שמוציגע זלזולים סתם אין דער וועלט אריין, אויך מיאוסע רייד אויף דעם אַדרעס פון אידען!

נומער פיער: איז אויך אַ בילד פון אַ פּוסטען שטאָלצען אירישמאַהן ווער עס פלעגט האַלטען אַללע מאָהל אין איין דערציילען פלאַ פלאות פון אירישע מלחמה העלדן און דאָס פלעגט זיך שושקען אלעמאָל אין דער שטיל מיט זיינע חברים, ווער וויס וועגן וואָס?! דיזער מאַהן פלעגט זיך אויך צומאַכען צו מיר כלומרשט אַלס אַ אידישער פריינט און ער פלעגט איבערהויפּט זייער שטאַרק ריהמען פאַר מיר דעם אידישען קרעמער, ווער עס פלעגט אים געבען קרעדיט ביז די ענדע פון מאָנאַט און איבערהויפּט אויך פאַר דעם, וואָס ער פלעגט קריגען ביי דעם אידען צוקער און פוטער, וואָס דאָס איז געוועזען אין יענע צייטען אַ יקר המציאות. דיזער מאַהן איז אמאָהל געוועזען אַ רייסעס פערד־רייטער און ער האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ גאַנצען נביא און אַ בקיא צו זאָגן נביאות וועלכער פערד עס וועט אריינלויפען דער ערשטער און ער פלעגט טרעפען גראָדע מיט זיינע נביאות, פונקט ווי אַ בלינדער פערד קען טרעפען די גלייכע וועג און דעריבער האָט מען ווייניג וואָס געהאַלטען פון איהם אין אלגעמיין. האָט אָט דיזער נביא איין גוטען פרימאָרגען מיך צוגערופען האָבענדיג ארום זיך עטליכע פון זיינע חברים מיט וועמען ער האָט נאָרוואָס געהאַלטען אין שמועסען און ער האָט צו מיר אזוי געזאָגט: האָסטו היינט געלייענט דעם פּייפּער? האָב איך איהם געפרעגט וועגען וועלכען אַרטיקעל איז דאָס דיין פראַגע איבּ איך האָב געלייענט? האָט ער זיך אזוי שטאָלץ אָפּגעענטפערט: ענגלאַנד און אמעריקע גייען פאַרשפאַרען רוסלאַנד, זי זאָל ניט האָבען קיין ארויסגאַנג צום ים!

אויף מיין צווייטער פראַגע: וואָס האָבען זיי דאָס אזוי צו רוסלאַנד או זיי גייען טאָן אַזאַ זאַך?! האָט ער ווידער געענטפערט מיט גרויס שטאָלץ און צופרידענהייט און אזוי זיכער ביי זיך, אזוי ווי ער וואָלט שוין געזעהען דעם נצחון: ענגלאַנד און אמעריקע גייען צושמעטערין די פאַרפלוכטע באָלשעוויקעס! די באָלשעוויקעס די אידען! און אזוי ווי אמתע פונקען האָבען בעת מעשה ארויסגעשפּריצט פון זיינע ווילדע טיגערשע אויגען!

פאַרבייגייענדיג וואָלט איך וועלען דאָ דערמאָנען אַן עפּיזאָד וואָס עס האָט געטראָפען אַ ביסעל שפּעטער מיט דעם נביא, עס זאָל איהם צו קיין שאַנדע ניט זיין. מען האָט איהם נעבאַך געכאַפּט ביי אַ גנבה וואָס ער פלעגט

גנבענען שרייב־זאַכען פון אָפיס און ווער מיינט איהר האָט עס איהם געמסרט צו די פּאָליציי? דוקא זיין אייגענע פרוי! און איין טאָג האָט איהם זיין איידים צוּבראָכן די ביינער אז ער איז נעבאַך געלעגען אַ לאַנגע צייט אין האָספּיטאַל.

און יעצט וועל איך פאַר אייך פאָרשטעלען דעם נומער 5 פון מיין רשימה: דאָס איז געווען אַ זאָרט מענש מיט וועמען איך האָב ניט געהאַט דעם זכות צו זיין צוזאַממען אַ צו לאַנגע צייט. דאָך אין דער קורצער צייט האָב איך באַוויזען דורכצוקוקען איהם דורך און דורך! דאָס איז אויך געווען אַ זאָרט חיה אין דעם געשטאַלט פון אַ מענשין. כאָטש דאָס פלעגט ניט אַלעמאָל זיין אָנגעשניאָשקעט, דאָך האָט עס געהאַלטען אין איין רידען, אז אייב היטלער וואָלט געוואונען די מלחמה וואָלט היינט אָהן צווייפעל שוין געווען אַ גוטע וועלט. איך האָב איניגע מאָהל פּרובירט איהם אויפצוקלערען וואָס עס וואָלט אין דער ווירקליכקייט געווען, אייב היטלער וואָלט, חלילה, יאָ געוואונען די מלחמה. דאָך האָט מען זיין איינגעגלויבטען פאַלשען מיינונג ניט געקענט ארויסרייסען פון זיין פאַרהאַרטעוועטען האַרצען און ער פלעגט בכיון זייער אָפט אָנציעהען דעם זעלבען געשפרעך וועגען היטלערן אין דער סביבה פון חברים. עס ווייזט אויס אז דאָס איז געווען מיט אַ מיין ווי צו טאָן און רייצען זיך מיט דעם אידען!

איינמאָל האָט ער מיר בעוויזען אַ בילדעלע פון זיינעם אַ נעפיו, פון אַ שיינעם בלאָנדען אינגעלע וועמענ׳ס נאָהמען ער האָט אָנגערופען העסס. ער האָט זיך פאַר מיר בעריהמט אז זיי זיינען נאָהנטע פריינד פון דעם ריכטיגען „רודאָלף העסס״, היטלער׳ס געוועזענער דעפּיוטי מיט וואָס ער האָט זייער שטאָלציערט בעת מעשה. דערנאָך האָט ער מיר דערציילט אז ער לערנט זיין נעפיו אז ער מוז זעהען אויך צו זיין אזא גרויסער מאַהן ווי היטלער איז געוועזען.

אַלזאָ, דאָ האָב איך אייך געשילדערט בלויז א ביסעלע פון דאָס וואָס איך האָב דורכגעמאַכט אין די לעצטע פאַר יאָהר, איבערהויפּט זינט די מלחמה האָט זיך געענדיגט, אָנטרעפענדיג אלערליי זאָרטען מענש׳ן, וועלכע עס זיינען מעהרסטענטייל געקומען צוריק פון דער ברייטער וועלט.

איך וויל אייך אויך דאָס דערציילען, אז איך בין שוין געוועזען צוגעשטעלט צו אַ מיליטערישען געריכט דורך אַן אַנדער שונא ישראל, וועלכער עס האָט זיך אָנגעזעצט אויף אַן ערך פון 7—6 אידען און פלעגט שיקען אַ אידען אַ קאָרפּאָראַל פון די אָרדערלי־רוהם צו רופען נור אונז אידען פון אונזערע שרייב־טישען צו טראָגען שווערע מעבעל פון איין צימער צום אַנדערען און פון איין געביידע צו דער צווייטער.

מיט דער ערלויבניש פון מיין אָפיצער בין איך געראָדע דעם 8טען מאָהל ניט געגאַנגען טראָגען קיין מעבעל וואָס דאָס איז טאַקע געוועזען דער לעצ־

טער מאָהל וואָס ער האָט שוין ווען ניט איז געשיקט נאָך מיר און אפשר איז דאָס אויך געוועזן דער לעצטער מאָהל וואָס ער האָט געשיקט נאָך די אַנ־דערע אידען אויך!

ער האָט אָבער פּאַרט געוואָלט מיר ווייזען אַז ער וועט אויספיהרען, אַז ער וועט מיך יאָ בעהמען דיזען מאָהל! איז ער דעריבער אריין און ער האָט טאַקע געפּועלט ביי מיין אָפּיצער ער זאָל ערלויבען מיך צו בעהמען נור דעם איינמאָהל, כלומרשט, ווייל ער קען ניט קריגען קיינע אַנדערע טרעגער צווי־שען די הונדערטער אינגערע שרייבער וואָס עס זיינען געוועזן אין די אָפּיסעס.

ווי ער האָט דאָס נור געפּועלט ביי מיין אָפּיצער איז ער גלייך צוגעגאַנ־גען צו מיין שרייב־טיש און מיט רוגזא אַ זאָג געטאָן, קום! און געהייסען מיר נאָכגיין נאָך איהם. איך האָב זיך אויפגעהויבען און בין געגאַנגען. און אַזוי גייענדיג פרעג איך איהם: מיין אָפּיצער האָט דאָך מיר געהייסען צו זיטצען און צו טאָן מיין ארבעט, וואונדערט עס מיר דעריבער ווי אַזוי ער קען קומען און שטערען מיר פון מיין ארבעט?! האָט ער געענטפערט מיט כעס: איך האָב די ערלויבעניש דיך צו בעהמען! און ער האָט הערצו מיך אָנגעכאַפּט פאַרן בוזשים און האָט מיך אַ שלעפּ געטאָן. איך בין פון אזא גראָבע באַהאַנדלונג געוואָרען זייער דערנידערט ביי זיך און האָב פון כעס אַ זאָג געטאָן צו אים: דו דאַרפסט וויסען אַז איך בין ניט אין דער נאַזי־אַרמי! איך בין אַ פּריוויליגער סאָלדאַט אין דער זיד־אַפריקאַנער ארמיי און דו דאַרפסט זיך ניט בעגיין אַזוי פרעך און אַנכאַפּן מיך פאַרן בוזשים. פאַר די דאָזיגע ווערטער האָט ער אַ זאָג געטאָן: דו ביזסט אונטער אַררעסט און געהייסען אַ קאָרפּאָראַל פון אַ שרייב־טיש מיך צו פיהרען צום גרויסען באַלעבאָס אָפּיס, אָנקלאָגענדיג מיך פאַר ניט ערפיהלען זיין בעפעהל, דערצו מיט נאָך איניגע בלבולים צוגעטשעפּעט!

ער האָט אָהן צווייפעל געהאָפט אַז איך וועל כאַפּען אַ מפּלה, ווייל איך וועל זיך ניט קענען פאַרטיידיגען מיט מיין שוואַכען אינגליש. אָבער ווי אונפערהאָפט האָט דער אויבערשטער מיר צוגעשיקט צווי מלאכים, דאָס זיינען געוועזן מיינע ביידע אָפּיצערען: מיין לעפטענאַנט מיט מיין גרויסן אָפּיצער פון דער גרופּע, דער קאַפּיטאַן, והעלכע, ווי עס האָט זיך ארויסגעווי־זען האָבען אויך געהאַט אַ כעס אויף איהם, ווייל ער האָט זיך געהאַלטען צו גרויס ביי זיך און האָט ווייזט אויס קיינעם ניט געטאָן קיין גוטעס. אַלזאָ, זיי האָבען געמאַכט פון איהם פאַרן גרויסען בעלעבת דאָס וואָס ער איז ווערט געוועזן און דער גרויסער בעלעבת האָט די גאַנצע אָנקלאַגע אויף מיר בטול געמאַכט.

עס האָט אָבער מיין שונא׳ס האַרץ ניט געשטילט און ער האָט שפּעטער דאָך מיט מיר זיך אָפּגערעכענט און ער האָט מיר געטראַנספערט אַנדערש־

וואו. דער זעלבער איז שפּעטער אַהין געוואָרען די רעכטע האַנט פון דעם נייען גרויסען בעלעבת.

איך האָב זיך אויך אָנגעטראָפען אין דער צייט וואָס איך בין געוועזען אין דער אַרמיי אויף נאָך אַנדערע חיות, אויף אַלערליי חיות! אויף אַזעלכע וועלכע עס פלעגען מאַכען מיט מיר חכמות ווי למשל: פאַרזוך אַ שטיקל חזיר! עס איז זייער געשמאַק! זעה, אַט עסען מיר דאָס, און מיר זיינען נאָך ניט געשטאָרבען! אָדער: ווען איך פלעג זיטצען אין לעזע־זאַל און לייענען די צייטונגען, פלעגט איינער גאַנץ אָפט צוגיין צו מיר, וואָס ער האָט זיך געהאַלטען פאַר ניט קיין פראָסטען מענש׳ן, אָבער די בראָנפען פלעגט בע־נאַך צוטומלען זיין קאָפּ אַז ער פלעגט ניט וויסען גענוי וואָס ער טוט. פלעגט ער אַרויפלייגען די אפריקאַנער צייטונג אויף דער איינגלישער צייטונג וואָס איך פלעג לייענען און ער פלעגט זאָגען צו מיר: לייען בעסער די אַפרי־קאַנער צייטונג וועסטו וויסען דעם אמת וואָס עס טוט זיך! און פון הינטער מיר פלעגט ער ווינקען און לאַכען צו זיינע חברים אין אפריקאַנס, אַז דער איד פאַרשטייט ניט קיין אַפריקאַנס. ווען איך האָב אָבער איינמאָל געהערט צווישען זיינע לצנות אויך דעם וואָרט פערדאָמטע יאָד! האָב איך שוין בע־שלאָסען אַז עס מוז נעהמען אַ ענדע! איך האָב איהם גלייך געזאָגט, אַז ער זאָל בעסער אויפהערען מיט מיר און ער זאָל מיך לאָזען צו רוה און ער זאָל צו מיר מעהר ניט ריידען, און איך בין אַרויס פון לעזע־זאַל. איך האָב גע־הערט פון ווייטען אַז ער רופט מיר. וויזט אויס מסתמה האָט זיך איהם פאַר־וואָלט צו ערליידיגען דעם ויכוח מיט אַ דועל, אָבער איך האָב זיך געמאַכט ניט הערענדיג און בין אַוועק שלאָפען. אין אַ פאָר טעג אַרום האָט ער זיך כלומערשט ענטשולדיגט פאַר מיר אַז ער האָט קיין זאַך ניט געמיינט, ווייל ער מאַכט אָפט אַזעלכע וויטצען מיט אַנדערע און ער רופט זיי אויך פאַר־דאָמטע און איך זאָל זיך ניט פיהלען בעליידיגט, ווייל ער איז ניט קיין אידען־פיינט ווייל ער שטאַמט גאָר אַליין פון אידען מיט דורות צוריק.

איך האָב איהם בעת מעשה אויפגעקלערט אַז עס איז גאָר ניטאָ וואָס אָפצולאַכען פון אידען, ווייל אידען האַלטען זיך סטאַטנע, זיי פאַרטרינקען ניט זייער געלט און פאַרלירען ניט זייער שכל דורך דעם סם וואָס עס פאַר־סמט פיל אַנדערע מענש׳ן, אַז זיי וויסען ניט וואָס זיי טוען. איך האָב איהם נאָך אַ זאַך אויפגעוויזען אַז עס איז ניטאָ וואָס צו לאַכען פון אידען, ער זאָל זעהען פון דעם ווי זיינע אייגענע ברידער שטימען פאַר אידען אין מיוניציפּאַ־ליטי און פאַרן פאַרלאַמענט, ווי זיי האָבען געשטימט און אויסגעקליבען אַ אידען פאַר דעם מיניסטער פון געזונדהייט און הויזונג! ער האָט בעת מעשה זיך אַ וויצעל געטאָן אַז דער אידישער מיניסטער האָט גאָרניט אויפגעטאָן! איך האָב איהם אויך אויפגעוויזען נאָך אַ פעקט אַז אַ איד איז בעשטימט צו ווערען דער גרויסער בעלעבת פון די העכסטע אָפיסעס, וואָס צאָהלען אויס די

געהאַלט צו דער גאַנצער זיד אפריקאַנער ארמיי אזוי גיך ווי דער אלטער בעלעבת וועט אָפּגעבען דעם פּאָסטען צוליב זיין עלטער. און מיט דעם האָט זיך דער געשפּרעך געענדיגט. און כאָטש מיר פּלעגן זיך בעגריסען אזוי ווי פריהער דאָך געדיינק איך נאָך אַלץ ווי ער האָט אָפּגעלאַכט פון מיר וויל איך בין אַ איד.

איך האָב אויך געטראָפען אזא מאַהן אין אונזער סעקשיאָהן ווער עס האָט געגליכען צו ריידען רשעות אויף אידישע דאָקטוירים, כלומרש דערפאַר וואָס הער אידישער דאָקטאָר ווער עס האָט בעהאַנדעלט זיין פרוי האָט איהר ניט געקענט געזונט מאַכען. הייסט עס: אז דער דאָקטאָר האָט געצויגן פון איהם געלט פאַר גאָרנישט. יעצט, זאָגט ער, האָט ער זיך דערוואוסט פון אַ גריק ווער עס וויזט גרויסע וואונדער און ער האָפּט אז דער גריק וועט זיין פרוי ראַטעווען. זיין פרוי׳ס קראַנקהייט איז געוועזען דאָס וואָס איהר רוקען האָט זיך זייער אויסגעבויגן פון זיטצען און ארבעטען ביי היטעלאַך און פון האַלטען פאַרלייגט א פוס אויף אַ פוס איז דערפון איין פוס ביי איהר ווי אָפּגעליימט. אין אַ צייט ארום האָב איך בעשלאָסן צו פרעגען איהם וואָס זיין פרוי מאַכט, כדי צו הערען וואָס ער וועט יעצט ריידען ווען זיין ספּאַזמע פון ריידען אויף אידישע דאָקטוירים וועט אפשר האָבען אריבערגעגאַנגען. און אזוי האָב איך איהם טאַקע געפרעגט: וואָס מאַכט דיין פרוי? זי מוז שוין זיין פאָלשטענדיג געזונד? ער האָט געענטפערט אז די פוס איז נאָך אַלץ אָפּגעטויט אין איניגע ערטער, נור דער גריק גיט גוטע האָפנונגען אז דאָס וואָס זי פיהלט אזוי ווי נאָדלען שטעכען אין פוס, איז דאָס אַ גוטער סימן. נאָכהער האָט ער ווידער גערעדט: איך האָב געראָדע היינט בעצאָלט אַ חוב וואָס איך בין געווען שולדיג אין האָספּיטאָל וואו מיין פרוי איז געלעגען אַ לאַנגע צייט. זיי האָבען דאָרטען אויסגעפּרובירט אַללעס מעגליכעס אום איהר צו ראַטעווען, אָבער אָהן דערפאָלג. דערנאָך רעדט ער ווידער: דו דיינקסט אז דאָקטוירים דינען דער מענשהייט בלויז פון רחמנות? איך זאָג דיר אז זיי זיינען אויסען נור צו מאַכען געלט! אזוי ווי אנדערע מענש׳ן זוכען צו מאַכען געלט. אָט האָב איך ניט לאַנג צוריק געהאַלטען מיין פרוי ביי אַ בעוואוסטען פראָפעסאָר פון פרעטאָריע. לויט דעם נאָהמען פון פראָפעסאָר וואָס ער האָט אָנגערופן איז ער געוויס ניט קיין איד! איך האָב, זאָגט ער, געמוזט דעם פראָפעסאָר בעצאָלען 3 גינעס פאַרן וויזיט. ער האָט געזאָגט אז מיין פרוי מוז האָבען אַן אָפּעריישען און ער וויל דערפאַר 75 פונט. הע! זאָגט ער, 75 פונט וועל איך איהם געבן! ער האָט געטראָפען דעם אָרט! זעסטו, ווי די דאָקטוירים יאָגען זיך נאָך געלט? און דו דיינקסט אז זיי ארבעט׳ן פון רחמנות צו דער מענטשהייט! זיי זוכן צו מאַכען געלט, זאָג איך דיר! און איב דו בעצאָלסט זיי ניט שיקען זיי דיר אַ לאָיער׳ס לעטער אויך! אַ לאָיער׳ס לעטער? זאָג איך מיט פערוואונדערונג.

אַ דאָקטאָר! אַ לאָיער׳ס לעטער! יעס, זאָגט ער. אָט האָט מיר אַ דאָקטאָר שוין געשיקט אַ לאָיער׳ס לעטער אַמאָהל ווען איך בין געוועזען צו לאַנד! אזוי? זאָג איך!

דערווייל האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט דער אמתער אַנטוואָרט צו דער פראַגע פאַרוואָס דיזער מאַהן איז אין כעס אויף דאָקטוירים, ווייל זיי שיקען אַ לאָיער׳ס לעטער! אָבער אויף וועמען דאַרף מען אויסלאָזען דעם כעס און שיטען פעך און שוועבעל אייב ניט אויף אַ אידען?

איך האָב זיך אויך אַנגעטראָפען אויף אזא טיפּ פון אַ מענש׳ן, וועך עס פלעגט זיין בייגעריג מיך צו טרעפען און האָבען מיט מיר אַ שמועס וועגען רעליגיאָהן. ער פלעגט אלעמאָל פּרובירען מיר איינריידען, אז מיר אידען זיינען די פאַרפיהרטע און זיי מיט זייער גלויבען אין קריסטוסען זיינען די גלייכע. אז אָך און אז ווי וואָס ער האָט נעבאַך געהאַט מיט וואָס אויפצוּאַ־ווייזען, מעהר ניט, וואָס ער האָט געוואָרפען דעם שולד אויף אונזערע רבנים וואָס זיי לאָזען אונז ניט גלויבען אין קריסטוסען אזוי ווי זיי גלויבען. און יעדעס מאָהל ווען ער פלעגט מיט מיר האָבען אזא ויכוח און איך פלעג איהם אויפווייזען ווי פאַרפיהרט זיי זיינען, פלעג איך זעהען אז דיזער פאַנאַטיקער איז גרייט מיר אריינצולאָזען אַ מעסער, ווייל ער פלעגט ביי מיר בלייבען אָהן לשון! ער פלעגט ניט האָבען וואָס צו ענטפערין. אלזאָ, דאָ קענט איהר שוין זעהען אַ ביטערען פיינט פון אידען פון אַ רעליגיעזען שטאַנדפּונקט!

איך האָב אויך געהאַט אזעלכע גוּאישע כלומרשטע פריינד וואָס ווען זיי פלעגען ריידען צו מיר, פלעגען זיי ריידען מיט די הענט און פלעגען וואַרפען מיט די הענט אין אַללע זייטען כדי איך זאָל דיינקען אז זיי זיינען אמתע אידישע פריינד, זיי ריידען אויך מיט די הענט. עס פלעגט זיי גאָרניט איינפאַלען, אז איך פאַרשטיי ווי פאַלש זיי זיינען און ווי זיי לאַכען פון אַ אידען אויף אַזאַ אופן!

איך האָב אַ קורצע צייט געגעסען ביי איין טיש מיט אַ סאַרגענט־מיידזשער. מיר זיינען געוואָרען גוט באַפריינדעט. נאָך זיין אויסזעהען און נאָך זיין האַלטען זיך האָט זיך מיר אויסגעדוכט אז ער איז אַן איינגלישער איד. איינמאָהל האָב איך זיך ניט געפּוילט און טאַקע אַ פרעג געטאָן איהם אייב ער איז אַ איד? איך האָב איהם געזאָגט די אורזאַכע וואָס עס מאַכט מיר צו גלויבען אז ער איז אַ איד. דער מאַהן האָט זיך גאָר געפּיהלט מיט מיין פראַגע בעליידיגט פון אַזאַ קאָמפּלימענט! און דערווּסענדיג זיך דערווייל אז איך בין אַ איד, איז ער נאכהער אוועק עסען אויף אַן אַנדער טיש. איך פלעג זיך כלומרשט בעגריסען מיט איהם שפּעטער אַהין, אָבער איך האָב שוין געוואוּסט אז דער תכשיט האָט ניט האָלט קיין אידען.

איך האָב שוין אויך געזעהען ווי אַ יונגער איד האָט ניט געהאַט אזא געדולד אזוי ווי איך האָב צו שטודירען און צו בעטראַכטען מיט אַ קלאָרע

קאָפּ מיט וואָס מען וואָלט קענען היילען די שלעכטע קראַנקהייט, די אומ־זיסטע שנאה צו אידען.

דער איד האָט אַמאָהל דערהערט ווי אַ מאַהן וואָס שטאַמט פון דייטשען האָט זיך פאַנאַנדערגערעדט אַז די מלחמה האָבען עס געמאַכט די אידען, כדי זיי זאָללען קענען מאַכען געלט. ער האָט דעם דייטש גלייך געפרעגט מיט וואָס ער קען אַזאַ בלבול פראָוּוען אַז עס איז אמת? און ער האָט דעם דייטש געגעבען אַ וואָרנינג, ער זאָל דאָס נאָך אַמאָהל ניט ריידען אַזאַ פאַרברעכעריש־טען ליגען, אַזאַ פאַלשע פראָפּאַגאַנדע! דעם דייטש איז דאָס ניט אָנגע־שטאַנען און ער האָט דעם אידען גאַר אָפּגעזידעלט און האָט אים געררופען: קום אויף דרויסען! דאָס הייסט צו האָבען אַ פייט. דער איד האָט עס אָנ־גענומען און ווען דער דייטש האָט געוואָלט מיט זיין פויסט דערלאַנגען דעם אידען אַ זעטץ האָט ער פונקט געטראָפען אין וואַנט אריין און האָט צו־בראָכען צוויי פינגער פון זיין רעכטע האַנט אַז מען האָט איהם געמוזט נעהמען אין האָספּיטאָל.

איך שטעל זיך פאָר אַז עס מוז איך געוויס וואונדערען ווי אַזוי איך האָב דאָס געקענט האָבען אַזאַ געדולד און פאַרוואָס איך האָב ניט רעפּאָרטעט יענע אידישע שונאים וועלכע איך האָב צום אָנפאַנג פאָר איך פאָרגע־שטעלט? וועל איך אייך אָבער ענטפערין: צו וועמען האָב איך זיי געקענט רעפּאָרטען!? איז דען אימיצער דאָ אַן אמתער פריינד צו אידען!? דערצו איז נאָך איין זאַך געוועזען אין מיין וועג: מיין אַלטער שונא, דער, וועלער עס האָט מיך צוגעשטעלט צו אַ מיליטערישען געריכט, האָב איך איהם נאָך אַלץ געפונען ווען איך בין צוריק געקומען אין פרעסטאַריע, אַז ער איז נאָך אַלץ די רעכטע האַנט פון דעם גרויסען בעלבת און אַז אַללעס דאַרף דורכגיין דורך זיינע הענט.

פון דעסטוועגען, נאָך אַזוי פיל אויסליידען זיך, האָב איך שוין מעהר ניט געקענט אויסהאַלטען און דעם צווייטען פאַרשוין פון די ערשטע חיות אין געשטאַלט פון מענש׳ן, דער וועד עס האָט מיר אָנגעטאָן אַזוי פיל האַרצ־ווייטאָק און האָט מיך אָפּען געררופען: בלוטיגער רוסישער איד מיט נאָך אַנדערע זלזולים, איהם האָב איך יאָ רעפּאָרטעט צו מיינעם אַ גוטען באַ־קאַנטען אָפיצער, וועד עס האָט דאָס גלייך איבערגעגעבען צו אַ העכערין און די זאַך איז אַזוי דערגאַנגען ביז צום גרויסען בעלבת, צום בריגאַדיר. לויט ווי מען האָט מיר פון אַ קוועלע איבערגעגעבען האָט דער בריגאַדיר זיך אויסגעדריקט, אַז ער שעמט זיך צו האָבען אין זיין אינסטיטוציע אַזאַ מיאוסען טיפּ פון אַ מענש׳ן און ער האָט גלייך געהייסען אַז מען זאָל דעם מאַהן אַוועק־שיקען אין אַ קעמפּ צו ווערען ענטלאַסען פון דער אַרמיי! ער האָט אָנגע־געבען נאָך אַן אורזאַכע, וועלכע איז געוויס געוועזען אַן אמתע, אַז מען קען דעם מאַהן ניט אָנטרויען קיין אַרבעט, ווייל ער איז אַ כראָני׳שער שכור!

פון דעם האָט עס גענומען אפשר מעהר ווי אַ יאָהר ווי דער מאַהן האָט נאָך אַלץ געקראַגען זיין פולע געהאַלט אין אַן אַנדער אָרט, ווייל ער האָט כלומרשט געזוכט אַ פּאַסיגע שטעלע און דער אמת איז גאָר געוועזען אז ער האָט זיך גענומען אַ לייכטען לעבען, ווייל דאָרטען איז געוועזען זיין היים־שטאָט און דערצו איז ער געוועזען אַ גוטער ברודער מיט די אַנגעשטעלטע אין דעם אָפיס, מיט זיין טרינקען מיט זיי און מיט זיינע שמוציגע רייד וועגען אידען, וואָס עס געפעהלט דעם המון און דעריבער האָבען זיי זיך ניט געאיילט צו ענטלאָסען איהם. ענדליך, איז ער אַראָפּגעקומען ביי אונדז אין אָפיס אַן אויסגעפּוצטער אין אַ פיינעם אַנצוג און האָט זיך בערימהט אז מען האָט גע־קראָגען פאַר איהם זייער אַ גוטע שטעלע אין איינעם פון די מלוכה דעפּאַר־טאַמענטען אין פרעטאָריע און מען האָט איהם אַנגעגעבען אַלס אַן ערשטקלאַ־סיגען קלערק און ער וועט קריגען זייער אַ גוטע געהאַלט. עס איז ביי מיר גאָר קיין צווייפעל ניט געוועזען אז ער וועט דאָרטען אָפּזיין יאָהרען און ער וועט אויך דאָרטען אָנגיין מיט זיינע שמוציגע רייד אויף אידען, ווייל אַזאַ זאַך איז ניט פאַררעכענט פאַר אַ פערברעכען.

פאַרבייגייענדיג וואָלט איך וועלען דאָס בעמערקען, אז די פירמע ביי וועמען ער האָט געאַרבעט פאַר דער מלחמה האָט זיך ווי עס ווייזט אויס זייער געפרייט ווען זיי זיינען דאָן פּטור געוואָרען פון איהם, ווייל יעצט האָבען זיי איהם שוין מעהר ניט געוואָלט נעהמען צוריק.

איך וואָלט אויך וועלען נאָך אַ זאַך בעמערקען, אז די גרעסטע טייל פון די אַללע פערשוינען וועלכע איך האָב אויסגערעכענט אין מיין רשימה, קו־מען כמעט אַללע ארויס פון דעם בעקאַנטען יחוסדיגען אינזעל, וועלכער עס צייכענט זיך זייער אויס מיט זיין גרויסע שנאה צו אידען.

איך וויל האָפען אז נאָך מיין אָפּשילדערען בלויז פון אַזאַ קורצען בילד וועט שוין יעדערער פון אייך זיך קענען פאַרשטעלען ווי גרויס דער אַנטיסע־מיטיזם איז און ווי ער ווערט פאַרשפרייט. און אויך דאָס וועט יעדער לע־זער באַנעהמען וויפיל מענש'ן עס טוען פאַרסמען מיט זייערע גיפטיגע רייד וועגען אידען אָט דיזע חיות אין געשטאַלטען פון מענש'ן, וועלכע איך האָב פריהער פאַרגעשטעלט פאַר אייך, וואָס זיי זיינען געראָדע אַזעלכע, וועלכע עס ריידען ארויס גאַנץ אָפען וואָס זיי האָבען אויף זייערע הערצער. גע־וויינטליך, איז דאָס צו פאַרדאַנקען די בראַנפען וואָס עס עפענט זייערע מיי־לער! וויפיל אָבער אַזעלכע טיפען פון מענש'ן זיינען דאָ אין דעם זעלבען קעמפּ, וועלכע עס ריידען אין דער שטיל וועגען אידען? און וויפיל אַזעלכע פאַרדאָרבענע מענש'ן זיינען דאָ אין גאַנץ זיד אפריקע? און דאָס דאַרפען מיר גאָר ניט צווייפלען און מיר קענען זיין פאָלשטענדיג זיכער, אז פונקט אַזאַ בילד ווי איך האָב פריהער אָפּגעשילדערט קומט געוויס אויך פאַר אין

יעדע לאַנד אין גאָר דער וועלט! דאָס איז זיכער! די געפאַר איז גרויס מיט דעם, וואָס דער גרעסטער טייל פון דעם המון אומעטום זיינען רוי און אומוויסענד און לאָזען זיך זייער לייכט איינריידען און איינגלויבען אַלערליי זאָרטען מעשיות און לעגענדעס וואָס נור מען דערציילט זיי, אָדער וואָס זיי לייענען אין די צייטונגען! און צום באַדויערען זיינען זייער ווייניג דאָ אזעלכע, ווער עס זאָלען פרעגען ביי די יעניגע וועלכע עס לאַכען אָפּ און וועלכע עס ריידען אויף אידען: זיינען מיר דען בעסערע מענש'ן פון די אידען? מיט וואָס זיינען אונזערע קינדער בעסערע פון די אידישע? און אָט אזוי גייט די זאַך אָהן און אָהן פאַר יאָהרען לאַנג! פרעגט אייערע קינדער, וועלכע עס גייען אין די סקולען. פרעגט אייערע קינדער אָדער אייערע פריינד, וועלכע עס ארבעט'ן מיט גוים צוזאַממען אין די מיינס און אין די פאַבריקען, אָדער אויף די באַסעס, אין די אַללע אָפיסעס און מלוכה־שטעלעס, וועלען זיי אייך אויך דערציילען פיל זאַכען וועלכע זיי הערען זיך אָן! ווי גרויס עס איז דער אַנטיסעמיטיזם!

דריטער קאַפּיטעל

דעריבער מוזען מיר בעטראַכטען די פאָלגענדע זייער וויכטיגע פראַגעס זייער ערנסט, וועלכע איך וואָלט וועלען אז זיי זאָללען אריינדרינגען אין יעדען אידישען מוח זייער טיף! און איך וואָלט פרעגען דיזע וויכטיגע פראַגעס: וואָס איז למשל מעהר וויכטיג פאַר אונז צו האַלטען אין זיהנען? דאַרפען מיר אידען זיין בלויז פאַרהאַוועט אין ביזנעס און זיין אריינגעטאָן בלויז אין איין זאַך: ווי אזוי מען קען מאַכען אַ פונט, און ווייטער דאַרף אונז ניט אַהרען וואָס עס גייט אָהן מיט אידען אַנדערשוואו, אבי מען צעפּעט אונז דערווייל ניט? אָדער עס איז אפשר מעהר וויכטיגער און מעהר דרינגענד אז יעדער איד זאָל געבען אַ טיפען טראַכט וועגען דער אַלגעמיינער טרויעריגער לאַגע פון דער גאַנצער וועלט און ער זאָל שטאַרק אַ טראַכט טאָן וואָס יעדערער פון אונז וואָלט למשל קענען טאָן אום די לאַגע פון דער מענשהייט זאָל זיך עפּעס פאַרבעסערין? דאַרף אַ איד ליגען מיטן גאַנצען גוף און נשמה נור אין דעם געדאַנק און נור אין דער איינציגער שטרעבונג ווי אזוי מען קען מאַכען נאָך אַ פאָר פונט און ווי אזוי מען קען קויפען נאָך אַ פאָר הייזער! אָדער עס איז מעהר נויטיגער און וויכטיגער אז יעדער איד זאָל געבן אַ טיפען טראַכט וועגען דער טרויעריגער אידישער לאַגע אין דער דער גאַנצער וועלט און איבערהויפּט וועגען ארץ ישראל, וואָס נור ארץ ישראל איז דער באַראָמעטער וואָס עס קען ענדערען די פינסטערע און טרויעריגע אידישע לאַגע אומעטום אין גלות! און ענדליך וואָלט איך וועלען

פרעגען נאָך איין וויכטיגע פראַגע, דעם מאָהל טאַקע מיט אַ הויכען טאָן, אז די אידען פון אומעדום זאָלען דאָס דערהערען!

איך וואָלט זייער וועלען טאַקע וויסען וואָס איהר אַללע, מיינע ליבע ברידער טראַכטען זיך. לעבט איהר נור מיטן היינט אליין, בלויז הנאה צו האָבען פון לעבען כל זמן עס לעבט זיך און דאָס זאָל זיין דער גאַנצער תכלית פון לעבען, אָדער, עס איז מעהר וויכטיגער אז איהר זאָלט געבען אַ טראַכט, אַ זייער טיפען טראַכט, וואָס עס קען און וואָס עס וועט חלילה איין פרימאָרגען פאַרקומען מיט אייערע ווייבער און קינדער! איך מוז אייך דאָס מתרה זיין די דאָזיגע שטריינגע התראה: אידען! מאַכט נור ניט קיין טעות אז דער עגל הזהב וועט אייך אַלעמאָל העלפען! שטעלט זיך גאָר ניט פאָר קיינע אומזיסטע פאַנטאַזיעס! איהר קענט זעהען אַן אמת׳ן און קלאָרען פעקט פון דעם וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט די רייכע אידען פון דייטשלאַנד און פון אייראָפּע, ווי מען האָט זיי פאַרשפּאַרט און ניט ארויסגעלאָזען פון די לענדער, מען האָט פון זיי צוגענומען פריהער זייערע פאַרמעגענס און דערנאָך זיי־ערע לעבענס!

אָט די זאַך מוזט איהר אַלעמאָהל האַלטען אין זינען, אין אייערע מוחות און קיינמאָל ניט פאַרגעסען! אויך וויל איך רידען צו אזעלכע אידען ווער עס בלייבען אין אזעלכע געגנטען וועלכע עס זיינען בעוואוינט דאָס מעהרסטע פון אידען, וואָס אזעלכע אידען קומען וויניג וואָס אין קאָנטאַקט מיט ניט אידען, ווען אזעלכע אידען לויפען אין דערפרי דורך דעם טומעל פון שטאָדט צו זייערע ביזנעס, צו זייערע אָפּיסעס אָדער צו זייערע פאַבריקען און דאָס זעלבע ווען זיי לויפען פאַרנאַכט צוריק צו זייערע היימען, שטעלען זיי זיך פאָר אַזאַ פאַנטאַזיע: ווער וויים דאָס און ווער קען מיך דערקענען אז איך בין אַ איד? שטייט עס דען אָנגעשריבען אויף מיין שטערען אז איך בין אַ איד? טאָ וואָס דאַרף עס מיר קימערען וואָס עס קומט ערגעץ וואו פאָר מיט אידען? וואָס דאַרף איך זיך זוכען זאָרג? פעהלט מיר דען זאָרג אָהן דעם? וואָס דאַרף איך זיך אָפּעסען מיין האַרץ היינט מיט אַזעלכע דאגות וואָס מיט מיר וועלען האָפענטליך אזעלכע ניט פאַרקומען? צו די זאָרטען אידען וויל איך זייער שטריינג ריידען: ברידער! זייט נור ניט גענאַרט ביי זיך אז מען דערקענט אייך ניט! און אויך אז דאָס אַללעס וואָס עס קומט אנדערשוואו פאָר מיט אידען קען ניט פאַרקומען אויך מיט אייך! איך קען אייך אויפ־ווייזען מיט פעקטס ווי גרויס אייער טעות איז, אז מען דערקענט אייך ניט אז איהר זייט אידען. איך וויל אייך זיכער זאָגען אז מען דערקענט ניט נור אייך אליין, נור אפילו אייערע ווייבער און קינדער דערקענט מען אויך, אז זיי זיינען אידען!

איהר מוזט די זאַך בענעהמען, אז כמעט אַלעמאָל ווען אַ איד פאָהרט אין טריין אָדער אין טרעמקאַר, אָדער אין באַס, אָדער ווען אַ איד זיצט אין

טיאַטער אָדער אין אַ רעסטאָראַן אָדער אין האָטעל און מיט איין וואָרט, וואו אַ איד זאָל ניט זיין, קען מען אלעמאָל לייכט דערקענען אז ער איז אַ איד! ניט חלילה נאָך זיין נאָז נאָך, אָדער נאָך זיינע אויגען נאָך, אָדער דורך דעם וואָס אַנדערע אידען ריידען מיט די הענט, דערפאַר דערקענט מען ווער עס איז אַ איד! חלילה! דאָס איז אַ גרויסער טעות. ווייל פונקט אזעלכע סמנים האָבען זייער פיל אַנדערע מענש׳ן אין דער גרויסער וועלט!

אַ אידען דערקענט מען גאָר צוליב גאָר אַנדערע סמנים, וועלכע דער איד קען אזעלכע בשום אופן ניט באַהאַלטען. דער איד האָט גאָר אַ בעזונדע־רע געבאָרענע אויסצייכנונג מיט וואָס ער צייכענט זיך אויס און מיט וואָס ער אונטערשיידעט זיך פון אַנדערע מענש׳ן. און דאָס איז עס: די אידישע פריינדשאַפט צו מענש׳ן און דער אידישער רחמנות, דער אידישער מיט־געפיהל מיט ליידענדע און מיט אָרימע און דער אידישער באַנעהמען און פאַרשטיין אַ זאַך גיכער ווי אַן אַנדערער. אָט דאָס זיינען די וואונדערבארע געבאָרענע סמנים וועלכע מען בעמערקט אויף אַ אידען גלייך ווי מען דער־זעהט איהם, מיט וואָס אַ איד קען גאָר זיין שטאָלץ!

דעריבער איז עס נור צו לאַכען און צו בעדויערען אזעלכע אידען, וועל־כע עס היטען זיך צו ריידען אידיש ווען זיי געפינען זיך אין דער סביבה פון ניט אידען און זיי דיינקען באמת אז דאָס איז אַ מיטעל אז מען זאָל זיי ניט דערקענען אז זיי זיינען אידען. איך קען אייך דאָס אויפווייזען מיט פעקטס, ווייל איך בין זייער פיל געפאָרען אין טריין און בין געוועזען צווישען אלער־ליי מענש׳ן. איך קען אייך דאָס זאָגען, אז אין מעהרערע פאַלען ביין ערשטען שלום עליכם האָט מען מיך מכבד געוועזען מיט דער גוט בעקאַנטער פראַגע: פון וואָס פאַר אַ פאָלק שטאַם איך? ווייזט אויס אז מיין אידישער פריינדלע־כער שמייכעל האָט עס זיי געבראַכט צו דער דילעמאַ און פאַרוואונדערונג, אז עס האָט זיי געצוואונגען די פראַגע מיר צו שטעלען. ווייל מען האָט גלייך בעמערקט אויף מיר די געוויסע אויסצייכענונג פון אַ אידען. און ווען איך האָב גאָר אָהן מורא און גאָר אָהן שאַנדע געענטפערט, אז איך בין אַ איד און האָב צוגעגעבען אז איך גלויב אין גאָט. און פאַרוואָס זאָל זיך אַ איד שעמען לגבי אַנדערע מענש׳ן?! ווילט איהר וויסען וואָס פאַר אַן אַנטוואָרט איך האָב געקראָגען? דער אַנטוואָרט איז געוועזען און טאַקע מיט גרויס רעספעקט, אז זיי האָבען טאַקע געדיינקט אז איך מוז זיין אַ איד.

איך וויל נאָך אַ זאַך אויפווייזען צו אזעלכע אידען וועלכע עס נעהמען און בייטען אום זייערע אידישע נעהמען אויף גויאישע, ווי קרום דער געגאָר־טער מיטעל איז, וואָס זיי דיינקען אז דאָס וועט זיין אַ גוטע סגולה מען זאָל זיי ניט דערקענען אז זיי זיינען אידען. איך וויל אייך דאָס אָפען זאָגען, מיינע ליבע און טייערע אידען, אז מען דערקענט אייך אַלץ איינס, מיט אייערע גוי־אישע נעהמען, אז איהר זייט אידען. איהר קענט דאָס קיינמאָהל ניט באַ־

האַלטען. אויך די זאַך וויל איך אויפמערקזאַם מאַכען אַז עס קען בשום אופן ניט העלפען דער טרויעריגער נאַרישער און געגנאַהרטער מיטעל וואָס אַנדע־רע אידען עמי ארצים, וועלכע עס וויסען אַבסאָלוט ניט וואָס אַ איד איז, וועלכע עס וויסען אַ האָר ניט פון זייער אידישער היסטאָרי און ניט האָבענ־דיג דעריבער אָהן וואָס זיך אַנצושפּאַרען און אין וועמען צו האָפען אין אַן עת צרה פאַרלירען זיי זיך אינגאַנצען אויף אַזוי פיל און פון יאוש לאָזען זיי זיך אַזוי נידריג אַראָפּ אויף דער ערגסטער און נידריגסטער שטופע, אַז זיי פיהלען גאָרניט ווי גרויס דער פאַרברעכען איז וואָס זיי באַגייען מיט דעם, וואָס זיי רייסען זיך אָפּ פון זייער פאָלק און פון דעם אידישען גלויבען, דיינ־קענדיג אַז מיט דעם אָפּשמדען זיך זיינען זיי שוין פטור געוואָרען אויף אַלעמאָל פון די צרות וואָס אַ איד ליידט זיך אָהן.

היטלער, י״ש! האָט אָבער דאָס גאַנץ קלאָר אויפגעוויזען ווי פאַלש און ווי נאַריש דער טעות איז וואָס אַזעלכע אידען האָבען אַלעמאָל געמאַכט. ער האָט דאָס גאַנץ קלאָר איפגעוויזען, אַז דאָס איז אבסאָלוט קיין מיטעל ניט. אַז עס איז אַבסאָליוט קיין זיכערקייט ניט און קיין בעהעלטעניש ניט, אָט דער שמדען זיך!

היטלער, י״ש! האָט אויסגעמאָרדעט הונדערטער טויזענדער אַזעלכע דייטשען, וועמען עס האָט קיינמאָל ניט געקענט אפילו ארויפקומען אויף זייערע געדאַנקען אַזאַ זאַך, אַז זיי זיינען ניט קיין כשרע דייטשען. אַז מען וועט אויך זיי פאַררעכענען פאַר אידען. די זאַך איז שפּעטער אויפגעדעקט געוואָרען, דער סוד, וואָס עס האָט זיך גאָרניט געלאָזט גלויבען, אַז עס זיינען ניט געוועזען זיכער מיט זייערע לעבענס אפילו אַזעלכע דייטשען, וועמענס עלטער־זיידעס עס זיינען געוועזען אידען מיט דורות צוריק. דעריבער גלויב איך, לויט ווי איך האָב אַללעס אויפגעקלערט אַז עס איז די העכסטע צייט, אַז מיר אידען זאָלען שוין בעטראַכטען די טרויעריגע אידישע לאַגע זייער זייער ערנסט און מיר זאָלען שוין איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָנווענדען אַללע אונזערע געדאַנקען און אַללע אונזערע כחות צו בעטראַכטען די דאָזיגע דרינגענדע און ברענענדיגע פראַגע: ווי לאַנג קען אַ פאָלק נאָך לייגער אַזוי ליידען? און וואָס קען פון אונז ווערען? איז דען גאָר ניטאָ קיין אויס־וועג און קיין הילף פאַר אונזער פאָלק, אַז מיר זאָללען איינמאָל פאַר אַלעמאָל פּטור ווערען פון אונזערע צרות, וועלכע קיין פאָלק אין דער וועלט ליידט ניט פון אַזעלכעס. און אייב עס איז יאָ דאָ עפּעס אַ האָפפנונג אָדער אַ וואָסער ניט איז אויסקוק אויף אַ הילף, טאָרען מיר ניט רוהען און מיר מוזען זיך אריינטאָן מיטן גאַנצען גוף און נשמה צו זוכען און צו דערגיין וואָס דער אמתער מיטעל קען דאָך זיין. קיין זאַך אין דער וועלט טאָר פאַר אונז ניט פאַללען צו שווער וואָס עס זאָל זיך ניט פאָדערען פון אַ אידען צו טאָן, טאָר עס ניט פאַלען צו שווער! אפילו אייב עס זאָל זיך פאָדערען פון אַ אידען

צו טאָן אזא שווערע זאַך, ווי אָנצוהויבן צו גיין ריכטיג אין דעם אויבער־שטענס וועג אזוי ווי ער פאַרלאַנגט פון אונז אידען, דאַרף אַזאַ זאַך אפילו אויך ניט זיין צו שווער, אָבי איינמאָל פאַר אַלעמאָל צו דערגרייכען אַן אמתע הילף ניט נור אזוי פאַר אונז דעם מיטעלען דור אליין, ווי איבערהויפט פאַר אונזערע קומענדיגע דורות, צו וועמען מיר זיינען פאַראַנטוואָרטליך צו פאַר־זאָרגען אז זיי זאָלען שוין האָבען אַ בעסערע צוקונפט, אז זיי זאָללען שוין מעהר ניט ליידען אזעלכע צרות ווי מיר האָבען געליטען.

אָט דאָס איז געוועזען מיין ציל אַלס אַ זון פון דעם אידישען פאָלק, ווער עס האָט זיך גענומען צו זאָרגען, צו זוכען און צו פאָרשען וואָס דער ריכטי־גער מיטעל קען זיין און וואו עס ליגט באַהאַלטען אָט דער וואונדערבאַרער מיטעל וועלכער עס זאָל ראַטעווען דעם אידישען פאָלק היינט צו טאָג, ווי אויך די שפּעטערדיגע דורות נאָך אונז פון אזעלכע שרעקליכע צרות וואָס דער אידישער פאָלק האָט דורכגעמאַכט ביז היינטיגען טאָג.

און נאָך זייער שווערע האַרעוואַניע פון טראַכטען נאָכאַנאַנד און פון פאָרשען לאַנגזאַם טאָג אזוי ווי נאַכט און נאָכ'ן וועגען און מעסטען פון יעדען שריט און טריט וועלכע איך האָב דורכגעמאַכט אין דער מערקווירדיגער אויפגאַבע בין איך ענדליך געקומען צו דער איבערצייגונג אז איך האָב יאָ דערגאַנגען דעם איינציגען ריכטיגסטען מיטעל און דעם איינציגען ריכ־טיגסטען וועג אין וועלכען דער אידישער פאָלק מוז אונבעדינגט גיין אייב מיר וויללען מיטן גאַנצען האַרצען איינמאָל פאַר אַלעמאָל פטור ווערען פון אַללע צרות. און איך פיל זיך זייער גליקליך איך אָנצוזאָגען און איהר וועט זיין זייער פאַרוואונדערט צו הערען פון אַ מערקווירדיגע זאַך וואָס איך האָב דערגאַנגען און וואָס איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אז דער אויס־געמוטשעטער קליינער אידישער פאָלק, אָט דער פאָלק וועלכער עס איז פאַר־בליבען ביי היינטיגען טאָג אזוי קליין, האָט ער נאָך אַלץ אַ גרויסע צוקונפט צו זיין ווידער אַ פאָלק מיט פעלקער צוגלייך. עס מוז און עס וועט קומען אָהן צווייפעל אזאַ צייט ווען דער אידישער גלויבען וועט ווערען אזוי בעריהמט אין דער וועלט אז מילליאָהנען ניט אידען וועלען זיך פיהלען גליק־ליך צו געהערען צו דעם אידישען גלויבען, וועלכער איז אָהן צווייפעל דער ריכטיגסטער.

אָט דאָס אַללעס וואָס איך האָב אָקאָרשט אַנגעוויזען קען און וועט אָהן צווייפעל געשעהען, אייב דער אידישער פאָלק וועט מיט אַן אמת וועלען פאָלגען די אָנווייזונג וואָס עס ווערט אָנגעוויזען אין דעם בוך, וואָס דער אידישער פאָלק מוז טאָן.

פערטער קאַפּיטעל

עס האָט ניט לאַנג זיך געענדיגט די וועלט מלחמה נומער 2. מיר דוכט אַז איך מעג זיכער זיך אויסדריקען אַז אַזאַ וועלטליכער חורבן איז ניט פאַרגעקומען זינט די וועלט עקזיסטירט. געווײנטליך מיין איך צו זאָגען אויסער דעם ערשטען וועלטליכען חורבן, וואָס איז פאַרגעקומען דורך דעם מבול אין נח׳ס צייטען.

איך וויל דאָ שילדערען דיזע צווייטע מלחמה בלויז אין זייער אַ קורצען בילד, ווייל איך פיל זיך ניט ביכולת צו זיין אַזאַ גוטער שרייבער צו קענען אָפּשילדערען ווי עס דאַרף צו זיין אַזאַ שרעקליכע קאַטאַסטראָפע. דעריבער וועל איך דאָס שילדערען אויף אַזאַ קורצען אופן.

עס האָט זיך אָנגעצונדען אַ טייוועלשער פייער וועלכער עס האָט חרוב געמאַכט שטעדט און שטעדטלאַך און גאַנצע מדינות. עס איז פאַרניכטעט געוואָרען כמעט אַ האַלבע וועלט. מיליאָהנען מענש׳ן, אַלטע און יונגע, פון פערשידענע ראַסען זיינען דערהרגעט געוואָרען מיט אלערליי שרעקליכע טויטען, וועלכע עס זיינען אפילו אין דער תוכחה אליין ניט אריינגערעכענט געוואָרען. מיליאָהנען מענש׳ן זיינען פאַרבליבען קריפּעלס, מרה שחורהדיגע און משוגעים פון דעם איבערלעבען און פון דעם צוקוקען צו די שרעקליכע רציחות פון די גזלנים די נאַציס.

וויפיל מענש׳ן שטאַרבען אויס ביי היינטיגען טאָג און וויפיל וועל׳ן נאָך אויסשטאַרבען שפּעטער אַהין פון עפּידעמיעס, פון די נאָכווייענישען פון אַזאַ וועלטליכען חורבן ווי אויך פון הונגער? ווייל די ערד קען ניט ארויסגעבען איהרע נאָרמאַלע געוויקסע ווייל מען האָט איהר אַ לאַנגע צייט ניט געאַקערט און ניט געפעטיגט און ניט געזייט. נור מען האָט איהר אָנשטאָט דעם גאָר צוטראָטען און צוגראָבען אין אַקאָפּעס. און אפילו דאָס ביסעלע וואָס עס איז יאָ אויסגעוואַקסען האָבען דיביידע קעמפּפענדע אַרמייען פאַרברענט, אַז עס זאָל זיין ווי עס זאָגט זיך: ניט מיר און ניט דיר!

וויפיל קינדער זיינען נעבאָך פאַרבליבען יתומים? וויפיל קינדער וויסען נעבאָך ניט ווער עס זיינען זייערע עלטער׳ן אָדער וואו זיי זיינען אַהינגעקומען? וויפיל עלטער׳ן וויסען נעבאָך ניט וואו זייערע קליינע קינדער זיינען אַהינגעקומען און זיי וואָלטען היינט אפשר גאָר ניט געקענט דערקענען זייערע ליבע און טייערע קינדערלאַך?

מען רופט דיזע מלחמה „די צווייטע וועלט מלחמה“. אייגענטליך איז דיזע מלחמה ניט די צווייטע זינט די וועלט עקזיסטירט. מיר וויסען פון חומש

און פון אַלערליי פעלקער׳ס היסטאָריעס ווי אויך פון דער אַלגעמיינער וועלט־ליכער היסטאָריע, דאָס עס זיינען פאָרגעקומען צווישען פערשידענע לענדער מלחמות אָהן אַ צאָהל זינט די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען. איך וויל דאָ געבען בלויז אַ קורצען איבערבליק ווי אזוי מלחמות האָבען זיך אָנגעהויבען און ענטוויקעלט פון אָנהויב אָהן פון זינט די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען.

די ערשטע מלחמה ווייסען מיר אַללע, איז פאָרגעקומען צווישען איין ברודער און דעם אַנדערען — צווישן קינען און הבלען. דערנאָך האָבען שוין גאַנצע פעלקער זיך גענומען שלאָגען איינע מיט די אַנדערע. דערנאָך האָבען שוין פעלקער זיך פאראייניגט און גענאַנגען צוזאַמען זיך שלאָגען מיט די אַנדערע. זעה אין חומש ווי עס איז פאָרגעקומען אַ מלחמה פון 5 מלוכות געגען 4 מלוכות אין אברהמ׳ס צייטען און אזוי איז עס אָנגעגאַנגען ווייטער און ווייטער. אויך פון תנ״ך קען מען זעהען אז אויך די אידען זיינען געוואָרען אריינגעצויגען אין פערשידענע מלחמות, ווי למשל, די מלחמת עמלק און נאָך אזעלכע אין משה׳ס צייטען, ווי אויך די אַנדערע מלחמות אין יהושע׳ס צייטען און אין שאול׳ס און אין דוד׳ס צייטען און אזוי ווייטער און ווייטער.

און מיר וועלען זיך ניט פאַרנעהמען אויסצורעכענען די אַללע פריהער־דיגע מלחמות פון דער זייער לאַנגער פאַרגאַנגענהייט, נור מיר וועלען בלויז אָנהויבען פון די ניט זייער צו לאַנג מלחמות אידער אונזערע צייטען, ווי צום ביישפיעל, פון דער גרויסער נאַפּאָלעאָהן מלחמה און מיר וועלען דער־מאָנען בלויז די מלחמות וועלכע עס זיינען פאָרגעקומען גאָר נאָהנט צו אונזערע צייטען, ווי די מלחמה צווישען רוסלאַנד און טערקיי און די מלחמה צווישען יאַפּאַן און רוסלאַנד אין 1905־טען יאָהר, וועלכע פיל פון אונז געדיינקען נאָך. דערנאָך די ערשטע וועלט מלחמה אין 1914—1918. דער־נאָך די מלחמה צווישן יאַפּאַן און כינע און דער שפּאַנישער בירגער־קריג. אַללע פריהערדיגע מלחמות וועלכע איך האָב פריהער אויסגערעכענט האָבען ניט געהייסען קיין וועלט מלחמות, נור זיי האָבען געהייסען בלויז איינפאַכע מלחמות.

פאַרוואָס אָבער הייסען גראָד דיזע צוויי מלחמות די 1914—1918 און דיזע 1939—1945 מיט נאָהמען די גרויסע וועלט מלחמות? איך פערזענליך דיינק אז דאָס איז צוליב צוויי אורזאַכען: ערשטענס, ווייל אין די מלחמות זיינען געוועזען אריינגעצויגען זייער פיל מדינות און צווייטענס, ווייל אין דיזע מלחמות זיינען געפאַלען אזוי פיל קרבנות, אז אייב די זעלבע וואָלטען האָבען אָנגעהאַלטען אַ געוויסע צייט לייגער וואָלט דאָן אַ האַלבע וועלט אָדער אפשר באַלד די גאַנצע וועלט חרוב געוואָרען. דעריבער הייסען די מלחמות מיטן נאָהמען די צוויי גרויסע וועלט מלחמות.

דער אידישער נאַציאָהן, דער קלענסטער כמעט פון אַללע, האָט גע־

ליטען, אין פאַרגלייך מיט די אַנדערע נאַציאָנען, דעם גרעסטען פאַרלוסט. איבערהויפט אין דעם שרעקליכען חורבן פון דער לעצטער וועלט מלחמה. אַ צווייזייטיגען פאַרלוסט. פון איין זייט: די קרבנות וועלכע דער אידישער פאָלק האָט געליטען אויפען שלאַכט פעלד ביין מיטמאַכען מיט די פעלקער, וואו דער איד איז געבליבען, דעם קאַמף געגען די פעלקער׳ס שונאים. און פון דער אַנדער זייט די שוידערהאַפטע קאָלאָסאַלע אומזיסטע קרבנות אין דעם שרעקלעכען חורבן וואָס דער שונא האָט געמאַכט אויף דעם אידישען פאָלק אין די לענדער, וועלכע ער האָט פאַרכאַפּט!

דיזע צווייטע וועלט מלחמה האָט זיך אָפיציעל געענדיגט אין 1945 יאָהר און דער מעכטיגער שונא צוזאַממען מיט זיינע שותפים האָבען זיך מאַכטלאָז אונטערגעגעבען.

די בירגער אין איראָפּע, ווער עס זיינען נור געבליבען לעבען, האָבען זיך צוריקגעקעהרט יעדערער צו זיין פאָטערלאַנד און זיינען אויפגענומען געוואָרען פון זייערע פריינד און לאַנדסלייטע מיט וואַרימע הערצער און מיט אָפענע אַרעמס און זיי פיהלען זיך שוין היינט אַלס פאָלשטענדיגע בעלי־בתים אין זייערע היימען. וואוהין אָבער גייט קומען צוריק דער לעבענגעבליבענער איד? ווערט ער אויך אויפגענומען ווערן אין יעדע לאַנד, וואו ער איז אַ בירגער, אויך אזוי פריינדליך און מיט אָפענע אַרעמס, אזוי ווי די ניט אידישע בירגער? דאָס איז זייער אַ גרויסע פראַגע! אָבער מען דאַרף גאָר ניט זיין קיין צו גרויסער דיפּלאָמאַט צו קענען ענטפערין אויף אזא פראַגע, ווייל לוידער איז דער אַנטוואָרט אַ נעגאַטיווער. געוויס ניט, איז דער אַנטוואָרט! מיר קענען דאָס שוין זעהען קלאָר אפילו היינט, וואָס עס איז גאָר ניט זייער לאַנג ווי די שרעקליכע מלחמה האָט זיך געענדיגט, אז די פריינדשאַפט צו אונז אידען האָט זיך אַבסאָליוט גאָרניט פאַרבעסערט און אז די שנאת חנם צו די אידען איז אין יעדע לאַנד אָט אזוי ווי פריהער, ניט אַ האָר קלענער, אָדער אפשר קען מען זאָגען אז עס איז אַ סך גרעסער! די שוואַרצע מאה׳ס קעפּ, ווי מען פלעגט אַמאָהל דאָס זאָגען, האָבען ארויסגעשטאַרצט פון דעם שניי ווי נור די זון האָט אָנגעהויבען עטוואָס צו וואַרעמען און מיר קענען שוין היינט הערען טרויעריגע גערוסען פון פראַנקרייך, פון פוילען און פון רומעניע וועגען דעם בעוואוסטען „הבה נתחכמה“ אויף די אידען ווי אזוי פטור צו ווערען פון די אידען. פון דער אַנדער זייט זעהען מיר נאָך אַ טרויעריגען בילד ווי די אַלטע אידישע היים, וועלכע איז אוועקגערויבט געוואָרען פון אונז מיט 2000 יאָהר צוריק, איז פאַרמאַכט און פאַרשטעלט פאַר אונז, און אַ געוויסע מלוכה, ווער עס האָט די מאַכט, אז זי וואָלט נור געוואָלט האָט זי יאַ געקענט צוריקגעבן צו אונז אידען אונזער לאַנד, שטייט זי גאָר אַנשטאָט דעם מיט געווער אין די הענט און ניט נור וואָס זי לאָזט די אידען ניט אריין אין זייער לאַנד, נור לויט ווי זי בעציהט זיך צו

די אידען איז זי גאר ניט פיל בעסער אדער מען קען זאגען אז זי איז פיל ערגער פון די יעניגע, וועלכע איך האב פריהער דערמאנט מיטן „הבה נתחכמה" אנטקעגען די אידען. עס איז, צום בעדויערן, אן אלטע כראנישע שנאת חנם צו די אידען וועלכע איז זייער זייער אלט!

לאמיר בעטראכטען וואס זיינען די אמתע אורזאכען פון דעם דאזיגען שנאת חנם צו די אידען. איהר וועט אללע מסכים זיין אז די ערשטע און גרעסטע אורזאכע איז דאס, וואס די אידען זיינען פארוארפען פון זייער אייגענער לאנד און פון זייער אייגענער מלוכה, וועלכע עס זאל זיך אנגעהמען פאר זיי און פאר וועמען די פעלקער פון דער וועלט זאללען האבען דרך ארץ לויט דעם אלזועלטליכען אפמאך צווישן פעלקער צו רעספעקטירען אייגער דעם אנדערענס בירגער. און דעריבער, ווייל די אידען קענען ניט קומען צוריק אין זייער אייגענער לאנד, זיינען זיי געצוואונגען צו וואנדערען אין אנדערע לענדער און זיי זיינען געצוואונגען צו זיין שכנים אין פרעמדע לענדער.

און דא וואלט איך געבען בלויז א קורצען איבערבליק אויף דאס וואס עס פאסירט מיט די אידען ווען זיי בעזעטצען זיך אין א פרעמדע לאנד. צום אנפאנג, ווען די אידען קומען אהן אין א פרישע לאנד בעמערקען די דארטיגע בירגער אז די נייע געקומענע מענש'ן, די אידען, זיינען עפעס גאר א דיפערענט קלאס מענש'ן. מען קען גלייך זעהען אז זיי זיינען עפעס גאר אנדערש ערצויגען געווארען. מען קען זעהען אז די אידען האלטען זיך פיין און סטאטבע, זיי שכורען ניט, אזוי ווי די בירגער פון דער לאנד טוען. די גוים קענען זעהען אז די אידען זיינען אזא נאציאהן פאר וועמען מען דארף האבען רעספעקט. ערשטענס, ווייל דאס איז א נאציאהן ווער עס גלויבט אין דעם. אמת'ן גלויבען, אין דעם אמת'ן בעשעפער פון אללעס. צווייטענס, איז דאס א נאציאהן וועלכער עס איז אויסגעקליבען געווארען פון דעם באשעפער אלס אן אויסנאהמיגער פאלק וועמען ער האט בעעהרט מיט אזא הייליגע זאך ווי די הייליגע בייבעל, וועלכע זייער פיל גוים טוען רעספעקטירען דאס. און דריטענס באמערקען די גוים אז די אידען זיינען פיהיגע און באגאבטע מענש'ן אין ביזנעס, אין בילדונג ווי אויך אין אללעס צו וואס נור זיי נעהמען זיך. און דער בילד פון דאס וואס עס קומט פאר מיט די אידען אין דער נייער לאנד ענטוויקעלט זיך אין אזא פארם: די בירגער פון לאנד הויבען אהן ביסלעכוויז דערנעהנטערין זיך צו די אידען, זיי הויבען אהן אריינצוקומען אין די אידישע קראמען איינצוקויפען דאס וואס זיי דארפען. זיי קומען אויך אריין צו די אידישע לאיערס אדער צו די אידישע ביזנעסמענש'ן צו האלטען זיך מיט זיי עצות וועגען פארשידענע זאכען. זיי קומען אויך צו די אידישע דאקטוירים צו קורירען זיך און אזוי ווערען ענטוויקעלט און פארשטארקט די בעציהונגען צווישען די בירגער פון לאנד און די אידען.

די בירגער בעעהרען דערנאָך די אידען מיט פולע בירגערליכע רעכט, די אידען זאָלען זיין גלייכע בירגער מיט זיי. די בירגער פון לאַנד שטימען און קלייבען אויס אידען אַלס זייערע פאָרשטייער צו פאַרטיידיגען זייערע אינטערעסען אין די שטעדט־פאַרוואַלטונגען און אויך אין די פאַרלאַמענטען. און זיי בעשטימען אפילו אידען צו זיין קאַבינעט מיניסטאָרען אין זייערע רעגירונגען.

די אידען פון זייער זייט טוען דאָס בעסטע וואָס נור זיי קענען פאַר די בירגער פון דער נייער לאַנד און אזוי ברייננגען זיי די לאַנד צום פראָגרעס. זיי בויען פאַבריקען און זיי ענטוויקלען גרויסע געשעפט'ס הייזער מיט קאַנטאָרען וואו עס געפינען אַרבעט און בעשעפטיגונג זייער פיל פון די גוישע זין און טעכטער. און אַ דאַנק די אידען האָבען טאַקע די גוישע קינדער די מעגליכקייטען צו פאַרדינען אויף צו בעקליידען זיך און צו דערגרייכען כמעט צו אַללעס וואָס עס פאָדערט זיך פאַר אַ מענש'ן אין היינטיגע מאָדערנע צייטען. די אידען טרייען אויך זייער בעסט צו האַלטען זיך ברידערלאַך מיט די ניט אידען אַלס דאַנק אויסדרוק פאַר זייער גאַסטפריינדליכקייט און פאַר זייער רעספעקט צו דעם אידישען פאָלק און די אידען טרייען ביסלעכווייז, אויף וויפיל עס איז נאָר מעגליך לויט זייער רעליגיאָהן, צוצופאַסען זיך צו די מנהגים פון דער נייער לאַנד, כדי אז מען זאָל ניט קוקען אויף זיי אזוי ווי אויף פרעמדע. זיי טרייען אז זייערע קינדער זאָללען לערנען די שפראַך פון דער לאַנד, אז די קינדער זאָללען זיך קענען פאַרשטענדיגען מיטן גוי בעסער ווי דער אַלטער דור, וועמען עס פאַלט שווער צו כאפען די שפראַך פון לאַנד, איבער דעם וואָס די קאָפּ איז פאַרדרייט מיט דאגת חיונה. די אידען שיקען זייערע קינדער אין די גוישע סקולען כדי אז דער גוישער קינד זאָל זיך איינגעוואוינען מיטן אידישען און ער זאָל טאַקע זעהען אז דער איד איז גאָר ניט קיין ערגערער מענש פון איהם און אָט אזוי גייט עס אָהן פאַר געוויסע יאָהרען פיין און גלענצענד.

אָבער ביסלעכווייז, ביסלעכווייז און ווי אויף צו להכעיס, וואָס מעהר דער איד טרייט זיין בעסט צו ווערען נעהנטער צום גוי, פונקט מיט אזא מאָס ווערט גאָר געשאַפען ביים גוי א אומגעריכטע שנאה און קנאה צום אידען, וואָס עס איז שווער צו פאַרשטייען פאַרוואָס אזא מערקווירדיגע איבערקערעניש. עס ווערט געשאַפען און עס בעהמט זיך איבערחזרן אין יעדע לאַנד מיטן אידישען פאָלק די זעלבע געשיכטע פון חומש, וועלכע עס האָט פאַסיערט מיט די אידען אין מצרים מיט טויזענדטער יאָהרען צוריק. אונזער ברודער יוסף האָט דאַהן גליקליך געמאַכט די לאַנד מצרים, ער האָט מיט דעם ווילען פון גאָט אַנטפלעקט פרעה'ס חלומות וואָס קיין מענש אין גאַנץ מצרים האָט דאָס ניט געקענט פאַרטייטשען וואָס די חלומות בעדייטען און מיט דעם האָט יוסף געראַטעוועט די מצריים פון אַ זיכערען הונגער־טויט.

יוסף איז פאַר זיין באַגאַבטקייט בעפולמעכטיגט געוואָרען צו זיין דער עקאָנאָמישער אָנפיהרער פון דער גאַנצער לאַנד מצרים. און מיט דער צושטי־מונג פון אַללע מצריים האָט יוסף אַראָפּגעבראַכט זיין פאָטער יעקב׳ן מיט זיי־נע ברידער און ער האָט זיי בעזעצט אין גשן. די מצריים האָבען זיך דאָהן געפיהלט גליקלעך און זיינען געווען זייער צופרידען צו האָבען די אידען אין זייער לאַנד און זיי האָבען די אידען פון גרויס צופרידענהייט בעעהרט מיט אַללע בירגערלעכע רעכט, אזוי ווי זיי אליין האָבען געהאַט.

די אידען האָבען טאַקע ענטוויקעלט דאָן די לאַנד מצרים צו אַ הויכען שטאַנד אזוי ווי איך האָב פריהער בעשריבען ווי אזוי די אידען זיינען פיהיג אַזאַ זאַך צו טאָן, און די מצריים אזוי ווי די אידען זיינען געווען זייער גליק־ליך און עס האָט דאָהן אין מצרים געהערשט גרויס פראָגרעס און גרויס צופרידענהייט.

אָבער וואָס האָט פּאַסירט שפעטער אַהין אין איניגע דורות אַרום? בעמיהט זיך און לייענט וואָס דער חומש דערציילט: „ויקם מלך חדש על מצרים אשר לא ידע את יוסף“, און עס איז אויפגעשטאַנען אַ נייער קעניג, אָדער ווי אַנדערע טייטשען דאָס, אַ קעניג מיט אַ נייען רעזשים, מיט אַ נייער טעאָריע. ער איז געווען למשל אַזאַ זאָרט מענש אזוי ווי היטלער אין אונ־זערע צייטען, ווער עס האָט זיך געמאַכט אַז ער ווייס גאָרניט פון דער מער־קווירדיגער געשיכטע אַז דער איד יוסף האָט געראַטעוועט דעם גאַנצען פאָלק מצרים פון אַ זיכערען הונגער־טויט און דער נייער קיניג האָט אויך ניט אַנער־קענט דאָס, וואָס די אידען האָבען אזוי פיל מיה געלייגט אַרויפצואַרבעטען די לאַנד צו אַזאַ הויכקייט, און אַנשטאָט דעם, וואָס מען האָט געדאַרפט דאַנק־באַר זיין צו די אידען פאַר דאָס אַללעס וואָס די אידען האָבען געטאָן פאַר דעם וואוילזיין פון דער לאַנד, האָבען די מצריים גאַר גענומען זיך קליגען ווי אזוי צוצונעהמען פון די אידען אַללעס וואָס זיי האָבען מיט אזוי פיל שווייס און בלוט אויפגעבויט און געשאַפען!

איך גלויב אַז עס איז אַן איבעריגע זאַך פאַר מיר איבערצוחזרן פאַר אייך דאָ די גאַנצע געשיכטע פון די אידען אין מצרים, וועלכע איך גלויב אַז אַללע פון אייך ווייסען אזוי גוט ווי איך ווייס דאָס, אַז די מצריים האָבען דאָהן אַללעס צוגענומען פון די אידען וואָס זיי האָבען פאַרמעגט און דאָס זיי האָבען אַם ענדע געמאַכט די אידען פאַר אָרימע אונגליקלעכע שקלאַפען.

אָט די זעלביגע געשיכטע וועלכע עס האָט פּאַסירט מיט די אידען אין מצרים, חזרט זיך איבער מיט די אידען אין יעדע לאַנד וואו זיי בלייבען, אין אַ געוויסע צייט אַרום, אזוי גיך ווי זיי האָבען געבראַכט די לאַנד צום פראָג־רעס, די זעלבע אַלטע טרויעריגע געשיכטע ווי אין מצרים. מען פאַרגינט ניט דעם אידען דאָס ביסעלע וואָס ער האָט געשאַפען פאַר זיך מיט אזוי

פיל מיה און שוויס. דער אונטערשייד פון אַמאָהליגע צייטען ביז היינטיגע ליגט נור אין דעם, וואָס דאָהן האָבען די מצריים בשום אופן ניט געוואָלט ארויסלאָזען די אידען פון זייער לאַנד כדי צו האָבען אומזיסטע שקלאַפען. און די שפּעטערדיגע פעלקער וואו די אידען זיינען געבליבען ביי זיי און אין די לענדער וואו די אידען בלייבען ביז היינט אפילו האָבען זיך געקליגט און זיי קליגען זיך נאָך עד היום, ווי אזוי פּטור צו ווערען פון די אידען, כדי אז דאָס אַללעס וואָס די אידען האָבען אויפגעטאָן זאָל עס בלייבען פאַר זיי, פאַר די גויים.

אונזערע זיהן און טעכטער אין יעדען דור פרעגען אַ מערקווירדיגע פראַגע, וועלכע עס וועט שפּעטער אין דעם בוך פאַרענטפערט ווערען. זיי פרעגען: וואָס איז די אורזאַכע פון דעם וואָס דוקא דער אידישער פאָלק ליידט אזוי פיל אויף דער וועלט?

אַללע פעלקער האָבען זייערע איגענע לענדער און זיי לעבען יעדערער אזוי ווי עס שרייבט זיך: „איש תחת גפנו ואיש תחת תאינתו" און דער אי־דישער פאָלק איז גאָר פאַרטריבען געוואָרען פון זיין אייגענער לאַנד און איז פאַרוואָרפען געוואָרען אין אַללע פיער עקען פון דער וועלט, און אויך וואָס איז די אורזאַכע פון דער אוננאַטירלעכער ערשיינונג וואָס די גויים אין די לענדער ביי וועמען די אידען זיינען שכנים, קריגען פריהער אָדער שפּע־טער אַבסאָלוט אָן אומזיסטע פיינטשאַפט צו די אידען, צו די מענש'ן וועך עס האָבען מיט פיל שוויס ארויפגעאַרבעט יעדע לאַנד וואוהין זיי זיינען געוועזען געצוואונגען צו קומען זיך צו בעזעטצען? עס לאָזט זיך בשום אופן ניט פאַרשטייך פאַרוואָס עס קומט פאַר אזא אונגאַטירליכע ערשיינונג, די אומזיסטע פיינטשאַפט צו די אידען! וואָס לויט ווי יעדער מענש קען זעהען איז דער איד גאָר ניט קיין ערגערער מענש פון אַללע אַנדערע מענש'ן אין דער וועלט. און עס וויזט זיך גאָר ארויס אין יעדע לאַנד וואוהין דער איד קומט נור אריין זיך צו בעזעטצען, אז אין פיל הינזיכטען איז דער איד גאָר אַ סך אַ בעסערער בירגער ווי די מענש'ן פון דעם לאַנד גופא זיינען, וואָס די בירגער זעהען דאָס זייער קלאָר ארויס. זיי אליין זעהען דאָס זייער גוט ווי דער איד איז פיהיג אין ביזנעס, אין אינדוסטריע, אין פאַרמינג, אין קולטור, אין היגיענע און אין אַללעס צו וואָס נור דער איד נעהמט זיך פראַגרעסירט די זאַך. זיי אליין זעהען קלאָרע פעקטס פון דעם ווי זייער לאַנד האָט אויפ־געלעבט און האָט פראַגרעסירט אין אַ געוויסע צייט אַ דאַנק די אידישע מיה און פיהיגקייט. און אין אַנהויב, פון אנערקענונג פאַר די אַללע אידישע מיה און אויסצייכענונגען באַטען זיי אָהן די אידען צו ווערען בירגער אין זייערע לענדער. זיי אליין מאַכען די אידען פאַר זייערע עצות געבער און זיי אליין בעשטימען די אידען צו ווערען די פאַרטיידיגער פון זייערע אינטערעסען אין זייערע שטעדט פאַרוואַלטונגען און פאַרלאַמענטען און די בירגער פון

די לענדער פיהלען דאָס און זעהען גאַנץ קלאָר ארויס דעם פעקט אז די אידען האָבען אנטוויקעלט זייערע לענדער זייער הויך אין אַללע געביטען. פון דען האַלטען די אַללע פעקטס ניט אָפּ פון דער אוננאַטירלעכער מער־קווירדיגער טרויעריקער ערשיינונג און עס פּאַסיערט דאָך אַם ענדע אזא טרויעריגע זאַך, אז אַנשטאָט צו זיין דאַנקבאַר צו די אידען פאַר דאָס אַללעס וואָס די אידען האָבען געטאָן פאַר דעם וואוילזיין פון די פילע לענדער, ביי די וועלביקע בירגער וועלכע עס זיינען צום אָנפאַנג געוועזען זייער ענטציקט פון די אידישע פיהיגקייטען, ווערט גאָר ביי די זעלבע געשאַפען אַ ביטערע קנאה און שנאה צו די אידען, אין אזא שרעקליכע מאָס, אז דעם אידענס לעבען, פריהער אָדער שפּעטער, שטייט גאָר אין דער גרעסטער געפאַר! וואו ליגט עס די פאַרבאָרגענהייט פון אזא מערקווירדיגע אורזאַכע? פון אזא אוננאַטירלעכע ערשיינונג? איז דען גאָר ניטאָ קיין אַנטוואָרט צו אזא מער־קווירדיגער טרויעריגער רעטעניש? אָט די פראַגע פרעגט יעדער איד אין יעדען דור זיך אליין. אָט די וואונדערבאַרע פראַגע אויף וועלכער ער קען בשום אופן ניט קריגען קיין בעשטימטען אַנטוואָרט.

עס ברעכען אויס מלחמות צווישן פעלקער. דער איד אין יעדע לאַנד וואו ער בלייבט העלפט מיט וואָס ער קען נור צו בעקעמפען די אונגע־רעכטיגקייט. דער איד לייגט גרויסע קרבנות פאַר דעם וואוילזיין און פאַר דער זיכערקייט פון די לענדער וואו ער בלייבט. עס האָט פילע מאָהל גע־טראָפען, אז איין איד האָט דערשטאָכען אַן אַנדער אידען אין מלחמות, ווייל דער איד האָט פאַרטיידיגט די לאַנד און יענער איד האָט פאַרטיידיגט יענע לאַנד.

מלחמות ענדיגען זיך. עס ווערט געשלאָסען שלום ביי די פעלקער. זיי פאַרגעסען די עוולות וואָס איין פאָלק האָט געטאָן צום אַנדערען און מען ווערט צוריק גוטע פריינד. אָבער די אומזיסטע קנאה און שנאה צו די אידען ווערט קיינמאָל ניט פאַרגעבען און ווערט קיינמאָל ניט פאַרגעסען!

פינפטער קאַפּיטעל

יעצט לאָמיר בעטראַכטען נאָך אַ זייער וויכטיגען ענין וואָס דאָס האָט אַ גרויסע שייכות צו די פריהערדיגע פראַגען. וואָס איז די ריכטיגע אורזאַכע וועלכע עס ברייננגט אין אַלגעמייך צו מלחמות אין דער וועלט?

די היינטיגע מאָדערנע וועלט איז דאָך אזוי הויך ציוויליזירט. די מענש־הייט איז דאָך דערגאַנגען צו דעם העכסטען גראַד פון ענטוויקלונג אין פיל געביטען און איבערהויפט אין דעם געביט פון קונסט און טעכניק. לאָמיר

טאַקע זיך אָפּשטעלען אויף אַ װײַלע און לאָמיר בעטראַכטען טריט ביי טריט די גרויסע שריט וואָס די מענשהייט האָט געמאַכט אין טעכניק.

די ערפינדונג פון דעם בייסיקל. דערנאָך די וואונדערבאַרע ערפינדונג פון דעם מאָטאָר־בייסיקל. נאָכהער ווי די מענטשהייט האָט שוין געבילדעט די מאָטאָרקאַר, די סטים־טריין און די עלעקטריק־טריין. יעצט די גרויסע ענטוויקלונג אויפען וואַסער, צו קענען פאָהרען אויפען וואַסער מיט זייער גרויסע שיפען, וועלכע עס האָבען אַללע זאָרטען בעקוועמליכקייטען, ווי אויך אזא ערפינדונג צו קענען שווימען אונטערען וואַסער מיט סובמאַרינען. און יעצט די וואונדערבאַרע ערפינדונג אז מען זאָל קענען פליהען אין דער לופטען מיט ערראָפּלאַנען פון איין עק וועלט צו דער אַנדערער מיט די גרעסטע שנעלקייט.

און יעצט די גרויסע חכמה אז מענש'ן זאָלען קענען ריידען דורך דראָטען איינער צום אַנדערען פון איין שטאָדט צו דער אַנדערער און פון איין מדינה צו דער אַנדערער און אפילו צו ווייטע מדינות אויך. ווי אויך אזא זאַך אז מען זאָל קענען ריידען פון מדינות צו מדינות און פון איין עק וועלט צו דער אנדערער אָהן קיינע דראָטען אין גאַנצען, דורך דעם דראָטלאָזען טעלעפאָן. און יעצט די לעצטע וואונדערבאַרע ערפינדונג אז מען זאָל אויך קענען זעהען די פאָטאָגראַפיע פון דעם פערזאָן צו וועמען מען רעדט — טעלעוויזשיאָן. און יעצט די גרויסע ערפינדונג פון גראַמאָפאָן רעקאָרדס, אזא וואונדערבאַרע זאַך וועלכע עס נעהמט אריין רייד און אַללע זאָרטען קלאַנגען מיוזיק, אז ווען מען וויל נור קען מען דאָס אָנשטעלען און מען קען הערען וואָס מען האָט גערעדט אָדער געזונגען מיט יאָהרען אָהן אַ צאָהל צוריק.

יעצט די חכמה פון פאָטאָגראַפיע און די וואונדערבאַרע חכמה פון עקסריי פאָטאָגראַפיע וועלכע עס פאָטאָגראַפירט דעם מענשנ'ס קערפּער דורך און דורך. און ענדליך די גרויסע ערפינדונג פון עלעקטריסיטי, אזא וואונדערבאַרע זאַך וועלכע עס בריינגט דער מענשהייט אזוי פיל נוטצען: ליכטיגקייט און וואַרעמקייט. דאָס גיט אזעלכע היטץ, אז מען קען קאָכען געקעכץ און באַקען געבעקס. דאָס וואַרימט אונז אין קאַלטע וועטערען און דאָס קיהלט אונז אין הייסע וועטערין. ווי אויך די חכמה צו קענען מאַכען אייז אין די וואַרימסטע ערטער און נאָך און נאָך אזעלכע וואונדערבאַרע ערפינדונגען אין פיל אַנדערע געביטען וואָס די מענשהייט האָט ביז היינטיגען טאָג ערפונדען, וואָס איך בין ניט אימשטאַנד אין דעם קליינעם בוך אַללעס צו בעשרייבען.

אַלזאָ, אז מיר נעהמען באמת בערעכענען די הויכקייט צו וואָס די מענשהייט איז דערגאַנגען מוזען מיר אָהן צווייפעל בעשטעטיגען אז די מענשהייט איז זייער קלוג און זייער ציוויליזירט אָהן צווייפעל אויף דעם העכסטען גראַד. טראָצדעם, חאָטש מיר האָבען אָקאָרשט אזוי בעוואונדערט און אזוי

געלויבט די מוראַדיגע הויכקייט פון דער מענשליכער ציוויליזאַציע, זעהען מיר אַ מערקווירדיגע אונבאַטירלעכע זאַך וואָס עס קומט פאָר מיט דער מענשהייט, וואָס עס ווילט זיך גאָרניט גלויבען! צום בעדויערען אַן אמתע פאַסירונג! אַ זייער טרויעריגע פאַסירונג! אָט די זעלבע ציוויליזירטע מענשהייט, וועלכע מיר האָבען ניט לאַנג צוריק אזוי הויך געריהמט, ווערט אָט די זעלבע מענשהייט זייער אָפט ווילד און משוגע און מען בעהמט גאָר זיך שלאָגען איינער מיט דעם אַנדערען מיט די זעלבע ווילדקייט וואָס איז אַ האָר ניט בעסער פון די ווילדע אונציוויליזירטע שבטים, כמעט גאָר אָהן קיין אונטערשייד פון די סאַמע ווילדסטע שבטים פון די טיפע ווילדערנישען.

וואָס אָבער איז דאָך דער איינציגער מערקווירדיגער אונטערשייד פון די היינטיגע מאָדערנע ציוויליזירטע מענש׳ן ביז די אָפגעשטאַנענע ווילדע מענש׳ן פון די פאַרוואָרפענע ווינקלען פון דער ערד? דער אונטערשייד איז, צום בעדויערען, זייער אַ קליינער! אַ טרויעריגער! אַ מיאוסער אונטערשייד! וואָס די ציוויליזירטע מענשהייט דאַרף זיך גאָר שעמען לגבי די ווילדע שבטים! און דאָס איז דער טרויעריגער אונטערשייד, וואָס די ווילדע שבטים שלאָגען זיך מיט שטעקענס, מיט שטיינער אָדער מיט מעסערס. אַ מלחמה אין וועלכער עס פאַלען צעהנדליגער מענש׳ן אָדער הענדסטענס קען מען זיי ציילען אין די הונדערטער, און די היינטיגע מאָדערנע און העכסט־ציוויליזירטע מענש׳ן מערדערען איינער דעם צווייטען טאַקע אויף אַ מאָדערנעם אופן מיט די לעצטע ערפינדונגען פון קונסט און טעכניק, סיי אויף דער ערד און סיי פון דער הויך, און מען צוברעכט און מען צושמעטערט אַללעס וואָס עס האָט גענומען ביי דער מענשהייט הונדערטער יאָהרען צו ערפינדען און אויפצובויען און אין אַ פעריאָד פון היינטיגע מאָדערנע מלחמות ווערען גאָר געהרגעט און געוואונדעט אזוי פיל מענש׳ן! שוין ניט מעהר אין די טויזענדטער, נור צום בעדויערען אין די מיליאָהנען! און גאָר ניט לאַנג צוריק האָט די ציוויליזירטע מענשהייט ערפונדען גאָר אַ נייע, טאַקע אַ זייער וואונדערבאַרע ערפינדונג, וועלכע מען האָט עס אַ נאָהמען געגעבען „אַטאָם“. דאָס איז אזא וואונדערבאַרע ערפינדונג אויף וועלכער מען מאַכט הערוויל די ערשטע עקספערימענטען און מען האָפט אז דיזע ערפינדונג איז לגבי די אַנדערע ערפינדונגען די סאַמע גרעסטע וואָס די ציוויליזירטע מענשהייט האָט ווען ניט איז געקענט דערגרייכען. אַ איינפאַכער מענטש קען גאָר ניט האָבען קיין אַנונג ווי אזוי דאָס אָפצושאַצן, ווייל די נייע ערפינדונג איז ניט אזא ווי די ביז אַהעריגע. די נייע ערפינדונג קען בריינגען זייער וואונדערבאַרע נוטצען. זי וועט קענען חרוב מאַכען גאַנצע שטעדט מיט מיליאָהנען לעבענס אויף אַמאָהל! און בלויז מיט גאָר אַ קליינע צאָהל באָמבעס וועלכע מען וועט אַראָפוואַרפען פון דער הויך. אָט אזוי גליקלעך פיהלען זיך די יעניגע פון דער ציוויליזירטער מענשהייט, וועלכע עס

פאַרמעגען דעם סוד פון אזא טייערע מתנה וואָס עס איז געשאָנקען געוואָרען נור צו זיי אליין. אַ מתנה וועלכע וועט געבען אזא וואונדערבאַרע מעגליכ־קייט, אז מען וועט קענען פאַרניכטען מיליאָהנען מענש׳ן אזוי ווי מייז, אין גאָר אַ קורצער צייט! יעצט פאַרשטייט איהר שוין וואָס ציוויליזאַציע איז? צו וואָס פאַר אַ הויכקייט די מענשהייט איז דערגאַנגען?

ציוויליזירטע מענש׳ן פרייען זיך מיט דעם, וואָס זיי האָבען ערפונדען אזא וואונדערבאַרע זאַך, אז מען וועט שוין קענען פאַרניכטען מיליאָהנען לעבענס, אַלט און יונג, זייער גיך און לייכט!

אָט דאָס איז צו וואָס די מענשהייט איז צוגעקומען! צו די ענדע פון אַללעס! צו דער אונטערגאַנג פון אַללעס! ביז דורך קיין אַנדער זאַך, נור פון די טייוועלשע הענט פון דער מענשהייט אַליין וועט אזא טייערע וועלט אומגעבראַכט ווערען, אז עס וועט איבערבלייבן נור אַש און שטיינער פון אזא טייערע וועלט!

זעקסטער קאַפּיטעל

לאָמיר זיך טאַקע נעהמען צו זוכען און צו דערגיין, אפשר וועלען מיר גע־פינען אַ ריכטיגען אַנטוואָרט צו אזא מערקווירדיגע פראַגע, און וואָס עס ליגט די אמתע אורזאַכע וועלכע עס פאַרוואַנדעלט דער אזוי געקרוינטער מיט אזא הויכען נאָהמען ציוויליזירטער מענשהייט אין אזא מיאוסער און בלוטדורשטיגער בעשעפעניש, וועלכע עס יאָגט זיך נאָך בלוט, אזוי ווי די חיות פון וואַלד.

און די מערקווירדיגע פראַגע ווערט נאָכמער קאָמפּליצירט ווען מיר נעהמען בעטראַכטען אַ שרעקליכען און טרויעריגען פאַקט, וועלכען מיר האָבען אַללע בייגעלעבט, וואָס די קומענדיגע דורות וועלען דאָס גאָרניט קענען גלויבען, אז אזא זאַך זאָל האָבען געקענט פאַסירען! אז דוקא די העכ־סטע זאָרט ציוויליזירטע מענש׳ן פון דער וועלט, ווער עס האָבען זיך געהאַל־טען אז נור זיי אליין זיינען דער איינציגער קוואַל פון ציוויליזאַציע פון וואַ־נען די גאַנצע מענשהייט פון דער וועלט דאַרף זיך לערנען ווי צו זיין צי־וויליזירט, אָט דוקא דער פאָלק וועלכער עס גלויבט אז ער שטייט אויפען שפּיטץ פון אידעלקייט און פון חכמה און וועלכער עס איז ענטוויקעלט אין אַללע געביטען, אָט דוקא דער פאָלק ווער עס זאָגט מיט גרויס שטאָלצקייט „דאָיטשלאַנד איבער אַללעס", איז דיזער פאָלק אליין גאָר געוואָרען דער ערגסטער בלוטדורשטיגער מערדער, וואָס זינט די וועלט שטייט האָט די מענשהייט פון אזעלכע באַרבאַרישע מערדער נאָך קיינמאָהל ניט געהערט!

עס האָט זיך נאָך קיינמאָהל ניט געהערט פון אזעלכע שענדליכע פאַר־ברעכענס, אז ציוויליזירטע מענש׳ן פון אזא מאָדערנער וועלט זאָלען עס קע־נען האָבען געטאָן און זאָלען האָבען געוואָרען אזעלכע ברוטאָלען צו אַנדע־רע מענש׳ן, ערגער ווי ווילדע טיגערען! אז ציוויליזירטע מענש׳ן זאָלען האָבען געקענט אזוי קאָלטבלוטיג מיט אַן אויסגערעכענטען און מיט אַ בע־שטימטען פּלאַן, וועלכער עס האָט גענומען ניט איין טאָג און ניט איין וואָך אויסגעאַרבעט צו ווערען מיט דער הילף פון דוקא די העכסט געלערענטע מענש׳ן פון לאַנד, אזוי צו פייניגען און צו טויטען מיליאָהנען לעבעדיגע, אונשולדיגע, שוטצלאָזע מענש׳ן, אַלטע און יונגע, מענער און פרויען, קליי־נע קינדער און אפילו עופהלאַך! אָהן קיין שום מענשליכען רחמנות און אָהן קיינע מענשליכע געפיהלען! מענש׳ן מיט מענשליכען מארך אין זייערע קעפּ! מענש׳ן וועלכע עס קומען אליין ארויס פון אזעלכע מענש׳ן, אזוי ווי אַללע מענש׳ן אין דער וועלט! מענש׳ן וועלכע עס האָבען אליין אויך טאַטעס און מאַמעס, ברידער און שוועסטער, קליינע קינדער און אויך עופהלאַך, האָט זיך פון זיי אָפּגעטאָן דער גרויסער אונטערשייד פאַרוואָס מען האָט זיי געהאַלטען פאַר מענש׳ן און ניט פאַר חיות. פאַרוואָס זיי זאָללען מעגען לעבען צווישען מענש׳ן און ניט אין וואַלד. האָט זיך פון זיי אָפּגעטאָן אָט די זאַך, דאָס וואָס עס אונטערשיידעט פון מענש צו חיה און זיי זיינען פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין דעם אויסזעהען פון מענש׳ן אויף צווי פיס, אָבער מיט חיותע הערצער. און זייערע חיותע הערצער זיינען געוואָרען אזוי פאַרשטיינערט, אז טייכען טרעהרען, געוויין און געבעט פון די אונגליקליכע קרבנות, וועלכע עס זיינען בעבאַך אריינגעפאַלען אין זייערע בלוטיגע הענט, האָט גאַרניט גע־ווירקט אויף זיי! מענש׳ן וועלכע עס זיינען געוואָרען אזעלכע מערדיירים, וואָס די וועלט האָט אזעלכע געדאַרפט אָפּשיידען פון דער מענשהייט און האַלטען אזעלכע אונטער גראַדעס אזוי ווי מען האַלט געפעהרליכע חיות! זיינען אזעלכע גאָר געווען פריי און האָבען געקוילעט און געמאָרדעט נאָ־כאַנאַנד, טאָג אזוי ווי נאַכט, אָן אַן אויפהער און האָבען געפייניגט, געשאָ־סען, דערשטיקט און פאַרברענט לעבעדיקע אונשולדיגע אָרענטליכע מענש׳ן אָהן קיין האָר פון וויפיל ביט איז מענשליכער רחמנות!

יעצט לאָמיר זיך אָפּשטעלען און בעהאַנדלען די פראַגע פון וואַנען עס נעהמט זיך די רציחה ביי דעם מענש׳ן, וואָס דער מענש איז בעשטימט גאָר צו זיין די קליגסטע בעשעפעניש, וואָס זאָל פאַרשטיין וואָס עס מיינט יושר און רחמנות.

די רציחה ביי דעם מענש׳ן ענטוויקעלט זיך פון 3 זאַכען:

ווען מיר אַללע זיינען געוועזען קינדער פלעגען מיר אָנכאַפּען אַ פליג און מיר פלעגען אויסרייסען די פליגעלאַך פון איהר קערפּעריל און פלעגען גליי־כען צוקוקען וואָס עס וועט פאַרקומען. די פליג פלעגט גיין מיט איהרע פי־

סעלאַך, אָבער פליהען האָט זי שוין ניט געקענט! מיר פלעגען אויך טאָן אזא זאַך: מיר פלעגען אַפּרייסען איהר קעפּעלע און פלעגען צוקוקען ווי זי דרייט זיך ארום און ארום. זי האָט שוין ניט געקענט זעהען וואו צו גיין!

דערנאָך פלעגען מיר אָנכאַפּען אַ טייבעלע מיט אַ לאַנגע שטריקעל. איך פלעג איהר באַטראַכטען און גלעטען און דערנאָך פלעג איך איהר אוועקלאָזען. איך האָב דאָס אַללעס אָפּגעגעבן נאָכדעם ווי איך האָב געלייענט אין אַ בוך פון אַ רוסישען שרייבער: „מוטשע ניט אַ פליג! עס טהוט איהר אויך וויי״. אַנדערע אינגלעך פלעגען שיסען פויגעלאַך און טייבעלאַך מיט שטיינדלאַך און זיי פלעגען ניט פאַרשטיין אז עס טוט די פויגעלאַך אויך וויי!

אז מענש׳ן זיינען געוואָרען עלטער האָבען זיי זיך שוין אוועקגעלאָזען צו שיסען פויגעלאַך פון ביקסען. מענש׳ן פון היי־קלאַס רייטען נאָך היינט אויף פערד צו שיסען פויגלען, זיי נעהמען מיט היינט מיט זיך ווער עס כאַפּען אָהן די אַראָפּגעשאָסענע פויגלען. מען טראַכט גאָר ניט פון רחמנות! פון צער בעלי חיים! עס איז געוואָרען אַ ספּאָרט זאַך: ווער עס שיסט אַראָפּ מעהר פויגלען דער איז אַ טשעמפּיאָהן! אָט אזוי האָט די מענשהייט זיך צוגעוויינט צו זעהען פאַרגאָסענע בלוט און אזוי האָט מען גענומען שיסען לעבעדיגע מענש׳ן און עס קימערט זיי שוין גאָרניט. דער רחמנות איז ביי זיי שוין אָפּגעטאָן געוואָרען.

אַ צווייטע זאַך פון וואַנען עס שאַפט זיך רציחה ביי דעם מענש׳ן איז:

אונז אידען איז אָנגעזאָגט געוואָרען אין דער תורה: דו זאָלסט ניט עסען קיין בלוט! ניט אידען אָבער עסען יאָ און טרינקען בלוט און שטאַר־בען ניט פון דעם! זיי ווייסען אָבער ניט פון דעם, אז מען עסט אָדער מען טרינקט בלוט פון אַ חיה גייט דאָס אריין באַלד אין דעם מענש׳נס בלוט און אזוי קריגט דער מענש אין זיך די ווילדקייט פון דער חיה וועמענס בלוט ער האָט אריינגענומען אין זיך! דעריבער קען מען אָפט זעהען ווי מענש׳ן כאַפּען ארויס אַ מעסער און שטעכען אַן אַנדער מענש קאַלטבלוטיג, אָהן רחמנות! איבערהויפּט אז מען איז דערצו נאָך אָנגעשכורט. דאָ האָבען מיר אַ בעוויז ווי עס ענטוויקעלט זיך די רציחה ביי דעם מענש׳ן פון נאָך אַ זאַך, פון די בלוט פון חיות וואָס דער מענש נעהמט אין זיך אריין.

און נאָך אַ זאַך וואָס עס איז דער מקור וואָס שאַפט רציחה, וועט שפּעטער אָהין אָנגעוויזען ווערען אין דעם בוך. ווי מענש׳ן הרגענען אַנדערע מענש׳ן פון אַנדערע גלויבענס ווייל זיי האַלטען די אַנדערע מענש׳ן פון אַנדערע גלויבענס פאַר רשעים, און איבער זיי לאָזען זיך ניט אסימילירען, האַלטען זיי אז מען מעג זיי פּייניגען! מען מעג פון זיי אַוועקרויבען אַללעס וואָס זיי פאַר־מעגען און מען מעג זיי אפילו הרגענען צום טויט! אָט אזוי איז דער מענש געוואָרען דער גרעסטער גזלן, דער געפעהרליכסטער רוצח. אַ סך אַ ערגע־רער רוצח ווי אַ ווילדע חיה איז.

צום אָנהויב האָבען די דייטשען זיך גענומען צו די אידען ביי זיי אין לאַנד. מיט פערשידענע טריקס און דורך נייע געזעטצען האָבען זיי אוועקגענומען פון די אידען זייער בירגערליכע רעכט. דערנאָך האָבן זיי צוגענומען פון זיי זייערע געשעפטען, די פאַבריקען און די הייזער מיט אַן אויסרייד, אז די אידען זיינען קאַפּיטאַליסטען. זיי האָבען די אונגליקלעכע אידען פאַראָרימט און ניט צוגעלאָזען זיי צו פאַרדינען דעם שטיקעל ברויט כדי זיי זאָלען ווערען אויסגעהונגערט און אָפּגעשוואַכט, אז זיי זאָלען גיכער אויסשטאַרבען. אויך די אידען וועלכע עס זיינען געווען אַרבעטער האָבן זיי ארויסגעוואָרפען פון די פאַבריקען שוין מיט אַן אַנדער אויסרייד, אז די אידען זיינען קאָמוניסטען! און נאָכדעם ווי זיי האָבען שוין אַללעס צוגענומען פון די אידען, זיינען זיי נאָך אַלץ ניט געווען צופרידען מיט דעם אליין, נור זיי האָבען דערצו אַ גרויסע טייל פון די אידען געמאַכט פאַר איינפאַכע שקלאַפען, וועלכע זיי האָבען געמאַטערט מיט שווערע אַרבעט און מיט קלעפּ און מיט הונגער. און מיט די איבריגע אידען האָבען זיי ביסלעכוויז, ביסלעכוויז אָנגעפיהלט די קאָנצענטריישען קעמפּס און דאָרטען האָבען זיי אָנגעווענדעט אַללע מיטלען אז מען זאָל די אידען צו לאַנג ניט דאַרפען געבען דעם אָרימען עסען וואָס אַן אַרעסטאַנט קריגט און זיי האָבען זיך נאָכאַנאַנד געקליגט ווי אזוי וואָס גיכער די אידען פאַרטיג צו מאַכען.

און דאָ וויל איך שילדערען פאַר אייך בלויז אַ קורצען בילד פון איינעם פון די פיל באַרבאַרישע פייניגונגען און פון די שרעקליכע יסורים וואָס די העכסט ציוויליזירטע מענש׳ן פון דער וועלט, די דייטשען, האָבען געטאָן צו די אונגליקלעכע שוטצלאָזע אידען ווי אויך צו אָרענטליכע ניט אידען אין די קאָנצענטראַציאָהנס לאַגערען. איך וויל אייך בעטין מיר צו פאַרגעבען פאַר דעם שילדערען פאַר אייך פון איינעם פון אזעלכע שוידערהאַפטע בילדער וואָס עס וועט אייך געוויס ניט פאַרשאַפען קיין פאַרגעניגען, אָבער עס איז דאָך אַן אמתער פעקט, וואָס אונזערע ברידער און שוועסטער האָבען נעבאַך דורכגעמאַכט! טאָ לאָמיר כאָטש די קליינע ווילע אָפּקומען מיט דעם מיטפיהלען פון זייערע וויטאָקען בלויז דורך דעם לייענען פון זייערע פיין און לאָמיר זיך אויף איין ווילע אריינגעדרינגען און פאָרשטעלען זיך די טויט שרעק און די געוואַלדיגע יסורים וואָס די אונגליקליכע קרבנות האָבען געהאַט דורכגעגאַנגען איידער דער טויט האָט זיי בעפרייט פון אַזעלכע שוידערליכע פיין.

דאָס איז ניט קיין אויסגעטראַכטע געשיכטע וואָס איז געשריבען געוואָרען פון אַ שרייבער, אזוי ווי מיר קענען זעהען מאַנכע אויסגעטראַכטע קרימינעלע געשיכטעס. דאָס וואָס איך גיי דאָ פאַר אייך פאָרשטעלען, איז אַן אמתער בילד פון דאָס וואָס מען האָט געטאָן צו לעבעדיגע מענש׳ן אזוי ווי מיר זיינען. אונטער די טויט שרעק פון דעם אויסגעשטעלטען אָנגעלאָ־

דענעם רעוואָלווער און פון די אומברחמנותדיגע שמיטץ פון גומענע שאָמ־באָקס, וועלכע עס האָבען אַ שטיק בליי אויפען ברעג האָט געמוזט איין מענש אָדער אַ גאַנצע גרופּע אויסגעהונגערטע מענש׳ן זיך אוועקלייגען מיטן נאַ־קעטען בויך אויפן צעמענטענעם פלאָר און האָבען געמוזט אזוי ליגען פאַר אַ געוויסע צייט און ניט געטאָרט זיך געבען אַ ריהר אָדער זיך אַ דריי טאָן אויף אַ זייט!

ווער קען דאָס ניט פאַרשטיין, אז פון בויכוויטאָק פון דעם האַלטען דעם נאַקעטען בויך אויפען קאַלטען צעמענטענעם פלאָר קען בשום אופן אַ לע־בעדיגער מענש לאַנג ניט אויסהאַלטען און ער מוז זיך פּאַרט פון בויכווייטאָק ניט ווילענדיג דאָך אַ דריי טאָן! און אָט פאַר דעם טאָן פון אזא פאַרברעכען, פאַר ניט אויסהאַלטען פון דעם בעפעהל, אז מען טאָר זיך ניט אַ דריי טאָן, האָט מען די אונגליקליכע קרבנות אָנשטאָט צו האָבען רחמנות אויף זיי און אָנשטאָט פון מיטפיהלען זייערע שמערצען, האָט מען גאָר גענומען שמייסען זיי מיט די גומענע שאָמבאָקס, וואָס פון יעדען שמיטץ האָט דערלאַנגט אַ שפּריטץ בלוט און וואָס פון יעדען שמיטץ האָט אויך אָפּגעריסען אינעווייניג דעם לונג און לעבער אָדער די האַרץ און ווען דער האַלב טויטער האָט זיך געראַנגעלט מיטן טויט, האָט דער געסטאַפּאָ דאָן זיך דערבאַרעמט אויפען קרבן אז ער זאָל זיך צופיל ניט אָנמאַטערען און ער האָט דעם האַלב טויטען געשענקט אַ קויל פון זיין רעוואָלווער אין קאָפּ אָדער אין האַרצען און אזוי איז דער אונגליקליכער קרבן פּטור געוואָרען פון זיינע שרעקליכע ליידען אויף אַלעמאָל!

קען ווער פון אייך זיך פאַרשטעלען פאַר איין מאָמענט ווי שרעקליך עס איז דער דורכמאַכען פון אזא טרויעריגען טויט?! די שרעק און די ווייטאָקען אײדער דער טויט האָט געמאַכט אַ ענדע צו אַזעלכע שרעקליכע יסורים. אַזעלכע שענדליכע ברוטאַלע מערדערייען זיינען אָפּגעטאָן געוואָרען אין די קעלערען פון די קאָנצענטריישען קעמפּס, וואו אַ מענש׳נס פוס האָט ניט געהאַט קיין צוטריט. דאָך זיינען די געוואַלדיגע געשרייען פון די אונגליק־ליכע קרבנות דערגאַנגען צו די אידישע געמיינדעס וועלכע עס האָבען עק־זיסטירט בלויז פאַר אַ געוויסען צוועק, בלויז אויסצופיהרען פערשידענע בעפעהלען פון די בעאַמטע פון דער מערדערישער מאַכט אויף דער אידישער בעפעלקערונג. אָבער אויסערדעם זיינען די אידישע געמיינדעס געווען אַבסאָלוט מאַכטלאָז צו קענען עפּעס טאָן פאַר זייערע ליידענדע ברידער.

פון דעסטוועגען האָבען פיל מעמבערס פון די אידישע געמיינדעס איינ־געשטעלט זייערע אייגענע לעבענס און האָבען מיט גרויס געפאַר און מיט די גרעסטע שוועריגקייטען איינגעבעטען זייערע גוישע פריינד ווען זיי האָבען גוט בעפריידיגט, אז זיי זאָללען דורכפיהרען שריפטליכע ביטעס און זיי זאָללען אויך מונדליך איבערגעבען די טויט־שרעק און די גרויזאַמע פיין

פון דער אונגליקליכער אידישער בעפעלקערונג, וועלכע עס ווערט טאָג און נאַכט סיסטעמאַטיש אויסגעראָט! די גוישע פריינד זאָללען דאָס פאַרעפּנט־ליכען צו אַללע פעלקער פון דער וועלט און זיי זאָללען בעטען אז מען זאָל וואָס גיכער זיך אָננעהמען און מען זאָל ווירקען אויף די גזלנים אויף די דייטשען, אז זיי זאָללען אָפּשטעלען דעם שוידערלעכען פאַרברעכען געגען אַ טייל פון דער מענשהייט!

און ווען די גרויסע מלוכות וואָלטען נור געוואָלט האָבען זיי יאָ געקענט צווינגען דייטשלאַנד אז זי זאָל אָפּשטעלען דיזען פאַרברעכען! אָבער ליי־דער האָבען די אידישע דרינגענדע ביטעס און אָנווענדונגען גאַרניט גע־ווירקט אויף די מלוכות, ווייל פיל פון זיי האָבען זיך גאַר געפרייט אין זייערע הערצער אז מען קוילעט אויס די אידען. מאַנכע פון זיי האָבען יאָ כלומרשט בעוויזען קראָקאָדיללישע טרער׳ן און האָבען זיך אָפּגעכשרט בלויז מיט אַן אויסרייד, אז מען קען אין דער זאַך גאָרנישט טאָן, ווייל דאָס איז אַן אינער־ליכער ענין פון דייטשלאַנד אליין און מען קען זיך ניט אריינמישען אין יע־נעמס אינערליכע ענינים. אָבער אין זייערע הערצער האָבען זיי געטראַכט גאָר אַנדערש און האָבען זיך גאָר געפרייט מיט דעם, וואָס מען וועט דערוויל פטור ווערען פון די אידישע פאַבריקאַנטן און פון די אידישע טרעוולערס, ווער עס קאָנקורירען מיט די דייטשישע סחורות אויפען וועלט מאַרקעט. און אום צו פראַווען אז זייערע רייד זיינען געוועזען ניט קיין אמתע, אז מען קען קיין זאַך ניט טאָן אָפּצושטעלען די בלוט־באָד אויף די אידען, קען מען זעהען פון אַ שפּעטערדיגען פּעקט, אז ווען די דייטשען האָבען שפּעטער אַהין גע־שאָסען געפאַנגענע פליהער, האָבען זיך די דאָזיגע מלוכות שוין יאָ אריינגע־מישט און געמאַכט אַ געוואַלד און געוואָרנט דייטשלאַנד אז זי זאָל דאָס אויפ־הערען צו טאָן! אָבער פאַר די אידען איז ניט געוועזען ווער עס זאָל זיך אָננעהמען.

פיל אידען האָבען אין יענע טרויעריגע צייטען איינגעשטעלט זייערע לעבענס אין קאַהן און מיט די גרעסטע געפאַר זיינען זיי קוים דערקראַכען צו די גרעניצען פון דייטשלאַנד צו פראַווען זיך אפשר וועט זיין מעגליך צו אַנטלויפען פון דעם זיכערען טויט. און ווען זיי האָבען זיך אריבערגעכאַפּט איבער די גרעניצען און אַנגעקלאַפּט אין די טירען און אין די פענסטערס פון די הייזער אין די לענדער, וועלכע עס גרעניצען זיך מיט דייטשלאַנד, מיט טרערין און מיט בלוט אין זייערע אויגען און מיט טויט שרעק פון די מער־דערער וועלכע עס האָבען זיך געיאָגט נאָך זיי און זיי האָבען זיך געבעטען מען זאָל זיי ראַטעווען פון די גזלנים. זיי האָבען זיך געבעטען: נעהמט אונז אריין אין אייערע הייזער. די גזלנים לויפען נאָך אונז! האָט רחמנות, ראַ־טעוועט! וואָס אָבער האָבען די אַרומיגע פעלקער געטאָן? זיי האָבען פאַר־האַקט טיער און טויער און האָבען זיך געמאַכט אז זיי זעהען גאַרניט און זיי

פאַרשטייען גאָרניט ווי די מערדערער נעהמען צוזאַמען די אונגליקליכע אידען און ווי זיי מאַכען פון די אידען אַ טרויעריגע ענדע.

ווי קען דאָס זיין מעגליך ביי היינטיגע צייטען, אַז אזא ציוויליזירטע וועלט זאָל שטיין פון ווייטען און זאָל צוקוקען קאַלטבלוטיג ווי באַרבאַרען שטייען טאָג און נאַכט און מאַכען אַ תל פון אַ שוואַכען אויסגעמוטשעטען פאָלק, וועלכער עס וואַלגערט זיך 2000 יאָהר צווייט און צושפּרייט איבער דער גאָרער וועלט, אַ פאָלק וועלכער האָט ניט דורכגעמאַכט אפילו איין דזשענערײשען אין וועלכען זיין בלוט איז ניט פאַרגאָסען געוואָרען. עס איז כמעט ניטאָ אפילו איין מדינה דורך וועלכער דער איד האָט געמוזט דורכ־וואַנדערען אַז זי זאָל ניט האָבען אַ האַנט אין דעם פאַרגיסען פון אידישע בלוט! אזא אונגליקליכער פאָלק וועלכער עס מוז נאָכאַנאַנד לויפען פון איין מדינה צו אַן אַנדערער, ווייל איבעראַל איז ניטאָ קיין רחמנות און קיין יושר.

און דעריבער וויל איך פרעגען אַ איינפאַכע פראַגע וואָס יעדער מענש ווער עס האָט נור עפּעס פאַרשטאַנד, וועט דאָס קענען ענטפערין: וואָס זיי־נען די יעניגע מלוכות ווער עס האָבען יאָ געקענט ווירקען אויף די גזלנים, אַז זיי זאָללען אָפּשטעלען דעם שרעקליכען מאָרד אויף די אונגליקליכע אידען, אָבער זיי האָבען זיך אָנשטאָט דעם גאָר געמאַכט טויב צו די אויסער־געוויינליכע געוואַלדען פון די אונגליקליכע? זיינען אַזעלכע מלוכות עפּעס בעסער פון די גזלנים אַליין?

אַז עס ברענט אויס אַ פייער אין אַ שטעדטיל, וואָס איז אין אַזאַ פאַל די פליכט פון יעדען אָרענטליכען מענש'ן צו טאָן? יעדער איינער פון אונז וועט איינשטימען אַז אַ אָרענטליכער מענש ווער עס בעזיצט עפּעס אַ האָר יושר אין זיך, מוז העלפען ערשטענס אויסצולעשען דעם פייער און אויך אַרויסצוראַטעווען פון דער ברענענדיגער הויז וואָס עס איז נור מעגליך. און אויך אַרויסצוראַטעווען פון די אַרומיגע הייזער אַללעס וואָס עס איז נור מעגליך.

אַז דער אידישער פאָלק האָט אַזוי שרעקליך געברענט אין דייטשלאַנד און אַז די גרויסע מלוכות, וועלכע עס האָבען געהאַט די מאַכט און די מעג־ליכקייטען און וועלכע עס האָבען געווים פאַרויס געזעהען, אַז דער שרעק־ליכער פייער וועט זיך געוויס פאַרשפּרייטען אין די אַרומיגע לענדער, וועל־כע מען האָט געקענט ערוואַרטען אַז די נאַזיס וועלען פאַרכאַפּען, האָט יע־דער אָרענטליכער מענש אין דער וועלט און איבערהויפּט די יעניגע מענש'ן מיט וועמענס ווערטער די וועלט רעכינט זיך, האָבען די דאָזיגע ניט געטאָרט רוהען און האָבען געמוזט האַסטיג אָנווענדען אַללע נויטיגע מיטלען אום אויסצולעשען דעם שרעקליכען פייער, וועלכער האָט אומגעבראַכט אַזוי פיל

אונשולדיגע קרבנות און זיי האָבען אויך געמוזט טאָן זייער בעסט אום אַרויסצוראַטעווען די אונגליקליכע אידען פון די אַרומיגע ערטער וואו דער פייער האָט זיי געקענט גרייכען! וואָס אָבער האָבען געטאָן די אַללע גרויסע מענש'ן פון וועמען די וועלט האָט געהאַלטען און איבערהויפּט וועמען די אידישע וועלט האָט געהאַלטען פאַר זייערע אמתע פריינד און האָבען געדיינקט אז וואָס זיי רײדען איז אמת? האָבען דיזע מענש'ן דען געטאָן זייערע מענשליכע פליכטען? וואו האָבען זיך אהין געטאָן זייערע מענשליכע געפיהלען?

איז עס ניט אַ פאַרדאָרבענע וועלט, אין וועלכער עס איז ניטאָ אַבסאָליוט קיין רחמנות און קיין יושר?!

זיבעטער קאַפּיטעל

אידער איך גיי ענטפערין אויף אַללע פראַגעס וועלכע עס האָבען זיך אָנגעקליבען ביז אַהער און וועלכע איך האָב זיך אונטערנומען צו ענטפערין און ריכטיג זיי אויפקלערען, וואָלט איך וועלען מיינע געהערטע לעזער פאָראויס אויפמערקזאַם מאַכען, אז איך וועל מוזען פאַרברייגגען פאַר אייך אַלגעמיינע היסטאָרישע פעקטס ווי אויך געוויסע פעקטס פון אונזער תורה און פון אגדתות, וועלכע עס זיינען אפשר צו מעהרערע פון אייך שוין בעקאַנט, ווייל איהר האָט דאָס געוויס שוין אַמאָהל געלערענט אין חדר ווען איהר זייט געוועזען נאָך יונג. למשל, „די היסטאָרי פון אברהם אבינו", וואָס דאָס איז אָבער דער גאַנצער פונדאַמענט אויף וואָס דיזער בוך שטיצט זיך, ווי אויך די אַנדערע פעקטס פון דער תורה וואָס איך גיי פאָרברייגגען, וועלכע עס זיינען אויך געוויס באַקאַנט צו אייך.

אָבער איך וויל אייך איין זאַך בעמערקען: מיר אידען האַלטען זיך, אז מיר זיינען כולנו חכמים, כולנו נבונים, כולנו יודעים את התורה. פון דען וועט איהר זיך באַלד איבערצייגען אז פיל פון אונז וויסען נעבאַך אזוי ווייניג, אז עס וועט פאַר מאַנכע פון אונז זיין באמת שווער צו געבען אַ ריכטיגען אַנטוואָרט אפילו צו אזא פשוטע פראַגע ווי למשל, וואָס איז אַ איד?

איך וואָלט טאַקע וועלען וויסען איהר זאָלט מיר זאָגען די ריכטיגע מיינהג וואָס אַ איד איז. איז אַ איד אזא זאָרט בעשעפעניש, וועלכע עס יאָגט זיך נאָך געלט לויט ווי אַנדערע מענש'ן זאָגען, אָדער אַ איד איז די איינציגע בעשעפעניש, דער שעיר לעזאזל פון דער וועלט, אויף וועמען מען דאַרף אויסגיסען דעם גאַנצען צאָהרען און אויף וועמען מען דאַרף מאַכען פּאָגראָמען. זאָל דאָס זיין די ריכטיגע בעדייטונג וואָס אַ איד איז, צו וואָס דער איד איז בעשאַפען געוואָרען? איהר וועט אודאי זאָגען אז א איד איז

פונקט אזא מענש ווי אַללע אַנדערע מענש׳ן אין דער וועלט. דער איד איז אזא מענטש ווי דער איינגלענדער, ווי דער פראַנצויז אָדער ווי דער אמעריקאַנער, און מיט איין וואָרט: דער איד איז פונקט אזא מענש ווי אַללע מענש׳ן אין דער וועלט אָהן קיין בעזונדערע אויסנאַהמקייט! איב אזוי? איב דער איד איז פונקט אזא מענש ווי אַללע מענש׳ן פון דער וועלט, אָהן קיין בעזונדערע אויסנאַהמקייט, וועל איך אייך פרעגען אַ פראַגע: פאַרוואָס עפּעס מאַכט מען פאַגראָמען דוקא אויף אידען אליין און ניט אויף קיין אנדערע מענש׳ן? פאַרוואָס האָט מען דוקא פיינט דעם אידען אליין, ערגער ווי מען האָט פיינט אַ שוואַרצען, אַ געלען אָדער אַ ברוינעם אונציוויליזירטען מענש׳ן?

אַלזאָ, איב איהר ווילט וויסען דעם ריכטיגען אַנטוואָרט צו אזא מערקווירדיגע און זייער וואונדערבאַרע פראַגע וואָס אַ איד איז אין דער אמת׳ן? מוזט איהר אַנערקענען אַז עס איז ניט אזוי לייכט צו ענטפערין אזא קאָמפּליצירטע פראַגע און דעריבער וועל איך מוזען בעטין זיך טיף ארייַנצודרינגען און צו לעזען מיט אַ קלאָרע קאָפּ די אַללע פעקטס וועלכע איך גיי באַלד פאַרברייגען פאַר אייך, ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס איהר האָט שוין דאָס אַמאָהל געלערענט אין חדר! ווייל ווען איהר האָט דעם חומש געלערענט יונגערהייד האָט איהר די אַללע געשיכטעס פון חומש אָנגענומען אַלס איינפאַכע געשיכטעס, בלויז אַלס אַ פיינע געשיכטע פון דער וועלט בעשאַפונג און בלויז אַלס די איינפאַכע געשיכטע פון דעם אידישען פאָלק. די אַללע געשיכטעס זיינען ביי אייך געוועזען כמעט אָהן קיין אונטערשייד און אָהן קיין בעזונדערע אויסנאַהמקייט פון אַללע אַנדערע היסטאָריעס פון פערשידענע פעלקער וועלכע מען לערינט אין אַללע סקולען פון דער וועלט. איהר האָט די געשיכטעס פון חומש אָנגענומען אַלס אנדערע טרוקענע היסטאָריעס אין וואָס אַ סך פון אונז זיינען גאָרניט צו פיל פאַראינטערעסירט. למשל: ווער וויל דאָס וויסען און וועמען גייט עס אָהן וויפיל קיסרים רוססלאַנד, איטאַליע אָדער גריכענלאַנד האָבען געהאַט? אָדער ווי האָבען זיי געהייסען? ווי לאַנג יעדערער פון זיי האָט געלעבט? און וויפיל מלחמות יעדערער פון זיי האָט געוואונען אָדער פאַרלאָרען? מיר האָבען דאַן אבסאָליוט גאָרניט פאַרשטאַנען אַז דער חומש איז גאָר אַ בעזונדער אויסנאַהמיגע היסטאָרי, וועלכע מען קען בשום אופן ניט פאַרגלייכען צו אַללע אַנדערע היסטאָריעס. דער חומש איז ניט נור די היסטאָרי פון דער וועלט באַשאַפונג און פון דעם אידישען פאָלק, נור די תורה איז גאָר די וויכטיגסטע לעהרע סיי פאַרן אידען און דאָס גלייכען אויך פאַר יעדען מענש׳ן פון דער וועלט. ווייל אָהן דיזע לעהרע קען די מענשהייט פאַר קיין פאַל ניט עקזיסטירען. וואָס פאַר אַ סיסטעם עס זאָל ניט געשאַפען ווערען, קען דאָס אָהן די וויכטיגע לעהרע וואָס די תורה לערנ׳ט בשום אופן ניט זיין די גאַנצע 100% גוט. אָדער אזוי ווי אַ מענש קען ניט ווערען קיין גוטער דאָקטאָר סיידען ער האָט

געלערענט „אַנאַטאָמיע״, די געביי פון דעם מענש׳נס קערפּער, וואו יעדער איבר געפינט זיך און ווי אזוי די מענשליכע מאַשין אַרבעט. דאַן קען דער דאָקטאָר וויסען אין פאַל ווען אַ מענש ווערט קראַנק וועלכער איבר עס איז קראַנק און מיט וואָס מען קען דאָס היילען. קען אָבער אַ מענש זאָגען אז ער קען היילען קראַנקע, אייב ער האָט די אַללע געזעטצען ניט געלערענט ?! אזוי קען דער מענש ניט זיין קיין ריכטיקער מענש סיידען ער האָט געלע־רענט די אַללע געזעטצען פון זיין בעשעפער.

איהר האָט געוויס געזעהען, ווען איהר קויפט אַ נייע מאָטאָרקאָר אָדער וועלכע ניט איז מאַשין, קריגט איהר פון דעם פאַבריקאַנט אַ ביכל אין וועל־כען איהר געפינט אַללע אָנווייזונגען ווי איהר זאָלט אָנגיין מיט דער מאַשין כדי זי זאָל אייך געבען די בעסטע נוטצען וועלכע איהר ערוואַרטעט פון איהר צו קריגען. פון וועמען האָט דאָס דער פאַבריקאַנט גענומען די אידיע צו געבען דעם בוקלעט צו די קאָסטימערס ? דער פאַבריקאַנט האָט דאָס געלערענט פון דעם גרעסטען פאַבריקאַנט ווער עס האָט באַשאַפען אזא וועלט ווער עס האָט אַרויסגעגעבען דעם הייליגען בוך, די תורה, ווער עס לערינט אונז ווי די מענשהייט דאַרף זיך פיהרען כדי אז די מענשליכע מאַשין זאָל זיך האַלטען גוט און די מענשהייט זאָל לעבען גליקליך.

און יעצט קומט דער משל : עס איז אַמאָהל געוועזען אַ מאַהן ווער עס האָט פון זיינע יונגע יאָהרען אָהן געליטען פון קאָנסטיפּיישען, פון אַ פאַרשטאָפּטען מאָגען, ווי מען רופט דאָס. ווען דער מאַהן איז נאָך געוועזען אין זיינע יונגע יאָהרען איז זיין פאָטער געגאַנגען מיט איהם צו זעהען אַ דאָקטאָר אין זייער שטאָדט, וועלכער איז געוועזען זייער אַן אַלטער מאַהן און וועלכער עס האָט, ווי מען קען פאַרשטיין, געהאַט זייער פיל פּראַקטיק אין זיין לאַנגען לעבען, ווער עס האָט אויך פאַרפאַסט מעדיצינישע ביכער.

דער דאָקטאָר האָט דעם בחור׳ל דאַן זייער גוט אונטערזוכט און האָט איהם אויסגעפרעגט אלערליי פראַגעס בנוגע זיין קראַנקהייט. ער האָט איהם נאָכדעם געראַטען פאָלגענדעס צו טאָן : ערשטענס דאָס ער זאָל טרינקען וואַסער׳ וויפיל ער קען נור, צווייטענס דאָס ער זאָל עסען אָרענדזשעס, אַפּעל־סינען איינציגע יעדען טאָג, ער זאָל עסען אין צייט ווי עס איז איינגעשטעלט, 3 מאָהל אַ טאָג. ער זאָל ניט לאָזען איבערהלעשין די האַרץ און ער זאָל זיך דורכגיין יעדען אָבענט נאָך וועטשערע ווייניגסטענס פאַר אַ האַלבע שעה צייט. דער דאָקטאָר האָט איהם פאַרזיכערט אז אייב ער וועט דאָס אַללעס אָפּהיטען צו טאָן ווי ער האָט איהם אָנגעזאָגט וועט ער זייער גיך ווערען אַ פאָלשטענ־דיג געזונטער מענש.

דער בחור האָט צום אָנפאַנג אָפּגעהיט צו טאָן וואָס דער דאָקטאָר האָט איהם אָנגעזאָגט. אָבער דאָס האָט בלויז אָנגעהאַלטען פאַר אַ קורצע צייט.

ער האָט זיך ביסלעכווייז אָפּגעלאָזען. ער האָט גענומען דורכלאָזען אַ סך טעג פון צו טאָן פּינקטליך וואָס דער דאָקטאָר האָט איהם געהייסען צו טאָן ביז ער האָט אין גאַנצען זיך אָפּגעלאָזען. עס פאַרשטעהט זיך אַז זיין קאָנסטי־פּיישען האָט זיך צוריקגעקעהרט און ער האָט ווידער גענומען ליידען פּונקט אזוי ווי פריהער, אַ האָר ניט בעסער.

גוטע פריינד האָבען איהם געראָטען ער זאָל אפשר צוגיין זעהען דעם יונגען דאָקטאָר וועלכער עס האָט געוויס שטודירט אין מאָדערנע יוניווערסי־טיעס, אפשר וועט ער איהם געבען אַ בעסערען מיטעל ווי דער אַלטער דאָק־טאָר האָט איהם געגעבען? ער האָט זיינע פריינד טאַקע געפאָלגט און ער איז אַוועק צום יונגען דאָקטאָר אפשר וועט ער איהם קענען ראַטעווען? דער יונגער דאָקטאָר האָט איהם אונטערזוכט און האָט אויסגעפרעגט פערשידענע פראַגעס און האָט איהם פאַראָרדענט צו נעהמען איינמאָל אַ וואָך אַ דאָזע קאַסטאָר־אייל וואָס ער האָט געהאַלטען אַז דאָס וועט ניט פאַלען דעם חולה שווער אָפּצוהיטען און עס וועט איהם דאָס טאָן גוט. דער חולה האָט אזוי מיט מאַטערניש געטרייט צו נעהמען די קאַסטאָר־אייל יעדען זונטאָג, אָבער אזוי ווי עס איז ניט קיין אָנגענעהמע זאַך צו נעהמען קאַסטאָר־אייל, האָט ער עס באַלד אויפגעהערט צו נעהמען. ער האָט דעריבער נאָך אַלץ געליטען פון זיין קאָנסטיפּיישען, ער איז גאָר געוואָרען ערגער.

אַנדערע מענש׳ן האָבען איהם גאָר געגעבען אַן עצה ער זאָל גיין זעהען דעם האָספּיטאַל־דאָקטאָר, פון וועמען אַ סך מענש׳ן אין שטאָדט האָבען זייער פיל געהאַלטען. ער האָט אויך דאָס געפאָלגט און איז אַוועק צו דעם דאָקטאָר אַהיים און ער האָט זיך געלאָזט אונטערזוכען און ער האָט איהם דערציילט ווי ער ליידעט אזוי לאַנג פון דעם קאָנסטיפּיישען און פון זייער אָפטע קאָפּ ווייטאָק און ער האָט איהם אויך דערציילט וואָס די פריהערדיגע דאָקטורים האָבען איהם געהייסען צו טאָן און ווי עס האָט געאיבעלט צו נעהמען די קאַסטאָר־אייל און ווי עס האָט איהם קיין זאַך ניט געהאָלפען.

דער דאָקטאָר האָט אַללעס אויסגעהערט און ער האָט ווי עס ווייזט אויס פאַרשטאַנען אַז דאָס איז אַזאַ זאָרט חולה וואָס גלייכט צו פרעגען עצות וואָס צו טאָן אָבער אָפּצוהיטען וואָס מען ראָט איהם צו טאָן האָט דאָס קיין געדולד ניט. האָט ער איהם דעריבער געראָטען צו נעהמען יעדען זונטאָג פרי אַ דאָזע עפּסאָם־סאָלט, האָפענדיג אַז ער וועט אפשר דאָס נעהמען פּינקטליך און דיזער מיטעל וועט איהם אפשר האַלטען גוט פאַר דער גאַנצער וואָך?

דער חולה האָט גענומען נעהמען די עפּסאָם־סאָלט יעדען זונטאָג אזוי ווי דער דאָקטאָר האָט איהם אָנגעזאָגט. און כל זמן ער האָט דאָס גענומען האָט ער זיך טאַקע געפיהלט בעסער, אָבער דאָס האָט אויך לאַנג ניט אָנגע־האַלטען און ווי נור ער האָט זיך גענומען פיהלען עטוואָס בעסער איז דאָס איהם אויך מיאוס געוואָרען צו נעהמען. מיר קענען זיך פאַרשטעלען אַז ער

האָט באַלד ווידער געגומען לידען אזוי ווי פריהער. דערצו האָט ער געהאַט אַ חסרון וואָס דאָס האָט איהם אויך צעטומעלט און וואָס עס האָט זיין צוטרוי צו די אַללע מיטלען אָפּגעשוואַכט. וויל ער איז געוועזען אַזאַ סאָרט מענש וואָס האָט געגליכען צו דערציילען פון זיין קראַנקהייט צו יעדען מענש'ן ווע־מען ער האָט נור געטראָפען און פלעגט גלייכען פרעגען עצות ביי אַלעמען וואָס צו טאָן און יעדערער האָט איהם אַן אַנדער עצה געגעבען. און אזוי האָט ער ניט געוואוסט וועמען ער זאָל בעסער פאָלגען. אזוי איז ער ארומגעגאַנ־גען אַ צוטומולטער און אַ פאַרזאָרגטער און האָט זייער שלעכט אויסגעזעהען אין פנים, אז מענש'ן פלעגען איהם פרעגען וואָס איז דער מעהר וואָס ער זעהט אויס אזוי שלעכט?

איין טאָג האָט ער זיך אָנגעטראָפען מיט אַ גוטען בעקאַנטען וועלכער עס האָט איהם געזאָגט אז ער האָט געהערט פון געוויסע פּילען פאַרן מאַגען וואָס עס איז געוועזען אַדווערטייזט אין די צייטונגען און עס האָט זיך גע־שריבען אז זיי זיינען רעקאָמענדעט ביי אַ געוויסען דאָקטאָר. אויך אז די פילען זיינען אָנגעגעבען צו נעהמען און דאָס האָט א סך מענש'ן געהאָלפען. דער מאָהן איז גלייך אוועק אין אַפּטייק און האָט געקראָגען די דאָזיגע בע־רימטע פּילען און ער האָט דאָס גענומען אַפּהיטען צו נעהמען יעדען אָבענד פאַרן שלאָף אזוי ווי עס האָט זיך געשריבען אויף דער קעסטעלע די אָנווייִ־זונגען ווי מען דאַרף דאָס נעהמען. עס האָט דאָס איהם טאָקע גאַנץ גוט גע־טאָן כל זמן ער האָט דאָס געהאַלטען אין נעהמען. אָבער מיט אַמאָהל האָט ער דערשפּירט אז ער לידט אויף אַ נייער קראַנקהייט: אויף אָפענע מי־רידען וואָס עס האָט גענומען בלוטיגען! ווייזט אויס אז ער האָט צורייצט זיינע געדערים מיט די אַלערליי זאָרטען מעדיצינען, וועלכע ער האָט גע־ביטען אַללע ווייִלע.

ווי ער האָט דערשפּירט פון דער נייער קראַנקהייט האָט ער שוין אינ־גאַנצען פאַרלאָרען זיין מוטה. איבערהויפּט אין יענע מאָמענטען ווען ער פלעגט זיך פאָרשטעלען אַ בילד ווי ער ליגט אויפען אָפּעראַציאָהנס טיש און ווי מען מאַכט איהם די אָפּעראַציאָהן אויף די מירידען. ער האָט גענומען טראַכטען נאָכאַנאַנד וועגען זיין טרויעריגע לאַגע און ער איז געקומען צו אַזאַ זאָרט געדאַנק: צו וואָס טויג איהם זיין לעבען אינגאַנצען?! אפילו אייב ער זאָל שוין בלייבען לעבען פון אַזאַ אָפּעריישען וועט ער דאָך דאַר־פען נעהמען אַלץ איינס זיין גאַנצען לעבען מעדיצין פאַר זיין קאָנסטיפּיי־שען און ווער ווייס אייב ער וועט ווען ניט איז פטור ווערין פון זייך קאָנסטי־פּיישען? אַ זאַך וואָס עס מאַטערט איהם אזוי פיל. פון וואָס ער לידט מיט אַזעלכע קאָפּ ווייטאָק, וואָס עס בעהמט איהם אָפּ זייך גאַנצען מוטה! און מאַכענדיג אַזאַ חשבון הנפש איז ער געקומען צום בעשלוס אז מען דאַרף זיך גאַר נעהמען דאָס לעבען און עס זאָל נעהמען אַ ענדע צו אַללע צרות!

און צו אַזעלכע ליידען! מיט אַזאַ געדאַנק האָט זיך דער מאַהן אַרומגע־טראָגען טאָג און נאַכט אַז מען דאַרף זיך נעהמען דאָס לעבען.

דערזוייל האָט פּאַסירט אַ געשיכטע אין זייער שטאָדט אַז דער גרויסער גביר איז געפעהרליך קראַנק געוואָרען און דעם גביר׳ס פאַמיליע האָט ארויסגערופען פאַר איהם אַ געוויסען בעריהמטען פּראָפעסאָר פון דייטש־לאַנד. דער פּראָפעסאָר האָט געמוזט פאַרבלייבען ביים חולה איבער אַ וואָך. פיל חולאים פון שטאָדט האָבען אויסגענוצט די גרויסע געלעגענהייט און האָבען זיך אַ לאָז געטאָן צום פּראָפעסאָר אין האָטעל צו זעהען איהם אין זיינע פרייע שטונדען. דיזער קראַנקער וועמען איך האָב דאָ פריהער בע־שריבען, וועד עס האָט אַזוי שטאַרק געליטען אויפען מאָגען, האָט אויך בע־שלאָסען צו גיין זעהען דעם פּראָפעסאָר אפשר וועט פאַר איהם אויך קומען אַ הילף? מיט גרויסע שוועריגקייטען האָט ער זיך קוים דערשלאָגען אַנ־צוקומען צום פּראָפעסאָר.

ווען ער איז אָנגעקומען געוואָרען ביים פּראָפעסאָר האָט ער דעם פּראָ־פעסאָר דערציילט וואָס ער האָט נור געהאַט אויפען האַרצען. ער האָט איהם דערציילט פון זיין קראַנקהייט פון אלף ביז תף. און אויך פון אַללע דאָק־טוירים וועמען ער האָט ביז אַהער געזעהען און פון די אַללע מיטלען וואָס זיי האָבען איהם געגעבען און אַז קיין זאַך האָט איהם ניט געהאָלפען און איבערהויפּט וועגען דעם וואָס ער ליידט יעצט פון דער נייער קראַנקהייט, פון די מירידען. ווי ער פאַרליהרט אַ סך בלוט און דעריבער איז זיין לעבען איהם אינגאַנצען מיאוס געוואָרען, אַז ער טראַכט זיך צו נעהמען דאָס לעבען, איבערהויפּט אין יענע מאָמענטען ווען ער נעהמט טראַכטען אַז ער מוז דורכמאַכען אַזאַ שווערע אָפּעראַציע!

דער פּראָפעסאָר האָט גלייך בעמערקט מיט וואָס פאַר אַ זאָרט מענש׳ן ער האָט דאָ צו טאָן, און ער האָט טאַקע געהאַט גרויס מיטלייד מיט איהם. ער האָט איהם טאַקע זייער גוט אונטערזוכט, ער האָט איהם אויסגעטאַפּט דעם גאַנצען בויך און האָט איהם דורכגעטאַפּט אַללע זיינע איברים. דערנאָך האָט ער אים געהייסען זיך אָנצוטאָן און זאָל זיך אוועקזעטצען ביי זיין שרייב טיש. ווען דער חולה האָט זיך אוועקגעזעצט אַנטקעגען דעם פּראָפעסאָר האָט דער פּראָפעסאָר איהם געבעטען ער זאָל זיך גוט איינהערען וואָס ער גייט ריידען צו איהם און ער זאָל פאָלגען וואָס ער גייט איהם ראַטען צו טאָן, אייב ער וויל באמת געזונד ווערען. און דער פּראָפעסאָר האָט אַזוי געזאָגט: ערשטענס וויל איך דיר זאָגען אַז דו זאָלסט ניט זיין אַזוי אָראָפּגעפאַלען ביי זיך פון דיין מוטה און דו זאָלסט אויפהערען צו טראַכטען וועגען דעם אָפּע־ריישען, ווייל דו דאַרפסט גאָר ניט קיין אָפּעריישען. דיינע מירידען וועלען גאָר גיך פאַרשווינדען פון דעם זאַלב וואָס איך וועל דיר געבען. און צוויי־טענס קען איך דיר פאַרזיכערען אַז דו קענסט ווערען אַ פאַלשטענדיג גע־

זונדטער מענש און דו וועסט גאַר גיך פאַרגעסען פון אַללע דיינע צרות, איב נור אז דו וועסט אַפּהיטען און עס וועט דיר ניט מיאוס ווערען צו טאָן אַללעס וואָס איך וועל דיר אָנזאָגען צו טאָן.

די אַללע אָפּפיהרונגען וואָס די פריהערדיגע דאָקטורים האָבען דיר געהייסען נעהמען זיינען סם פאַרן גוף. מען מעג דאָס נעהמען נור אין געווויסע פאַללען, ווען ניט איז. און איצט געדיינק וואָס איך רייד צו דיר: איב דו ווילסט ווערען אַ פאַלשטענדיג געזונדטער מענש, מוזסטו טרינקען אַ גרויסע גלאָז איינפאַכע קאַלטע וואַסער פון פייפ יעדען אָבענד אידער דו גייסט שלאָפען. אויך אין דערפרי נאָכדעם ווי דו האָסט אויסגעוואַשען דיינע ציינער און דו האָסט אויסגעשווינקט דיין האַלז מוזסטו ווידער טרינקען אַ גלאָז וואַסער אויפען ניכטערען הארצען ביז אַ געוויסע צייט, אז דו וועסט די גלאָז וואַסער פון גלייך אויפען ניכטערען האַרצען קענען אויפהערען צו נעהמען, ווען דיין מאַגען וועט אַרבעטען רעגולייאַר יעדען פרימאָרגען פאַר אָדער נאָך פרישטיק. דו מוזסט אויך טרינקען אַ גלאָז וואַסער איין שעה פאַר מיטאָג און איין שעה פאַר וועטצערע. פיער גלעזער וואַסער אַ טאָג מוזסטו טרינקען אין די שעה׳ן ווי איך זאָג דיר אָהן, אויסער דאָס וואָס דו טרינקסט אויך אנדערע פליסיגקייטען דורכען טאָג. דערצו מוזסטו אַפּהיטען צו עסען אין דער ריכטיגער צייט 3 מאָהלצייטען אַ טאָג אזוי ווי עס איז אָנגענומען געוואָרען ביי דער גאַנצער וועלט. דערצו מוזסטו אויך אויפעסען 3—2 אָרענדזשעס יעדען טאָג, סיי זומער און סיי ווינטער און דו מוזסט אַפּהיטען דורכצוגיין זיך יעדען אָבענד נאָך וועטצערע פאַר אַ שפּאַציר וויניגסטענס פאַר אַ האַלבע שעה. אַלזאָ, איב דו וועסט דאָס אַללעס אַפּהיטען צו טאָן וואָס איך האָב דיר אָנגעזאָגט גיב איך דיר אַ גאַראַנטיע אז דו וועסט שלאָפען גוט און דו וועסט האָבען אַפּעטיט צום עסען און דו וועסט קיינמאָל ניט ליידען פון דיין קאָנסטיפּיישען און פון מירידען!

דער פּראָפעסאָר האָט איהם געהייסען צו בעצאָהלען פאַר זיין בעדינען איהם 100 מאַרק. דער קראַנקער האָט אַללעס זייער גוט אויסגעהערט און נאָכ׳ן בעצאָהלען דעם פּראָפעסאָר ווי ער האָט פאַרלאַנגט, האָט ער זיך אָבער ניט געקענט איינהאַלטען און האָט מיט באַגייסטערונג אַ זאָג געטאָן:

געעהרטער פּראָפעסאָר, איך וויל דיר בעטען אז דו זאָלסט אויף מיר ניט ווערען בייז פאַר די פראַגע וואָס איך וועל דיר פרעגען. איך מוז דיר זאָגען אז איך בין זייער פאַרוואונדערט פון דיר! איך האָב זיך פאַרגעשטעלט אז אזא גרויסער פּראָפעסאָר ווי דו ביזסט, מיט אזוי פיל וויסענשאַפט, וועט געוויס מיר געבען אזעלכע מעדיצין, וואָס קיין היגער דאָקטאָר האָט געוויס קיין אָנונג ניט פון אַזעלכעס! אָבער צו מיין בעוואונדערונג קען איך זעהן, אז דיינע מעדיצין וועלכע דו הייסט מיר נעהמען איז גאַר איינפאַכע וואַסער! אַ זאַך וואָס יעדער איינפאַכער מענש וויס פון דעם און וואָס עס איז

כמעט די זעלבע זאַך װאָס דער ערשטער דאָקטאָר, דער אַלטער מאַהן װע־מען איך האָב געזעהען װען איך בין נאָך געװעזען אַ יונגער בחורעל, װאָס ער האָט מיר דאַן אויך דאָס זעלבע אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל טרינקען װאַסער און איך זאָל עסען יעדען טאָג אַפּעלסינען און איך זאָל טאָן כמעט אַללעס װאָס דו זאָגסט מיר יעצט אַהן צו טאָן! טאַ װי קומט דאָס, אַז אַזאַ גרויסער פּראָ־פעסאָר װי דו בּיזסט זאָל מיר ניט געבען קיין מעדיצין, נור זאָל מיר הייסען צו טאָן פּונקט די זעלבע זאַך װאָס דער אַלטער דאָקטאָר מיט 25 יאָהר צו־ריק האָט מיר געהייסען צו טאָן: צו טרינקען איינפאַכע װאַסער! די װעלט האָט דאָך געװיס פּראָגרעסירט אין דעם געביט פֿון מעדיצין, האָב איך גע־דיינקט אַז די מאָדערנע װעלט האָט געװיס ערפֿונדען נייע װאונדערבאַרע מיטלען. דעריבער בין איך אַזוי פערװאונדערט, אַז איך מוז דיר שטעלען אַזאַ סאָרט פּראַגע.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך אַללעס אַזוי אויסגעהערט מיט געדולד און דערנאָך האָט ער מיט אַ פריינדליכען שמייכעל געענטפערט: מיין זון, איך האָף אַז דו װעסט געװיס פאַרשטיין אַז איך קען דיר ניט אויסלערנען קיין דאָקטאָריע אין איין װיילע, אַזאַ זאַך װאָס עס האָט מיר גענומען צו לערנען און צו פּראַקטיקירען אַזוי פּיל יאָהרען! אָבער דאָס װיל איך דיר יאָ זאָגען: װען דו װאָלסט דאַהן, װען דו בּיזסט געװעזען נאָך יונג און װען דיין קראַנק־הייט איז אויך געװעזען אין אַ יונגען צושטאַנד, װען דו װאָלסט דאַהן פאַר־שטאַנען דעם גוטען ראַט פֿון דעם אַלטען דאָקטאָר פֿון אייער שטאָדט און װען דו װאָלסט דאַהן ריכטיג אָפּגעהיט אַללעס װאָס ער האָט דיר דאַהן אָנ־געזאָגט צו טאָן, װאָלסטו דאָך פאַרשפּאָרט אַזוי פּיל יאָהרען צו ליידען אַזוי פּיל יסורים און עגמת נפש, אַזוי װי דו האָסט זיך אָנגעליטען און דו װאָלסט היינט ניט געדאַרפט קומען צו מיר אין אַזאַ טרויעריגען צושטאַנד, צו בעטען זיך, איך זאָל ראַטעװען דיין לעבען!

דער נמשל איז:

װען דער אידישער פאָלק װאָלט פאַרשטאַנען די װערדע פֿון דעם װאונ־דערבאַרען מיטעל װאָס עס איז זיי געשאָנקען געװאָרען פֿון דעם גרויסען בעשעפער פֿון דער װעלט! אָט די אַללע טייערע אָנװייזונגען אין דער תורה װעלכע זיי האָבען אַליין געמוזט זעהען אָפּצוהיטען דאָס צו טאָן און װעלכע זיי האָבען געמוזט איינפלאַנצען אין זייערע קינדער און װאָס זיי האָבען אויך געמוזט לערנען צו דער גאַנצער מענשהייט, אָט די אַללע נויטיגע און ריכ־טיגע מיטלען װי אַזוי די מענשהייט זאָל לעבען אין שלום און װי עס זאָל קענען זיין אַ גוטע װעלט און אַ זיכערע פאַר דער גאַנצער מענשהייט. אַז מיר אידען װאָלטען דאָס אַללעס פאַרשטאַנען אין װאָס עס ליגט אונזער פאַרזעהען, װאָלטען מיר אידען דאָך ניט געדאַרפט ליידען אַזוי פּיל יאָהרען אין אַזאַ פינסטערען גלות און פֿון אַזעלכע גרויסע צרות װאָס פאַרדאַרבענע

מענש׳ן מאַכען אונז אַהן, ווער עס האָבען ניט קיין מורא פאַר גאָט. און די גאַנצע מענשהייט וואָלט דאַך אויך ניט געליטען מיט אונז צוזאַממען פון אַזעלכע בלוטיגע מלחמות, אין וועלכע עס קומען אום מילליאָהנען מענש׳ן.

אַכטער קאַפּיטעל

און כדי צו קענען דערגיין ריכטיגע אַנטוואָרטען אויף אַללע פראַגעס וועלכע עס האָבען זיך אָנגעקליבען ביז אַהער, מוזען מיר צוערשט מיט אַ קלאָרען קאָפּ דורכשטודירען די פאָלגענדע זייער וויכטיגע זאַך: די היסטאָרי פון דער אַנטוויקלונג פון דער מענשהייט פון אָנהויב פון זינט די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען ביז אונזערע צייטען. אַללעס מוז בעטראַכט ווערין מיט געדולד און מיט פאַרשטאַנד. דאַהן וועלען מיר אָהן צווייפעל דערגרייכען צו די אמתע אַנטוואָרטען אויף אַללע פראַגעס. איך האָף און איך קען אפילו זאָגען אַז איך בין פאָלשטענדיג זיכער אַז פאַר די וועלכע עס וועלען זיך אַריינטאָן מיט אַללעס צו וועלען פאַרשטיין און צו דערגיין דעם אמת, אַז פאַר זיי וועט ניט אויסבלייבען אפילו איין פראַגע וועלכע עס זאָל ניט האָבען פאַרענטפערט געוואָרען. דעריבער וועל איך נאָך אַמאָהל בעט׳ן דעם גע־עהרטען לעזער צו לייענען איבערהויפּט פון יעצט אָהן, מיט גרויס איבער־געבענהייט און מיט פאַרשטאַנד:

עס איז אַ וועלט בעוואוסטע זאַך וואָס כמעט יעדערער פון אונז ווייס פון דעם, פון די געוויסע היסטאָרישע פּאַסירונג וועלכע קומט פאַר פון איביג אָהן, אין יעדען דור, אין יעדע לאַנד, ביי יעדען פאָלק און אין יעדע איינצעל־נע הויז אַן אמתע געשעהעניש, וועלכע עס קומט פאַר מיט יעדען מענש׳ן.

כמעט יעדער מענש, ווען ער איז נאָך אַ קליין קינד ווי נור דאָס קען שוין ריידען, ווי נור דאָס גרייכט צום שכעלע, הויבט דאָס גלייך אָהן צו בע־טראַכטען די אַללע זאַכען און געשעהענישן וועלכע דאָס זעהט ארום זיך און דאָס קינד הויבט זיך אָהן צו וואונדערען ווער עס האָט דאָס אַללעס געקענט מאַכען?

יעדען ליבען מאָרגען אַ זון גייט אויף און פאַרנאַכט פאַרגייט דאָס. אַ צווייטע ליכט, די לבנה, קומט אָהן און זי לייכט אונז דורך די נאַכט, ביז די זון קומט ווידער אָהן. שטערען אין הימעל אָהן אַ צאָהל! דונערען און בליטצען וואָס עס וואָרפען אָהן גרויסע שרעק! רעגען, האָגעל און שנייען, ווינטען און שטורעמס, מוראדיגע היטצען און שרעקליכע פרעסט. פעלדער און וועלדער, הויכע בערג און טיפע טאָלען, טייכען און ימים מיט אַלערליי פישען, חיות און בהמות און אַלערליי פויגלען און נאָך און נאָך אַזעלכע

וואונדערבאַרע זאַכען וועלכע מיר קענען זעהען אין אונזער שיינער וועלט. און עס הויבט אזוי אָהן וואָס ווייטער אַלץ מעהר און מעהר צו מאַטערען דעם קינד'ס מוח'ל אָט די גרויסע וואונדערבאַרע פאַרבאָרגענע פראַגע: פון וואַנען דאָס אַללעס האָט זיך גענומען? ווער האָט דאָס אַללעס אזוי גע־קענט מאַכען?

דער העכערער געפיהל און דער גרעסערער פאַרשטאַנד וועלכער איז אריינגעגעבען געוואָרען אין דעם מענש'ן וויזט אויס, אז עס הויבט זיך אָהן וואָס ווייטער און ווייטער מעהר צו ענטוויקלען און דאָס קינד הויבט אָהן צו פאַרשטיין, אז אזעלכע וואונדערבאַרע זאַכען וועלכע איך האָב אויבען אויס־גערעכענט, זיינען מסתמה באַשאַפען געוואָרען ביי זייער אַ וואונדערבאַרע קראַפט. און דעריבער וואָלט זיך דעם קינד זייער געוואָלט צו כאַפען אַ קוק ווי אזוי דאָס אַללעס איז געמאַכט געוואָרען אָדער ווי זיי ווערען נאָך אַלץ גע־מאַכט. דער קינד וואָס ווייטער אַלץ מעהר און מעהר הערט ניט אויף צו טראַכטען און צו זאָרגען וועגען דער וואונדערבאַרער פראַגע ביז עס קומט צו דעם, אז דאָס הויבט אָהן צו פאַרוואַרפען מיט אַלערליי פראַגעס דעם טאַטען, די מאַמען און שפּעטער אַהין, ווען ער פאַנגט אָהן צו גיין אין חדר אָדער אין סקול, דעם לעהרער און ער בעט מיטן גאַנצן האַרצען אז מען זאָל איהם דערציילען דעם אמת. און מען קען זעהען ווי שטאַרק עס מאַ־טערט דאָס איהם די וואונדערבאַרע פראַגע, אז עס לאָזט איהם ניט רוהען. ער מוז דאָס וויסען ווער האָט דאָס אַללעס געמאַכט און ווי האָט ער דאָס אַללעס געמאַכט? און וואו געפינט ער זיך אָט דער דאָזיגער וואונדערליכער מייסטער און ווי ער זעהט אויס? דער קינד וואָלט זייער צופרידען געוועזען אז מען זאָל איהם אוועקפיהרען צו דעם וואונדערבאַרען מייסטער אז ער זאָל קענען זעהען מיט זיינע אויגעלאַך די גרויסע פאַבריק וואו דאָס אַללעס וואונדערליכעס איז געמאַכט געוואָרען.

און אויף זיינע פילע פראַגעס און ביטעס וואָס דער קינד הערט ניט אויף צו פרעגען, בעקומט ער אַ אַנטוואָרט פון זיין טאַטען אָדער פון זיין מאַמען אָדער פון דעם לעהרער, אז דאָס אַללעס איז טאַקע געמאַכט געוואָרען ביי אַ גרויסע קראַפט און ווי עס האָט זיך ארויסגעוויזען איז די פראַגע ווער עס האָט אין דער אמת'ן דאָס אַללעס געמאַכט, פאַרבליבען אין די ערשטע צייטען ניט קיין פאַרענטפערטע סיי ביין טאַטען און סיי ביי דער מאַ־מען ווי אויך ביין לעהרער. און אין וואָס יעדערער פון זיי האָבען געגלויבט וואָס די וואונדערבאַרע קראַפט קען זיין, האָבען זיי דאָס אויך אזוי איינגע־גלויבט זייערע קינדער און קינד'ס קינדער.

עס זיינען אַמאָהליגע צייטען געוועזען גלויבענס אָהן אַ צאָהל! מענש'ן האָבען געגלויבט אין אַלערליי זאַכען, אז דאָס מוז זיין די וואונדערבאַרע קראַפט וועלכע עס פיהרט אָהן מיט אַללעס און עס זיינען אפילו אין אונזערע

ציימען נאָך אַלץ דאָ פֿערשידענע גלויבענס אין וואָס מענש'ן זיינען איינגעגלויבט. מענש'ן האָבען געגלויבט אז די זון איז דאָס די גרויסע קראַפֿט וואָס מען רופֿט אָהן מיטן נאָהמען גאָט. אז די זון איז דאָס די וואונדערבאַרע אויסערגעוויינליכע קראַפֿט ווער עס האָט אַללעס געמאַכט און ווער עס פֿיהרט אָהן מיט אַללעס. ווייל די זון האָט אַזאַ שטאַרקע ליכטיגקייט, אין וואָס אַ מענטש קען מיטן נאַקעטען אויג ניט אריינקוקען, און אויך דאָס וואָס די זון האָט אזא שטאַרקע אונבאַטירליכע היטץ. אָט די דאָזיגע ערשיינונגען האָבען עס געמאַכט אַ גרויסע טייל פֿון דער מענשהייט צו גלויבען אז דאָס מוז געווים זיין דער וואונדערבאַרער מייסטער פֿון דער וועלט ווער עס האָט אַללעס געמאַכט. און אָט אזוי האָט עס זיך געשאַפֿען דער גלויבען אין דער זון, צו וועמען מענש'ן האָבען זיך געבוקט און געדינט. און אזוי האָבען זיי אויך איינגעגלויבט זייערע קינדער און קינד'ס קינדער, אז די זון איז גאָט.

אַן אַנדער טייל פֿון דער מענשהייט האָט זיך אריינגענומען אַן אַנדער געדאַנק ווער דאָס קען זיין אין דער אמת'ן דער וואונדערבאַרער מייסטער פֿון אַללעס, אז די גרויסע קראַפֿט וואָס די מענשהייט מאַטערט זיך צו דערגיין איז גאָר די לבנה! ווייל אין דער לבנה קען מען זעהען אַ געשטאַלט פֿון אימיצען און דאָס מוז געווים זיין גאָט'ס פּנים! אָט אזוי האָט זיך ענטוויקעלט און עס האָט זיך געשאַפֿען אַ צווייטער גלויבען: דער גלויבען אין דער לבנה. און דיזע צווייטע גרופּע, די גלויביקע אין דער לבנה, האָבן אזוי איינגעגלויבט זייערע קינדער און קינד'ס־קינדער אז די לבנה איז גאָט. נאָך אַ טייל פֿון דער מענשהייט האָט גענומען גלויבען אין שטערען אז זיי האָבען צו טאָן מיט דער געוועלטיגונג פֿון דער וועלט. זיי האָבען געגלויבט אז עס זיינען דאָ אזעלכע שטערען ווער עס וויזען סימנים פֿאַר גוטעס און אזעלכע ווער עס וויזען סמנים פֿאַר שלעכטעס, אז דעם מענשנ'ס מזל הייגנט אָפּ אין דעם, אונטער וועלכען שטערען ער איז געבאָרען געוואָרען.

אַנדערע מענש'ן האָבען גאָר גענומען גלויבען אין פֿייער, אז דאָס מוז זיין גאָט! ווייל עס פֿלעגט זייער אָפֿט אויסברעכען אַ פֿייער, איבערהויפּט זומער פֿון די בליטצען, וועלכער עס פֿלעגט פֿאַרברענען גאַנצע דערפֿער אָדער אפילו גאַנצע שטעדט! און די פֿאַנאַטישע גלויביגע אין דעם גאָט פֿון פֿייער, וועלכער עס פֿלעגט פֿאַרניכטען אַללעס וואָס זיי האָבען פֿאַרמעגט, פֿלעגען אָפֿט וואַרפֿען אין פֿייער לעבעדיגע מענש'ן פֿון די אַנדערע גלויבענס וועמען זיי האָבען געהאַלטען פֿאַר זינדיגע, אז איבער זיי איז דאָס געקומען דער פֿייער צו פֿאַרניכטען. אָדער אין אַנדערע פֿאַלען פֿלעגען זיי וואַרפֿען אין פֿייער אפילו זייערע איגענע קינדער אַלס קרבנות, אַלס מתנות צום גאָט פֿון פֿייער, אז דער גאָט פֿון פֿייער זאָל אָפּגיין פֿון כעס און זאָל אָפּהאַלטען פֿון חרוב צו מאַכען דאָס, וואָס זיי פֿאַרמעגען און ער זאָל שוין מעהר ניט קומען צו פֿאַרניכטען זייער האָב און גוטס.

אַן אַנדער טייל פון דער מענשהייט האָט אָנגענומען אַ גלויבען אין וואַסער, אז וואַסער איז דאָס גאָט! ווייל עס פלעגט זייער אָפט פאָרקומען, אז טייכען פלעגען ווערען אזוי פול און זיי פלעגען ארויס פון די ברעגעס, איבערהויפט אין פריהלינג, ווען די פאַרפראָרענע טייכען פלעגען זיך אויפברעכען און דער וואַסער פלעגט פאַרטרינקען פעלדער און גאַנצע דערפער און פלעגט אָנמאַכען גרויסע חורבונות און פלעגט אומברייגגען א סך לעבענס פון בהמות און מענש'ן. מענש'ן האָבען אויך געגלויבט אין דונערען און אין בליטצען, אז דאָס זיינען געטער. מענש'ן האָבען אויך געגלויבט אין מענש'ן און כשוף מאַכער, אז זיי זיינען געטער, אָדער זיי זיינען אגענטען פון געטער! אַנדערע מענש'ן האָבען גאָר געגלויבט אין שדים און אנדערע האָבען געגלויבט, אז עס עקזיסטירען גרופעס פון געטער: גוטע געטער און שלעכטע געטער.

אָט אזוי ווי מיר קענען זעהען און פאַרשטיין האָט זיך די מענשהייט צוטיילט אין פאַרשידענע גרופעס און סעקטעס מיט אַלערליי גלויבענס. און אָט אזוי האָט זיך ענטוויקעלט אַ וועלט פון אַלערליי פעלקער מיט פערשידענע גלויבענס. און עס דאַרף געוויס ניט זיין קיין צווייפעל, אז יעדע סעקטע אָדער גרופע האָט געגלויבט מיטן גאַנצען האַרצען אז איהר גלויבען איז דער ריכטיגסטער און דער בעסטער, און דערפאַר זיינען זיי אליין די בעסטע מענש'ן אין דער וועלט, צוליב וועמען די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען. אָבער די אַנדערע מענש'ן ווער עס גלויבען ניט אין זייער גלויבען, זיינען נאַרישע מענש'ן ווער עס האָבען ניט קיין שכל צו פאַרשטיין ריכטיג אזוי ווי זיי פאַרשטייען, אָדער זיינען שלעכטע און פאַרדאָרבענע מענש'ן און זייענען אָהן צווייפעל זינדיגע מענש'ן, אויף וועמען מען טאָר קיין רחמנות ניט האָבען. ווייל אזעלכע מענש'ן זיינען אבסאָליוט ארויס פון דער קאַטעגאָריע מענש, און דעריבער טאָרען אזעלכע זינדיגע און פאַרדאָרבענע מענש'ן ניט געניסען פון די זעלבע פריווילעגיעס ווי זיי, די פיינע מענש'ן, טוען געניסען. נור זיי אליין זיינען בערעכטיגט הנאה צו האָבען פון אַללעס וואָס די ערד גיט ארויס, ווייל זיי אליין זיינען די אויסדערוויילטע און די בעסטע פון די איבעריגע מענש'ן.

אָט דער פאַנאַטישער און ווילדער איינריידען זיך, אז נור זיי אליין זייגען די בעסטע און אז די אַנדערע זיינען אַ נידעריגער קלאַס, אָט דער פאַלשער געדאַנק האָט אזעלכע מענש'ן בערעכטיגט, אז זיי מעגען לכל הדעות אַוועקנעהמען פון אנדערע מענש'ן מיט אַנדערע גלויבענס אַללעס וואָס יענע פאַרמעגען און זיי מעגען מאַכען די אַנדערע מענש'ן פאַר זייערע קנעכט. און די קנעכט מוזען געהאָרכזאַם זיין צו זייערע בעפעהלען און מוזען דאַנקבאַר זיין דערפאַר וואָס מען לאָזט זיי לעבען און זיי מוזען זיין צופרידען מיט דאָס, וואָס מען וואַרפט זיי צו פאַר זייער אַרבעט. און אייב אז די קנעכט פאַרזינ־

דיגען זיך און האָבען אַ העזה ניט צו פאָלגען וואָס מען הייסט זיי טאָן, מעג מען זיי שמייסען אזוי ווי מען שמייסט פערד, און מען מעג זיי פייניגען מיט אלערליי יסורים, מען מעג זיי אפילו הרגענען צום טויט! איבערהויפט פאַר אזא פאַרברעכען, אייב זיי ווילען זיך ניט אַסימילירען צו גלויבען אין דעם זעלבען גלויבען ווי זייערע הארען גלויבען! אַט מיט אזעלכע פאַלשע געדאַנקען און מיט דעם איינריידען זיך אז עס זיינען דאַ בעסערע און ערגערע און אז זיי אליין זיינען די בעסטע, האָבען זיך אָנגעהויבען אָפטע אָנפאַלונגען פון איין סעקטע אויף דער אַנדערער און פון איין פאָלק אויף דעם אַנדערען. און עס האָבען זיך ענטוויקעלט בלוטיגע מלחמות פאַר הערשאַפט צו הערשען אויף אַנדערע און צו צווינגען זיי זיך צו אַסימילירען און אָנצונעהמען זייער גלויבען און זייער קולטור און זייער שפראַך.

מען האָט זיך אזוי גענומען שלאָגען הייליגע מלחמות און מען האָט זיך געשלאָגען מיט די גרעסטע אכזריות. מען האָט געכאַפּט מענש׳ן פון אַן אַנדער פאָלק, און פון אַן אַנדער גלויבען און מען האָט זיי אָנגעטאָן די גרעסטע יסורים. מען האָט זיי אויסגעשטאָכען די אויגען, מען האָט זיי אויסגעשניטען די צינגער. מען האָט זיי פאַרמוטשעט צום טויט מיט אלערליי זאַרטען יסורים! מען האָט מענש׳ן צעריסען אויף דער העלפט! מען האָט מענש׳ן דערשטאָכען! מען האָט מענש׳ן געהאָנגען אָהן רחמנות! מען האָט לעבעדיגע מענש׳ן פאַרברענט! מען האָט זייערע קינדער פאַרברענט אלס קרבנות צו די געטער! מען האָט זייערע פרויען און טעכטער פאַרפייניגט! און דאָס וואָס עס איז אויסגעבליבען פון די געפאַנגענע האָט מען געמאַכט פאַר שקלאַפען.

אַט אזוי איז די מענשהייט אָנגעגאַנגען גלייך פון אָנפאַנג אָהן. די מענשהייט איז אַלעמאָל אָנגעגאַנגען מיט בלוטיגע מלחמות פון אייביג אָהן. און אַט אזוי האָט די מענטשהייט אַלעמאָל געלעבט אין מורא פאַר דעם שטאַרקערען און יעדע פאָלק האָט פון אייביג אָהן זיך אַלץ געקליגט ווי אזוי צו ווערען שטאַרקער און בעסער צוגעגרייט צו מלחמה, כדי צו קענען בייקומען דעם אַנדערען.

נײַנטער קאַפּיטעל

יעצט וואָלט איך וועלען זיך אָפּשטעלען דאָ אויף איין ווײַלע און בעהאַנדלען די זײַער וואונדערבאַרע און מערקווירדיגע רעטעניש ווער עס איז אין דער אמת'ן דער ריכטיגער גאָט? דער ווער עס האָט אין דער אמת'ן אזא וואונדערבאַרע וועלט באַשאַפען און ווער עס פיהרט אין דער ווירקליכקייט אָהן מיט אַללעס, מיט אזא וואונדערבאַרע וועלט? און כאָטש איך האָב דאָס שוין פריהער דערמאָנט, דאָך בין איך געצוויטיגט דאָס נאָך אַמאָהל ווידער צו דערמאָנען וועגען דער וועלט באַקאַנטער זאַך ווי אזוי מענש'ן האָבען ניט אויפגעהערט צו טראַכטען און צו קליגען זיך פון די ערשטע דורות אָהן פון זינט די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען, ווי אזוי מען קען דערגיין די דאָזיגע וואונדערבאַרע רעטעניש וועלכע עס איז אזוי מורהדיג טיף פאַרבאָרגען און פאַרשטעלט פון דער מענשליכער אויג, אָט דער דאָזיגער וואונדער, ווי אזוי די וועלט פונקציאָנירט און ווער עס איז דאָס דער יעהניגער, ווער עס פיהרט אין דער ווירקליכקייט אָהן מיט אזא וואונדערבאַרע מאַשין?

מיר קענען זעהען אַ ריכטיגען פעקט פון חומש, אז די מענש'ן פון דעם „דור ההפלגה" האָבען געטרייט צו בויען אַ הויכען טורים פאַר דעם דאָזיגען צוועק, אפשר וועט זיין מעגליך פון דעם שפּיטץ פון טורים אריינצוקוקען אין הימעל אריין און כאַפּען אַ קוק ווער עס געפינט זיך דאָרטען און ווער עס פיהרט אָהן מיט אזא פיינע וועלט? און אויך ווי דער גרויסער פיהרער זעהט אויס. און פון דאַהן אָהן, כאָטש די דעמאָלסטיגע מענש'ן האָבען מיט זייער טורים גאָרבישט אויפגעטאָן, דאָך האָט די מענשהייט ניט אויפגעהערט און ניט אָפּגעגעבען דעם געדאַנק וועגען דער וואונדערבאַרער רעטעניש. און אפילו ביי היינטיגען טאָג פאַרנעהמען זיך געוויסע געלערנטע מענש'ן, וועלכע מיר רופען אָהן מיטן נאָהמען אַסטראָנאָמער און סייענטיסטען, מיט דעם ציהל צו שטודירען און צו קליגען זיך צו דערגיין אַ לייזונג, אַ סאָליושיאָהן צו דער וואונדערבאַרער פּראָבלעם. און מיט פאַרשידענע אינסטרומענטען און שפּיגלען וועלכע עס ווערען וואָס ווייטער אַלץ מעהר אויסגעבעסערט, האַלטען אָהן די געלערענטע אין איין אריינקוקען אין הימעל אויף דער לבנה און אויף די שטערען און זיי הערען ניט אויף צו זוכען נאָכאַנאַנד, אפשר וועלען זיי ווען ניט איז דערגיין עפּעס אַ שפּור צו דעם וועג, וועלכער עס זאָל פיהרען צו דער לייזונג פון דער וואונדערבאַרער רעטעניש.

און אז מיר זאָללען זיך גוט צוקוקען צו דעם בילד ווי די דאָזיגע געלערנטע מאַטערען זיך אזוי פיל צו דערגיין דיזע רעטעניש, און אז מיר זאָללען נעהמען גוט בעטראַכטען דאָס וואָס זיי האָבען אזוי ווייניג דערגאַנ־

געץ, מאַטערענדיג זיך פאַר פיהלע טויזענדטער יאָהרען אין דער רעטעניש ווי אזוי די וועלט פונקציאָהנירט, דיינק איך אז מען קען דיזען בילד צוגלייכען להבדיל צו אַ זייער ענהליכען און פאַסיגען בילד, ווי למשל: אז מיר זאָללען זיך פאָרשטעלען אזא בילד ווי אזוי ווילדע מענש'ן פון דער טיפער ווילדערניש האָבען צום ערשטען מאָהל אין זייער לעבען דערזעהען אַ טריין, וואָס איז אָנגעקומען אין זייער געגענט. ווי אזוי זיי זיינען אַללע צוזאַמענגעלאָפען און זיך ארומגעשטעלט ארום דעם לאָקאָמאָטיוו, און ווי זיי שטייען און באַטראַכטען די וואונדערבאַרע געשעהעניש און זיי הערען זיך ניט אויף צו וואונדערען ווי אזוי דאָס מורהדיגע ריזיקע און שטאַרקע זאַך קען גיין פון זיך אליין אָהן די הילף פון פערד אָדער איזלען, וועלכע עס זאָללען דאָס שלעפען. און ווי אזוי די קליגערע קעפ פון די פאַרזאַמעלטע און פארוואונדערטע פון וועמען דער עולם ערוואַרטעט צו הערען אַן אויפקלערונג צו דעם גרויסען וואונדער שטייען און קליגען זיך מיט די גאַנצע מאַרך וואָס זיי פאַרמעגען, צו דערגיין וואָס עס מאַכט דאָס אז אזא וואונדערבאַרע זאַך זאָל זיך קענען ריהרען פון אָרט פון זיך אליין, און דאָס זאָל קענען לויפען אזוי גיך. וואו ליגט עס דער סוד וואָס עס איז אזוי פאָרשטעלט פון זיי, די זאַך וואָס עס מאַכט אז די ריזיגע מאַשין זאָל זיך בעוועגען?

און נאָך אַ משך פון טויזענדטער יאָהרען אָדער ווי אַנדערע געלערנטע ווילען אונז מאַכען גלויבען אז די וועלט פונקציאָהנירט מיליאָהנען יאָהרען, קענען מיר זעהען פון פעקטס, אז דאָס וואָס די וויסענשאַפטלעכע מענש'ן האָבען דערגאַנגען אין אסטראָנאָמיע וואָס זיי גיבען איבער פון איין דור צום צווייטען, אז זיי האָבען קוים דערגאַנגען אין אזוי פיל יאָהרען אפשר אַ מיליאָהנט חלק פון דער אמתער וויסענשאַפט. און אויך דאָס איז ניט אַ זאַך וואָס עס קען באַשטעטיגט ווערען אַלס אַ זיכערקייט, וואָס מען זאָל קענען אָנטאַפען מיטן האַנט אָדער מען זאָל דאָס קענען זעהען מיטן אויג. נור לויט ווי מיר קענען זעהען איז דאָס אַללעס וואָס זיי דערציילען אונז וואָס זיי האָבען דערגרייכט אין דער וואונדערבאַרער רעטעניש איז אין דער אמת'ן גאָר ניט מעהר ווי אַ פאָרשטעלען זיך פון אלערליי סברות און פאַנטאַזיעס מיט פערשידענע פאַנטאַסטישע חשבונות, אז לויט אזעלכע און אזעלכע חשבונות דרייען זיך מסתמה די פלאַנעטען אזוי און אזוי. אָט אזוי ווי למשל יענע סברה האַלטער פון די פאַרזאַמעלטע ווילדע בעשעפענישען, וועלכע נאָך אזוי פיל מאַטערניש און אָנשטרייגונגען פון זייערע בעסערע מוחות האָבען קוים על פי נס דערגאַנגען, אז די גרויסע אונטערשטע רעדער פון לאָקאָמאָטיוו דרייען זיך אום אזוי פיל און אזוי פיל מאָהל ארום און ארום אין אַ געוויסער צייט וויניגער ווי עס טוען די קלענערע רעדער אין דער זעלבער צייט. און דאָס איז אַללעס וואָס זיי האָבען קוים דערגאַנגען.

אָט אזוי פיל און אפשר ניט פיהל מעהר האָט די ציוויליזירטע וויסענ־

שאַפטליכע מענשהייט קוים דערגאַנגען אין דעם געביט פון אַסטראָנאָמיע, נאָך דעם מאַטערען זיך פון אזוי פיל טויזענדטער אָדער ווי זיי זאָגען מיליאָהנען יאָהרען. און דאָס ביסעלע אפילו וואָס זיי זיינען דערגאַנגען איז אויך ניט מעהר ווי פאַנטאַזיע מיט פאַנטאַסטישע רעיות און חשבונות אין דער לופטען, אָהן קיינע ממשות.

וואָס עס מאַכט אָבער אין דער אמת'ן אז די רעדער פון לאָקאָמאָטיוו זאָללען זיך טאַקע דרייען, די אמתע חכמה פון דער טעטיגקייט פון דער מאַשין, וויפיל שרייפלאַך און וויפיל פייפס די מאַשין ענטהאַלט און וויפיל צעהנדליגער אָדער מעהר רעדעלאַך עס מוזען זיך צוערשט אומדרייען כדי צו ברייגגען די אונטערשטע רעדער אין באַוועגונג, כדי אז דער לאָקאָמאָטיוו זאָל אָנהויבען גייך, דאָס האָבן די ווילדע מענש.ן קיין אנבונג ניט! און זיי וועלען דאָס קיינמאָל ניט וויסען, ווייל אזא קאָמפּליצירטע זאַך איז פאַרשטעלט און פאַרבאָרגען פון זייער קליינעם פאַרשטאַנד. כאָטש דער לאָקאָמאָטיוו איז גאָר ניט וויט פון זייערע אויגען.

היינט שטעלט זיך פאָר ווי וויט און ווי פאַרבאָרגען עס איז פון דער אזוי געקרוינטער מיטן נאָהמען ציוויליזירטער מענשהייט אָט די וואונדערבאַרע וויסענשאַפט צו קענען עפּעס בענעהמען ווי אזוי אזא וועלט פונקציאָהנירט!

די מענשהייט מעג מי' ידע ווי זיין הויך געבילדעט, דאָך איז זי זייער וויט פון אזא זאַך ווי צו קענען דערגיין א לייזונג צו אזא וואונדערבאַרער רעטעניש ווי אזוי אזא וואונדערבאַרע וועלט פונקציאָהנירט. זיי קענען טאָן בלויז ניט מעהר ווי צו זאָגען אלערליי סברות און מיינונגען וואָס עס דוכט זיך זיי אָפּ, אָבער צו זעהען וואָס ניט איז מיט די אויגען און וויסען וואָס ניט איז אויף זיכער, וועלין זיי קיינמאָל ניט.

איניגע מענש'ן גלויבען אין די אַסטראָנאָמער אז זיי זיינען גאַנצע געטער, אז זיי האָבען געטליכע אויגען. אז דאָס וואָס זיי דערציילען אונז איז קדש קדשים, אז זיי האָבן שוין באַלד אָנגעכאַפּט גאָט פאַרן באָרד! וויפיל מאָהל אָבער האָבען דיזע העלדען אונז אריינגעבראַכט אין אַ טויט שרעק און זיי אליין האָבען דאָס אויך געגלויבט, אז אַ קאָמעט וועט געוויס פאַרטשעפּען אונזער ערד און מיר אַללע מיט אַללעס וואָס עס איז אויף דער ערד גייען חרוב ווערין אין אַ משך פון מינוטען! דערנאָך, ווען דער קאָמעט איז פארבייגעגאַנגען די ערד און עס האָט קיין זאַך ניט פּאַסיערט, האָבען די געלערנטע געלאַכט פון זיך אליין און האָבען זיך איבערציינגט אז זיי וויסען טאַקע אבסאָליוט גאָרנישט!

איניגע פון זיי ווילען אויפווייזען אז די וועלט פונקציהנירט גאָר פון זיך אליין! פון דער נאַטור! גאָר אָהן קיין פיהרער ווער עס גיט אכטונג נאָכאַנאַנד אז אַללעס זאָל גיין אין אָרדנונג. און וועלכער איינפאַכער מענש קען זיך שטעלען און אַרגונען מיט זיי? ווער קען דאָס ארויפקלעטערין אזוי

הויך אין הימעל און אויפווייזען זיי אז זייערע רייד האָבען קיינע ממשות ניט? און וויפיל וואָלט מען למשל געדאַרפט לאַכען פון דעם, אז די ווילדע מענש׳ן וואָלטען געזאָגט, אז דער לאָקאָמאָטיוו גייט גאָר פון זיך אליין, פון דער נאַטור?!

אזוי פיל איז צו לאַכען אויך פון די יעניגע, וועלכע עס גלויבען אז אזא וואונדערבאַרע וועלט פונקציאָהנירט גאָר פון זיך אליין, פון דער נאַטור. און זיי טרייען נאָך איינצוריידען אזא אומגעלומפערטע זאַך אויך צו אַנ־דערע מענש׳ן, זיי זאָלען אויך גלויבען אין אזא נאַרישע פאַנטאַזיע! זיי האָ־בען אין גאַנצען פאַרגעסען פון דעם קלאָרען פעקט וועלכער עס קען אונז דינען אלס אַ גוטע לעהרע פון דעם משל מיטן לאָקאָמאָטיוו. אָט אזוי ווי דער לאָקאָמאָטיוו איז אין דער אמת׳ן געבויט געוואָרען פון אַן אינזשענער, וואָס מיר אַללע ווייסען און זיינען איבערצייגט און וואָס מיר ווייסען אז דאָס ווערט אָנגעפיהרט פון אַ געלערענטען מאַשיניסט לויט די לעהרע און לויט די געזעטצען וואָס דער אינזשענער, ווער עס האָט דעם לאָקאָמאָטיוו געבויט, האָט ארויסגעגעבען. אזוי איז אָהן צווייפעל אזא וועלט, אזא וואונדערבאַרע וועלט, וועלכע עס האַלט זיך אין דער לופטען, אויך אָהן צווייפעל געבויט געוואָרען און עס ווערט אויך אָנגעפיהרט פון אַ וואונדערבאַרען גרויסען אינ־זשענער, וואָס אונזער קליינער מענשליכער מוחל קען ניט און וועט קיינמאָל ניט האָבען אַ וואָסערע ניט איז אַנבונג אָדער בעגריף צו פאַרשטיין ווי גרויס און ווי מעכטיג דער דאָזיגער וואונדערבאַרער אינזשענער קען זיין?! אַן אינזשענער ווער עס האָט באַשאַפען אזא וואונדערבאַרע וועלט און אַללעס וואָס ער האָט באַשאַפען פונקציאָהנירט מיט די גרעסטע פינקטליכקייט פאַר אזוי פיל טויזענדטער יאָהרען.

אָט דער גרעסטער אינזשענער איז גאָט! דער מעכטיגער בעשעפער פון אַללעס!

און דאָ וואָלט איך וועלען געבען נאָך אַ גוטען בעווייז צו דער דאָזיגער פראַגע: די מענשהייט איז צוטיילט אין פערשידענע רעליגיאָהנען, און יע־דער גלויביגער האַלט אז זיין גלויבען איז דער ריכטיגער. אָבער קענען אַללע גלויבענס זיין ריכטיגע? דאָס קען דאָך ניט זיין! טאָ וועלכער גלויבען איז פאָרט דער ריכטיגסטער פון אַללע?

דאָ וועל איך פאָרשטעלען אַ בילד וואָס וועט ענטפעריך קלאָר און דייטליך אויף דער דאָזיגער גרעסטער פראַגע, וועלכער גלויבען איז פאָרט דער ריכטיגסטער.

לאָמיר בעהמען אַ מאָטאָרקאַר, אַ שפּאָגעל נייע מאָטאָרקאַר! זי איז אָנגעפיהלט מיט פעטראָל, מיט איל, מיט וואַסער, פאַרטיג צו דער רייזע. יעצט לאָמיר עפענען דעם באָנעט און בעטראַכטען די מאַשינערי. מיר זעהען

צוערשט דעם אינדזשען. אויף דעם אינדזשען זעהען מיר אַ קאַרבורייטאָר, אַ ראַדיאַטאָר, אַ פען וואָס קיהלט אָפּ די וואַסער, אַ סעלף־סטאַרטער, אַ דזשענערייטאָר, אַ קלאַטש, אַ גיר־באָקס, ברייקס, די רעדיל וואָס קירעוועט די קאַר — די סטירינג־וויאיל. אַ, יעס! באַלד פאַרגעסען די באַטערי! און נאָך און נאָך טיילען. נו! יעצט פרעגט זיך אַ גרויסע פראַגע: איך האָב אָנגעוויזען כמעט אַללע טיילען פון דער מאַשין, אָבער וואָס איז די וויכטיג־סטע זאַך וואָס עס מאַכט, אַז די קאַר זאָל זיך ריהרען פון אָרט און זאָל אָנ־הויבען גיין ?!

אַז מען זאָל פרעגען ביי איין אָדיענס — אַ פאַרזאַמלונג פון מענש׳ן — יעדערינס מיינונג, וואָס מאַכט די קאַר זאָל גיין ? איינער זאָגט אַז דער סעלף סטאַרטער. איינער זאָגט אַז די באַטערי. איינער זאָגט די פעטראָל, איינער זאָגט אַז דער אינדזשען, און אַזוי ווייטער און ווייטער. יעדערער האָט זיך זיין מיינונג. אָבער זיי מאַכען אַללע טעותים. ווייל די וויכטיגסטע זאַך וואָס עס מאַכט אַז די קאַר זאָל אָנהויבען גיין איז גאָר דער מענש וואָס גייט אריין אין קאַר. ער איז דער וואָס מאַכט די קאַר זאָל גיין. אָבער אַזוי קען די קאַר שטייען ווי זי שטייט יעצט און וועט זיך קיינמאָל ניט ריהרען פון אָרט.

אַזוי האָבען מענש׳ן געמאַכט טעותים און געגלויבט, אַז די זון איז גאָט, אַז די לבנה איז גאָט, אַז שטערען, דונערן, בליטצען, פייער, וואַסער, כשוף מאַכער, אָדער מענש׳ן זיינען אַגענטען פון גאָט. טויטע מענש׳ן וועלכע עס האָבען געלעבט אַזוי ווי מיר אַללע, זיי האָבען געאָטעמט, געגעסען, געטרונ־קען, געשלאָפען אַזוי ווי מיר אַללע און זיינען געשטאָרבען, האָט מען זיי פאַרגעטערט און מענש׳ן גלויבען נאָך היינט אַז זיי זיטצען אין הימעל און קע־נען פועל׳ן ביי גאָט וואָס נור זיי ווילען. מענש׳ן האָבען געמאַכט אַלערליי טעו־תים און איינגערעדט אַנדערע צו גלויבען אַזוי. זיי האָבען ניט פאַרשטאַנען אַז דאָס אַללעס וואָס זיי זעהען אויף דער וועלט זיינען אַללע בלויז טיילען פון דער וועלטליכער מאַשין. די זון, די לבנה און אַזוי ווייטער אַללעס איז איין מאַשין וואָס דער גרעסטער אינזשענער וואָס קיין גלייכער איז ניטאָ און וועט ניט זיין, ער האָט אַללעס בעשאַפען פאַר דעם וואוילזיין פון דעם מענש׳ן און פון אַללע לעבעדיגע זאַכען און ער דער גרעסטער וואונדערבאַ־רער אינזשענער פיהרט עס אַהן אַליין, אָהן קיינעמס הילף. דאָס בעשטע־טיגט אַז דער אידישער גלויבען אין דעם גרעסטען בעשעפער איז דער ריכ־טיגסטער.

איך וואָלט אויך וועלען בריינגען דאָ נאָך אַ בעוויז, אַז עס איז יאָ דאָ איינער ווער עס פיהרט אָהן מיט אַזאַ וואונדערבאַרע וועלט. און אַז עס איז ניט אַזוי וואָס אַנדערע נאַרישע מענש׳ן ריידען זיך לייכטזיניג אָפּ, אַז אַללעס וואָס מיר זעהען, דאָס אַללעס וואונדערליכעס ווי אַזוי אַזאַ וועלט פונקציאָה־נירט, פיהרט זיך גאָר פון זיך אַלייך, פון דער נאַטור, ווי זיי רופען דאָס אָהן.

אַהן קיין פיהרער ווער עס גיט אכטונג אז אַללעס זאָל גיין אין בעסטען אָרדנונג.

לאָמיר די זאַך טאַקע גוט בעטראַכטען. מיר זעהען אז מענש׳ן ווערען געבאָרען און וואַקסען אויס גרויס. זיי לעבען אַ געוויסע צייט און אז זיי ווערען אַלט שטאַרבען זיי. חיות, בהמות און פויגלאַך, און מיט איין וואָרט, אַללע לעבעדיגע זאַכען אין דער וועלט ווערען אויך געבאָרען און לעבען אָפּ אַ געוויסע צייט און דערנאָך שטאַרבען זיי.. בוימער, גראָז און בלומען שפּראָצען ארויס און וואַקסען אויס זייער פיין און אין אַ געוויסער צייט ארום ווערען זיי פאַרדאַרט און פאַרטריקענט און שטאַרבען אָפּ.

קען מען איינריידען אַן אומוויסענדען מענש׳ן, אז די אַללע פּראָצעסען וועלכע עס קומען פאָר מיט אַללע לעבעדיגע זאַכען, ווי אויך מיט אַללעס וואָס עס וואַקסט, זיינען נאַטירלעכע פּראָצעסען, ווי זיי וועלען דאָס אָנרופען, פון דער נאַטור. אָבער די פּינקליכקייט פון דעם פונקציאָהנירען פאר אזוי פיל טויזנטער יאָהרען זינט די וועלט שטייט, פון אזעלכע וואונדערבאַרע זאַכען ווי פון אזא מעכטיגע זאַך ווי די זון, ווי די לבנה, פון אזא גרויסע צאָהל פון שטערען און פון נאָך אזעלכע אייביגקייטן, וואָס אַ בלינדער קען אפילו אזא זאַך דערטאַפּען אז די אַללע וואונדערבאַרע זאַכען ווערען אָהן צווייפעל אויפגעפּאַסט פון אַ וואונדערבאַרען קלוגען אינזשענער, וואָס אונזער קליינער מענשליכער פאַרשטאַנד וועט אזא זאַך קיינמאָהל ניט קענען בעגרעהמען די גרויסקייט און די קלוגשאַפט פון אזא מעכטיגען פיהרער. ווען למשל, אַט דער גרויסער אינזשענער וואָלט אויף איין מאָמענט אראָפּגענומען זיין השגחה פון זיי, וואָלט דאָך אַללעס אין איין מאָמענט אָפּגעשטעלט זיך און די וועלט וואָלט דאַך חרוב געוואָרען אין מינוטען! אַט דאָס איז אַ גאַנץ קלאָרער בעווייז, אז עס איז יאָ דאָ איינער אַ וואונדערבאַרער העלד, ווער עס פיהרט אָהן מיט אַללעס און ווער עס גיט אַכטונג אז אַללעס זאָל אָנגיין אין בעסטען אָרדנונג.

אַט דער גרויסער האַר פון דער וועלט האָט עס ארויסגעגעבען צו משה רבינו די אַללע וויכטיגע געזעטצען ווי אזוי דער מענטש זאָל זיך אויפפיהרען כדי עס זאָל איהם האַלטען געזונד אז ער זאָל קענען לעבען לאַנג און זאָל הנאה האָבען פון זיין לעבען און אז עס זאָל קענען זיין אַ גוטע וועלט פאַר יעדען מענש׳ן.

איך וויל דאָ געבען נאָך אַ בעוויז ווי בלינד עס זיינען די יעניגע וועלכע עס דייקען אז אַללעס וואָס זיי זעהען פונקציאָהנירט עס פון דער נאַטור, און זייערע האַרטע קעפּ ווילען ניט פאַרשטיין, אז אזא וועלט האָט ניט געקענט ווערען פון זיך אַליין און וואָלט זיך ניט געקענט פיהרען אָהן קיין וואונדערבאַרען פיהרער.

זאָל מען למשל, נעהמען אַ קינד און עס אריינפיהרען אין אַ „פּאַוער

סטיישען" פון וואַנען עס ווערט געטריבען עלעקטריסיטי פאַר דער גאַנצער שטאָדט און מען זאָל דאָס קינד האַלטען אין דער פאַבריק פאַר אַ בעשטימטע צייט און ניט ארויסלאָזען דאָס אויף דער ווייסער וועלט. לאָמיר זאָגען פאַר איניגע מאָנאַטען צייט, אום דאָס קינד זאָל זיך צוגעוויינען צו דעם בילד וואָס דאָס זעהט פאַר זיך טאָג און נאַכט, פון דעם מאָמענט ווי דאָס עפענט די אויגען ביז דאָס פאַרמאַכט די אויגען צום שלאָפען. נור איין בילד, אז די גרויסע רעדער פון די דינאַמאָס דרייען זיך נאָכאַנאַנד אָהן אַן אָפשטעל. וואָס דיינקט איהר ווערט פאָרקומען אין דעם קינד'ס געדאַנקען, אז ער וועט זיך אזוי צוגעוויינען צו אזא בילד פאַר אַ לאַנגע צייט ?!

עס איז אַ גאַנץ פאַרשטענדליכע זאַך אז דאָס קינד וועט געוויס דיינקען, אז די רעדער פון די דינאַמאָס מוזען זיך מסתמה אזוי דרייען שטענדיג, טאָג און נאַכט, און אז דאָס אַלעס וואָס דאָס זעהט ארום זיך איז געוויס אַ נאַטירלעכע זאַך, אז אנדערש קען דאָס ניט זיין. דאָס קינד האָט אָבער ניט קיין אַנונג פון אַזאַ זאַך אז אין אַן אַנדער צימער שטייט אַ מאַשיניסט ביי אַ מאַשין און ווען דער מאַשיניסט זאָל בלויז פאַרדרייען איין קליינע רעדיל פון מאַשין, שטעלט זיך אָפ דאַהן די גאַנצע פאַבריק מיט אַלע רעדער אויפי אַמאָהל און עס וועט דאַהן הערשען אַ טויטע שטילקייט. אָט אזוי זיינען די נאַרישע מענש'ן וועלכע עס דיינקען אז אַלעס וואָס זיי זעהען אין דער וועלט פונקציאָנירט עס פון דער נאַטור !

דערפאַר, ווייל זיי זעהען יעדען ליבען פריהמאָרגען ווי די זון גייט אויף, ווי זי לייכט און ווי זי וואַרימט אונז דעם גאַנצען טאָג, דערפאַר ווייל זיי זעהען אז אין אַבענד קומט אַ צווייטע ליכט, די לבנה מיט די שטערען און זיי לייכטען אונז די גאַנצע נאַכט ביז די זון קומט ווידער אָהן. דערפאַר, ווייל זיי זעהען, זינט פון זייערע קינדערשע יאָהרען ביז זייערע לעצטע טעג פון זייער לעבען ווי עס קומט דער זומער און דערנאָך דער ווינטער, אַלעמאָל רעגולער, אין די איינגעשטעלטע צייטען. דערפאַר, וואָס זיי זעהען זייער גאַנצען לעבען ווי עס רעגענט זומער און ווי עס שנייט ווינטער און ווי אַלעס וואַקסט אין דער בעשטימטער צייט און ווי אַלעס גייט זיך אָהן אין בעסטען אָרדנונג אזוי ווי איין איינגעשטעלטע מאַשין, דעריבער זיינען אזעלכע מענש'ן ווער עס דיינקען אז אַלעס פונקציאָנירט פון דער נאַטור, אזוי רוי און אומוויסענד, פונקט אזוי ווי דאָס קינד ווער עס האָט געדיינקט אז די רעדער אין דער עלעקטריק פאַבריק דרייען זיך פון דער נאַטור ! זיי דיינקען אויך אז אַלעס וואָס עס קומט פאַר פאַר זייערע אויגען ווי אזא וועלט פונקציאָנירט, איז דאָס אויך אַ נאַטירלעכע זאַך וואָס עס פיהרט זיך אָהן קיינעם ווער עס גיט אַכטונג אויף דאָס אַלעס !

זיי פאַרשטייען גאָרניט, אָט אזוי ווי יענע קינד האָט ניט פאַרשטאַנען, אז ערגעץ וואו געפינט זיך אַ גרויסער וועלט אינזשענער ווער עס גיט שטענ-

דיג אַכטונג אַז אַללעס זאָל גיין אין בעסטען אָרדנונג. און אייב אַז דער גרעסטער איינזשענער זאָל חלילה אַראָפּנעהמען זיין השגחה פון דער וועלט אויף איין מאָמענט וואָלט ווערען פון אַללעס „תהו ובוהו״.

אויך פון נאָך אַ פּעקט קען מען זעהען אַז עס איז דאָ איינער ווער עס קאָנטראָלירט אַללעס און אַז אַללעס געשעהט לויט זיינע אָרדערס און בע־פעהלען. ניט וואָס נאַרישע מענש׳ן האָבען זיך אריינגענומען אין זייערע קעפּ, אַז די וועלט פיהרט זיך פון זיך אליין אָהן קיינעם ווער עס פיהרט דאָס אָהן מיט אַללעס.

יעדערער פון אונז האָט עס פיל מאָהל געזעהען ווי עס קלייבען זיך אָהן זייער געדיכטע וואָלקענס און לויט דער נאַטור, דאָס הייסט, לויט ווי מיר זיינען צוגעוויינט צו אַזעלכע פאַללען איז יעדערער פון אונדז פאָלשטענדיג זיכער, אַז באַלד וועט אויסברעכען אַ שטורם און עס וועט רעגענען אפשר פּאָר עטליכע טעג נאָכאַנאַנד. וואָס האָט אָבער פּאַסירט? די געדיכטע וואָלקענס האָבען זיך געהאַלטען פּאָר שעהן אָדער מאַנכע מאָהל פּאָר טעג אפילו און די ענדע איז געוועזען אַז זיי זיינען אַוועק, ניט ארויסלאָזענדיג אפילו אַ טראָפּען וואַסער!

ווידער האָבען מיר געזעהען אַזעלכע פאַללען, ווי עס קומט זיך אָהן אַ לייכטער וואָלקען, נור פון איין זייט און דער וואָלקען פאַרשפּרייט זיך זייער דין איבערן גאַנצען הימעל און עס הויבט זיך אָהן צו רעגענען פאַמעלעך, און עס נעהמט רעגענען דערנאָך אין אַ גרויסען מאַסשטאַב, אַז עס האַלט גאָר אָהן מאַנכע מאָהל פּאָר איניגע טעג אָדער אפשר נאָך מעהר, אַז מען וואונדערט זיך פון וואַנען עס נעהמט זיך אַזוי פיל רעגען אין אַזעלכע לייכ־טע וואָלקנעס?! איז אַזא געשעהעניש ניט אַ קלאָרע בעשטעטיגונג אַז עס איז יאָ דאָ איינער ווער עס פיהרט אָהן מיט אַללעס? מיר קענען דאָס זעהען קלאָר, אַז עס רעג׳נט נור דאָרטען וואו דער גרויסער פיהרער הייסט עס זאָל רעגענען, און נור ווען ער הייסט אַז עס זאָל רעגענען. און וואָס פּאָר אַ רעגען עס זאָל זיין. אַ רעגען עס זאָל מאַכען וואַקסען, אָדער עס זאָל פאַרניכטען.

און איך וואָלט דאָ אויך וועלען פאָרברייננגען נאָך אַ בעוויז, אַז עס איז יאָ דאָ איינער ווער עס האָט אַללעס בעשאַפען און ווער עס גיט אכטונג אַז אַללעס זאָל גיין אין בעסטען אָרדנונג. די זאַך וועלכע איך גיי דאָ פאָר־ברייננגען האָב איך געפרעגט ביי קלוגע און געלערענטע מענש׳ן, אייב זיי האָבען אַזא זאַך ערגעץ וואו געלעזען אָדער געהערט פון דעם.

די פראַגע איז: פאַרוואָס זיינען עפּעס דאָ ביי יעדען ברעג פון ים אין דער גאַנצער וועלט הויכע בערג, וועלכע עס ציעהען זיך אוועק אפשר הונ־דערטער מיילען אין לאַנד אריין? פון וואַנען זיינען די דאָזיגע בערג גע־קומען? ווער האָט זיי געמאַכט? האָט ווער פון אייך דאָס ערגעץ וואו גע־

לעזען אָדער איהר האָט געהערט אַ ריכטיגען אַנטוואָרט צו אזא מערקוויר־דיגע פראַגע? ווער פון אייך קען אזא וואונדערבאַרע פראַגע ענטפער׳ן?

דאָס איז ניט קיין ענדגילטיגער אַנטוואָרט וואָס אַנדערע מענש׳ן זאָגען אונז אז דאָס איז געקומען פון וואולקאַנישע אויפרייסונגען. וואו זיינען די אַללע וואולקאַנען היינט? ווער האָט דאָס געקענט מאַכען אזוי קינצליך, אז עס זאָלען באַשאַפען ווערין בערג אומעדום וואו נור עס הויבט זיך אָהן דער ברעג פון ים? אומעדום, אין דער גאַנצער וועלט אזוי, ווי מיט אַן אויסגע־רעכענטען פלאַן פון אַן אונגאַטירליכען אינזשענער.

אַלזאָ, דער אַנטוואָרט איז אַזאַ: דער אַנטוואָרט איז צו מיר געקומען ניט פון קיין בשר ודם. ווייל אַ בשר ודם קען פון אזא זאך ניט האָבען קיין אַננונג! דער אַנטוואָרט איז צו מיר געקומען פון אַ העכערע זאַך ווי אַ מענשליכער שכל איז.

די זאַך איז אזוי: מיר אַללע גלויבען אז די ערד איז קיילעכדיג אזוי ווי אַ פילקע אָדער ווי אַ „ראַגבי באַל“, א זאַך וואָס קיינער וועט ניט גיין איבער־שפּאַרען. אויך ווייסען מיר פון דער תורה, אז די ערד איז געוועזען אין אָנ־פאַנג ארומגערינגעלט מיט וואַסער ארום און ארום, ווי עס שרייבט זיך גלייך אין אָנהויב פון חומש בראשית: „והארץ היתה תוהו ובוהו וחשך על פני תהום, ורוח אלהים מרחפת על פני המים“. די ערד איז געוועזען פוסט און וויסט און גאָטס גייסט שוועבט אויף די וואַסער, וואָס די ערד איז ארומ־גערינגעלט אַרום און אַרום.

און עס שרייבט זיך גלייך נאָכדעם, אז גאָט האָט אַ זאָג געגעבען, אז די וואַסער זאָל זיך אויפקלייבען אין איין אָרט און עס זאָל זיך דערזעהען די טריקעניש אויף דער ערד! ווי אזוי אָבער האָט אזא זאַך געקענט געשעהען? וואוהין זאָל די וואַסער זיך אַהינטאָן, אז די ערד איז דאָך ארומגערינגעלט מיט וואַסער אַרום און אַרום? אז מען זאָל די וואַסער אָוועקבלאָזען אין איין זייט, וועט עס דאָך אַנקומען צוריק פון דער אַנדער זייט. אז די ערד איז דאָך ארומגערינגעלט מיט וואַסער ארום און ארום! אָבער אז גאָט הייסט מוז דאָך די זאַך ווערען! האָט גאָט אַ זאָג געטאָן אז עס זאָללען זיך אויסגראָ־בען טיפע גריבער אין דער ערד גופא, וואוהין די וואַסער פון ארום און ארום זאָל אריין אין די טיפע גריבער אין דער ערד, וואָס דאָס זיינען די טיפע ימים וואָס מיר קענען זעהען. און די בערג בעשטייען פון די גרונט וואָס די ערד האָט ארויסגעשפּייט, כדי אז עס זאָללען ווערען יענע טיפע טאָללען פאַר די ימים וואוהין די וואַסער זאָל אַראָפּ. אָט אזוי זיינען די אַללע בערג באַשאַפען געוואָרען, וועלכע מיר קענען זעהען אומעדום ביי יעדען ברעג פון אַ ים, הונדערטער מיילען אין לאַנד אריין אין דער גאַנצער וועלט.

אין די זאַך קען מען זעהען די גרויסקייט פון דעם בעשעפער פון אזא וועלט, אז מיט זיין אייך בעפעהל איז פאָרגעקומען אזא זאַך, אזא וואונדער־

ליכע זאַך וואָס ביי אונז איינפאַכע בשר ודם וואָלט אזא זאַך קיינמאָל אין לעבען ניט געקענט פאַרווירקליכט ווערען. ווי קלוג און ווי ענטוויקעלט מיר זאָללען ניט זיין, וואָלטען מיר אזא זאַך ניט געקענט מאַכען, וואָס דער בעד שעפער האָט בלויז מיט זיין איין וואָרט געמאַכט, ווי עס שרייבט זיך ווי ער האָט געגעבען זיין בעפעהל: „יקוו המים אל מקום אחד ותראה היבשה ויהי כן“.

און יעצט וועל איך פאַרענדיגען דעם אַרטיקל מיט נאָך איין פאַקט, פון וואָס מען קען זעהען זייער קלאָר אז עס איז דאָ אַ גאָט ווער עס פיהרט אָהן מיט אזא וועלט וואָס יעדער קלוגער און דיינקענדער מענש קען דאָס זעהען קלאָר. אָבער דער מענש, ווער עס האָט אַ האַרטע קאָפּ וועט עס קיינמאָהל אזא אָפּענע זאַך אפילו ניט פאַרשטיין, ווייל אזא מענש איז בלינד דאָס צו זעהען. איך וועל פאַרענדיגען דיזען אַרטיקעל מיט דעם פאָלגענדען פאַקט:

ווער פון אייך קען ענטפער'ן, פאַרוואָס די וואַסער פון ים איז אזוי געד זאַלצען און פאַרוואָס דער ים הערט ניט אויף צו וואַרפען טאָג און נאַכט?

דאָס איז ניט קיין ענדגילטיגער אַנטוואָרט צו אזא וואונדערבאַרע פראַגע דאָס וואָס אַנדערע מענש'ן טוען ערקלערען, אז די וואַסער פון ים איז געד זאַלצען דערפאַר, ווייל עס געפינען זיך אין ים מינעראַלס, וועלכע עס מאַכען די וואַסער געזאַלצען. ווער ווייל חלילה זיך קריגען מיט זיי אין אזא זאַך? אָבער די פראַגע איז: ווער האָט די מינעראַלס געמאַכט אין ים כדי אז די וואַסער זאָל זיין געזאַלצען און צו וואָס?

און אויף דער צווייטער פראַגע ענטפער'ן זיי, אז דער ים וואַרפט לויט דער בעוועגונג פון דער לבנה. איך וויל זיך אין דעם אויך ניט קריגען. אָבער ווער האָט דאָס געמאַכט אז דער ים זאָל וואַרפען און עס זאָל זיין לויט נאָך די באַוועגונגען פון דער לבנה? און די לבנה איז דאָך דאָ נור ביינאַכט, טאָ פאַרוואָס וואַרפט דער ים בייטאָג, כאָטש די לבנה איז ניטאָ? און צו וואָס דאַרף די וואַסער אין אַלגעמיין וואַרפען? וואָס וואָלט געווען אז דער ים וואָלט געווען רוהיג?

איך אָט די צווי זאַכען, פאַרוואָס די וואַסער פון ים איז געזאַלצען און פאַרוואָס די וואַסער פון ים האַלט איין בעוועגען זיך און שטורמען צייד טענווייז, אָט אין די צווי זאַכען קען מען זעהען דעם אויבערשטענס חכמה און זיין רחמנות אויף דער מענשהייט, ווי אויך אויף אַללע בעשעפעניששען.

ווען אין די ימים וואָלט ניט געווען אזא זאַך ווי זאַלץ, וואָס עס זאָל דיזינפעקצירען די וואַסער און די לופט פון אזוי פיל פיש און ים חיות וואָס עס געפינען זיך אין אזא אונטער־וואַסער וועלט, וואָס זי איז גרעסער אין שטח אַ סך מאָהל מעהר ווי די טריקעניש, וואָלטען מיר אַללע דאָך לאַנג דערשטיקט געוואָרען פון דעם שלעכטען ריח פון די אַללע בעשעפענישען פון דער אונטער־וואַסער וועלט. אָט די זאַך האָט דער בעשעפער פון דער

וועלט פּאַראַדיס געוועהען און ער האָט אונז פּאַרזיכערט, אַז מיר זאָללען ניט ווערען דערשטיקט און פאַרסמט פון די שלעכטע לופט וועלכע עס וואָלט געוועזען. און אַנשטאָט דעם האָט ער גאָר געמאַכט אַז עס איז גאַר אַ פער־געניגען צו פאָהרען אויפען ים, אַז די לופט פון ים איז גאָר געזונט! דאָק־טוירים ראָטען קראַנקע, וואָס ליידען פון די לונגען, צו מאַכען אַ רייזע אויפען ים וואו די לופט איז זייער פריש. אויך האָט דער אויבערשטער מיט די זאַלץ פאַרזיכערט אַז אַללע לעבעדיגע זאַכען אין די ימים זאָללען זיך האַלטען פריש און זאָללען קענען לעבען.

און פאַרוואָס וואַרפט דער ים? דאָס איז אויך אַ פּאַראַדיס געזעהענע זאַך פון דעם בעשעפער, וואָס איז געמאַכט געוואָרען מיט אַ צוועק, כדי אַז די זאַלץ זאָל זיך ניט אַראָפּזעטצען אויף דעם גרונט און זאָל ניט צופּטרען די פיש און די איינעלאַך וואָס זיי לייגען אויס אויפען גרונט. נור די וואַסער זאָל האַלטען איין וואַרפען, אַז עס זאָל נאָכאַנאַנד אויסמישען די זאַלץ, אַז די וואַסער זאָל האַלטען שטענדיג און אומעדום די זעלבע איינגעשטעלטע גע־זאַלצענקייט וועלכע דער בעשעפער וויס גענוי וואָס עס איז געזונד פאַר דעם עקזיסטענץ פון די בעשעפענישען פון די ימים.

אין דיזער זאַך קען יעדער קלוגער מענש זעהען ווער עס וויל נור פאַר־שטיין און ווער עס וויל ניט האָבען קיין איינגעשפּאַרטע קאָפּ, אַז עס איז אָהן צווייפעל דאָ איינער ווער עס האָט אַללעס בעשאַפען און ווער עס פיהרט אָהן מיט אַללעס, אַז ער זעהט און הערט יעדע זאַך וואָס יעדער איינער טוט, אַז ער וועט בעצאָהלען גוטעס צו די וואָס טוען גוטעס און ער וועט בע־שטראָפען צו די וואָס טוען שלעכטעס.

צעהנטער קאַפּיטעל

און אָט דער גרויסער בעשעפער פון אונזער וואונדערבאַרע וועלט, ווער עס איז דער בעשעפער פון אונז און פון אַללעס וואָס מיר זעהען אין אונזער טייערע וועלט וואו מיר געפינען זיך, איז ער גלייך פון אָנפאַנג אָהן ענטוישט גע־וואָרען פון דער שלעכטער אויפפיהרונג פון דער מענשהייט, וועלכע ער האָט באַשאַפען דאָס לעצטע פון אַללעס, כדי אַז דער מענש זאָל קענען זעהען און זאָל קלאָר פאַרשטיין אַז אַללעס וואָס ער האָט געפונען אָנגעגרייט איז דאָס די וואונדערבאַרע אַרבעט פון דעם אויבערשטען, פון דעם האַר פון דער וועלט. ער האָט עס אָנגעגרייט פון אַלדאָס גוטס פאַר דער מענשהייט און פאַר אַללע לעבעדיגע זאַכען און ער האָט עס אָנגעגרייט אזוי פיל פון אַללעס, אַז די מענשהייט זאָל זיך ניט דאַרפען קריגען אָדער זיך שלאָגען פאַר דעם

עסן. אז די מענש׳ן זאָללען לעבען אין שלום און זאָללען הנאה האָבען פון לעבען. און זאָללען זיך העלפען איינער דעם אַנדערען אזוי ווי ברידער. און די מענשהייט זאָל שטענדיג דאַנקבאַר זיין צו זייער גוטען פאַטער פּאַרוואָס ער האָט אַנגעגרייט פון אַלדאָס גוטס פאַר זיי, אזוי ווי אַ גוטער פאָטער פאַר־זאָרגט זיינע קינדער מיט אַללעס גוטעס.

אָבער, צום גרעסטען בעדויערען, די מענשהייט פאַרשטייט דאָס ניט! די מענשהייט איז גאָר פאַרפיהרט געוואָרען פון שלעכטע מענש׳ן, וועלכע פיהרען זיי אין אַ פינסטערע וועג. אז איינער וואָלט וועלען אומברייגען דעם אַנדערען אבסאָליוט פאַר גאָרניט! עס פעהלט ניט חלילה קיין עסען אָדער קליידונג אָדער וואָס ניט איז אַנדערש. עס איז דאָ פון אַללעס גענוג פאַר אַלעמען.

אַלזאָ, צוזעהענדיג ווי די מענשהייט איז אזוי פאַרדאָרבען האָט גאָט פון דען געוואָרט און געוואָרט גאַנצע 10 דורות פון זינט נאָך דער שרעקליכער טראַגעדיע, וועלכע עס האָט פּאַסיערט צווישען קינען און זיין ברודער הבלען און ער האָט נאָך אַלץ געוואָרט און געוואָרט, אפשר וועלען די שלעכטע מענש׳ן זיך צוריקהאַלטען פון זייערע פאַרדאָרבענע אויפפיהרונגען ווי זיי האָבען זיך אויפגעפיהרט?

אָבער וואַרטענדיג אזאַ לאַנגע צייט ווי 10 דורות און צוזעהענדיג אז די מענשהייט ווערט ניט בעסער, נור אומגעקעהרט, וואָס אַ טאָג מעהר אַלץ ערגער און ערגער, האָט גאָט איינגאַנצען חרטה געקראָגען אויף דעם וואָס ער האָט די וועלט באַשאַפען און ער האָט בעשלאָסען צו פאַרניכטען די מענשהייט מיט אַללע לעבעדיגע זאַכען, וועלכע זיינען אָהן צווייפעל געווים ניט בעסער געוועזען פון דער מענשהייט, דורך דערטרינקען זיי אין וואַסער! דורך אַ מבול, וואָס איך גלויב אז יעדער פון אונז האָט דאָס געלערענט אין חומש, ווען מיר זיינען נאָך געוועזען חדר־איינגלאַך.

אין יענע שלעכטע צייטען, ווען די מענשהייט איז געוועזען אזוי פאַר־דאָרבען, איז געוועזען איין מאַהן וועלכער עס האָט געהייסען נח, וועלכער עס איז לגבי די אַנדערע מענש׳ן געוועזען אַ צדיק. האָט גאָט זיך באַטראַכט אַט דעם אָרענטליכען מענש׳ן נחן איבערצולאָזען פון מבול און פון איהם מיט זיין פאַמיליע צו פאַרפיהרען אַ נייע וועלט, האָפענדיג אז פון אזאַ אָרענטליכען מאַהן וועלען אפשר אַרויסקומען אַן אָרענטליכע מענשהייט, וועלכע עס וועט זיך אויפפיהרען פיין און אָרענטליך.

און דעריבער האָט גאָט געהייסען נחן צו בויען אַ שיף, אין וועלכער ער מיט זיין פאַמיליע זאָללען זיך ראַטעווען, ווי אויך אז ער זאָל אַריינבעהמען אין שיף צו איין פאַר פון יעדע לעבעדיגע זאַך כדי פון זיי זאָל זיך ענט־וויקלען אַ נייע וועלט נאָכען מבול און עס זאָל צוריק זיין פון אַללעס אין דער נייער וועלט אזוי ווי פריהער. נח האָט געפאָלגט וואָס גאָט האָט איהם גע־

הייסען. ער האָט געגלויבט אין גאָטס ווערטער, אז ער גייט פאַרניכטען אַללע מענש׳ן דורך אַ מבול, וואָס די אַנדערע מענש׳ן האָבען אין אזא זאַך ניט גע־גלויבט און האָבען גאָר געלאַכט פון נחן ווען ער האָט זיי דערציילט צו וואָס ער בויט דעם שיף און אזוי האָט לאַנגזאַם נח אויפגעבויט דעם שיף ווי גאָט האָט איהם דעם פּלאַן געגעבען. עס האָט איהם גענומען דעם בויען פון דעם שיף יאָהרען, ווי מען קען זיך פאָרשטעלען און גאָט האָט אָפּגעוואַרט מיט דעם מבול ביז נח איז פאָלשטענדיג פאַרטיג געוואָרען מיט דער אַרבעט און האָט בעוויזען אריינצונעהמען גענוג עסענוואַרג פאַר זיך מיט די פאַמיליע און גענוג עסען און טרינקען פאַר יעדע חיה, וועלכע עס זיינען געקומען פאַרוויז צום שיף, לויט דעם בעפעהל פון גאָט.

איך גלויבע, אז עס איז געוויס איבעריג פאַר מיר אָפּצושטעלען זיך דאָ און גיין דערציילען פאַר אייך נאָך אַמאָהל די גאַנצע געשיכטע פון חומש, דאָס וואָס עס האָט דאָהן פאַסירט. די זאַך וועלכע איהר ווייסט אזוי גוט ווי איך, ווי דער מבול האָט אַנגעהאַלטען 40 טעג און 40 נעכט און אז די הויכקייט פון די וואַסער וואָס עס האָט אַנגעפלייצט אויף דער ערד האָט דערגרייכט ביז צו די שפּיטצען פון די העכסטע בערג און אז אַללעס לע־בעדיגעס אויף דער ערד איז דאָהן פאַרניכטעט געוואָרען. בלויז נח מיט זיין פאַמיליע און נור איין פּאָר פון יעדע לעבעדיגע זאַך פון דער אַלטער וועלט איז געראַטעוועט געוואָרען פון דעם מבול אין די שיף מיט נחן, לויט דעם ווילען פון דעם אויבערשטען, ווער עס האָט געוואָלט אויספּרובירען נאָך אַמאָהל, אפשר וועט די נייע אויפגעקומענע מענשהייט זיך שוין אויפפיהרען ווי עס דאַרף צו זיין.

אָבער צום בעדויערען האָט די ניי אויפגעקומענע מענשהייט זיך אויפ־געפיהרט אַ האָר ניט בעסער פון די פריהערדיגע און עס האָט צו לאַנג ניט געדויערט און גאָט האָט ווידער ניט געקענט צוקוקען ווי איין מענש הרגעט דעם אַנדערען פאַר גאָרנישט. און אין 10 דורות ארום האָט גאָט ווידער גע־מוזט פאַרניכטען צווי גרויסע שטעדט, סדום און עמורה, ווייל די געשרייען פון די פאַרמוטשעטע און ליידענדע מענש׳ן זיינען דערגאַנגען ביז אין הי־מעל אריין. דעם מאָהל האָט גאָט אומגעבראַכט די צווי שטעדט וואו די שלעכטס האָט אריבערגעשטייגט די מאָס, מיט פייער און ניט מיט וואַסער, ווייל ער האָט געשוואָרען אז ער וועט קיין מבול פון וואַסער מעהר ניט ברייינגען אויף דער וועלט!

דער אויבערשטער, דער גרויסער בעל הרחמים, האָט פון דעסטוועגען נאָך אַלץ געהאַט געדולד און האָט געהאָפט אפשר וועט דאָך אימיצער פון דער מענשהייט קומען צום פאַרשטאַנד און וועט עפענען די אויגען און וועט דערזעהען און וועט נעהמען פאַרשטיין די ריכטיגע זאַך ווי אזוי אַללעס איז געקומען, אז עס איז אָהן צווייפעל דאָ אַ גאָט ווער עס האָט דאָס אַללעס בע־

שאַפֿען, אַזאַ וואונדערבאַרע וועלט מיט אַזוי פֿיל פּלאַנעטען. אַז גאָט האָט עס באַשאַפֿען אַללע לעבעדיגע זאַכען און אַז ער האָט עס געמאַכט אַז די ערד זאָל אַרויסגעבען אַלערליי זאָרטען שפּייז וועלכע עס זאָללען זיין צוגעפּאַסט פֿאַר יעדע בעשעפּעניש. אויך דאָס, אַז ער האָט באַשאַפֿען דעם מענש'ן פֿאַר דעם צוועק דאָס דער מענש זאָל בעאַרבעט'ן די ערד כדי עס זאָל וואַקסען גענוג שפּייז פֿאַר אַללע בעשעפּענישען. און אַז דער מענש זאָל דעריבער פֿאַרשטיין אַז נור גאָט איז דער האַר פֿון דער וועלט און אַז דער מענש איז פֿאַראַנטוואָרטליך צו דעם גרויסען האַר פֿאַר יעדע זאַך וואָס דער מענש גייט טאָן. און דעריבער ווייל דער מענש איז פֿאַראַנטוואָרטליך צו דעם גרעסטען האַר פֿאַר אַללעס מוז דעריבער דער מענטש זיך אויפֿפֿיהרען אָרענטליך און מיט רחמנות איינער צום אַנדערען און אויך צו אַללע חיות און בהמות, ווייל דער גרויסער האַר זעהט און הערט אַללעס וואָס דער מענש טהוט אפֿילו אין דער פֿינסטער און אין פֿאַרבאָרגענע ערטער, אַז פֿון איהם איז ניטאָ קיין בעהעלטעניש. דער מענטש זאָל אויך די זאַך פֿאַרשטיין אַז ער איז אויף דער ערד מעהר ניט ווי אַ מענעדזשער און אייב ער וועט זיך ניט אויפֿפֿיהרען אָרענטליך קען דער גרויסער האַר פֿון דער וועלט צו יעדער צייט איהם הייסען גאָר גיין צוריק אַהין, פֿון וואַנען ער איז געקומען.

אָט אַזוי האָט גאָט געוואַרט און געוואַרט אַזוי לאַנג אויף דער זאַך וואָס איך האָב ערשט בעשריבען, אפֿשר וועט זיך געפֿינען אַזאַ מענש וואָס זאָל דאָס אַללעס פֿאַרשטיין, ביז אברהם אבינו איז געבאָרען געוואָרען. און אַזוי ווי איך האָב שוין פֿריהער בעשריבען די נאַטירלעכע פּאַסירונג וואָס עס פּאַסיערט מיט יעדען מענש'ן גלייך פֿון זיין יוגענד ווי ער קומט נור צו זיין שכלע, ווי אַזוי דאָס הויבט אָהן צו וואונדערען זיך און צו קליגען זיך ווי אַזוי מען זאָל קענען אויסגעפֿינען פֿון וואַנען דאָס אַללעס וואָס ער זעהט אַרום זיך איז געקומען, ווי איך האָב שוין פֿריהער דערמאָנט, ווי אַזוי די דאָזיגע זאַך איז אַ גרויסע רעטעניש פֿאַר יעדען מענש'ן, אַזוי האָט אויך דאָס זעלבע פּאַסיערט מיט אברהם אבינו, מיט דעם ערשטען אידען, אָבער מיט גאָר אַ גרויסען אונטערשייד ווי מיט אַללע מענש'ן.

אַללע מענש'ן לאָזען זיך דאָך איינגלויבען פֿון טאַטען אָדער פֿון די מאַ־מען אָדער פֿון אַנדערע מענש'ן פֿערשידענע מעשיות און לעגענדעס, אַז דאָס איז אַ גאָט, אָדער דאָס איז אַ גאָט, אָדער אַז אַללעס איז גאָר געקומען פֿון זיך אַליין, פֿון דער נאַטור, אַזוי ווי אַ בעזונדערער קלאַס נאַרישע מענש'ן האָבען זיך איינגערעדט. אָבער אברהם איז געוועזען גאָר אַן אַנדער זאָרט מענש. ער האָט זיך אין דיזער זאַך טיף אריינגעטראַכט און האָט פֿאַרשטאַ־נען, אַז אַזאַ וועלט האָט ניט געקענט קומען פֿון זיך אַליין, נור אַז עס מוז געוויס זיין איינער אַ וואונדערבאַרער ווער עס האָט דאָס אַללעס בעשאַפֿען און דאָס ער פֿיהרט עס אָהן מיט אַללעס! און אברהם האָט ניט אויפֿגעהערט

צו טראַכטען וועגען איהם טאָג און נאַכט און ער האָט איהם געזוכט און זיך געבעטען ביי איהם ער זאָל זיך צו איהם באווייזען.

און געוויינטליך אז אברהם האָט געהאַלטען אין זיין געדאַנק אז עס איז געוויס דאָ איינער אַ וואונדערבאַרער, וועך עס האָט געקענט בעשאַפען אזא וועלט און אז ער איז דאָ איבעראַל און אז ער זעהט און הערט וואָס יעדער מענש טהוט. האָט אברהם דערפאַר זיך אויפגעפיהרט זייער אָרענטליך צו אַלעמען און איז געוועזען אזוי ווי אַ ברודער צו יעדען מענש'ן. ער איז דעריבער געוועזען אַ גרויסער „מכניס אורח".

יעצט וואָלט איך זייער וועל'ן בעט'ן מיינע געעהרטע לעזער צו לייענען דיזען אַרטיקעל מיט אַ קאָפּ און קיינער זאָל ניט טראַכטען ביי זיך, אז דאָס איז אַן אַלטע בעוואוסטע געשיכטע וואָס יעדערער וויס דאָס פון לאַנג אָהן! ווייל איך וואָלט זייער וועל'ן אויפמערקזאַם מאַכען אז דאָס איז ניט קיין איינפאַכע געשיכטע!

די געשיכטע פון אברהם אבינו איז איינע פון די וויכטיגע געשיכטעס וואָס יעדער מענש מוז דאָס לייענען מיט גרויס נייגעריקייט און מיט פאַר־שטאַנד, ווייל אין דיזער געשיכטע ליגט דער אמתער קלאָרער אנטוואָרט צו דער זייער וואונדערבאַרער פראַגע, וואָס עס איז ניט אזוי לייכט געוועזען צו ענטפער'ן: די פראַגע, וואָס איז אַ איד?! דאָ פאַנגט זיך אָהן די וואונ־דערליכע געשיכטע פון דעם ערשטען אידען, פון וואַנען מיר אידען שטאַמען און וועמען מיר פאָלגען נאָך אונזערע אַללע דורות, די גרויסזאַמע געשיכטע פון אברהם אבינו.

אברם איז געוועזען א זון פון תרחן, וועך עס איז געוועזען אַ גלח, אַ מיניסטער פון אַ קלויסטער. דער מיניסטער תרח האָט געהאַט ביי זיך אין הויף אַ פאַבריק וואו מען פלעגט מאַכען הילצערנע סטאַטועס. מען פלעגט צוזעגען גרויסע קלעצער אויף פערשידענע מאָסען, גרעסערע און קלענערע, און מען פלעגט אויסשניצען אלערליי סטאַטועס אין געשטאַלטען פון מעכטיגע מענש'ן. מען פלעגט די דאָזיגע סטאַטועס צופוטצען פיין, מען פלעגט זיי אָנקלעפּען בערד זיי זאָללען אויסזעהען עלטער פאַר וועמען מען זאָל האָבען אָפּשייך, דרך ארץ, און תרח פלעגט פריטשען אין קלויסטער און פלעגט איינריידען די מענש'ן פון שטאָדט, אז די סטאַטועס וועלכע ער האָט אין זיין שאַפּ זיינען געטער, ווי אויך דאָס זיי זיינען אַגענטען פון אַלערליי זאָרטען געטער, וועלכע ער פלעגט אויסרעכענען און אז די געטער פון זיין שאַפּ זיינען בעפולמעכטיגט פון די גרויסע געטער אָנצופיהרען מיט אַללעס אויף אונזער ערד. אין זייערע הענט ליגט די מאַכט פון גליק, פון רייכקייט און פון געזונדהייט. און דעריבער וועך עס וועט זיך איינקויפען אַ גאָט פון זיין שאַפּ פאַר זיין הויז, וועט ער שוין זיין אַ פאַרזיכערטער, אז ער וועט האָבען אַללעס גוטעס, ווי נור ער ווינשט זיך אליין.

די רויִע און אומוויסענדע מענש׳ן האָבען געגלויבט וואָס זייער מיניסטער האָט זיי איינגעגלויבט און פלעגען יעדען טאָג אריינקומען איינער נאָך דעם אַנדערען מיט זייערע וויבער זיך אויסקלייבען אַן אָפּגאָט, אַ קלענער׳ן אָדער אַ גרעסער׳ן, יעדערער נאָך זיין קעשענע נאָך.

אברעמעלע פלעגט זיך שטיין און צוקוקען ווי די נאַרישע אומוויסענדע מענש׳ן קויפען די אָפּגעטער און ווי זיי קושען דאָס מיט ליבשאַפט און ווי זיי גלויבען מיטן גאַנצען האַרצען אז דער אָפּגאָט וועט זיי ברייגגען גליק און געזונדהייט און אז דער אָפּגאָט וועט זיי שיצן פאַרהיטען פון אַלעס שלעכטעס. און טאָמער האָט יאָ עפּעס שלעכטעס פּאַסיערט אין זייער הויז, וואו מען האָט אַן אָפּגאָט, טאָמער איז ווער געשטאָרבען אָדער די הויז האָט אָפּגעברענט אָדער אַנדער אומגליק האָט יאָ געטראָפען, האָבען די מענש׳ן ניט פאַרשטאַנען אז דאָס איז אפשר פאַר זינד וואָס זיי האָבען געטאָן שלעכטס צו ווערמען ניט איז. נור זיי האָבען געגלויבט אז זיי האָבען מסתמה געקויפט ניט דעם ריכטיגען אָפּגאָט, וואָס עס פאָדערט זיך פאַר זייער מזל און מען מוז דעריבער טרייען אַן אַנדער אָפּגאָט.

אברהם האָט זיך געגומען וואונדערען, ווי קענען דאָס מענש׳ן מיט מאַרך אין זייערע קעפּ זיין אזוי נאַריש און גלויבען אין אַ שטיק האָלץ, אז דאָס איז דער אמתער גאָט אָדער דאָס איז אַן אַגענט פון דעם אמת׳ן גאָט, וועלכער עס האָט באַשאַפען אזא וועלט? ווייל ער, אברם פלעגט זעהען ווי מען פלעגט ברייגגען זייער אָפּט צופיהרען ביי זיי אין הויף לאַנגע בוימער פון וואַלד און די אַרבעטער פלעגען דאָס צוזעגען אין אלערליי מאָסען, לויט ווי זיין פאָטער פלעגט הייסען. ער, אברם, פלעגט דאָס זעהען אַלעס מיט זיינע אויגען ווי מען שניצט די האָלץ אויס אין פיגורען פון מענטשיגע מענש׳ן מיט שטאַרקע מוסקלען, ער אליין פלעגט דאָס צוזעהען ווי מען פוצט דאָס צו, ווי מען פאַרבט דאָס אָפּ און ווי מען קלעבט דאָס אָהן בערד און ווי מען ברייגגט דאָס נאָכהער אריין אין שאַפּ צו פאַרקויפען. פלעגט ער, אברם, שטיין און טראַכטען ביי זיך: אָט דאָס זאָללען זיין אַגענטען פון דעם ריכ־טיגען גאָט, פון דעם גרויסען האַר, וועלכער עס פיהרט אָהן מיט אזא וואונדער־ליכע וועלט?! ווי אזוי קען דאָס זיין, אז אזא זאַך זאָל זיין אמת?! ער האָט באַלד געגומען פאַרשטיין דעם שווינדעל וואָס עס גייט דאָ אָהן! ווי זיין פאָטער פאַרדרייט די קעפּ פון די רויע און אומוויסענדע מענש׳ן. ווייל אברם איז געווען זייער אַ קלוגער בחור.

אזוי זיינען פאַרביי טעג און יאָהרען און אברם איז אַלץ מעהר גע־וואַרען פאַרוואונדערט און ענטוישט פון די אַללע נאַרישע מענער און פרויען, וועלכע עס פלעגען נאָכאַנאַנד קומען ביי זיי אין שאַפּ איינצוקויפען זיך אַן אָפּגאָט און ווי זיי פלעגען גלויבען מיטן גאַנצען האַרצען אין אזא בלאָף, אז דאָס זיינען אמת׳ע געטער! אברם האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען און

ער האָט פילע מאָהל געשטעלט זיין פאָטער די פראַגע ווי אזוי קען דאָס זיין אמת, דאָס וואָס ער רעדט אין די מענש'ן אז דאָס זיינען געטער אָדער אַגענטען פון געטער? ווי אזוי קען אַ שטיק האָלץ וואָס די אַרבעטער אין הויף האָבען דאָס אַליין צוזעגט און צוגעשניטען און האָבען דאָס אויסגע־שניצט ווי זיי האָבען געוואָלט, זאָללען אזעלכע הילצערנע סטאַטועס זיין געטער אָדער אַגענטען פון גאָט, פון דעם גרויסען בעשעפער פון אזא זון און פון אזא לבנה מיט אזוי פיל שטערען? אזעלכע סטאַטועס זאָלען עס זיין די בעשעפער פון אַללע לעבעדיגע זאכען אויף דער וועלט און זאָללען זיין אויך די בעשעפער פון די זעלבע אַרבעטער, וועך עס האָבן זיי די סטאַטועס צוגעשניטען און אויסגעשניצט?

תרח האָט פון זיין זון אברמען געהאַט גרויסע צרות, ער האָט אברמען ניט געהאַט וואָס צו ענטפער'ן און ער האָט אברמען פאַר קיין פאַל ניט גע־קענט איינריידען, אז ער זאָל אויך גלויבען אין דער זעלבער זאַך וואָס ער האָט אזוי לייכט איינגערעדט די נאַרישע מענש'ן אין זיין קלויסטער.

די ענדע איז געוועזען, אז אברם האָט בעשלאָסען ניט צו שוויגען לייג־גער אין דער זאַך, ווייל ער האָט ניט געקענט צוזעהען לייגער ווי אזוי מענש'ן וואַרפען ארויס געלט אויף פאַלשקייט, וואָס זיין פאָטער נאַרט אויס פון זיי און ווי מענש'ן זיינען אזוי פאַרפינסטערט און לאָזען זיך איינריידען אַללע פאַלשקייטען.

ער האָט דעריבער אָנגעהייבען ביסלעכווייז ריידען צו די מענש'ן און אויפקלערען זיי ווי זיי זיינען פאַרפיהרט מיט זייער נאַרישען גלויבען אין דעם וואָס זיין פאָטער פאַרפיהרט זיי. ער האָט זיך וואָס ווייטער אַלץ מעהר אריינגעטאָן זיך אין דער זאַך מיטן גאַנצען הארצען אויפצוקלערען פאַר וויפיל ער האָט בעוויזען והעגען דעם ווי זיי זיינען פאַרפיהרט.

תרח האָט דורך דעם גענומען פאַרלירען אַ סך קונדען און אַ דאַנק אברמ'ס אויפקלערען זיי האָט זיך געשאַפען אַ שפאַלטונג צווישען די גלוי־ביגע אין די אָפגעטער. איין טייל, וועלכע איז די גרעסערע, וועמען אברם האָט ניט בעוויזען אויפצוקלערען האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטען ביי זייער מיניסטער'ס איינגלויבען זיי אין די פאַלשע אָפגעטער, אז זיי זיינען געט־ליכע אַגענטען און אז דער גרעסטער גאָט איז זייער קעניג נמרוד, וועך עס האָט דאָס פאַראָרדענט אז מען זאָל אזוי פריטשען אין די קלויסטערס פון זיין קעניגרייך. און די קלענערע טייל האָבען יאָ אויפגעפענט זייערע אויגען און האָבען געגלויבט וואָס אברם האָט צו זיי גערעדט, אז ערגעץ וואו מוז געוויס זיין דער אמתער גאָט, וועך עס איז דער אמתער בעשעפער פון אַללעס און אז נור דער גאָט וואָס אברם גלויבט אין איהם איז די אמתע שטאַרקסטע מאַכט אין דער וועלט, אז דיזער גאָט פיהרט עס אָהן מיט אַללעס און אז איין טאָג וועט די וועלט זעהען זיין וואונדער וואָס ער וועט בעווייזען.

און אזוי וואָס אַ טאָג מעהר איז אברם אַלץ שטאַרקער און זיכערער גע־וואָרען ביי זיך אז עס איז געוויס דאָ ערגעץ וואו אין הימעל אַט דער אמתער גאָט ווער עס פיהרט אָהן מיט אזא וועלט. און כדי צו איבערצייגען די מענש'ן אז זיינע רייד זיינען אמתע, אז די אָפּגעטער זיינען פאַלשע געטער, אז זיי קענען זיך ניט ריהרען אפילו פון זייערע ערטער און די מענש'ן זיינען בלויז פאַרפיהרט פון די אַנדערע מיניסטערס און פון זיין פאָטער'ס רייד, ווער עס זיינען בלויז אויסען צו מאַכען געלט, האָט אברם איין פרימאָרגען ווען זיין פאָטער האָט זיך פאַרזאַמט אין קלויסטער, גענומען אַ האַק פון פאַבריק און איז אריין אין שאַפּ און האָט מיט דער האַק צוהאַקט אויף שטיקלאַך אַללע אָפּגעטער. ער האָט בלויז איבערגעלאָזען דעם גרעסטען אָפּגאָט, אין וועמענס הענט ער האָט אריינגעשטעקט די האַק און ער איז אויף גיך ארויס פון שאַפּ.

ווען תרח איז געקומען פון קלויסטער און האָט דערזעהען דעם פאָגראָם אין שאַפּ, ווי אַללע אָפּגעטער זיינען געלעגען צוהאַקטע, ווער אָהן אַ קאָפּ און ווער אָהן אַ האַנט און אָהן אַ פוס, האָט ער גלייך פאַרשטאַנען וועמענס שטיקעל אַרבעט דאָס האָט געקענט זיין! ער האָט טאַקע אריינגערופען אברמען און האָט איהם געפרעגט צי ער האָט דאָס געטאָן? ווייל ווער האָט געקענט אזא שאַדען אָנמאַכען און אויך ווער האָט דאָס געקענט האָבען אַ האַרץ ניט מורא צו האָבען צוצוהאַקען די געטער?

אברם האָט געענטפערט אז ער האָט אין דער פרי אריינגעבראַכט אַ ביסעל עסען פאַר די געטער. און ווי זיי האָבען נור דערזעהען די עסען האָבען זיי זיך אַללע אַ וואָרף געטאָן אויף דעם. עס האָט אויסגעבראָכען אַ גרויסע געשלעג צווישען זיי פאַר די עסען, ווייל ווי עס ווייזט אויס זיינען זיי אַללע געוועזען זייער הונגעריג. דער גרעסטער פון זיי אַלעמען, ווי נור ער האָט דערזעהען ווי זיי מזיקען זיך איינער דעם צווייטען, האָט דערלאַנגט אַ געשריי אז מען זאָל זיך אויפהערען צו שלאָגען און מען זאָל זיך בערוהיגען! אָבער זיי האָבען איהם ניט געהערט און האָבען זיך פשוט געממית'ט איינער דעם אַנדערען. דאַהן איז דער גרויסער גאָט געוואָרען זייער אין כעס און איז אריינגעלאָפען אין פאַבריק און האָט געכאַפּט די האַק, וועלכע דו זעהסט ווי ער האַלט נאָך אַלץ אין זיינע הענט און ער האָט מיט כעס צוהאַקט אַללע געטער אויף שטיקלאַך. אַט דאָס האָט אברם געענטפערט. ער האָט געוואָלט זעהען וואָס זיין פאָטער וועט דעם מאַהל זאָגען?

תרח'ן איז געוואָרען זייער איינג אין מוח! זיין זון אברם האָט איּם אריבערגעקוקט! און תרח האָט נעבאַך געמוזט שוייגען. ווייל ווי האָט ער געקענט זאָגען צו אברמען אז ער זאָגט אַ ליגען, דאָס וואָס דער גרויסער גאָט האָט צוהאַקט די קליינע געטער?! אז אזא זאַך האָט ניט געקענט פּאַ־סירען! ווייל די געטער קענען דאָך ניט ריהרען זיך פון אָרט. זיי זיינען דאָך

שטיקער האָלץ! ווען תרח וואָלט אזוי געזאָגט צו אברמען, וואָלט ער דאָך אליין מודה געווען צו אברמ׳ס רייד, וואָס ער האָט אלעמאָל געטענעט מיט איהם! ווי אזוי קען אַ שטיק האָלץ, וואָס עס קען זיך אליין ניט ריהרען פון אָרט, אז דאָס זאָל זיין דער אמתער גאָט? דער אמתער האַר פון אזא וועלט, ווער עס האָט אַללעס בעשאַפען און ווער עס פיהרט אָהן מיט אַללעס. און דעריבער האָט תרח אראָפּגעשלונגען אברמ׳ס תירוץ און איז געבאָך ארויס ווי אַן אָפּגעשמיסענער.

די גאַנצע געשיכטע וואָס אברם האָט דאָ אָפּגעטאָן וואָלט אפשר אין גאַנצען פאַרשטיקט געוואָרען און עס וואָלט ניט געגאַנגען ווייטער, אייב נור אברם אליין וואָלט געשוויגען. אָבער אברם האָט ניט געקענט רוהען און ער האָט דוקא מיט שטאָלץ דערציילט פאַר זעמען ער האָט נור געקענט די גאַנ־צע געשיכטע, ווי ער האָט צוהאַקט די געטער און מיט דעם האָט ער גע־וואָלט אויפווייזען פאַר דער מענשהייט ווי נאַריש זיי זיינען און ווי זיי לאָזען זיך פאַרפיהרען פאַר אזוי פיל יאָהרען אין אזעלכע פאַלשע איינריידונגען און אין אלערליי לעגענדעס.

אָט אזוי האָט אברם ניט געקעהרט פאַר קיין זאַך וואָס מיט איהם זאָל ניט פּאַסירען און ער האָט אַללע מאָהל געקעמפּט פאַר דעם אמת. אברם האָט אָנגעהאַלטען אין פאַרזיכערען אַלעמען אז עס מוז קומען די צייט ווען עס וועט בעשטעטיגט ווערען אז זיינע רייד זיינען אמתע, אז עס איז אָהן צווייפעל דאָ אַ ריכטיגער גאָט, ווער עס פיהרט אָהן מיט אַללעס אויף דער וועלט. יעדען פאַרנאַכט פלעגט אברם אזוי ווי אַללע מאָהל גיין אין די פעל־דער און אין די וועלדער און ער פלעגט זוכען און בעטען אז גאָט זאָל זיך בעוויזען צו איהם.

אין אַ געוויסען טאָג איז די געשיכטע וואָס אברם האָט אָפּגעטאָן מיט זיין פאָטער׳ס אָפּגעטער דערגאַנגען ביז צום קעניג נמרודען און אויך די זאַך וואָס אברם פאַרזיכערט אַלעמען אז עס איז דאָ אַ ריכטיגער גאָט, ווער עס איז די שטאַרקסטע מאַכט אין דער וועלט און אז דער גאָט האָט עס בע־שאַפען די וועלט און אז נור ער פיהרט עס אָהן מיט אַללעס. און אזוי ווי נמרוד האָט זיך אויך געהאַלטען פאַר אַ מעכטיגען גאָט, אזוי ווי נאָך אזעלכע מענש׳ן אין אַללע צייטען האָבען זיך פאַרלאָרען ווען זיי זיינען געקומען צו אַ הויכע מאַכט און האָבען פאַרגעסען אז זיי זיינען ניט מעהר ווי בלוט און פלייש און זיי לעבען מיט גרויס געגאַד און אז זיי זיינען ניט זיכער יעדען טאָג און יעדע מינוט אויפצוהערען צו עקזיסטירען, דאָס זעלבע איז געווען מיט נמרודען. עס איז נמרודען גאָרניט געפעלען געווען די זאַך וואָס אברם דערציילט אַלעמען. ער האָט געקענט זעהען פאָראויס אז אברמ׳ס רייד וועט עפענען די אויגען פון די מענש׳ן פון זיין לאַנד, זיי וועלען קומען צום שכל און זיי וועלען אויפהערען צו גלויבען אין איהם, אין נמרודען, און די ענדע

וועט זיין, אז זיי וועל'ן זיך אויפהויבען אנטקעגען איהם. די דאָזיקע זאַך האָט נמרודען זייער געקריינקט, אז ער האָט דאָס ניט געקענט אויסהאַלטען. ער האָט דעריבער צוזאַמענגערופען אַללע זיינע מיניסטאָרען און אַלע זיינע עצות־געבער און ער האָט זיך געהאַלטען מיט זיי עצות וואָס מען זאָל מיט דעם אברמען טאָן?

זיינע מיניסטאָרען האָבען צופיל ניט געטראַכט און זיי האָבען אַללע אַזוי ווי איינער איינגעשטימט, אז עס איז קיין אַנדער מיטעל ניטאָ ווי אַזוי פון אברמען פטור צו ווערען, סיידען מען זאָל איהם טויטען! דאַהן וועלען די מענש'ן ניט האָבען מעהר אַזאַ סאָרט מענש ווי אברם, וועך עס זאָל זיי אַראָפפיהרען פון דעם אַלטען פינסטערען וועג אין וועלכען דער פאָלק איז איינגעשפאַנט צו גייך פון אַלעמאָל אָהן, אין דעם גלויבען פון פערשידענע אָפגעטער און אין דעם גלויבען אז ער, נמרוד, איז דער גרעסטער גאָט, און דאַן וועלען די כחות פון פאַלשקייט און פינסטערניש ווידער קענען ניט געשטערטערהייד געוועלטיגען אויף דער מענשהייט. און כדי אז אַללע מענש'ן פון דער גאַנצער מדינה זאָללען דאָס וויסען וואָס מען האָט געטאָן צו אברמען פאַר אַזאַ פאַרברעכען, האָבען די מיניסטאָרען געראַטען נמרודען אז מען זאָל אברם'ען פאַרברענען אין אַן אַנגעברענטען קאַלך־אויווען און מען זאָל דאָס מאַכען מיט אַ גרויסען פאַראַד אין דער אַנוועזענהייט פון אַללע מענש'ן פון דער הויפט שטאָדט. אויך זאָללען אַללע שטעדט פון דעם קע־ניגרייך שיקען דעלעגאַטען צוצוקוקען צו דעם פראָצעס ווי מען וועט אברמ'ען פאַרברענען און מיט דעם צו פאַרהיטען אז אַזאַ זאַך זאָל זיך קיינמאָהל ניט איבערחזרן.

נמרודען איז די זאַך זייער געפעהלען געוואָרען און ער האָט באַלד ארויסגעגעבען אַ בעפעהל אז אין אַ געוויסען טאָג זאָללען אַללע מענש'ן פון דער הויפטשטאָדט, יונג און אַלט, זיך אויפקלייבען צו אַ געוויסען פלאַטץ צו זעהען ווי מען וועט אברמען פאַרברענען.

מען האָט גלייכצייטיג געשיקט פאָליציי און מען האָט אברמען אַרעס־טירט און געשמידט איהם אין קייטען. עס האָט אויך ניט געדויערט קיין לאַנגע צייט און מען האָט געבומען בויען דעם ריכטיגען קאַלך־אויווען אויף דעם בעשטימטען פלאַטץ, אזא אויווען וואָס מען ברענט ציגעל.

דערווייל זיינען זיך צוזאַמען געקומען די דעלעגאַטען פון דער גאַנצער קעניגרייך און מען האָט פאַר זיי געמאַכט אַ גרויסען פאַראַד און מען האָט געגעסען און געטרונקען. מען האָט אויך דערווייל אויסגעבויט הויכע גאַ־לעריעס פאַר אַלעמען צו קענען זיטצען, אזוי ווי מען קען זעהען אין אונזערע צייטען די גאַלעריעס אויף ספאָרט מעטשעס, כדי אז יעדערער זאָל האָבען די מעגליכקייט צו זעהען ווי מען וועט אברמ'ען פאַרברענען אין דעם אָנגע־ברענטען קאַלך־אויווען.

ענדליך ווען דער אויווען איז פאַרטיג געוואָרען האָט צוערשט דער קעניג צוזאַממען מיט עקספּערטען בעטראַכט דעם אויווען און ווען זיי האָבען בעשטעטיגט אז דער אויווען איז איין בעסטען אָרדער האָט מען דאַהן געענ־מען הייצען דעם אויווען אויף אַן אמת. פאַר דעם גרויסען צוועק און מען האָט דעם אויווען געהייצט אָהן אַן אויפהער 7 טעג און 7 נעכט.

אויפען אכטען טאָג, ווען דער אויווען איז געוועזען אין די גרעסטע היטץ, האָט מען אברמען אַראָפּגעבראַכט צום פּלאַטץ וואו אַללע מענש׳ן האָבען געוואַרט מיט גרויס אונגעדולד און איידער מען האָט זיך גענומען צו דעם אויספיהרען איבער אברמען דעם טויט אורטייל דורך דעם פאַרברענען איהם אין קאַלך־אויווען, האָט נמרוד געהאַלטען אַ פייערדיגע רעדע צום גאַנצען עולם, אין וועלכער ער האָט זיי אויפגעקלערט וואָס דאָ גייט פאָרקומען און וואָס מען גייט טאָן צו אברמען דערפאַר, וואָס ער, אברם, איז באַגאַנגען אזעלכע גרויסע פאַרברעכענס וואָס ער האָט צוהאַקט די הייליגע געטער אין זיין פאָטער׳ס שאָפּ און דערצו וואָס ער דערציילט אַלעמען אז עס איז דאָ ערגעץ וואו אזא גאָט, וואָס איז אפילו שטאַרקער פון איהם, פון נמרודן אליין!

נאָך דער פייערדיגער רעדע האָט זיך נמרוד אַ ביסעל אָפּגעקיהלט און האָט זיך אומגעדרייט צום בעשולדיגטען, צו אברמען, און האָט געזאָגט צו איהם די פאָלגענדע ווערטער:

אז ער וועט איהם געבען דעם לעצטען טשאַנז, געלעגנהייט, איידער ער ווערט פאַרברענט און דאָס זיינען די בעדינגונגען אויף וועלכע ער קען בלייבען לעבען:

ערשטענס, איב ער וועט זיך אונטערגעבען און וועט זאָגען איז דער אָנוועזענהייט פון די מיניסטאָרען און פון אַללע געסט, אז אַללע זאָללען דאָס קענען הערען, אז ער, אברם, האָט חרטה און אז ער אַנערקענט אז ער האָט געמאַכט אַ טעות וואָס ער האָט געגלויבט ביז אַהער אז עס איז דאָ ערגעץ וואו אַ שטאַרקערע מאַכט פון איהם, פון נמרודן. און צווייטענס, מוז ער צוזאָגען אז פון היינט אָהן און ווייטער וועט ער שוין גלויבען אין די געטער אזוי ווי דער גאַנצער פאָלק גלויבט און איבערהויפּט אז ער, נמרוד, איז דער גרעסטער גאָט פון אַללע געטער. אויך מוז אברם געבען זיין וואָרט, אז פון היינט אָהן און ווייטער וועט ער אָפּגעבען די זאַך פון אויפקלערען צו די מענש׳ן דאָס אַללעס וואָס ער האָט ביז אַהער פאַר זיי גערעדט, אז עס איז דאָ אַ העכערע זאַך אויף דער וועלט ווי ער, נמרוד, איז!

אויף דיזע בעדינגונגען וועט ער, נמרוד, איהם פאַרגעבען זיינע זינד און וועט הייסען אז מען זאָל איהם פריי לאָזען. איב אָבער ער שטימט ניט איין אויף די דאָזיגע פּונקטען וועט מען איהם אין דער אָנוועזענהייט פון דעם גאַנצען עולם גלייך אריינוואַרפען אין דעם הייסען קאַלך אויווען!

אברם האָט קאַלטבלוטיג אויסגעהערט דעם קעניג׳ס רייד און האָט דער־נאָך מיט גרויס מוטה געענטפערט, אז אידער צו לעבען אזא נאַרישען און פאַלשען לעבען ווי צו גלויבען אין אָפגעטער, וועלכע עס זיינען די אַרבעט פון מענש׳נס הענט, אז דאָס זיינען געטער, און אידער צו גלויבען אין איהם, אין נמרודן, אין אַ מענש׳ן וועלכער איז פון בלוט און פלייש אזוי ווי אַללע אנדערע מענש׳ן זיינען, ווער עס מוז איין טאָג שטאַרבען אזוי ווי יעדער מענש און ווער עס וועט ליגען מאַכטלאָז אין דער ערד, אזוי ווי אַללע מענש׳ן, אז ער וועט זיך ניט קענען אָפּווערען פון די ווערים וועלכע עס וועלען איהם עסען נאָך זיין טויט אין גרוב, קען ער דעריבער ניט און וועט קיינמאָל ניט איינשטימען צו גלויבען אין אזעלכע פאַלשקייטען און נאַרישקייטען און ער איז גרייט זיך צו לאָזען בעסער אריינוואַרפען אין דעם הייסען אויוועז! אזוי שטאָלץ האָט אברם געענטפערט, קעמפפענדיג פאַרן אמת. דערצו האָט זיין האַרץ געפיהלט, אז גאָט איז מיט איהם און ער וועט איהם ניט פאַרלאָזען און ער וועט דאָ ווייזען אַ גרויסען נס, אז ער וועט ניצול ווערען פון טויט!

ווי נור אברם האָט אזוי אָפּגעענטפערט און זיך ענטזאָגט פון אונטער־צוגעבען זיך צו די פאָדערונגען, האָט נמרוד גלייך געגעבען דעם בעפעהל אז מען זאָל אברמען אריינוואַרפען אין אויוועז! און מען האָט אברמען אַ געשמידעטען אריינגעוואָרפען אין דעם אָנגעברענטען אויוועז און מען האָט די אייזערנע טירען פון אויוועז פאַרהאַקט און פאַרשלאָסען.

נמרוד האָט גלייך אויסגערופען צו אַללע אַנוועזענדע: באַלד וועט איהר אַללע זעהען מיט אייערע אויגען ווער עס איז דער גערעכטער! איהר אַללע וואָס איהר גלויבט אין גלויבענס וואָס איז אַלט הונדערטער יאָהרען, אָדער וואָס אַ מענש קומט אַראָפּ מיט בייזע געדאַנקען! אין אַ ווייליע אַרום וועט איהר אַללע זעהען די אש פון דעם מענש׳ן ווער עס האָט פיליע פון אייך איינגערעדט, אז עס איז ערגעץ דאָ אַ גאָט וואָס איז אזוי שטאַרק. לאָמיר טאַקע זעהען ווי שטאַרק זיין גאָט איז! און ער האָט זיך בעת מעשה צולאַכט מיט איראָניע. זאָל טאַקע זיין גאָט, אין וועמען ער גלויבט און האָפט אזוי שטאַרק, קומען און אַרויסראַטעווען איהם פון אָט אזא אָנגעברענטען קאַלך־אויוועז! און נמרוד האָט פון צופרידענהייד וואָס ער איז פטור געוואָרען פון אברמ׳ען, פאַרטרונקען מיט נאָך אַ בעכער וויין.

עס האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געדאַרפט דויערען קיין פאָר מינוטען אז עס זאָל ווערען אש פון אברמ׳ס ביינער לויט נאָך די שרעקליכע היטץ פון אויוועז, אָבער אום צו זיין פאַלשטענדיג זיכער האָט מען זיך בעסער ניט געאיילט צו עפענען דעם אויוועז, און נמרוד מיט זיינע מיניסטאָרען און די אַללע געסט האָבען דערווייל געמאַכט אַ גוטען לחיים און מען האָט גע־האַלטען אַלערליי טאָאַסט׳ס, ווי דער מנהג איז פון אזא גרויסע שמחה און די

געשיכטע ווי אברם איז געווען פאַרשפאַרט אין דעם אָנגעברענטען אויווען האָט זיך פאַרצויגען אַ פיינע פאָר שעה.

ווי ערשטוינט אָבער און ווי צושראָקען זיינען געוואָרען נמרוד און זיינע מיניסטאָרען און דער גאַנצער עולם, ווען מען האָט געעפענט די אייזערנע טירען פון דעם שרעקליכען הייסען קאַלך אויווען, ווען מען האָט דערזעהען ווי אברם גייט זיך ארויס פון אויווען געאַרעמט פון צוויי מלאכים, פריש און געזונד אז אפילו אַ האָר פון זיין קערפער איז ניט פאַרשמאַליעט געוואָרען. און פון דעם הייסען קאַלך אויווען איז גאָר געוואָרען אַ וואונדערבאַרער שיי־נער גאָרטען מיט פרעכטיגע בוימער.

צוזעהענדיג אזא אויסערגעוויינליכע וואונדערבאַרע געשעהעניש וואָס עס האָט דאָ פאַסיערט מיט אברמען, ווי גאָט האָט איהם ארויסגעראַטעוועט פון אזא זיכערען טויט, האָבען אַללע אָנוועזענדע געזעהען מיט זייערע אויגען די גרויסקייט פון דעם אמת׳ן גאָט, וואָס פאַר וואונדער ער קען טאָן און אַללע אָנוועזענדע האָבען זיך איבערצייגט אז אברם איז טאַקע געוועזען דער גערעכטיגער וואָס ער האָט די גאַנצע צייט געטענעט, אז עס איז דאָ אַן אמתער גאָט אין הימעל, וועלכער האָט באַשאַפען די וועלט מיט אַללעס וואָס אויף איהר איז און אז ער קומט צו הילף צו די יעניגע וועלכע עס האָפען צו איהם און ווער עס פאַרלאָזען זיך אויף איהם. נמרוד האָט גלייך אברמ׳ען פרייגעלאָזען און די גאַנצע לאַנד האָט געקלונגען פון דער וואונדערליכער געשעהעניש פאַר יאָהרען לאַנג.

עלפטער קאַפּיטעל

אין אַ קורצער צייט אַרום נאָך דיזער וואונדערבאַרער געשיכטע, וואָס עס האָט דאָ פאַסיערט מיט אברמען, איין פאַרנאַכט ווען אברם איז געגאַנגען ווי אַלעמאָל פאַר אַ שפאַציער אין פעלד און ער האָט געדאַנקט גאָט פאַר דעם גרויסען נס וואָס ער האָט געטאָן צו איהם און ער האָט געבעטען ווי אַללע מאָהל האָט דער אויבערשטער זיך טאַקע בעוויזען צו איהם און ער האָט אויסגערופען: אברם, אברם! איך בין דאָס דער גאָט אין וועמען דו גלויבסט און אין וועמען דו האָפסט! איך בין דאָס דער גאָט וועלכער עס האָט אַללעס בעשאַפען און איך בין דאָס דער ריכטיגער גאָט וועלכער עס פיהרט אָהן מיט דער גאַנצער וועלט און מיט אַללעס וואָס עס געפינט זיך אויף איהר. איך האָב צוגעקוקט וואָס דו האָסט זיך אויסגעליטען פון פינסטערע פאַר־דאָרבענע און פאַרפיהרטע מענש׳ן, וועמען דו האָסט געטרייט ארויפצו־פיהרען אויפען ריכטיגען וועג און איך בין דאָס דער, וועלכער עס האָט דיך

געראַטעוועט פון טויט אין דעם הייסען קאַלך אויווען. מיט דיינע מסירות נפש וואָס דו האָסט ארויסגעוויזען אין דעם קאַמפף פאַרן אמת האָסטו מיר איבערצייגט אז דו ביזסט דער ערשטער ריכטיגער מענש מיט וועמען איך קען זיין שטאָלץ און אויף וועמען איך האָב אזוי לאַנג געוואַרט.

אזא מאַהן ווי דו ביזסט איז זיכער ווערט צו ווערען אַנגעטרויט מיט די אויפגאַבע צו זיין דער ריכטיגער לעהרער פון אמת צו דער מענשהייט! דו וועסט גיין וואוהין איך וועל דיך פיהרען און דו וועסט לערנען די מענשהייט דעם אמת'ן וועג אין וועלכען זיי זאָללען גיין און ווי זיי זאָללען זיך בעגיין איינער מיט דעם אַנדערען.

דו וועסט זיי לערנען אז זיי זאָללען דאָס וויסען און שטענדיג געדיינקען וואו זיי גייען און וואו זיי שטייען, אז איך בין דער בעשעפער פון אַללעס אין דער וועלט און איך בין דער בעשעפער פון אַללע מענש'ן. אַללע מענש'ן אָהן אונטערשייד פון קאָליר און ראַסע זיינען ביי מיר גלייכע קינדער און איך בין זייער אַלעמענס פאָטער. קיין מענש טאָר זיך ניט דערוועגען צו זיין אַ האַר אויפען צווייטען מענש'ן, ווייל איך אליין בין דער האַר פון אַללעס. יעדער מענש ווער ער זאָל ניט זיין, קליין אָדער גרויס, און ווי שטאַרק ער זאָל ניט זיין איז יעדער פאַראַנטוואָרטליך נור צו מיר אליין פאַר אַללעס וואָס ער טוט. און יעדערער וועט זייער שווער בעצאָהלען פאַר זיינע זינד וואָס ער וועט טאָן סיי צו מענש'ן און סיי צו חיות און בהמות. קיין מענטש זאָל זיך ניט האַלטען גרעסער פון דעם אַנדערען, מיט זיין כח אָדער מיט זיין שכל, ווייל יעדער מענש און יעדע בעשעפעניש לעבט נור מיט מיין גענאָד.

דאַהן איבּ די מענשהייט וועט דאָס אַללעס וויסען און פאַרשטיין, איבּ זיי וועלען פון דאָס טראַכטען טאָג און נאַכט אז עס איז דאָ אַ האַר ווער עס זעהט און הערט אַללעס וואָס יעדער מענש טוט אומעדום, אז פון מיר איז ניטאָ קיין פאַרבאָרגעניש און אז יעדער מענש ווער עס וועט טאָן שלעכטס, וועט פריהער אָדער שפעטער זייער שווער בעצאָהלען מיט גרויסע יסורים. איבּ די מענשהייט וועט פון דאָס אַללעס וויסען קען איך זיין ביי דער פולער האָפפנונג אז זיי וועלען אוועקוואַרפען זייערע ביז אַהעריגע שלעכטע וועגען און זייערע שלעכטע געוואוינהייטען, וועט דאַהן די מענשהייט אָהן אויסנאַהם זיך פיהלען גליקליך אין אַן אמתע גוטע וועלט, וועלכע עס וועט זיין אזוי ווי איך האָב געדיינקט צום אָנפאַנג ווען איך האָב די וועלט בעשאַפען.

און איך וועל זיין מיט דיר אומעדום וואו דו וועסט זיין, ווי אויך מיט דיינע קינדער נאָך דיר אויף איביג, און איך וועל מאַכען פון דיר אַ גרויסע פאָלק וועלכע עס וועט זיין אזוי גרויס אין צאָל אז מען וועט זיי ניט קענען איבערציילען, אזוי ווי מען קען ניט איבערציילען די שטערען אין הימעל און די זעמדעלאַך פון ברעג פון ים. און אין דעם מאָמענט האָט גאָט גע־

שלאָסען דעם קאָנטראַקט מיט אברהמען אז ער און זיינע קינדער און קינד׳ס קינדער אויף אייביג זאָלען זיך מל זיין און דאָס וועט זיין דער צייכען פון די אידען, אז זיי זיינען די קינדער פון אברהמען דעם ערשטען קלוגען און גרויסען מאַהן ווער עס האָט געהאַט אזא גרויסען פאַרשטאַנד צו פאַרשטיין אז עס איז דאָ אַ גאָט ווער עס האָט אַללעס בעשאַפען און ווער עס פיהרט אָהן מיט אַללעס. דעריבער האָט גאָט אויסגעקליבען אברהם אבינו און זיינע קינדער און זיינע קינד׳ס קינדער נאָך איהם, אז זיי זאָללען ניט בלאָנדזשען אזוי ווי בלינדע און זיי זאָללען ניט גלויבען אין אַללע נאַרישקייטען וואָס עס דוכט זיך זיי אָפּ אָדער וואָס מען רעדט זיי איין, נור זיי זאָללען גלויבען אין דעם אמת׳ן גאָט ווער עס האָט באַשאַפען אזא וואונדערבאַרע וועלט מיט אַללעס וואָס עס געפינט זיך אויף איהר, ווער עס האָט באַשאַפען די זון מיט דער לבנה מיט אַללע פלאַנעטען, אז ער איז דער ריכטיגער האַר ווער עס זיצט אזוי הויך אין הימעל און דאָך גיט ער אכטונג אפילו אויף דער קלענסטער בעשעפעניש אז זי זאָל קריגען איהר שפייז אין איהר צייט.

דער גרויסער האַר האָט עס בעשאַפען דעם מענש׳ן און ער האָט אין איהם אריינגעגעבען אַ טייל פון זיין געטליכען פאַרשטאַנד, אז דער מענש זאָל האָבען שכל צו פאַרשטיין ווי צו ענטוויקלען די ערד אז ער זאָל פון איהר ארויסקריגען אַללעס נויטיגעס פאַר די בעקוועמליכקייט פון דער מענשהייט. דער מענש זאָל זיך בעגיין מיט ליבע און רחמנות איינער צום אַנדערען. מענש׳ן זאָללען אזוי ווי ברידער צוזאַממען בעאַרבעטען די ערד כדי עס זאָל וואַקסען גענוג שפייז פאַר אַלעמען און די אַנדערע זאָללען טאָן אַנדערע אַרבעט צו שאַפען אַללע זאָרטען בעקוועמליכקייטען פאַר דער מענשהייט און עס זאָל הערשען ליבע און רחמנות פון איין מענש׳ן צו דעם אַנדערען. דער מענש זאָל צוערשט געבען עסען און טרינקען צו די חיות און בהמות, ווייל זיי קענען ניט ריידען און בעט׳ן. דערנאָך מעג דער מענש אליין עסען.

און דער אויבערשטער האָט אָנגעהאַלטען אין ריידען צו אברהמען און ער האָט געזאָגט צו איהם: דיזע גאַנצע לאַנד וואָס דו זעהסט, פון איין ברעג ים ביז צום אַנדערען און די לייגג און די ברייט פון דער לאַנד וואָס גאָט האָט אין יענע צייט בעוויזען צו אברהמען און ער האָט געמאַכט אז אברהמ׳ס אויגען זאָללען קענען זעהען אזוי ווייט אזוי ווי עס איז אָנגעוויזען דער שטח פון דער לאַנד אין חומש בראשית אין פרשה לך לך, און ווי עס איז אָנגע־וויזען שפּעטער אייניגע מאָהל די מאַפּ פון דער לאַנד אין חומש במדבר אין פרשה מסעי און אין פרשה והיה עקב תשמעון און אין פרשה וזאת הברכה, אָט דאָס אַללעס וועט זיין די לאַנד וואָס איך האָב אָװעקגענומען פון די פאַרדאָרבענע און זינדיגע פעלקער און איך האָב דאָס אוועקגעגעבען פאַר דיי־נע קינדער אויף אייביג. און גאָט האָט גלייכצייטיג געשוואָרען צו אברהמען

אַלס אַ בעשטעטיגונג אז ער וועט זיינע ווערטער און זיין צוזאָג מקים זיין צו די אידען דערפאַר וואָס זיי וועלען טאָן די שווערע אויפגאַבע צו לערנען די מענשהייט דעם ריכטיגען וועג ווי זיי זאָלען גיין. אז זיי זאָללען גלויבען נור אין דעם ריכטיגען גאָט און זיי זאָללען שטענדיג די זאַך געדיינקען, אז גאָט זיצט אין הימעל און דאָך זעהט ער און ער הערט יעדע זאַך וואָס יעדע בעשעפעניש טוט. און ער וועט בעצאָהלען יעדען איינעם לויט זיינע מעשים נאָך. און איבּ אז דער מענש וועט דאָס געדיינקען און וועט די זאַך האַלטען אין זינען וועט דאַהן קענען זיין אַן אמתע גליקליכע וועלט.

און דאָ וואָלט איך וועלען אויפווייזען אַ זאַך צו אזעלכע מענש'ן ווער עס פאַרשטייען ביט ווי אמת מיינע רייד זיינען. עס איז אַ וועלט־בעוואוסטע זאַך אז צוויי מענש'ן ווען זיי בעשליסען צו מאַכען אַ פאַרטנערשיפּ אין אַ ביזנעס, קומען זיי צו אַ לאָיער זיך אָפּשרייבען. דאָס הייסט שליסען דעם אָפּמאַך. דער לאָיער שרייבט אין קאָנטראַקט די פונקטען וואָס יעדער צד נעהמט זיך אונטער צו טאָן פאַר דעם ביזנעס. און ביידע בעשטעטיגען מיט זייער אונטערשריפט.

עס שרייבט זיך אין דער תורה אז גאָט האָט געשלאָסען אַ ברית, אַ קאָנטראַקט, מיט אברהם אבינו. די דאָזיגע פונקטען וואָס גאָט האָט זיך אונטערגענומען שרייבט זיך און מיר זאָגען אין אונזערע תפלות: „ותקם את דבריך כי צדיק אתה“. וואָס אָבער זיינען אברהמ׳ס פונקטען, וואָס ער האָט זיך אונטערנומען? עס האָט דאָך געוויס געמוזט זיין פונקטען פאַרוואָס גאָט האָט איהם פאַרשפּראָכען אוועקצונעהמען די דאָזיקע לענדער פון די זיבּדיגע פעלקער און דאָס אוועקגעבען צו זיינע קינדער? און גאָט האָט באַלד געגעבען אברהמ׳ען אַ גרויסען אויפגאָב — אַ דעפּאָזיט — אַ טייל פון זיינע צו־זאָגען, ווי עס שרייבט זיך: וד׳ בירך את אברהם בכל. טאָ פאַרוואָס איז דאָס? עס מוז דאָך זיין עפּעס אין דעם! דער ענטפער איז: ווייל אברהם איז גע־פעלען געוואָרען צו גאָט. ווייל אברהם האָט געגלויבט אין גאָט, אין דעם אמת׳ן גאָט, ווער עס האָט אַללעס בעשאַפען און ווער עס פיהרט אָהן מיט אַללעס. און אברהם האָט דאָס אַללעס אויפגעקלערט צו יעדען איינעם מיט וועמען ער איז געקומען אין קאָנטאַקט, ווי עס זאָגט זיך: אז אברהם האָט מגיר געווען מיט זיינע אויפקלערונג מענער און שרה זיין ווייב האָט מגיר געווען פרויען. האָט גאָט דאָס צוגעקוקט און ער האָט געהאָפט אז אברהם וועט אָנגיין אזוי זיין גאַנצען לעבען צו לערנען די מענשהייט און צו אַרויפ־פיהרען זיי אויפען ריכטיגען וועג. און דאָסזעלבע וועלען זיינע קינדער טאָן כדי עס זאָל זיין אַ גוטע וועלט. אָט דאָס זיינען די פונקטען וואָס גאָט האָט פאַרלאַנגט פון אברהמען און זיינע קינדער נאָך איהם. און דאָס איז די אור־זאַכע וואָס גאָט האָט איהם געהייסען צו פאַרלאָזען זיין לאַנד און זיין גע־בורטס־אָרט און זיין פאָטער׳ס הויז, ער זאָל גיין פון שטאָדט צו שטאָדט און

פון לאַנד צו לאַנד אויפצואוויזען זיי דעם ריכטיגען וועג. אָבער עס איז אַ צווייפעל אייב אברהם האָט ריכטיג פאַרשטאַנען אַללעס וואָס גאָט פאַר־לאַנגט, ווייל ער האָט זיך שפּעטער אויסגעדריקט צום קעניג אבימלך: „כי התעו אותי אלקים". דאָס הייסט: גאָט האָט מיך געמאַכט צו בלאָנדזשען, צו וואַנדערען.

און וויפיל האָט אברהם געקענט באוויזען צו גיין צו פוס אָדער רייטען אויף אַן אייזעל צו לערנען די מענשהייט? ער איז גאַר געוואָרען שפּעטער אָנגעוואָרפען מיט שווערע דאגות: מיט ברייגנען זיין זון יצחק'ן צו דער עקידה, צו לויפען ראַטעווען לוטען זיין פריינד פון געפאַנגענשאַפט און דערנאָך איז שרה זיין וויב געשטאָרבען. אָט אַזוי איז דער קאָנטראַקט וואָס אברהם האָט געמוזט טאָן ביסלעכווייז פאַרגעסען געוואָרען, ווייל עס שרייבט זיך ניט וואָס אברהם האָט אויפגעטאָן אין דער זאַך, פאַרוואָס גאָט האָט פאַר־שפּראָכען אַזוי פיל צו אברהמען און צו זיינע קינדער.

יצחק און יעקב זיינען געוועזען פיינע און פרומע אידען, אָבער וואָס זיי האָבען געטאָן צו ערפיהלען דעם קאָנטראַקט ווערט ניט דערמאָנט. טאַ ווי שטעלט איהר זיך פאָר, מיינע ליבע ברידער: גאָט וועט אונז אידען אליין געבען אַלדאָס גוטס און זיינע איבעריגע קינדער, ווער עס זיינען ביי איהם די זעלבע קינדער ווי מיר זיינען, זאָללען זיך אראָפּרייסען די בעזער און זאָללען אַללע ווילע געמאָרדעט ווערען אין בלוטיגע מלחמות, ווייל זיי זיינען ווילד, ניט געלערענט, וואָס זיי מוזען וויסען אז עס איז דאַ אַן אויג וואָס עס זעהט און אַן אויער וואָס עס הערט און דאָס אַללעס וואָס מיר האָבען זיך אָנגענומען אליין אויפצופיהרען זיך ווי גאָט פאַרלאַנגט פון אונז און מיר זאָללען דאָס איינלערנען מיט אונזערע קינדער און די מענשהייט זאָל זיך קענען לערנען פון אונז, וואָס דאַן וואָלט דאָך געוועזען אַ פיינע וועלט, טוען מיר דאָס ניט! מיר ריהמען זיך: „אתה בחרתנו מכל העמים, אהבת אותנו ורצית בנו". מיר זיינען די פיינע, אָבער איהר די אַנדערע מענש'ן, ווער זייט איהר? און דאָס וואָס מיר מוזען טאָן פאַרוואָס גאָט האָט אונז אויסגעקליבען, טוען מיר ניט. איז דען אַ וואונדער אז די פעלקער האַסען אונז אַזוי ווי די ברי־דער האָבען געהאַסט זייער ברודער יוסף'ן, ווייל זייער פאָטער יעקב האָט איהם בעסער האָלט געהאַט ווי זיינע אַנדערע קינדער און ער האָט איהם געמאַכט אַ זיידענע העמדיל, און אויך פאַרוואָס ער האָט זיך בעריהמט מיט זיינע חלומות. ביי די ברידער איז אויסגעקומען אז ער בעריהמט זיך דאָס. טאַ וואָס איז ארויסגעקומען? די ברידער האָבען יוסף'ן געוואָלט אוועקהרגע־נען און אַ דאַנק ראובנען און יהודה האָבען זיי איהם ניט געמאָרדעט אויף אַן אָרט, נור זיי האָבען איהם פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט. דאָס זעלבע קומט פאָר מיט אונז: מיר טוען ניט וואָס מיר דאַרפען! מיר, וואָס דאַרפען לער־נען די מענשהייט, זיינען ניט בעסער פון זיי. און אז די ווילדע מענש'ן פיי־

ביגען אונז האָבען מיר נאָך אַ טענה צו גאָט: פאַרוואָס שוויגסטו זיי ?! אָדער מענש'ן פרעגען: וואו איז געוועזען גאָט, ווען מען איז אונדז באַפאַלען און אויסגעקוילעט ווי שעפסען ?!

יעצט וועל'ן מיר גיין צוריק צו זעהען וואָס איז פאַרגעקומען מיט אברהמען.

עס האָט ניט צו לאַנג געדויערט און גאָט האָט זיך ווידער בעוויזען צו אברהמ'ען און ער האָט געזאָגט צו איהם: דו מוזסט פאַרלאָזען דיין לאַנד און די שטאָדט וואו דו ביזסט געבאָרען געוואָרען און דיין פאָטער'ס הויז, אזוי ווי עס שרייבט זיך: „לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך". דאָס מיינט, דאָ האָסטו שוין געטאָן דיין דזשאָב, יעצט גיי אין אַנדערע ערטער אויך צו טאָן דיין דזשאָב, די זייער וויכטיגע אויפגאַבע וואָס איך פאַרלאָז מיך אויף דיר צו טאָן כדי צו ראַטעווען די מענשהייט פון אונטערגאַנג איבער זייערע שלעכטע מנהגים און דורך זייערע פאַרדאָרבענע אויפפיהרונגען ווי זיי פיהרען זיך אויף, ווייל זיי זיינען פאַרפיהרט און זיי גלייבן אין פערשידענע אָפגעטער, וואָס דאָס איז די אמתע אורזאַכע וואָס עס צוטיילט די מענשהייט אין פערשידענע קלאַסען און קאַטעגאָריעס, און דאָס איז די איינציגע טרויע־ריגע אורזאַכע וועלכע עס ברייננגט צו אַזעלכע מערדערייען און צו אַזעלכע בלוטיגע מלחמות צווישען איין קלאַס מענש און דעם אַנדערען.

אברהם האָט קיין איין וואָרט ניט איבערגערעדט און ער האָט גלייך געפאָלגט דעם אויבערשטען וואָס ער האָט איהם אָנגעזאָגט צו טאָן. ער האָט זיך גלייך מל געווען און אויך זיין זון ישמעאל'ן און אַללע זכרים פון זיינע בעדינער און גלייך ווי ער איז געזונד געוואָרען האָט ער גענומען זיין פרוי שרה'ן מיט זיין ביסעלע האָב און גוטס, זיינע שעפסען און בהמות, און ער האָט אזוי אָנגעהויבען צו גיין פון שטאָדט צו שטאָדט צו זעהען ווי די מענש־הייט פיהרט זיך אויף און צו לערנען זיי די ווערטער וועלכע גאָט האָט איהם געהייסען צו לערנען די מענשהייט.

אָבער ווי נור אברהם איז געקומען אין דער ערשטער שטאָדט האָט ער שוין גלייך געזעהן די ערשטע ערפאַהרונג ווי די מענשהייט איז שלעכט און פאַרדאָרבען און ווי אזוי מענש'ן זיינען אַ האָר ניט בעסער פון חיות פון וואַלד. ער האָט גלייך דערזעהען ווי מענש'ן באַפאַלען איינער דעם אַנדערען און ווי זיי בערויבען און ווי זיי קוילענען איינער דעם אַנדערען אָהן רחמנות. און דאָס איז נור דערפאַר ווייל עס פעהלט זיי דער גלויבען און די מורא פאַר גאָט, ווייל עס פעהלט זיי די בויטיקסטע און וויכטיגסטע וויסענשאַפט, וואָס יעדער מענש מוז דאָס וויסען, אז עס איז דאָ איינער וועד עס איז דער האַר פון דער וועלט, וועד עס זעהט און הערט אַללעס וואָס יעדער איינער טהוט, אז פון איהם איז קיין פאַרבאָרגעניש ניטאָ און ער וועט זייער שטריינג זיך אָפרעכענען מיט אַללע פאַרברעכער, וועלכע עס פאַרגיסען אונשולדיגע בלוט.

אברהם אליין איז אויך געשטאַנען אין געפאַר מיט זיין לעבען און ער האָט געמוזט זאָגען צו די מענש'ן וועלכע עס זיינען איהם מיט זיין פרוי באַפאַלען, אז זי איז גאָר זיין שוועסטער. ווייל אייב ער וואָלט זיי געזאָגט אז זי איז זיין פרוי וואָלטען זיי צורעשט איהם געטויט, דערנאָך וואָלטען זיי געקענט צונעהמען שרה'ן לויט זייערע געזעצען אז מען טאָר ניט צונעהמען די פרוי פון איהר מאַהן כל זמן איהר מאַהן לעבט. אָבער צו טויטען דעם מאַהן פאַר דעם צוועק צוצונעהמען זיין פרוי, דאָס מעג מען יאָ. אָבער ווי באַלד אז אברהם האָט געזאָגט אז שרה איז זיין שוועסטער, איז ער דאַהן ניט געווען אין זייער וועג, ווייל אַ שוועסטער פון אַ ברודער מעג מען יאָ צו־נעהמען. אָט אזוי איז אברהם ניצול געוואָרען פון טויט. די מענש'ן האָבען שרה'ן צוגענומען און זיי האָבען איהר געבראַכט צו זייער קעניג, ווייל זי איז געווען אַ גרויסע שיינהייט.

איך שטעל זיך פאָר אז אַללע פון איך ווייסען די דאָזיגע געשיכטע פון חומש, אז דער אויבערשטער האָט ניט דערלאָזען אז דער קעניג אבימלך זאָל זיך האָבען אפילו אָנגעריהרט אָהן שרה'ן, ווייל דער אויבערשטער האָט אָנגעשיקט גרויסע וויטאָקען אין דעם קעניג'ס קערפער, אז ער האָט פאַר־שטאַנען אז ער האָט דאָ געמוזט בעגיין אַ פערברעכען און ער האָט געשיקט נאָך אברהמען און ער האָט איהם זיין פרוי שרה'ן צוריקגעגעבען.

אויף דעם קינג'ס פראַגע וואָס ער האָט געשטעלט אברהמען פאַרוואָס ער האָט געטאָן אזא זאַך און געזאָגט אז שרה איז זיין שוועסטער, מיט וואָס ער האָט איהם געבראַכט צו אַ זינד און ער האָט דערפאַר געהאַט אזעלכע געפעהרליכע וויטאָקען? האָט איהם אברהם ערקלערט די ריכטיגע אור־זאַכע, ווייל ער האָט דערזעהען אז מען האָט דאָ קיין מורא ניט פאַר גאָט! און דאָרטען וואו עס איז ניטאָ קיין מורא פאַר גאָט איז דאָרטען ניטאָ קיין גערעכטיגקייט! און וויבאַלד אז עס איז ניטאָ קיין גערעכטיגקייט איז דאָ קיין מענטש ניט זיכער מיט זיין לעבען, און וויבאַלד אזוי וואָלט מען דאָך איהם געוויס אוועקגעהרגעט. אברהם האָט אויך דערציילט דעם קעניג וואָס זיין מיסיע איז, אז ער איז בעשטימט געוואָרען פון דעם האַר פון דער וועלט צו גיין און צו לערנען די מענשהייט אז זיי זאָללען וויסען אז עס איז דאָ אַ גאָט אין הימעל ווער עס האָט אַללעס בעשאַפען און ווער עס פיהרט אָהן מיט אַללעס. אז ער, דער האַר, זעהט און הערט אַללעס וואָס יעדער איינער טוט און אז ער וועט שטריינג זיך אָפּרעכענען מיט די, וועלכע עס טוען שלעכטעס.

גלייך נאָך דיזער געשיכטע האָט גאָט זיך בעוויזען צו אברהמען און ער האָט איהם אויסגעזאָגט אז ער איז געצוואונגען צו גיין פאַרניכטען די צווי גרויסע שטעדט „סדום און עמורה", ווייל די שלעכטסקייט פון די מענש'ן אין די שטעדט און זייערע פאַרברעכענס זיינען שוין דערגאַנגען צו דער העכ־סטער מדרגה. אז עס איז שוין יעצט די העכסטע צייט געקומען אז ער קען

מעהר ניט שווייגען און ער מוז זיך אָפּרעכענען מיט זיי פאַר די אומזיסטע בלוט וואָס עס ווערט דאָרטען פאַרגאָסען.

צווישען אַ סך פון זייערע פאַרדאַרבענע געזעטצען וואָס די צוויי שטעדט האָבען געהאַט איז געוועזען איינער אַזאַ ברוטאַלער געזעטץ, וועלכער עס האָט איבערגעשטייגט אַללעס, איבער וואָס גאָט האָט שוין לייגגער ניט געקענט וואַרטען און ער האָט געמוזט איינמאָל פאַר אַלעמאָל זיך אָפּרעכענען מיט זיי! עס האָט ביי זיי עקזיסטירט אַ שטרייגגער געזעטץ, אַז ווען עס פלעגט אריינקומען אדורכגייער, אַן אָרימאַן, אין איינע פון דיזע שטעדט און געוואָלט איבערנעכטיגען, האָט קיינער ניט געטאָרט איהם געבען קיין עסען אָדער טרינקען און אפילו בלויז איבערנעכטיגען האָט מען איהם אויך ניט געטאָרט לאָזען. מען האָט געמוזט גלייך מעלדען די פּאָליציי וועגען דער זאַך און די פּאָליציי האָט דעם מאַהן ארעסטירט. און דאָס איז וואָס מען האָט געטאָן צו דעם פרעמדען, דעם אָרימאַן:

זיי האָבען פאַר דעם צוועק געהאַט אַ בעט, וועלכע מען האָט אוועקגע־שטעלט אין מיטען מארק, וואו אַללע מענש׳ן קומען יעדען טאָג. די דאָזיגע בעט האָט געהאַלטען אַ געוויסע לייגג. אין דער בעט האָט מען דעם פרעמ־דען אריינגעלייגט אין מיטען טאָג, ווען פיל מענש׳ן האָבען זיך אויפגע־קליבען כדי אַז מען זאָל זעהען און מען זאָל וויסען וואָס מען טוט צו דעם פרעמדען און וואָס מען וועט אויך טאָן צו דעם ווער עס וועט האָבען רחמנות און וועט לאָזען אַ פרעמדען, אַן אָרימאַן, איבערצונעכטיגען אָדער ווער עס וועט איהם געבען עסען אָדער טרינקען. און אַזוי האָט מען דעם אורח אויס־געצויגען אין דער בעט צו זעהען ווי לאַנג ער איז. און אויב ער איז געוועזען לייגגער פון דער בעט האָט מען אויך אַזוי פיל אָפּגעהאַקט זיינע פיס מיט אַ שאַרפע האַק, אָהן קיין רחמנות! און אויב דער אָרימאַן האָט ניט געהאַל־טען די געוויסע לייגג ווי די בעט האָט געהאַלטען, האָט מען זיינע פיס גע־צויגען אַזוי לאַנג ביז מען האָט זיי איינגאַנצען ארויסגעריסען פון דעם אונ־גליקליכען קערפּער. אויף אַזוי פיל זיינען מענש׳ן געוועזען ווילד און פאַר־דאָרבען, ווייל עס איז קיינעם ניט איינגעפאַלען, אַז עס איז דאָ איינער ווער עס וועט זיך אָפּרעכענען פאַר דעם פאַרגיסען פון בלוט.

אברהם, דער גרויסער אָרענטליכער מאַהן מיט די גוטע אידעלע הארץ, ווען ער האָט דערהערט פון דעם אויבערשטען אַזאַ טרויעריגע זאַך, אַז אַזעלכע גרויסע שטעדט גייען ווערען פאַרניכטעט צוזאַממען מיט אַזויפיל מענש׳ן, האָט אברהם זיך גאַרניט געקענט פאָרשטעלען אַז אַללע מענש׳ן אָהן אויסנאַהם זאָללען קענען זיין אַזוי פאַרדאָרבען? ער האָט געדיינקט אַז דאָך מוזען אָפשר זיין דאָרטען וויפיל ניט איז גוטע און אָרענטליכע מענש׳ן. האָט ער דעריבער זיך גענומען בעט׳ן און זיך דינגען מיט דעם אויבערשטען אַז ער זאָל אַזאַ זאַך ניט טאָן, צוליב די גוטע און אָרענטליכע

מענש׳ן, וועלכע עס זיינען אפשר דאָ אין די צוויי שטעט. און ווי קען דאָס טאַקע זיין אזא זאַך, אז אין אזעלכע צוויי גרויסע שטעדט זאָללען זיך ניט גע־פינען אפילו איניגע אָרענטליכע מענש׳ן?

און פונקט דאָס זעלבע, די ברוטאַליטעט און די רציחה האָבען מיר צו־געזעהען אין אונזערע ציוויליזירטע מאָדערנע צייטען, ווי אַ גאַנצער פאָלק האָבען אַללע ווי איינער זיך ארומגענומען מיט זייער טייוועלשען פיהרער היטלער י״ש, און האָבען אָהן קיין שום רחמנות פאַרמוטשעט אונשולדיגע מענש׳ן מיט די גרעסטע רציחה, געשאָסען, געסמט און פאַרברענט לעבעדיגע אונשולדיגע קרבנות, וועי עס זיינען אריינגעפאַלען אין זייערע בלוטיגע הענט. דער אַנטוואָרט וועגען די צוויי שטעדט סדום און עמורה און אויף די היינטיגע רוצחים אין אונזערע צייטען איז גאַנץ קלאָר ווי אזוי אזעלכע זאַכען קענען פאַסירען. ווי באַלד אז די נידעריגסטע ווירסענשאַפט אז עס איז דאָ אַ האַר וועד עס זעהט און הערט אַללעס איז ניט געלערענט געוואָרען, זיינען מענש׳ן דעריבער דאַן ערגער ווי חיות! און ווער עס איז שטאַרקער קומט ביי דעם שוואַכערען! און מענש׳ן אָהן דיזע וויסענשאַפט טוען אָפּ אזעלכע זאַכען אזוי ווי ווילדע חיות, אָדער א סך ערגערע זאַכען וואָס חיות קענען טאָן. אָט דאָס איז דער קלאָרער ענטפער!

אויף אברהמ׳ס ווערטער און געבעט האָט גאָט איהם אזוי געענטפערט אז אויב דו, אברהם, קענסט געפינען וויפיל ניט איז אָרענטליכע מענש׳ן אין די שטעדט וועל איך געוויס איינשטימען ניט חרוב צו מאַכען זיי. און גאָט האָט גלייך בעוויזען אברהמען אַ פּראָוו אז ער זאָל זיך קענען איבערצייגען אויף ווי וויט דיזע מענש׳ן אין די צוויי שטעדט זיינען פאַרדאָרבען, אז אפילו איינער אַ רעכטער איז ניט געוועזען. ער האָט איהם בעוויזען אזא בילד: ווי זיין פּלימעניק לוט האָט געוואָלט לאָזען בלויז איבערנעכטיגען צוויי אורחים, וועלכע עס זיינען געוועזען אין דער אמת׳ן די צוויי מלאכים, וואָס זיינען געקומען איינער איבערצוקערען די צוויי שטעדט און איינער צו ראַטעווען לוט׳ן מיט זיין פאַמיליע. און אזוי גיך ווי די ארומיגע שכנים האָבען זיך דאָס דערוואוסט, האָבען זיי גלייך ארומגערינגעלט לוט׳ס הויז און האָבען אַללע אזוי ווי איינער געשטורימט און געפאָדערט אז ער זאָל די צוויי אורחים ארויסגעבען צו זיי און זיי וועלען טאָן צו זיי דאָס זעלבע וואָס זיי פלעגען טאָן צו יעדען אורח!

עס האָט ניט געהאָלפען דער בעט׳ן זיך וואָס לוט האָט זיך ביי זיי גע־בעטען, אז זיי זאָללען די אורחים לאָזען נור די נאַכט אליין איבערנעכטיגען. ער האָט זיי זאָגאַר אָנגעבאָטען זיינע צוויי יונגע טעכטער אָנשטאָט די אור־חים, און זיי קענען טאָן מיט די טעכטער וואָס זייערע הערצער געלוסטען, אבי זיי זאָללען די אורחים לאָזען צו רוהה. ווייל לוט איז געוועזען איינער פון אברהמ׳ס משפחה און ער האָט אויך געהאַט אין זיך די מדה פון „הכנסת

אורחים" אַזוי ווי זיין אָנקעל אברהם. אָבער אפילו אזא אָנבאָט פון לוטן האָט אויך ניט געהאָלפען און די מענש'ן האָבען וואָס ווייטער אַלץ מעהר געשטורימט די הויז, ביז די מלאכים האָבען לוטן אריינגענומען אין הויז און האָבען די גאַנצע מחנה וועלכע איז באַפאַלען די הויז, געשלאָגען מיט בלינדקייט. זיי זיינען אַללע בלינד געוואָרען.

דאָהן האָט אברהם זיך איבערציינט, אז גאָט איז גערעכט. אז ער, דער פאָטער פון דער מענשהייט קען בעשליסען ביי זיך צו טאָן אזא זאַך ווי אומצובריינגען אזעלכע צוויי גרויסע שטעדט מיט אזוי פיל מענש'ן, מסתמה זיינען אַללע מענש'ן אָהן אויסנאַהם שרעקליך פאַרדאָרבען און זיי זיינען גע־וועזען אַללע ניט בעסער פון די חיות פון וואַלד, אָדער אפשר אַ סך ערגער פון די חיות, ווייל זיי האָבען געהאַט ניט קיין הערכערען פאַרשטאַנד פון די חיות, כאָטש זיי זיינען אויף צוויי פיס און קענען זיין קלוג צו ערפינדען אלערליי זאַרטען כלי זין צו טויטען מענש'ן. אָבער זייערע הערצער זיינען די זעלבע ווי ביי חיות. ווי נור עס פאַרווילט זיך אַ זאַך צו קריגען פאַלט מען אָהן אויפען צווייטען ווי אַ חיה און מען קריגט עס. און דעריבער האָט גאָט געטאָן זיין גערעכטיגקייט צו די שלעכטע מענש'ן און ער האָט זיך מיט זיי אָפגערעכענט פאַר די אומזיסטע בלוט וואָס זיי האָבען אזוי פיל יאָהרען פאַר־גאָסען פון אזוי פיל אונשולדיגע קרבנות און פון סדום און עמורה איז גע־בליבען בלויז אַש און שטיינער.

אברהם'ס זון יצחק, וועלכער האָט אויך געמוזט וואַנדערען פון איין שטאָדט צו דער אַנדערער צו ערפיהלען דעם קאָנטראַקט וואָס זיין פאָטער אברהם האָט געשלאָסען מיט גאָט, צו גיין לערנען די מענשהייט אז זיי זאָללען אַראָפּ פון זייערע שלעכטע וועגען און זאָללען אָנהויבען גיין אויפען וועג פון אמת און גערעכטיגקייט, האָט אויך יצחק געהאַט איבערגעלעבט פונקט אזא געפאַר מיט זיין לעבען אזוי ווי זיין פאָטער אברהם.

יצחק איז אויך געוועזען אין געפאַר דערמאָרדעט צו ווערען פון שלעכ־טע מענש'ן, וועלכע עס זיינען איהם מיט זיין פרוי רבקה'ן באַפאַלען און אויך יצחק האָט געמוזט זאָגען אז רבקה איז זיין שוועסטער, כדי צו ראַטעווען זיין לעבען. און גאָט איז אויך געוועזען מיט יצחק'ן אזוי ווי ער איז געוועזען מיט זיין פאָטער אברהם'ען, און גאָט האָט אויך אָנגעשיקט אויף דעם קעניג וועלכער עס האָט געוואָלט זיך אָנריהרען אָהן רבקה'ן אזעלכע פיין אויף איהם מיט זיינע בעדינער, אז ער האָט געשווינד געמוזט שיקען נאָך יצחק'ן ער זאָל קומען צונעהמען זיין פרוי, ווייל יעדע מינוט וואָס עס האָט זיך פאַרצויגען איז דער קעניג און זיינע בעדינער געשטאַנען אין די גרעסטע געפאַר פון טויט, דורך די שרעקליכע יסורים וואָס גאָט האָט אויף זיי אָנגעשיקט.

יצחק האָט געמוסרט דעם קעניג מיט זיינע בעדינער און ער האָט זיי אויפגעוויזען, אז עס איז דאָ אַ גאָט אין הימעל און אז ער וויל זייער ניט

ליידען אזעלכע שלעכטע מנהגים ווי זיי פיהרען זיך אויף. ווייל ניט אויף אזא אופן האָט ער באַשאַפען די וועלט אז מענש'ן זאָללען זיך אויפפיהרען אזוי ווי חיות. גאָט וויל אז די מענשהייט זאָל לעבען אין שלום און זאָללען זיך העלפען איינע די אַנדערע אזוי ווי ברידער. זיי זאָללען ניט רויבען און זאָללען ניט מערדער'ן איינער דעם. אַנדערען.

נאָך דער געשיכטע וואָס דאָ האָט פּאַסירט האָט דער קעניג געגעבען יצחק'ן אויסלייז־געלט פאַר די באַליידיקונג וואָס זיינע בעדינער און אויך וואָס ער אליין האָט אָנגעטאָן צו איהם און צו זיין פרוי רבקה'ן און פאַר די שרעק וואָס יצחק און רבקה האָבען געהאַט און ער האָט געבעטען יצחק'ן און רבקה'ן אז זיי זאָללען זיי אַלעמען מוחל זיין און זאָללען בעטען ביי דעם אויבערשטען אז ער זאָל זיי פאַרגעבען פאַר זייערע זינד, וועלכע זיי זיינען בעגאַנגען צו זיי. און דער קעניג האָט פאַרשפּראָכען אזעלכע זאַכען מעהר ניט טאָן.

איין גרויסען פעהלער, ווי מיר וועלען דאָס אָנרופען, אָדער אפשר זאָללען מיר דאָס אָנרופען מיט דעם נאָהמען, אַ שוואַכקייט אין דעם דורכ־פיהרען פון דער גרויסער מיסיע וואָס גאָט האָט אברהמען אָנגעטרויט דורכ־צופיהרען, ווייזט זיך ארויס האָבען געמאַכט אזוי ווי אברהם אליין, אזוי אויך זיין זון יצחק און אזוי אויך יעקב, וואָס דער פעהלער האָט דערנאָך געבראַכט צו זייער גרויסע אונגליקען צו זייערע קינדער און במילא אויך צו דער גאַנ־צער מענשהייט. דער פעהלער בעשטייט אין דער פאָלגענדער זאַך:

אזוי ווי עס איז אַ פאַרשטענדליכע זאַך, אז יעדער פאָטער איז מחויב צו לערנען זיינע קינדער, סיי איבּ זיי זיינען גוטע קינדער וועלכע עס ווילען זיך לאָזען לערנען און וועלכע עס טוען זיך צוהערען וואָס זייער פאָטער לערנט זיי, און סיי איבּ די קינדער זיינען אזעלכע, וועלכע עס ווילען זיך ניט צו־הערען וואָס דער פאָטער לערנט זיי, דאָך טאָר אַ פאָטער זיך ניט מיאש זיין און ער טאָר ניט אָפּגעבען די זאַך, און ער מוז אפילו מיט בייזען נויטען זיינע קינדער אז זיי זאָללען זיך יאָ איינהערען וואָס ער לערנט זיי. איבערהויפּט ווען עס האַנדעלט זיך וועגען די זאַך וואָס גאָט האָט אָנגעזאָגט אונזערע עלטער'ן: ושננתם לבניך ודברת בם בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך. וואָס דאָס מיינט, אז די עלטער'ן מוזען לערנען מיט זייערע קינדער טאָג און נאַכט אז זיי זאָללען וויסען, אז עס איז דאָ אַ גאָט וועך עס האָט באַ־שאַפען די וועלט מיט אַללעס וואָס מיר זעהען און וואָס מיר פאַרשטייען, ווי אויך דאָס וואָס מיר פאַרשטייען ניט און וואָס מיר קענען ניט זעהען. און זיי זאָלען איבערהויפּט וויסען אז גאָט האָט אונז באַשאַפען אין זיין געשטאַלט און ער האָט אין אונז אריינגעגעבען אַ טייל פון זיינע מדות, די מדה פון רחמים און פון גוטהערציגקייט, דעריבער מוזען מיר זיך אויפפיהרען מיט רחמנות אין מענטש צום אַנדערען ווי אויך צו חיות און בהמות. מיר

מוזען פריהער. זיי געבען עסען ווייל זיי קענען ניט ריידען און בעטען. די מענשהייט מוז פאַרשטיין אז גאָט שפּייזט די וועלט, אז עס ווענדעט זיך אָהן איהם אויב עס זאָל זיין אַ געראָטענער יאָהר אָדער חלילה הונגער.

אַ מענש טאָר ניט רויבען פון דעם אַנדערען און אַ מענש האָט קיין רעכט ניט צו מאָרדען אָדער צו הרגענען אַ מענש'ן, ווייל דער האַר פון דער וועלט זעהט דאָס און ער הערט אַללעס און ער וועט פריהער אָדער שפּעטער זיך אָפּרעכענען פאַר די פאַרגאָסענע בלוט. און ווער עס פאַרשטייט ניט דאָס גענוג קען זיך פון דער דאָזיגער זאַך אַליין איבערצייגען, ווי אזוי גאָט זעהט און הערט אַללעס פון דעם, וואָס מיר שוואַכע בעשעפּענישען וואָס אונזער גאַנצע שטאַרקייט האָט אזא ווערדע פונקט אזוי ווי אַן איבערגעבראָכענע שטרוי. פון דען זעהען מיר אזוי וויט דורך דעם טעלעסקאָפּ און מיר שוואַכע בעשעפּענישען ווער עס זיינען די בעשאַפונג פון דעם גרויסען וועלט איבּערזשענער קענען הערען דורך דעם דראָהטלאָזן טעלעפאָן, וואָס מענש'ן ריידען פון דעם אַנדער עק פון דער וועלט. היינט ווי הערט שוין און ווי זעהט שוין דער וואונדערבאַרער בעשעפער אַליין?! דער האַר פון אַללע בעשעפעני־שען און דער בעשעפער פון אזא וואונדערבארע וועלט?! ניט נור וואָס ער זעהט אַללעס וואָס מיר טוען, נור ער זעהט אפילו און ער ווייס אפילו פאָר־אויס וואָס מיר טראַכטען צו טאָן. און נור ער אַליין ווייס פאָראויס וואָס עס וועט פאָרקומען מיט יעדען מענש'ן און מיט יעדער בעשעפעניש אין דער צוקונפט, ווייל אַללעס ווענדעט זיך אָהן איהם.

דעריבער מוז דאָס יעדער מענש געדיינקען און מוז דאָס שטענדיג האַל־טען אויף זיינע געדאַנקען וואו ער שטייט און וואו ער גייט די דאָזיגע זייער וויכטיגע זאַכען: אז גאָט איז אין הימעל און ער זעהט און הערט שטענדיג אַללעס וואָס יעדערער פון אונז טהוט, אָדער וואָס מיר טראַכטען אפילו צו טאָן! אזא וויכטיגער געדאַנק וועט אַלעמאָל פאַרהיטען אַ מענש'ן פון צו טאָן שלעכטס. און דער דאָזיגער מענש ווער עס ווייל דאָס ניט פאַרשטיין און ווער עס וויל פון דעם ניט וויסען, איז אָהן די העכסטע זאַך מיט וואָס אַ מענש אונטערשיידעט זיך פון אַ חיה! דאָס הייסט אז ער איז אָהן די געטליכע הויכ־קייט וואָס מען האָט אין איהם ארייגעגעבען אַלס מענש און דערפאַר איז אַזאַ מענש בלויז אַן איינפאַכע חיה, מעהר ניט וואָס דאָס גייט אויף צוויי פיס. און אזא זאָרט חיה וואָס זעהט אויס ווי אַ מענש אָבער די האַרץ איז ווי ביי אַ חיה, איז אזא חיה געפעהרליכער פון דער פיער פיסיגער, ווייל אזא חיה אין דעם געשטאַלט פון אַ מענש'ן קען טאָן צו דער מענשהייט זייער פיל שאָדען וואָס עס איז שווער אָפּצומעסטען און אָפּצוּוועגען וויפיל שאָדען דאָס קען טאָן.

צוועלפטער קאַפּיטעל

אַלזאָ, דאָס איז דער גרויסער פעהלער, ווי איך וועל דאָס אָנרופען, וואָס אונזערע עלטער׳ן די גרויסע צדיקים אברהם, יצחק און יעקב האָבען געמאַכט, אָדער זיי זיינען אפשר געווען שוואַך די זאַך דורכצופיהרען ווי עס האָט געדאַרפט זיין, אָדער עס קען מעגליך זיין אז זיי האָבען גענוג געטרייט זייער בעסט און זיי האָבען אפשר אָנגענומען אַללע גוטע אָדער שטרייגגע מיטלען, אָבער עס האָט ניט געהאָלפען.

און דאָס איז די וואונדערבאַרע זאַך וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך דאָ: וואָס אברהם האָט אריינגעגעבען די דאָזיגע וויכטיגסטע לעהרע, וועלכע איך האָב שוין פיל מאָהל געגוי ארומגערעדט, וואָס יעדער מענש מוז דאָס אונבעדינגט ויסען, האָט אברהם דאָס אריינגעגעבען נור אין זיין זון יצחק׳ן אליין! אפשר ווייל יצחק האָט זיך געלאָזען לערנען? אָבער ווי עס זאָל ניט האָבען געווען, איז אָבער פאַרבליבען אַ פעקט אז ישמעאל, זיין זון פון הגר׳ן, איז פאַרבליבען אָהן די דאָזיגע וויכטיגע לעהרע. און ישמעאל איז דעריבער אויסגעוואַקסען א רויבער און אַ מערדער! ווי עס זאָגט זיך אויף איהם אין דער תורה: „ידו בכל ויד כל בו״. און פון דעם ישמעאל׳ן זיינען ארויסגעקומען די אַראַבער, די טערקען, די מאַכמאַדאַנער און די מוסולמענער, וועלכע עס האָבען דעם זעלבען כאַראַקטער ווי זייער פאָטער ישמעאל. וואָס פיל פון זיי גלויבען נאָך אַלץ אין דער לבנה און אין פון לאַנג געשטאָרבענע מענש׳ן, פאַלשע נביאים, וועמען זיי האָבען פאַרגעטערט! און די קינדער פון ישמעאל׳ן זיינען אַוועק זייער ווייט פון דעם ריכטיגען וועג און פון דעם ריכטיגען גלויבען אין וועלכען זייערע ברידער, די קינדער פון יצחק׳ן, טוהען גלויבען.

די זעלבע זאַך איז פאָרגעקומען מיט אונזער פאָטער יצחק׳ן. ער האָט אויך אריינגעגעבען די דאָזיגע וויכטיגסטע לעהרע וואָס איך האָב פריהער ארומגערעדט און זיינע מדות נור אין זיין זון יעקב׳ן אליין. און אזוי ווי איך האָב פריהער שוין דערמאָנט אז מיר קענען ניט וויסען די זאַך געגוי וואָס די אומשטענדען זיינען געווען, אָבער דער פעקט איז פאַרבליבען, אז עשו, זיין עלטערער זון, איז אויסגעוואָקסען אזא זאָרט מענש, וועלכער עס האָט זיך געיאָגט נאָך חיות און זיין גאַנצער געדאַנק און שטרעבונג איז געווען צו שיסען, צו מערדער׳ן אָהן רחמנות. און ער איז אויסגעוואָקסען אַ ווילדער, אַ בלוט דורשטיגער גזלן! עשו איז געוועזען דער פאָטער פון

די היינטיקע סלאַווישע פעלקער, וועלכע עס טראָגען מיט זיך גאָר ניט קיין גלענצענדע היסטאָרי פון זייער פאַרגאַנגענהייט!

און אזוי האָט אויך יעקב געמאַכט אַ פעהלער, וואָס ער האָט בלויז געלערענט די זייער וויכטיגע לעהרע מיט זיין זון יוסף׳ן אליין. אפשר דער־פאַר וויל ער האָט איהם טאַקע העלטער געהאַט פון אַללע זיינע קינדער, ווי עס שרייבט זיך: „כי אותו אהב מכל בניו״. און אפשר דערפאַר וואָס יוסף האָט זיך געלאָזען לערנען פון איהם. און אפשר האָט יעקב ניט געטרייט אַללע כחות און ער האָט ניט אויסגענוצט זיין גאַנצע פאָטערליכע פליכט אין דעם איינפלאַנצען אין אַללע זיינע קינדער צוגלייך אָט די דאָזיגע וויכטיגע לעהרע וואָס יעדער מענש מוז דאָס וויסען, וואָס אָהן די לעהרע איז דער מענש אַ איינפאַכעווילדע חיה, אָדער נאָך פיל ערגער פון אַ חיה!

איך וויל דאָ בעמערקען אַ זאַך וואָס עס קען זיין אַ גוטע לעהרע פאַר יעדען פאָטער און דאָס איז: אז מען זאָל זיך היטען פון ארויסצואווייזען ליבע צו איין קינד מעהר ווי צו די אַנדערע, וויל די קנאה פון די אנדערע קינדער קען ברייגנען שלעכטע רעזולטאַטען, וואָס מיר קענען לערנען פון אונזערע אָבות טעותים. יעקב אבינו האָט ארויסגעוויזען מעהר ליבע צו איין זון, ווי צו די אַנדערע, האָט דאָס געבראַכט צו דעם אז די ברידער׳ס בלוט האָט געקאָכט פון קנאה אויף איהם און אַ ביסעלע וויטער ווען איהר לייע־נען וואָס עס איז ארויסגעקומען פון דעם. אויך מיר טוען אזא זאָרט פעהלער. מיר האַלטען זיך מיט אַ גאווה אַנטקעגען די אנדערע פעלקער. מיר זאָגען: מיר זיינען „אתה בחרתנו מכל העמים אהבת אותנו״, און אזוי וויטער. אמת טאַקע, מיר זיינען די איינציגע ווער עס האָבען איינגעשטימט צו מקבל זיין די תורה. אָבער זיינען מיר דען מקיים וואָס די תורה פאָדערט פון אונז, אז די מענשהייט זאָל זיך לערנען פון אונז? מיר האָבען זיך דאָך אָפגעלאָזען און מיר זיינען גאָר ניט ווייט פון די דרכים, ווי די אַנדערע מענש׳ן פיהרען זיך אויף! איז דען אַ וואונדער אז די שנאה אויף אונז בושעוועט?!

און דעריבער וויל יעקב האָט ארויסגעוויזען מעהר ליבע צו יוסף׳ן ווי צו די אַנדערע קינדער האָט עס געטראָפען אזא אונבעשרייבליכער טרויערי־גער אונגליק, אז צוויי פון יעקב׳ס זיהן, שמעון און לוי, האָבען פאַרלאָרען די מענשליכע מדה פון רחמנות און די מורא פאַר גאָט און זיי האָבען אויך איבערגערעדט זייערע איבריגע ברידער צו טאָן אזא שוידערליכען פאַר־ברעכען וואָס זיי האָבען פאַרקויפט זייער ברודער יוסף׳ן צו מענש׳ן הענד־לער, און זייערע הערצער זיינען געוואָרען אזוי פאַרשטיינערט, אז זיי האָבען ניט געקעהרט צו די געוויין און צו די האַרץ ברעכענדיגע געשרייען פון זייער ברודער יוסף׳ן, ווער עס האָט זיך נעבאך געבעטען ביי זיי אז זיי זאָלען רחמנות האָבען אויף איהם און זאָללען איהם ניט ארייגגעבען אין די הענט פון אזעלכע פאַרדאָרבענע מענש׳ן, ווער עס האַנדלען מיט מענש׳ן אזוי ווי

מיט חיות, ביי וועמען אַ מענש׳נס לעבען האָט קיין ווערדע ניט. און מיט דיזען פאַרברעכען האָבען זיי געבראַכט אַ טרויעריגען לעבען צו זייער פאָטער יעקב׳ן, וועך עס איז פון צרות אַלט און קראַנק געוואָרען פאַר דער צייט. פון דער פאַלשער אויסגעטראַכטער מעשה וועלכע זיי האָבען אָפּגעטראַכט איהם צו זאָגען, אז אַ ווילדע חיה האָט יוסף׳ן צוריסען, דורך וואָס יעקב האָט אָפּגעטרויערט כמעט זיין גאַנצען לעבען נאָך זיין ליבען זון יוסף׳ן.

און פאַר דיזען שרעקליכען פאַרברעכען זיינען אָהן צוויפעל יעקב׳ס קינדער מיט זייערע קינד׳ס קינדער פאַרמשפּט געוואָרען אויף 400 יאָהר גלות מצרים, וואָס יעדער מענש וועך עס קוקט נור אריין אין חומש קען קלאָר זעהען וואָסערע שרעקליכע צרות די אידען האָבען זיך אויסגעליטען אין דעם טרויעריגען גלות מצרים!

איין זאַך קען איך בשום אופן ניט בעגעהמען און עס איז ביי מיר אַזא גרויסער וואונדער? ווי אַזוי האָבען דאָס אַזעלכע גדולים, וועלכע מיר האָבען אין אַללע דורות געהאַט, און וועלכע מיר האָבען אויך אין אונזערע צייטען ניט פאַרשטאַנען, און אַ סך זיינען נאָך היינט פאַרעקשט, אז דער גלות מצרים איז ניט געקומען אויף די אידען פאַר דעם שרעקליכען פאַרברעכען, וואָס זיי האָבען פאַרקויפט זייער ברודער פאַר אַ קנעכט, און דערפאַר זיינען זיי געשטראָפט געוואָרען „מדה כנגד מדה״. נור זיי, אונזערע מדריכים, זיינען פאַרעקשנט און גלויבען אין דעם, אז דאָס איז גאָר געוועזען פאַר פאָלגענדער אורזאַכע: ווייל גאָט האָט געזאָגט צו אברהם אבינו: „כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם״, האָט ער דאָס געמוזט מקיים זיין! אַזא אומגעלומפּערטען איינגלויבען זיך, וואָס עס גייט אריבער פון דור צו דור און פון מויל צו מויל! ווי פאַרשטייען זיי דאָס ניט, אז גאָט האָט געוואָלט דערציילען אברהמען א זאַך וואָס עס וועט טרעפען שפּעטער אָהין מיט זיינע קינדער, אז דאָס איז ניט אַ צוזאָג צו אברהמען אז ער וועט דאָס מקיים זיין, נור דאָס איז אַ טרויעריגע בשורה וואָס גאָט האָט אויסגעזאָגט אברהמען פאָראויס, וואָס עס וועט פאָרקומען מיט זיינע קינדער, ווייל זיי וועל׳ן ווער׳ן פאַרגרעבט און וועל׳ן זיך ניט אויפפיהרען ווי ער, דער צדיק אברהם, וואָס ער איז געוועזען!

דער פסוק „כי גר יהיה זרעך״ זאָגט דאָך אליין אָפען אז די אידען זיינען פאַרמשפּט געוואָרען „מדה כנגד מדה״. ווי זאָגט דער פסוק? „כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם, ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה. וגם את הגוי אשר יעבדו דן אנכי, ואחרי כן יצאו ברכוש גדול״.

וואָס מיינט דער „וגם״? און אויך? און אויך דעם פאָלק, וואָס עס וועט זיי פייניגען, וועל איך משפּטען! דאָס מיינט: פונקט אַזוי ווי איך האָב פאַרמשפּט די אידען, אַזוי וועל איך אויך משפּטען זייערע אונטערדריקער! דער „וגם״ זאָגט עדות, אז דער גלות מצרים איז געוועזען גאָט׳ס משפּט!

און אזוי ווי איך האָב די אידען פאַרמשפּט, אזוי איז: „וגם את הגוי אשר יעבדו דן אנכי!“

און דער טעות אין פאַרטייטשען דעם פּסוק ריכטיג האָט געבראַכט צו אַ שרעקליכען טרויעריגען אונגליק אין דורות ארום. ווען די עשרה הרוגי מלכות וואָלטען ניט געמאַכט קיין טעות אין פאַרטייטשען דעם פּסוק און וואָלטען געטייטשט ווי עס דאַרף זיין, אז די אידען זיינען פאַרמשפּט געווארען פאַר פאַרקויפען זייער ברודער יוסף׳ן, וואָלטען זיי געענטפערט דעם גזלן ווער עס האָט זיי געפרעגט: „איה אבותיכם“? און אזוי ווייטער. וואָלטען זיי דאָך געענטפערט: וואָס?! דו גייסט אונז משפּטען?! ווי קענסטו אונז משפּטען פאַר אַ זאַך וואָס אונזערע עלטער׳ן האָבען שוין לאַנג בעצאָהלט? ווייסטו דען ניט, אז גאָט האָט זיי פאַרמשפּט צו 400 יאָהר גלות מצרים פאַר דער זינד וואָס זיי זיינען בעגאַנגען? וואָס זיי האָבען דאָן דעם ברודער פאַרקויפט! ווען זיי וואָלטען אזוי געענטפערט, וואָלטען זיי זיך געוויס געראַטעוועט. ווייל עס זאָגט זיך שפּעטער: „כי בזאת אתם נלכדים“! מיט אייער ניט וויסען ווי צו ענטפער׳ן דעם גזלן זייט איהר אריינגעפאַלען!

און אויך יוסף האָט געמאַכט אַ פעהלער! און זיין פעהלער איז אפשר געוועזען אַ סך אַ גרעסערער ווי זיינע עלטערנ׳ס און זיידעס האָבען געמאַכט! יוסף׳ס פעהלער איז שוין באַשטאַנען אין אַ סך אַ גרעסערע זאַך! יוסף, ווער עס איז געוועזען אזא הויכער בעאַמטער אין מצרים, ווי מיר אַללע ווייסען, ער האָט שוין ביסלעכווייז, אפשר ניט ווילענדיג, פאַרגעסען וואָס אַ אידענ׳ס חוב איז צו טאָן. וואָס אַ איד איז פאַרבונדען אַפצוהיטען דעם קאָנטראַקט פון אונזער זיידען אברהמ׳ען מיט דעם גרויסען בעשעפער פון דער וועלט. און ער האָט אויך פאַרגעסען די זאַך, דאָס אַ איד מוז איינפלאַנצען אין זיינע קינדער אז זיי זאָללען אויך וויסען אז זיי זיינען די טרעגער און די נאָכפאָלגער פון דעם גרעסטען קאָנטראַקט וואָס גאָט האָט געשלאָסען מיט אונזער זיידען אברהמען אז מיר דאַרפען לערנען די מענשהייט די דאָזיגע וויכטיגע וויסענשאַפט אז עס איז דאָ אַ האַר אויף דער וועלט ווער עס זעהט און ווער עס הערט אַללעס וואָס יעדער מענש טהוט, כדי אז די מענש׳ן זאָללען ניט זיין אזוי ווי חיות זיינען, וועלכע עס האָבען ניט דעם פאַרשטאַנד צו פאַרשטיין ווי מען דאַרף זיך אויפפיהרען, וואָס חיות טוען באַפאַלען און צורייסען איינע די אַנדערע אָהן רחמנות.

יוסף האָט שוין אוועקגעגעבען זיינע קינדער זיי זאָללען שטודירען אין די עגיפּטישע גימנאַזיעס. און מסתמא קוקענדיג אויף איהם, האָבען זיינע ברידער ווען ער האָט אריינגעבראַכט אין מצרים, אויך אזוי געטאָן און זיי האָבען מסתמה אויך אוועקגעגעבען זייערע קינדער אין די עגיפּטישע גימנאַזיעס צו שטודירען די עגיפּטישע קולטור, וואָס די וויטערדיגע געשיכטע פון חומש דערציילט אונז: אז ווען יוסף האָט אריינגעבראַכט זיינע קינדער

מנשה און אפרים, אז זייער זיידע יעקב זאָל זיי בענטש׳ן פאַר זיין טויט, האָט יעקב ווי נור ער האָט זיי דערזעהען, האָט ער גלייך געפרעגט ביי יוסף׳ן „מי אלה ?!״ ווער זיינען דאָס די דאָזיגע באַיציקעס אין די יוניפאָרמס פון די עגיפּטישע גימנאַזיעס ? אָט די... באַיציקעס, וועלכע עס שטודירען די עגיפּטישע קולטור וועלען דאָס זיין די צוקונפטיגע טרעגער פון דעם גרויסען סימבאָל פון אונזער גרויסען פאָטער אברהמען ? אָט די באַיציקעס וועלען דאָס זיין די אויספיהרער פון דעם גרויסען קאָנטראַקט ?! זיי וועלען דאָס זיין די לעהרער ווער עס וועלען דאַרפען לערנען די וויכטיגסטע און רייג־סטע לעהרע וועגען דעם גרויסען בעשעפער צו זייערע קינדער, ווי אויך צו דער גאַנצער מענשהייט אז די וועלט זאָל ניט פאַרזונקען ווערען אין פינס־טערקייט פון רציחה, רויבעריי און מערדעריי ?!

ניין, מיין זון, האָט יעקב געזאָגט צו יוסף׳ן מיט אַ פאַרביטערטע האַרץ, איך מאַך, מיין זון, שוין קיין טעות ניט ! איך זעה שוין וואוהין עס וועט פאַר־פיהרען די קרומע וועג אין וועלכע איהר גייט ביסלעכווייז אַוועק ! און יעקב האָט געוואָלט אַ סך מעהר רידען און אויסזאָגען צו זיינע קינדער וואָס עס וועט מיט זיי פאַרקומען אין דער נאָהנטער צוקונפט און ווי זיי וועל׳ן ליידען שרעקליכע צרות, אָבער דער אויבערשטער האָט עס מסתמה ניט געוואָלט אז ער זאָל זיי דאָס אויסזאָגען, ווייל אַ מענש טאָר ניט וויסען וואָס עס גייט זיין ! אזא זאַך איז נור אָפען פאַר גאָט אליין, אָבער ניט פאַר אַ מענש׳ן ! און דעריבער האָט גאָט אוועקגענומען דעם דאָזיגען געדאַנק פון יעקב׳ן.

און אזוי ווי יוסף, אזוי האָבען אויך זיינע ברידער ניט פאַראויסגעזעהען דעם שרעקליכען טעות וואָס זיי האָבען געמאַכט מיט דעם אוועקגעבען זייערע קינדער צו שטודירען אין די עגיפּטישע גימנאַזיעס, וואו מען לער׳נט גאָר פאַרקעהרטע זאַכען ! אזעלכע זאַכען וועלכע עס זיינען זייער וויט פון דער ריכטיגער לעהרע, אז גאָט איז דער בעשעפער און דער האַר פון דער וועלט ! דאָרטען לער׳נט מען גאָר, אז אַללעס וואָס מיר זעהען איז גאָר פון דער נאַ־טור ! אז עס איז גאָר ניטאָ קיין גאָט ווער עס פיהרט אָהן מיט אזא וועלט ! דאָרטען לער׳נט מען גאָר אַזעלכע זאַכען וועלכע עס פאַרפיהרען דעם מענש׳ן אין אַ טיפען אָפּגרונט פון פינסטערניש, פון ווילדקייט און פון פאַרדאָרבענ־קייט, פון מערדער אָהן רחמנות ! דאָרטען לער׳נט מען גאָר אזעלכע לעהרע, אז אַן אָקס, אז אַ שעפּס איז גאָט ! אז דער טייך נילוס איז אַ גאָט ! אז פּרעה דער קעניג פון מצרים איז אַ גאָט ! מען לער׳נט דאָרטען אזעלכע זאָרט לעהרע, וועלכע עס פיהרט צוריק צו דער אַלטער עפּאָכע, ווי עס איז געוועזען אין אברהמ׳ס צייטען, וואָס נמרוד האָט געהייסען גלחים אין די קלויסטערס צו פריידיגען צום המון אז ער, נמרוד, איז א גאָט ! אזוי איז אויך די גאַנצע לאַנד מצרים געוועזען פאַרזונקען אין אַ פינסטערען אָפּגרונט פון געצענדי־נעריי ! אין אַן אָפּגרונט פון שלעכטס, פון רויבעריי און מערדעריי, אָהן קיין

מורא פאַר דעם אמת׳ן גאָט, ווער עס וועט זיך אָפּרעכענען פאַר די אַללע רויבערייען און בלוט פאַרגיסונג!

דעריבער האָבען זיך אָנגעהויבען די גרויסע צרות אויף די אידען אין מצרים, איבער דעם גרויסען פאַרזעהען וואָס זייערע עלטער׳ן האָבען גע־מאַכט, וואָס זיי האָבען ניט פאַראויסגעזעהען און האָבען ניט אויסגערעכענט אז זייערע קינדער וועלען דאַרפען לעבען צווישען אזעלכע מענש׳ן, ווער עס זיינען ווי ווילדע ניט קיין געטיימטע חיות אָדער ווער עס זיינען אפשר אַ סך ערגער פון חיות? און אָנשטאָדט וואָס די אידישע קינדער האָבען געדאַרפט זיין די לעהרער צו דער מענשהייט, זיינען זיי גאָר פאַרטרונקען געוואָרען אליין אין די פינסטערע שלעכטע לעהרע און אין די זעלביגע פאַרפיהרענישען אזוי ווי די מצריים זיינען געוועזען. און אזוי האָט זיך אָנגעהויבען דער שרעקליכער גלות אויף די אידען.

צוערשט האָבען די מצריים צוגענומען פון די אידען זייערע בירגערלעכע רעכט און אזוי זיינען די אידען געוואָרען פון גלייך בערעכטיגע מענש׳ן, רעכטלאָזע און במילא שוטצלאָזע און נידעריגערע בעשעפענישען. דערנאָך האָט מען פון זיי אוועקגענומען זייערע געשעפטען מיט זייערע הייזער. מען האָט זיי אויך אָפּגעזאָגט פון די מלוכה־שטעלעס און אזוי האָט מען ביסלעכ־ווייז, ביסלעכווייז אוועקגערויבט אַללעס פון די אידען, ביז זיי זיינען גע־בליבען אָרים און נאַקעט און פאַרהונגערטע, אז זיי האָבען זיך געמוזט פאַר־דינגען צו טאָן אַללעס פאַרן שטיקעל ברויט, ביז מען האָט זיי ענדליך גע־מאַכט פאַר איינפאַכע ציגעלמאַכער און פאַר אונגליקליכע שקלאַפען, וואָס איך בין אין צווייפעל אייב אַללע פון אייך האָבען אַן אמת׳ן בעגריף, וואָס פאַר אַ שווערע אַרבעט עס איז געוועזען די אַרבעט פון ציגעל מאַכען אין די אַלטע צייטען! דערצו האָט מען זיי גענומען פייניגען און שלאָגען אָהן רחמנות.

ווען די אידען האָבען געשיקט דעלעגאַציעס צום קעניג פרעהן און זיי האָבען געטענעט: אָט דאָס איז דער געצאָהלט פאַר אונזער ברודער יוסף׳ס גוטעס וואָס ער האָט געטאָן צו אייער פאָלק, וואָס ער האָט געראַטעוועט אייער לאַנד פון אַ זיכערען הונגער טויט? און דאָס איז דער געצאָהלט פאַר דאָס וואָס מיר האָבען אייער לאַנד אזוי הויך אַרויפגעאַרבעט און ענטוויקעלט?

אָבער די מצריים האָבען פון אזעלכע גערעכטע טענות גאָר ניט גע־וואָלט הערען און וויסען! ווייל זיי זיינען געוועזען אזעלכע ווילדע מענש׳ן, וועלכע עס זיינען געוועזען אַ סך ערגער פון חיות! און זייער אונוויסענשאַפט און זייער פינסטערקייט האָט זיי פאַרפיהרט אזוי ווייט, און זייער מענשליכער געוויסען און זייער רחמנות האָט זיך אָפּגעטאָן פון זיי אויף אזוי פיל, אז זיי האָבען אָהן קיין געוויסענבישע איינגעפיהרט אַ געזעטץ אין דער גאַנצער לאַנד מצרים, אז מען זאָל דערטרינקען יעדען אידישען ניי געבאָרענעם איינ־

געלע אין דער טייך נילוס, און זיי האָבען דיזען פאַרברעכען געטאָן קאַלטבלוטיג, אָהן קיין מענשליכע געפיהלען פון עפּעס אַ האָר רחמנות. טאָג טעגליך פאַר מאָנאַטען און יאָהרען נאָכאַנאַנד און זיי האָבען געצוואונגען די אידען אז זיי זאָללען אליין מיט זייערע הענט איינמויערען אידישע קינדער אין די ווענט פון די מויערען, וואָס די אידען האָבען פאַר זיי געמוזט בויען! און ווען עס האָט געטראָפען אַ פאַל, אז זייער קעניג פּרעה איז געוועזען קרעטציג און זיינע דאָקטוירים האָבען איהם געראַטען ער זאָל זיך מאַכען בעדער פון וואַרימע קינדערשע בלוט, האָבען די מצריים צוזאַמענגעכאַפּט אידישע קינדער און האָבען די אידישע קינדערלאַך קאַלטבלוטיג געקוילעט אזוי ווי שאָף טאָג טעגליך, און האָבען אזוי געמאַכט פאַר זייער קעניג וואַרימע בלוט בעדער פון יונגע אידישע קינדערשע בלוט! און ווער ווייס ווי לאַנג די דאָזיגע שרעקליכע ברוטאַלע גזירה האָט אָנגעהאַלטען? קען ווער פון אונז זיך פאָרשטעלען א גענויען בילד וואָס פאַר אַזאָרט צרות די אונגליקליכע אידען זיינען זיך אויסגעשטאַנען אין דער פינסטערער לאַנד מצרים? די שווערסטע אַרבעט פון ציגעל מאַכען, וואָס עס מאַכט וואונדען אויף די הענט! די שרעקליכע קלעפּ וואָס זיי האָבען נעבאַך געקראָגען ביי דער אַרבעט! און וואָס האָבען די שמוציגע מצריים ניט אָפּגעטאָן מיט זייערע ווייבער און טעכטער?! קען ווער זיך פאָרשטעלען די האַרץ רייסעניש פון טאַטע, מאַמען ווען מען פלעגט אוועקרייבען פון זיי זייערע ליבע קינדערלאַך צום קוילענען? צו מאַכען בלוט בעדער פאַר פּרעה׳ן? און אזעלכע אונגאַטירליך שוידערליכע פּיין, אז טאַטעס האָבען אליין געמוזט איינמויערען זייערע אייגענע קינדערלאַך אין די ווענט פון די מויערן! וויפיל אידען זיינען נעבאַך משוגע געוואָרען פון אזעלכע פּיין? קען אימיצער האָבען אַ גענויע אַנונג ווי ביליג עס איז געוועזען אַ אידענס לעבען? ווי עס האָט אַבסאָליוט ניט געהאַט קיין ווערדע אַ אידענס לעבען, אויף וועמען עס איז ארויפגעפאַלען אזא טרויעריגער שטראָף צו זיין אַ שקלאַף אונטער דער הערשאַפט פון אזעלכע ווילדע חיות?!

אָט אזוי איז די מענשהייט, וועלכע עס האָט געזאָלט זיין אויסגעצייכענט פון חיות, פאַרטרונקען געוואָרען אין אַ טיפע פינסטערניש און אין אַ ווילדע בלוטדורשטיגקייט אַ סך ערגער ווי חיות פון וואַלד זיינען בלוטדורשטיג, איבער נור איין זאַך, און דאָס איז עס: ווייל זיי האָבען ניט געהאַט די נויטיגע לעהרע אז זיי זאָללען קענען וויסען און פאַרשטיין וואָס אַ מענש מעג טאָן און וואָס ער טאָר ניט טאָן! זיי האָבען ניט געהאַט קיין אַנונג פון אזעלכע לעהרע פון וואָס זיי זאָללען קענען וויסען, אז דער גרויסער האַר און בעשעפער פון דער וועלט זעהט אַללעס וואָס יעדער איינער טהוט און אז ער וועט נעהמען נקמה פון יעדען איינעם פאַר יעדען טראָפּען בלוט, וואָס יעדער מענש פאַרגיסט פון אונשולדיגע מענש׳ן! אָט אזוי טרויעריג איז עס

געוועזען דער גלות מצרים וואָס אונזערע אונגליקליכע עלטער'ן האָבען גע־באַך געדאַרפט דורכמאַכען.

און טראָטץ עס האָט זיי געקומט צו לידען אין דעם גלות מצרים 400 יאָהר פאַר דעם שרעקליכען פאַרברעכען וואָס זיי זיינען בעגאַנגען צו יוסף'ן און צו זייער פאָטער יעקב'ן, דאָך האָט דער איבערשטער, דער גרויסער בעל הרחמים, נאָך אַ טערמין פון 210 יאָהר פון אזא שרעקליכען גלות מעהר ניט געקענט דאָס צוזעהען און ער האָט זיך דערבאַרעמט אויף זיי און ער האָט אַ זאָג געטאָן: עס זאָל בעהמען אַ ענדע צו די אידישע לידעניש, אז עס איז שוין געקומען די העכסטע צייט אז ער זאָל זיך אָפּרעכענען מיט די יעניגע, וועלכע עס זיינען חיות אין די געשטאַלטען פון מענש'ן און ער האָט זיך דערמאָנט אָהן זייער זיידען אברהם וואָס ער איז געוועזען זייער פיל בעליבט ביי איהם, ווייל ער איז געוועזען דער ערשטער קלוגער מענש וועך עס האָט דערקענט און וועך עס האָט פאַרשטאַנען אז עס מוז זיין אַ גאָט וועך עס פיהרט אָהן מיט אזא וועלט. און וועך עס האָט זיך מוסר נפש געוועזען פאַר דעם אמת און וועך עס האָט די דאָזיגע אמתע לעהרע געלערענט צו יעדען מענש'ן, צו וועמען ער האָט נור געהאַט די מעגליכקייט. און גאָט האָט זיך דערמאָנט אָהן די ווערטער וואָס ער האָט געזאָגט דאָהן צו אברהמען: „כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה, וגם את הגוי אשר יעבודו דן אנכי, ואחרי כן יצאו ברכוש גדול". און גאָט האָט בע־שלאָסען ארויסצוראַטעווען די אידען פון אזעלכע שוידערליכע פיין 190 יאָהר פריהער ווי עס האָט זיי געקומט די שטראָף און ער האָט בעשלאָסען גלייך זיך אָפּצורעכענען מיט די מצריים פאַר אַללעס וואָס זיי האָבען אָפּגעטאָן צו די אונגליקליכע אידען.

איך וואָלט ראָטען אַללע פעלקער אז זיי זאָללען דערפון לערנען ווי דער איבערשטער רעכ'נט זיך אָפּ פאַר פאַרגיסען בלוט. אז די וועלכע עס פיי־ניגען די אידען פאַר זייערע זינד, צאָהלען שפּעטער זייער האַרב און שרעק־ליך! זאָל דאָס זיין אַ לעהרע פאַר יעדען פאָלק וועלכער עס איז אזוי לייכט־זיניג און פייניגען די אידען!

איך דיינק אז עס איז איבריג פאַר מיר דאָ איבערצוחזרן אַ זאַך וואָס אַללע פון אייך וויסען דאָס געוויס פון חומש, די גרויסע וואונדערבאַרע גע־שעהעניש וואָס עס האָט פאַסירט ווען גאָט האָט די אידען ארויסגעראַטעוועט פון דעם שווערען יאָך פון גלות מצרים, וואָס די גאַנצע וועלט האָט פון דעם געקלונגען און וואָס עס וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסען ווערען אין דער גע־שיכטע פון דער מענשהייט און איבערהויפט אין דער אידישער היסטאָרי, ווי גאָט האָט דאַן געשיקט משה רבינו מיט זיין ברודער אהרנען זיי זאָללען גייך זאָגען פרעה'ן אז גאָט דער האַר פון דער וועלט האָט געהייסען אז ער זאָל ארויסלאָזען די אידען פון זיין לאַנד.

און אום זיך אָפּצורעכענען מיט פּרעה׳ן און מיט די מצריים פאַר די שרעקליכע צרות וועלכע זיי האָבען פאַרשאַפט צו די אונגליקליכע אידען און פאַר די אומזיסטע אידישע בלוט וואָס זיי האָבען פאַרגאָסען אזוי פיל, ווי איך האָב שוין פריהער בעשריבען, האָט גאָט דעריבער האַרט געמאַכט פּרעה׳ס האַרץ ווי אויך די הערצער פון זיינע ראַטגעבער, דאָס זיי זאָללען ניט וועלען איינשטימען ארויסצולאָזען די אידען כדי אז ער זאָל זיי קענען פּייניגען מיט פערשידענע פּלאָגען און מיט פערשידענע יסורים און טויטען פונקט אזוי ווי זיי האָבען געטאָן צו די אונגליקליכע אידען. כדי אז די גאַנצע וועלט זאָל דאָס זעהען און זאָל דאָס הערען אז גאָט רעכ׳נט זיך אָפּ מיט די שולדיגע אזוי ווי זיי האָבען עס פאַרדינט, ווייל גאָט איז דער אמתער ריכטער פון דער וועלט און דער בעשיטצער פון די שוואַכע. און אזוי האָט טאַקע גאָט גע־פּייניגט די מצריים. די ערשטע זאַך מיט דער מכה „דם“, צו ווייזען די מצריים און אז די גאַנצע וועלט זאָל דאָס וויסען און זי זאָל דאָס שטענדיג געדיינקען אז גאָט רעכ׳נט זיך זייער שטריינג אָפּ פאַר דעם פאַרגיסען פון אונשולדיגע בלוט. און אזוי האָט גאָט געפּייניגט די מצריים מיט 10 פער־שידענע מכות וואָס יעדע פון זיי האָט אויסגעמאַטערט און אויסגעמוטשעט די מצריים מיט די גרעסטע ווייטאָקען און מיט פערשידענע עקעלהאַפטע און שמוציגע קראַנקהייטען און עפּידעמיעס, וואָס די וועלט האָט נאָך קיינמאָהל ניט געהערט פון אזעלכעס. איינע פון די מכות איז געוועזען אַ מכה פון 3 טעג פינסטערניש. עס איז געוועזען אזא געדיכטע פינסטערניש אין גאַנץ מצרים וואָס מען האָט ממש געקענט אָנטאַפּען מיט די הענט. וואָס אז מען זאָל נעהמען דאָס ריכטיג זיך פאָרשטעלען פאַלט אָהן אַ פשוטע טויט שרעק!

מענש׳ן זיינען מיט אַמאָהל געוואָרען בלינד פאַר 3 טעג און 3 נעכט. און זיי זיינען דערצו געוואָרען פאַראַליזירט, אז ווער עס איז געזעסען האָט זיך ניט געקענט שטעלען און ווער עס איז געשטאַנען האָט זיך ניט געקענט זעטצען. מען האָט זיך ניט געקענט ריהרען פון אָרט, אפילו צו גיין נעהמען אַ טרונק וואַסער! און ווי וואונדערבאַר איז עס געוועזען דער נס וועלכער האָט פּאַסירט מיט די אידען, אז חאָטש עס איז געוועזען אזא געדיכטע פינסטערניש אין גאַנץ מצרים, דאָך אין די אידישע הייזער וועלכע עס זיינען געוועזען צווישען די מצריישע הייזער, איז געוועזען אַ נאָרמאַלע ליכטיגקייט, אז די אידען האָט עס אַ האָר ניט אָנגעריהרט, אזוי ווי עס וואָלט קיין זאַך ניט פּאַסירט ארום זיי! אזא וואונדערבאַרער נס האָט פּאַסירט מיט די אידען, אז יעדערער האָט געקענט זעהען אז עס איז דאָ אַ האַנט וועלכע עס פיהרט אָהן מיט אַללעס אין דער וועלט, אז יעדערער ווער עס איז געוועזען ניט קיין גלויביקער האָט געמוזט ווערען אַ פאָלשטענדיגער גלויביקער אין דעם האַר פון דער וועלט.

נאָך דער שוידערליכער מכה פון פינסטערניש האָט גאָט ווידער גע־

שלאָגען די מצריים מיט נאָך אַ זייער שוידערליכע מכה, אפשר נאָך אַן ערגערע פון די פריהערדיגע! די מכה איז שוין געוועזען די לעצטע וואָס גאָט האָט געשטראָפט די מצריים אין מצרים. דיזע מכה האָט שוין געצוואונגען פרעה'ן און זיינע ראַטגעבער ניט נור צו איינשטימען ארויסצולאָזען די אידען אָהן קיינע בעדינגונגען, נור זיי האָבען זאָגאַר די אידען געטריבען, אז זיי זאָללען וואָס גיכער גיין! דיזע מכה האָט געהייסען „מכת בכורות", דאָס הייסט: דאָס אַללע בכורים אין גאַנץ מצרים, אויסער די אידישע בכורים, זיינען פלוצלינג קראַנק געוואָרען פון אזא זאָרט עפּידעמיע, וועלכע עס האָט די בכורים אזוי פיל אויסגעמאַטערט, אז זיי האָבען ניט געקענט אויסהאַלטען און זיינען אין גרויס פיין אויסגעשטאָרבען. עס איז כמעט ניט געוועזען קיין איין הויז אין גאַנץ מצרים וואו עס איז ניט געוועזען קיין טויטער. אויסער די אידישע הייזער וואו מען האָט פון אזא זאַך אַבסאָלויט ניט געוואוסט. און אזוי איז גאַנץ מצרים געוועזען אין טרויער און עס האָבען זיך געהערט יאַמערלעכע געשרייען פון די בכורים, וועלכע עס האָבען זיך געמאַטערט מיטן טויט און פון די מענש'ן אין די הייזער וואו די אונגליקען האָבען געטראָפען! און אזוי ווי פרעה אליין איז אויך געוועזען אַ בכור, האָט ער זיך אויך געראַנגעלט מיטן טויט אזוי ווי אַללע בכורים און זיין לעבען האָט געהאַלטען אויף מינוטען.

אין דיזער שרעקליכער נאַכט פון אויסערגעוויינליכע ווייטאָקען און פון ראַנגלען זיך מיטן טויט האָט שוין פרעה ווי אויך אַללע זיינע בעדינער און ראַטגעבער און גאַנץ מצרים ניט נור איינגעשטימט ארויסצולאָזען די אידען פריי, אָהן קיינע בעדינגונגען ווען די אידען זאָללען זיך צוריקקעהרען, נור די מצריים אַליין האָבען גאָר די אידען צוגעאיילט אז זיי זאָללען וואָס גיכער ארויס פון מצרים, וויל יעדע מינוט וואָס די אידען האָבען זיך פאַרזאַמט האָט געקאָסט די מצריים זייער פיל לעבענס און די געשרייען וועלכע עס האָבען זיך געטראָגען פון אַללע הייזער זיינען געוואָרען וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. די אידען האָבען ניט בעוויזען אויסצובאַקען קיין ברויט מיטצונעהמען אויפן וועג און זיי האָבען געמוזט פאַרלאָזען די לאַנד מצרים מיט די רויע טייג, וועלכע עס האָט ניט בעוויזען פאַרזייערט צו ווערען און זיי האָבען פון די טייג אויסגעמאַכט דינע קיכלאַך אויפען וועג און זיי האָבען דאָס געבאַקען אויפן זון. דעריבער עסען מיר אידען יעדען פסח דינע קיכלאַך, וואָס עס זיינען געבאַקען בלויז פון מעהל און וואַסער, אָהן הייוען און גלייך ווי דאָס ווערט פאַרמישט, די מעהל מיט די וואַסער, ווערט דאָס גיך פאַרקנאָטען און גלייך געבאַקען, אפילו אָהן זאַלץ, כדי דיזער אָרימער ברויט זאָל אונז און די ווייטערדיגע דורות דערמאָנען אז אונזערע זיידעס האָבען געגעסען אזא אָרימען ברויט ווען זיי זיינען ארויס פון מצרים און האָבען געוואַנדערט אין מדבר.

פרעה'ן האָט אָבער גאָט דעם מאָהל געלאָזען לעבען אין דער שרעקלי־
כער נאַכט פון טויט. ווייל מיט איהם האָט ער געדאַרפט זיך שפּעטער אָפּ־
רעכענען ביים ים. ער האָט דעריבער פרעה'ן אריינגעגעבען אַ געדאַנק אין
3 טעג ארום, אַז ער זאָל נאָכלויפען נאָך די אידען צו טרייבען זיי צוריק קיין
מצרים. איך דיינק אז עס איז איבעריג פאַר מיר צו דערציילען פאַר אייך
גענוי די געשיכטע וועלכע עס האָט פּאַסירט מיט פרעה'ן, ווייל איך דיינק
אז איהר מוזט געוויס וויסען פון דעם חומש ווי פרעה האָט צוזאַמענגענומען
אונטער זיין קאָמאַנד זיינע בעסטע רייטער מיט די בעסטע געווער פון יענע
צייטען און ווי זיי האָבען זיך געיאָגט נאָך די אידען, ביז זיי האָבען זיי אָנגע־
יאָגט ביים ברעג פון ים סוף. און כדי די גאַנצע וועלט זאָל דאָס הערען און
געדיינקען ווי גאָט דער גרויסער האַר און דער ריכטער פון דער וועלט
נעהמט זיך אָהן פאַר די שוואַכע, האָט גאָט דעריבער אַ זאָג געטאָן: אז דער
ים זאָל זיך שפּאַלטען, אז די וואַסער זאָל בלייבען שטיין אויף אָן אָרט און די
פאַרגליווערטע וואַסער זאָל זיך פאַרנאַנדערדרוקען און זאָל בלייבען שטייך אזוי
ווי צוויי ווענט און אין מיטען זאָל דער גרונט פון ים זיך אויפהויבען און עס
איז געוואָרען אַ טרוקענע וועג פאַר די אידען אריבערצוגיין אין דעם אַנדער
זייט. אזא נס האָט דאָ גאָט בעוויזען צו די אָרימע צושראָקענע אידען, ווער
עס זיינען געוועזען אין אַ גרויסע געפאַר אז די מצריים זאָללען קענען זיי
אויסהרגענען, האָט גאָט געמאַכט אז די אידען זיינען דורכגעגאַנגען דעם
גאַנצען ים אין דער טריקעניש אזוי ווי אויף אַ אויסגעטראָטענע וועג!

גלייך ווי די אידען זיינען אריבער דעם ים און זיינען שוין געוועזען
אויפען אנדער זייט האָט גאָט צוגענומען דעם וואָלקען, וואָס איז געשטאַנען
ווי אַ וואַנט צווישען די אידען און צווישען פרעה'ן מיט זיין שטאַרקע אַרמיי,
און ווי נור פרעה האָט דערזעהען אז די אידען זיינען שוין אויף דער אַנדער
זייט, האָט ער צופיעל ניט געטראַכט און האָט זיך אַ לאָז געטאָן גאַלאָפּ ריי־
טענדיג, ער מיט זיין גאַנצע אַרמיי, אויף זייערע פערד אויף דער זעלבער
אויסגעטראָטענער וועג אין ים, וואָס די אידען זיינען אָקאָרשט דורכגעגאַנגען.
אָבער ווי נור פרעה און זיין אַרמיי האָבען געגרייכט די העלפט פון זייער
וועג צו די אידען האָט גאָט אַ זאָג געטאָן אז די וואַסער אין ים זאָל זיך צו־
ריקקעהרען צום זעלבען שטאַנד אזוי ווי עס איז צוערשט געוועזען און דער
גרונט פון ים האָט זיך צוריק אראָפּגעלאָזען צו זיין פריהערדיגען אָרט און
אזוי איז פרעה מיט זיינע בעסטע מיליטער אויסגעמישט געוואָרען אין מיטען
ים אַז קיין איינער פון זיי איז ניט געראַטעוועט געוואָרען. און די אידען
האָבען ביים ים געזעהען די גרעסטע מפלה אויף זייערע שונאים און זיי האָבען
דאַהן געזונגען און געדאַנקט גאָט פאַר די אַללע גרויסע נסים וואָס ער האָט
געטאָן צו זיי, ווען ער האָט זיי אויסגעלייזט פון אזא טרויעריגען גלות.

נאָך דעם גרויסען וואונדער וואָס גאָט האָט דאָ בעוויזען, ווי אזוי ער

האָט בעפריַיט די אידען פון אזא שוידערהאַפטע שקלאַפעריי און פון אזעלכע אונבעשרייבליכע פּיין, כדי ער זאָל זיי אריינברייגנגען אין דער לאַנד וועלכע ער האָט פאַרשפּראָכען און געשוואָרען צו אברהמען אז ער וועט דאָס אוועקגעבען צו זיינע קינדער אויף איביג, האָט גאָט ניט געפיהרט די אידען מיט דעם נאָהנטען וועג, וועלכער איז בלויז 3 טעג גאַנג פון מצרים, נור ער האָט זיי גאָר געפיהרט דורך דעם מדבר ארום און ארום דורך אזא וויַיטע וועג, וועלכע עס האָט זיי גענומען גאַנצע 40 יאָהר דער דורכגיין.

גאָט האָט עס געטאָן צוליב געוויסע צוועקען און איבערהויפּט צוליב דעם, כדי צו וויַיזען די אידען מעהרערע גרויסע נסים, כדי זיי זאָללען דאָס שטענדיג געדיינקען און זאָללען וועגען די אַללע נסים דערציילען צו זייערע קינדער און קינדס קינדער. אויך אז די גאַנצע מענשהייט פון דער וועלט זאָל דאָס הערען און זאָללען פון אזעלכע וואונדערבאַרע פעקטס ווערען איבערצייגט, דאָס זיי מוזען אוועקוואַרפען זייערע פאַלשע און טעותדיגע גלויבענס אין אלערליי נאַרישקייטען און אין פאַלשקייטען און אין לאַנג געשטאָרבענע מענש׳ן וואָס מען האָט זיי איינגערעדט צו גלויבען אז זיי זיינען געוועזען געטער אָדער אגענטען פון גאָט. די מענשהייט זאָל פון די אַללע נסים וואָס זיי וועלען הערען וואָס גאָט האָט געטאָן צו די אידען זיין פאַלשטענדיג איבערצייגט, אז מען מוז נור גלויבען אין דעם אמת׳ן גאָט, ווער עס איז דער אמתער האַר פון דער וועלט און פון אַללע לעבעדיגע זאַכען. די מענשהייט זאָל שוין גלויבען אין דער ווירקליכקייט אז דער גרויסער בעשעפער פון אַללעס האָט עס אַנגעגרייט אַללע זאַרטען שפּייז פאַר אַללע בעשעפענישען אז מענש׳ן זאָללען ניט דאַרפען זיך קריגען אָדער שלאָגען זיך נור אז אַללע מענש׳ן זאָללען לעבען אין שלום, מענש׳ן זאָללען ניט דאַרפען אַנפאַללען איינער אויפען אַנדערען און פאַרגיסען אומזיסטע בלוט.

און פון די אַללע נסים וואָס גאָט האָט געטאָן צו די אידען זאָל די מענשהייט לערנען אז גאָט איז דער אמתער ריכטער פון דער וועלט, אז ער משפּט יעדע בעשעפעניש נאָך איהרע מעשים נאָך, אזוי ווי דאָס האָט פאַרדיענט. מענש׳ן זאָללען פון דעם וויסען אז מען קען גאָט ניט אָפּנאַרען אָדער אונטערקויפען מיט פיינע ווערטער אָדער מיט מתנות, אזוי ווי מען קען אָפּנאַרען און אונטערקויפען אַ מענש׳ן. יעדער מענש זאָל דאָס וויסען אז גאָט זעהט און הערט אַללעס וואָס יעדער איינער טהוט, אפילו אין פאַרבאָרגענע ערטער אָדער אין דער פינסטערניש.

דאָס אַללעס זאָל יעדער מענש אין דער גאַנצער וועלט שטענדיג געדיינקען, וועט דאָס איהם פאַרהיטען פון צו טאָן שלעכטס צו דעם צוויַיטען מענש׳ן, און נור אויף אזא אופן אז די זאַך זאָל פאַרווירקליכט ווערען אז יעדער מענש זאָל דאָס האַלטען אלעמאָל אין זיינע געדאַנקען קען נור דאָהן זיין

אַן אמתע גליקליכע וועלט פאַר דער גאַנצער מענשהייט, אָהן אונטערשייד פון קאָליר און ראַסע!

אַ צווייטע זאַך פאַרוואָס גאָט האָט געפיהרט די אידען אזא לאַנגע צייט דורך דעם מדבר איז, ווייל די אידען זיינען געוועזען איינגעזונקען אין אלערליי שמוציקייטען פון דעם זיין 210 יאָהר אין אזא שוידערליכען גלות אונטער די הערשאַפט פון אזעלכעווילדע באַרבאַרען, וואו זיי זיינען געוועזען געצוואונגען אָפּצוהיטען אלערליי מצריישע מנהגים. זיינען די אידען שוין געוועזען אזוי צוגעוויינט צו די אַללע שמוציגע מנהגים און געוואוינהייטען, אז עס איז באַלד ניט געוועזען קיין אונטערשייד פון זיי ביז די מצריים אליין און עס האָט געמוזט נעהמען זייער אַ לאַנגע צייט צו לערנען זיי און אָפּצוגעוואוינען זיי פון די אַללע שלעכטע מנהגים און פאַלשע איינגלויבונגען וועלכע עס זיינען געוועזען זייער טיף איינגעוואָרצעלט אין זיי.

און דורך די אַללע איבערלעבונגען אין מדבר און דורך די אַללע וואונדערבאַרע נסים, זאָללען די אידען ווערען פאָלשטענדיג אויסגעלייטערט און זאָללען ווערען פאָלשטענדיג איבערצייגט, אז נור גאָט אליין האָט זיי ארויסגעראַטעוועט פון אזא שרעקליכען גלות און נור דערפאַר ווייל ער האָט זיך דערבאַרעמט אויף זיי און ער האָט שוין מעהר ניט געקענט צוזעהען צו זייערע פיין, דעריבער האָט ער געוויזען צו זיי אזעלכע וואונדערבאַרע נסים אין אזא מדבר וואו עס איז פוסט און וויסט, וואו עס וואַקסט קיין זאַך ניט און וואו עס איז ניטאָ קיין וואַסער. דאָך האָט גאָט געזעהען אז זיי זאָללען ניט שטאַרבען דאָרטען פון הונגער אָדער פון דאָרשט! און כאָטש זיי זיינען געוועזען אין אַ מדבר וואו קיין זאַך וואַקסט ניט, דאָך האָט זיי קיין זאַך ניט געפעהלט, ווייל גאָט האָט אויף זיי אכטונג געגעבען אזוי ווי אַ געטרייער שעפער, וועלכער עס פאַסט אויף אויף זיינע שעפסען. די אידען זאָללען פון די אַללע וואונדערליכע נסים וואָס עס האָט מיט זיי פאַסיערט ווערען פאָלשטענדיג איבערצייגט אויף אייביג אז גאָט איז דער בעשעפער און דער ריכטער פון דער וועלט און זיי זאָללען אויפווייזען צו זייערע קינדער און צו דער מענשהייט די אַללע נסים וואָס דער האַר פון דער וועלט האָט געטאָן מיט זיי. דאַהן, אז די אידען וועלען בעזיטצען אזעלכע הויכע געדאַנקען וועלען זיי ווערט זיין אָנגעטרויט צו ווערען מיט דער גרעסטער מתנה פון גאָט, מיט דער הייליגער תורה אין וועלכער עס זיינען אָנגעוויזען אַללע גוטע אָנווייזונגען פון דעם גרעסטען אינזשענער פון דער וועלט, ווי אזוי די וועלט זאָל קענען אָנגיין אין בעסטען אָרדנונג, אז עס זאָל באמת זיין א גוטע וועלט צו לעבען אין איהר.

די אידען וועלען מוזען ערשטענס אליין דאָס אַללעס לערנען און שטודירען דאָס, וואָס עס איז אָנגעוויזען אין דער הייליגער תורה און זאָללען דאָס אָפּהיטען צו טאָן. צווייטענס זאָללען זיי דאָס אַללעס לערנען מיט זייערע

קינדער, און דריטענס זאָללען זיי לערנען צו דער גאַנצער מענשהייט וויפיל עס איז נור מעגליך, כדי אז אַללע זאָללען דאָס וויסען וואָס פאַר אַ גרויסע געפאַר עס איז פאַר דער מענשהייט דער אריינלאָזען זיך צו גלויבען אין די אַללע פאַלשקייטען וואָס מען האָט זיי איינגערעדט און איינגעגלויבט. די מענשהייט זאָל דורך דער אידישער לעהרע זיין איבערצייגט, אז די אַללע פאַלשע גלויבענס מאַכען דעם מענש'ן פריי צו טאָן בלויז וואָס אַ ווילדע חיה טהוט. אז די אַללע פאַלשע גלויבענס מאַכען דעם מענש'ן פריי צו רוי־בען און צו מערדער'ן און צו פאַרגיסען בלוט! וואָס ניט אויף אזא אופן קען די וועלט צו לאַנג עקזיסטירען! אָט די אַללע אָנווייזונגען זיינען געשריבען אין דער היילינער תורה, וועלכע עס ענטהאַלט די אַללע געזעטצען פון דעם גרויסען בעשעפער פון אַללעס. דאָס זיינען געזעטצען און אָנווייזונגען פון דעם גרויסען איננזשענער ווער עס האָט אַללעס בעשאַפען אויף דעם זעלבען אַרט אזוי ווי למשל אַ מענש אַ איננזשענער פון אַ געוויסע מאַשין גיט ארויס אָנווייזונגען און פאַראָרדנונגען ווי מען זאָל אָנגיין מיט דער מאַשין וועלכע ער האָט געמאַכט, כדי אז די מאַשין זאָל ניט קאַלעטשען דעם מענש'ן, ווער עס גייט ארום איהר און אויך אז די מאַשין זאָל זיך ניט ברעכען און זאָל קענען דינען אַ לאַנגע צייט.

אזוי זיינען למשל די געזעטצען און פאַראָרדנונגען פון דעם גרעסטען וועלט איננזשענער צו דער מענשהייט, ווער עס זיינען זיין בעשאַפונג פון זיינע הענט, ווי אזוי די מענשהייט זאָל זיך בעגיין און זאָל זיך אויפפיהרען אז עס זאָל זיין צופרידנהייט און שלום אויף דער וועלט ווי לאַנג זי וועט עקזיסטירען. און פאַר דעם צוועק האָט גאָט געפיהרט די אידען דורך דעם מדבר 40 יאָהר און פאַר דעם צוועק האָט ער זיי געוויזען דאָרטען פיל וואונדערבאַרע נסים, וועלכע איך וועל דאָ פרובירען אָפצומאָהלען. ערשטענס איז פאָרויסגעגאַנגען פאַר זיי בייטאָג אַ וואָלקען אין מדבר, וואָס האָט זיי געוויזען דעם וועג ווי זיי דאַרפען גיין. צווייטענס, איז ביינאַכט געהאַנגען איבער דעם גאַנצען שטח וואָס זיי האָבען פאַרנומען אַ שטיק פייער אין הימעל, וואָס האָט זיי גע־לייכט די גאַנצע נאַכט. דריטענס, פלעגט יעדען פרימאָרגען, אויסער שבת, אָנשנייען פאַר זיי דער מן, וואָס דאָס איז געווען אזא זאָרט שפייז וואָס האָט געהאַט אלערליי טעמים און יעדער איד האָט געקענט פיהלען אין דעם וואָס נור זיין האַרץ האָט זיך געקענט פאַרגלוסטען און פאַרוועלען. עס האָט אין אַלגעמיין געהאַט אַ טעם ווי עס האָט די בעסטע שפייז איינגעפרעגעלט אין האָניג. פערטענס, איז מיט זיי מיטגעגאַנגען אַ ברונען, וועלכער עס האָט אזא גרויסע מחנה געגעבען גענוג פרישע וואַסער צו טרינקען אין אזעלכע מדברישע היטצען. פינפטענס, זיינען זייערע זאַכען און זייערע שיך, וועלכע זיי האָבען אָנגעטאָן אין מצרים, קיינמאָהל פאַר די גאַנצע 40 יאָהר ניט צור־ריסען געוואָרען. און די זאַכען זיינען געוואָקסען אויף דעם מענש'ן ווי זיין

גוף האָט געפּאָדערט און זייערע פיס זיינען קיינמאָהל ניט געוואָרען געשוואָלען פון דעם אַנגיין זיך אזוי פיל אין אזא מדבר.

פון דען, כאָטש גאָט האָט געטאָן צו זיי אזעלכע נסים, דאָך איז עס אַלץ שווער געוועזען ארויסצוקלאַפּען פון זייערע מוחות און פון זייערע הערצער די אַללע ווילדע מצריישע געפיהלען און געוואוינהייטען, וועלכע עס טוען פאַרגרעבען דעם מענש׳ן און וועלכע עס פאַרוואַנדלען איהם אין אַ זייער נידריגע בעשעפעניש אויף אזוי פיל, אז ניט קוקענדיג אויף דאָס אַללעס וואָס עס איז געטאָן געוואָרען צו זיי, האָבען זיי דאָך ניט איינמאָהל געמאַכט אויפשטאַנדען אויף זייער געטרייען פיהרער משה׳ן און זיי האָבען איינמאָהל גאָר געפּאָדערט פון משה׳ן אז ער זאָל זיי שאַפען פלייש אין מדבר. זיי האָבען ניט איינמאָהל אין כעס געמאַכט דעם אויבערשטען! נור אַ דאַנק משה׳ן, וועמען גאָט האָט זייער ליב געהאַט, ווער עס האָט זיך אַלעמאָל אַנגענומען צו פאַרטיידיגען זיי, האָט ער געפּועלט ביי גאָט אז ער זאָל זיי מוחל זיין און זאָל זיי פאַרגעבען. און אזוי האָט גאָט בעוויליגט אויף זייער פאַרלאַנג און ער האָט געהייסען אז עס זאָללען אַנפליהען פויגלאַך אין די מיללאָהנען און די אידען האָבען אזוי געגעסען פלייש אין מדבר. אזוי פיל עוף האָבען זיי זיך אָנגעגעסען, אז עס איז פּשוט געקראָכען צוריק פון זייערע נעזער.

אַלזאָ, מאַכענדיג אַ חשבון פון דאָס אַללעס וואָס די אידען האָבען זיך אַנגעזעהען אזוי פיל נסים וואָס גאָט דער האַר פון דער וועלט האָט צו זיי געטאָן: דאָס שלאָגען און דעם פּייניגען די מצריים מיט אזוי פיל שלעכטע און שוידערליכע 10 מכות אין מצרים, און דעם בעפרייען זיי פון אזא שרעקליכען גלות — אַ שוואַכען אונבעוואָפענטען פאָלק פון די הענט פון אַ שטאַרקען גרויסען און מעכטיגען פאָלק. און דעם וואונדערבאַרען נס, דעם שפּאַלטען דעם ים פאַר די אידען דורך וואָנען זיי זיינען דורכגעגאַנגען אין דער טריקעניש און דעם דערטרינקען זייערע שונאים, די מצריים, אין דעם זעלבען אָרט אין ים וואו זיי זיינען אָקאָרשט דורכגעגאַנגען בשלום. די גרויסע גנעדיגקייט פון גאָט דעם שיקען פאַר זיי דעם וואָלקען צו ווייזען זיי דעם וועג וואו זיי זאָללען גיין אין אזא מדבר, וואו די מאָס בייט זיך אַללע ווייל פון די ווינטען, וועלכע עס מאַכען טהאָלען פון בערג און בערג פון די זאַמד וואָס דער ווינט טראָגט אַהן. דער שטיק פייער אין הימעל צו לייכטען זיי די גאַנצע נאַכט מיט די בעסטע ליכטיגקייט ווי יעדער פון זיי האָט געקענט פאַרלאַנגען. און דער וואונדערבאַרער שפּייז דער מן, וואָס עס האָט זיי געשפּייזט און געזעטיגט די גאַנצע 40 יאָהר אין מדבר, אַ שפּייז וואָס האָט געהאַט אַללע בעסטע טעמים אז עס זאָל זיי דאָס ניט דערעסען און עס זאָל זיי דאָס ניט מיאוס ווערען. דער ברונען ווער עס איז מיטגעגאַנגען מיט זיי, ווער עס האָט זיי געגעבען גענוג קלאָרע און פרישע וואַסער אַנצוטרינקען זיך פאַר אזא גרויסע מחנה.

די זאַכען און די שיך, וועלכע זיי האָבען געטראָגען, וועלכע עס האָבען זיי געדינט 40 יאָהר, און דער וואונדער אז זייערע פיס זיינען קיינמאָהל ניט געשוואָלען געוואָרען פון אזוי פיל גיין. אלזאָ, נאָך אזוי פיל איבערלעבונגען און פון אזוי פיל זיך אָנזעהען פון די גנעדיקייטען און נסים פון דעם אויבערשטען דאַרף שוין געוויס ניט זיין קיין שפור פון עפעס אַ צווייפעל און מען דאַרף שוין דוכט זיך געוויס זיין די גאַנצע 100% זיכער פון די אַללע איבערצייגונגען, אז גאָט איז דער אמתער האַר פון דער וועלט און אז אין איהם אליין מוז דער מענש האָפפען און יעדער מענש מוז שוין פולשטענדיג גלויבען אז גאָט קען טאָן אַללעס, אז ער קען טאָן גוטעס צו די יעניגע וועלכע עס האָפפען צו איהם, צו די וועלכע עס זיינען אָרענטליכע מענש׳ן און אז ער רעכ׳נט זיך אָפּ זייער שטריינג מיט די יעניגע וועלכע עס טוען פאַרברעכענס געגען דער מענשהייט.

פון דען, כאָטש די אידען האָבען געזעהען אזוי פיל נסים, זיינען זיי נאָך אַלץ ניט געוואָרען פאָלשטענדיגע גלויביקע אין דעם גרויסען האַר פון דער וועלט, וואָס פון דעם הערען אליין פון די אַללע נסים מוז זיך ביי יעדען מענש׳ן עפענען די אויגען און יעדערער מוז זעהען און יעדערער קען דאָס אָנטאַפּען פון הערען אליין פון אזעלכע נסים, אז עס איז אָהן צווייפעל דאָ איינער ווער עס פיהרט אָהן מיט אזא וועלט, אז גאָט אליין איז די איינציגע זאַך וואָס יעדער קלוגער מענש וועט דאָס פאַרשטיין, אז מען מוז אין איהם גלויבען און ניט אין קיין אַנדער זאַך!

דאָך! ווי נור משה איז ארויף אויפען באַרג סיני צו עמפפאַנגען די הייליגע תורה פון גאָט, מיט וואָס ער האָט בעעהרט דעם אידישען פאָלק מיט אזא הויכגעשעצטע פריווילעגיע, אז זיי זאָללען אַללעס קענען לערנען און זאָללען דערגרייכען צו אזא הויכקייט און ריינקייט ווי עס פאַסט זיך פאַר דעם מענש׳ן וואָס ער איז די העכערע בעשעפעניש פון אַללע בעשעפענישען, וועלכע עס דאַרף זיך אויסצייכענען פון די איינפאַכע חיות פון וואַלד, ווער עס האָבען ניט דעם געטליכען פאַרשטאַנד וועלכען גאָט האָט אריינגעגעבען אין דעם מענש׳ן. די אידען זאָללען דיזע הויכע וויסענשאַפט אריינגעבען אין זייערע קינדער ווי אויך אין דער גאַנצער מענשהייט, וויפיל עס וועט נור מעגליך זיין, כדי אז עס זאָל קענען ווערען אַ גוטע און אַ זיכערע וועלט פאַר אַללע מענש׳ן און פאַר אַללע בעשעפענישען.

דאָך האָט פאַסירט אַ מיאוסע און אַן עקעלהאַפטע געשעהעניש, וואָס די אידען האָבען אָפּגעטאָן. און איבער וואָס? בלויז איבער אַ קלייניגקייט! וויל זיי האָבען געמאַכט אַ קליינעם טעות בלויז אין איין טאָג, אין דעם ציילען פון די 40 טעג וואָס משה האָט זיי געזאָגט, אז ער וועט זיך זאַממען אויפן באַרג סיני. זיי האָבען פאַרלאָרען דעם געדולד און דעם מוטה צו וואַרטען אַ ביסעלע לייגגער און זיי האָבען פאַרלאָרען דעם גלויבען און דעם

פאַרלאָזען זיך אויף גאָט. און אַנשטאָט דעם, האָבען זיי זיך אויף אזוי פיל פאַרלאָרען, אז זיי האָבען געגומען דיינקען אז משה איז פאַרפאַלען געוואָרען, אז ער וועט שוין מעהר ניט קומען צוריק פון בארג סיני. זיי האָבען זיך אזוי פאַרלאָרען, פונקט ווי מיר זעהען אָפט ווי אַ קליין קינד פאַרליערט זיך אז די מאַמע גייט וואו אוועק. דאָס נעהמט שרייען און געוואַלדעווען. פונקט אזוי האָבען די אידען זיך פאַרלאָרען ווען זייער געטרייער פיהרער האָט זיך פאַרזאַמט לייגגער ווי עס האָט זיך זיי על פי טעות אָפגעדוכט און זיי האָבען ניט אויסגעהאַלטען און זיינען בעפאַלען אהרנ׳ען, משה׳ס ברודער, אז ער זאָל זיי גלייך מאַכען אַ נייען גאָט! אָבער עס זאָל זיין אזא גאָט, וועלכען זיי זאָללען קענען זעהען אין פנים. עס זאָל זיין אזא גאָט וועמען זיי זאָללען קענען אָנריהרען מיט די הענט און זאָללען קענען פיהלען און ריידען צו איהם.

אזא זאַך האָט געקענט פאַסירען מיט מענש׳ן, וועלכע זיינען געוועזען אַמאָהל פאַרזונקען אזוי טיף אין אַ פינסטערניש, אין אַ גלות! אזא זאַך האָט געקענט פאַסירען מיט מענש׳ן ווער עס האָבען אָפּגעלעבט אזא לאַנגע צייט צווישען ווילדע מענש׳ן מיט ווילדע מנהגים, צו וואָס זיי האָבען זיך אזוי צו־געוואוינט פאַר גאַנצע 210 יאָהר, וועלכע זיי זיינען געוועזען אין מצרים, וואו זיי זיינען געוועזען פאַרפאַלגטע שקלאַפען! ביי מענש׳ן מיט די נידריגסטע געפיהלען, ביי מענש׳ן וועלכע עס האָבען געגלויבט אין אַלערליי אָפּגעטער, אין אלערליי כשוף און אין שדים! די אידען האָבען געלעבט אזא לאַנגע צייט צווישען מענש׳ן וועלכע עס האָבען געגלויבט אין אַ שעפּס און אין אַ אָקס, אז דאָס איז גאָט ווער עס פיהרט אָהן מיט אזא וואונדערבאַרע וועלט.

אהרן, משה׳ס ברודער, דערזעהענדיג די מחנה ווי זיי זיינען איהם באַ־פאַלען, איז ווי עס ווייזט אויס ניט געוועזען אזוי שטאַרק ווי זיין ברודער משה צו ווירקען אויפען פאָלק. כאָטש ווי מען קען זיך פאַרשטעלען האָט מסתמא געגוג געטרייט זיי צו בערוהיגען און זיך בעטען, אז זיי זאָללען האָבען מעהר געדולד און וואַרטען! אָבער זעהענדיג אז ער קען די זאַך ביי זיי ניט פועל׳ן, איז ער געפאַלען אויף אַ גוטען פלאַן ווי אזוי צו פאַרציהען די צייט ביז משה וועט אָנקומען. און דעריבער האָט ער זיי געהייסען גיין אהיים און ברייגגען זייערע גאָלדענע ציהרונג פון זייערע פרויען. ער האָט אָהן צווייפעל געהאָפט אז די פרויען וועלען געווים ניט וועלען אַוועקגעבען די גאָלדנע ציהרונג און דערוויל וועט די צייט פאַרלויפען און משה וועט דערוויל אָנ־קומען. אָבער צו זיין גרויס וואונדער און אומפאַרהאָפטקייט האָט ער דער־זעהען ווי די מענער האָבען יאָ געבראַכט די גאָלד און די גאָלדענע ציהרונג, וואָס זיי האָבען פאַרמאָגט און זיי האָבען דאָס דערלאַנגט צו אהרנ׳ען.

אהרן האָט די גאָלד אריינגעוואָרפען אין פייער און ווען עס איז צו־שמאָלצען געוואָרען איז פון דעם געוואָרען איין שטיק אין דער פאָרם פון אַ קאַלב. ווי די אידען האָבען דערזעהען די גאָלדענע קאַלב, האָבען זיי זיך

זייער דערפרייט! זיי האָבען דערזעהען אַ גוט באַקאַנטע זאַך וואָס זיי האָבען דאָס געזעהען אין מצרים, צו ווענען די מצריים פלעגען זיך בוקען! די אידען האָבען גענומען טאַנצען פון פרייד און האָבען זיך גענומען בוקען צו דער קאַלב. און פיל פון זיי האָבען אויסגעשריען: „אָט דאָס איז דיין גאָט, ישראל, ווער עס האָט דיך ארויסגעבראַכט פון מצרים“! גאָר גיך האָבען זיי פאַרגעסען אָן די אַללע גרויסע נסים וואָס דער גרויסער בעשעפער פון דער וועלט האָט צו זיי געטאָן אום זיי צו איבערצייגען, אַז זיי זאָללען גלויבען נור אין איהם, וואָס ער איז די ווירקליכקייט. אַז זיי זאָללען ניט גלויבען אין אלערליי פאַלשע אָפּגעטער.

דעם מאָהל איז גאָט שוין געוואָרען זייער ענטוישט פון דעם צוקוקען ווי אַ פאָלק האָט אָפּגעטאָן אזא פאַרברעכען נאָך אזוי פיל נסים, וואָס ער האָט צו זיי בעוויזען! און ער האָט אַ זאָג געטאָן צו משה׳ן: גיי אויף גיך אַראָפּ און גיב אַ קוק ווי דיין פאָלק איז אזוי גיך ארונטער פון דעם אמת׳ן וועג! זעה ווי גיך זיי האָבען פאַרגעסען אָהן די אַללע גרויסע נסים וואָס איך האָב געטאָן צו זיי! יעצט וויס איך שוין ניט מיט וואָס דו קענסט זיי פאַרטיידיגען און בעטען איך זאָל זיי פאַרגעבען?! לאָז מיר! האָט גאָט געזאָגט, און איך וועל זיי פאַרניכטען אָט דאָ אין מדבר! און איך וועל פון דיר מאַכען אַ נייען אידישען פאָלק, וועלכער עס זאָל זיין ווי עס דאַרף צו זיין, ווער עס זאָל טראָגען מיט זיך דעם סימבאָל פון זייער פאָטער אברהמ׳ען דעם גרויסען צדיק! פון דיר וועל איך מאַכען אַ פאָלק וועלכער עס וועט בעסער פאַרשטיין ווי מען דאַרף אָפּהיטען אַ קאָנטראַקט, וואָס איך האָב מיט זייער פאָטער אברהמען געשלאָסען, אַז זיי אליין זאָללען לערנען און זאָללען ערפיהלען דאָס וואָס עס שטייט אין דער תורה און זאָללען דאָס לערנען צו זייערע קינדער ווי אויך צו דער גאַנצער מענשהייט, כדי אַז די מענשהייט זאָל עפענען איהרע אויגען און זאָל זעהען אַז מען מוז גלויבען אין דער אמתער זאַך, כדי עס זאָל זיין אַ גוטע וועלט אַז מענש׳ן זאָללען לעבען אין שלום און אין צופרידענהייט! וואָרום אויב אַז די מענשהייט זאָל אזוי ווייטער אָנגיין ווי זיי גייען אָהן ביז אַהער, וועל איך מוזען איינמאָל פאַר אַלעמאָל פאַרניכטען אזא טייערע וועלט מיט אַללעס וואָס אויף איר איז!

משה האָט זיך געשטאַרקט, נאָכדעם ווי ער האָט די לוחות ארויסגעוואָרפען פון זיינע הענט פון אויפרעגען זיך פון אזא שוידערליכען בילד, וואָס דער פאָלק האָט דאָ אָפּגעטאָן און ער האָט זיך גענומען בעט׳ן ביי גאָט, ער זאָל די אידען אויך דעם מאָהל פאַרגעבען און ער זאָל זיי יעצט ניט פאַרניכטען. ער האָט געזאָגט: אייב דו גאָט וועסט טאָן אזא זאַך, וועט דאָס ניט נור שאַטען די אידען אליין, נור דאָס וועט אויך ברייננגען די גרעסטע שאָדען צו דער גאַנצער מענשהייט. ווייל די מענשהייט וועט ווערען ביי זיך זייער פאַרלאָרען ווען זיי וועלען הערען אַז גאָט האָט זיין פאָלק אומגעבראַכט דאָ

אין מדבר און זיי וועלען דיינקען אז גאָט איז ניט שטאַרק גענוג אויסצופיהרען זיין צוזאָג און זיין שבועה, וואָס ער האָט געשוואָרען צו אברהמ׳ען, אז ער וועט אוועקגעבען ארץ ישראל צו זיינע קינדער, די לאַנד וואָס ער האָט בע־שטימט אז דאָס איז די אידישע לאַנד אויף אייביג. און אַנשטאָט וואָס די מענשהייט איז געוועזען אזוי ענטציקט פון דיין גרויסקייט בלויז פון הערען אליין פון די אַללע גרויסע נסים וואָס דו האָסט געטאָן צו דיין פאָלק, וועלכען דו האָסט אזוי וואונדערבאַר ארויסגענומען פון מצרים, און אַנשטאָט דעם מיינונג אז מען דאַרף גלויבען נור אין דיר, וועלען די מענש׳ן זיך פאַרלירען און וועלען זיך נאָך שטאַרקער אָנהאַלטען אָהן זייערע פאַלשע גלויבענס וואָס עס וועט נאָך טיפער פאַרפיהרען דער מענשהייט צום אָפּגרונט פון פאַר־דאָרבענהייט, צו נאָך גרעסערע ווילדקייט און רציחה, אז דו וועסט פריהער אָדער שפּעטער מוזען פאַרניכטען די גאַנצע וועלט!

און גאָט האָט זיך צוגעהערט צו משה׳ס קלוגע רייד און צו זיינע געבעט אויך דעם מאָהל, און ער האָט געענטפערט משה׳ן: אז ער פאַרגיבט זיי אויך דיזען מאָהל און ער וועט פאָלגען משה׳ן און ער וועט זיי יעצט ניט פאַר־ניכטען. אָבער דאָס האָט ער געזאָגט: דער אַלטער דור, וועלכער איז ארויס פון מצרים, אין וועמען עס איז אזוי טיף איינגעוואָרצעלט די אַללע שלעכטע מדות פון די מצריים, זעה איך אז עס וועט זיין זייער שווער דאָס פון זיי ארויסטרייבען. איך צווייפעל אייב זיי וועלען ניט איז זיך ענדערען, אז זיי זאָללען קענען זיין די לעהרער צו דער מענשהייט! ווארום אייב אז אזעלכע קלאָרע פעקטס און אזעלכע נסים וואָס זיי האָבען אליין געזעהען מיט זייערע אויגען האָט עס זיי אָנגעהאַלטען נור וויייל דו ביזסט געוועזען לעבען זיי, און אזוי גיך ווי דו ביזסט נור אַוועק פון זיי בלויז אויף 40 טעג, האָבען שוין זייע־רע הערצער גענומען ציהען צוריק צו די שלעכטע געוואוינהייטען, וואָס זיי האָבען זיך איינגעוואוינט אין מצרים. דעריבער איז זייער פּסק אז זיי זאָללען ניט דערלעבען אריינצוגיין און ירשהנען די לאַנד. יעדערער פון זיי וועט זיך אויסלעבען זיינע יאָהרען דאָ אין מדבר! אָבער אין ארץ ישראל וועל׳ן אריין נור זייערע קינדער, וועלכע עס האָבען מצרים ניט אָנגעזעהען מיט איהרע פאַרדאָרבענע מנהגים. אויך יענע אָרענטליכע אידען וועלכע עס האָבען ניט גענומען קיין אנטייל אין דעם דינען און דעם בוקען זיך צו דער גאָלדענער קאַלב, נור דיזע וועל׳ן אריין אין ארץ ישראל און זיי וועלען ירשהנען די לאַנד.

דרייצענטער קאַפּיטעל

און אזוי ווי גאָט האָט געזאָגט אזוי איז עס געשעהען.

נאָך אזא לאַנגען וואַנדערען אין מדבר פון אַ טערם פון 40 יאָהר, נאָכ־דעם ווי די אידען האָבען געקראָגען אין מדבר די תורה פון דעם גרויסען האַר פון דער וועלט דורך משה׳ן דעם בעליבטען און געטרייען פיהרער פון די אידען, וועלכער עס איז געוועזען דער גרעסטער נביא אין דער וועלט, וואָס אזא איז ביי אונז אידען נאָך ניט געוועזען, אז אַ מענש זאָל האָבען גערעדט מיט גאָט פנים אל פנים, וואָס דער גאַנצער אידישער פאָלק אין יענע צייטען האָט עס געזעהען, און נאָכ׳ן דורכגיין דורך אַלערליי פעלקער און נאָכ׳ן דורכמאַכען פון פערשידענע מלחמות, וועלכע פערשידענע פעלקער האָבען פאַרפיהרט מיט זיי אויפען וועג צו זייער לאַנד, נאָך דעם ווי דער אַלטער דור איז אויסגעשטאָרבען אין מדבר, איז דער נייער דור צוזאַממען מיט די על־טערע אַרענטליכע אידען וועלכע עס האָבען ניט גענומען קיין אַנטייל אין דער מיאוסער זינד פון דעם עגל הזהב, זיינען דיזע אריין און האָבען זיך בעזעצט אין דער לאַנד, וועלכע גאָט האָט פאַרשפּראָכען און האָט געשוואָרען צו אברהמען אז דיזע לאַנד וועט זיין די אידישע לאַנד אויף אייביג.

די אידען האָבען ענדליך אָפּגעאָטהעמט פריי פון אזא וואַנדעריגען לעבען און פון אַלערליי מלחמות און זיי האָבען זיך גענומען איינלעבען אין זייער לאַנד אין אמתע רוה און אין שלום און זיי האָבען זיך גענומען איינצושטעלען און איינצואָרדנען זייער טייערע לאַנד ארץ ישראל.

נאָך דעם אַלעמען, נאָך אזא רוישענדיגע היסטאָרי וואָס עס איז פּאָר־געקומען מיטן אידישען פאָלק, באַכדעם ווי די אידען האָבען זיך שוין פּאָל־שטענדיג בערוהיגט פון אזא אויסגעמאַטערטען לעבען פון אזא שרעקליכען גלות מצרים און פון דורכמאַכען אַ לעבען אין מדבר 40 יאָהר, האָבען די אידען אָהן צווייפעל באַלד זיך געדאַרפט נעהמען צו זייער פליכט, צו לער־נען די מענשהייט די וויכטיגסטע לעהרע, וואָס עס איז די וויכטיגסטע נויט־ווענדיגקייט פאַר דער מענשהייט, אז זיי זאָללען אויך וויסען אז מען מוז גלויבען נאָר אין דעם גרויסען האַר פון דער וועלט, וועלכער עס פיהרט אָהן מיט אזא וועלט, וואָס דאָס איז געוועזען דער פליכט וואָס זיי האָבען זיך פאַר־פליכטעט צו טאָן פאַר דער מענשהייט און וואָס דאָס איז געוועזען דער גאַנ־צער ציהל פון דעם אריינפיהרען און דעם אוועקגעבען זיי די לאַנד ארץ ישראל, כדי עס זאָללען מקוים ווערען די הייליגע ווערטער וואָס עס איז געזאָגט געוואָרען „כי מציון תצא תורה ודבר ד׳ מירושלים״, כדי אז די

מענשהייט זאָל וויסען ווי זיך אויפצופיהרען, אז זיי זאָללען שוין ניט זיין אזוי ווי די חיות פון וואַלד זיינען. כדי עס זאָל קענען הערשען שלום און ברידער־שאַפט אויף דער גאַנצער וועלט. און די אידען ווער עס זיינען דער גרעסטער קרבן ווער עס ליידעט אַלעמאָל פון פאַרדאַרבענע מענש׳ן וואָלטען געוועזען די ערשטע גליקליכע, ווערלכע עס וואָלטען גענאָסען פון אַ לעבען אין אזא וועלט פון פרייהייט, צופרידענהייט, ברידערשאַפט און אמתער שלום!

וואָס אָבער האָבען די אידען געטאָן אין דעם פליכט וואָס זיי האָבען זיך פערפליכטעט צו גאָט, אז זיי זאָללען זיין די לעהרער פון זייער לאַנד צו דער מענשהייט, אז עס זאָל ווערען אזא גוטע וועלט ווי איך האָב אויבען פאַרגעשטעלט?

די אידען האָבען אַנשטאָט דעם, ליידער, גענומען גאַר זיך לערנען פון די ארומיגע פעלקער אלערליי געזעטצען און מנהגים ווי אזוי איינצושטעלען זייער יונגע לאַנד און די ערשטע זאַך וואָס זיי איז געפעלען געוואָרען אין דעם נאָכטאָנצען די אַנדערע פעלקער איז געוועזען דער סיסטעם צו האָבען אַ קינג!

און ניט קוקענדיג אויף די מעהרערע התראות פון דעם דעמאָלסדיגען נביא שמואל, ווער עס האָט זיך ביי זיי געבעטען אז זיי זאָללען ניט מאַכען אויף זיך קיין קעניג, ערשטענס, ווייל אַ קעניג וועט מוזען האָבען אַן ארמיי מיט אַנפיהרער וואָס דאָס וועט ברייגנען מעהר שאָדען פאַר דער לאַנד ווי גוטעס. צווייטענס, די הוצאות פון דעם אויסהאַלטען פון אַן ארמיי. און דריטענס, וועט דאָס אָפּשוואַכען דעם גלויבען און דעם האָפפען אין דעם אויבערשטען. ווייל דאַהן וועט מען האָפפען און זיך פאַרלאָזען נור אויף דער שטאַרקייט פון דער ארמיי! דער נביא שמואל האָט זיך ביי זיי געבעטען און ער האָט זיי אַללעס אויפגעקלערט גענוי:

מיר אידען האָבען דאָך אַ גרויסען קעניג, ווער עס איז דער מלך מלכי המלכים, דעריבער טאָרען מיר אידען ניט קוקען אויף די אַנדערע פעלקער און זיך לערנען פון זיי. ווייל די אַנדערע פעלקער האָבען ניט אזא שטאַרקע אַנשפּאַרונג ווי די אידען האָבען, דעריבער זוכען די אַנדערע פעלקער עפּעס אַ אַנשפּאַרונג, אָהן וואָס זיך אַנצושפּאַרען! די אידען אָבער האָבען די שטאַרקסטע זאַך אין דער וועלט אָהן וואָס זיך אַנצושפּאַרען און אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזען, דאַרפען זיי דעריבער ניט זוכען זיך קיינע צרות אויף זיך!

אָבער די אידען האָבען אַלץ ניט געוואָלט הערען צו דעם נביא׳ס גוטע עצות און זיי האָבען זיך אַלץ געהאַלטען ביי זייערע. וואָרום ווי וועלען זיי אויסזעהען אין די אויגען פון די אַנדערע פעלקער אָהן אַ קעניג?! מען וועט דאָך האַלטען אז זיי זיינען ניט גענוג מאָדערן! און ווי פּאַסט עס צו זיין אַלט מאָדיש? די וועלט ווערט דאָך מאָדערן און ציוויליזירט! דעריבער

דאַרף מען אויך גיין נאָך דער וועלט נאָך! ווי פּאַסט עס צו פיהרען זיך ווי די זיידעס אברהם, יצחק און יעקב האָבען זיך געפירט ?! מען וועט דאָך זאָגען אויף אונז אז מיר זיינען פּאַרציייטיגע מענש׳ן! אַלזאָ, די ענדע איז געוועזען אז די אידען האָבען דאָך אויסגעפיהרט און האָבען דאָך געמאַכט אויף זיך אַ קעניג. געגוי אויף דעם שטייגער פון די ארומיגע פעלקער! און אזוי זיינען די אידען אַנגעגאַנגען אין פיל היגזיכטען אויך אזוי אויף דעם זעלבען שטייגער ווי די אנדערע פעלקער. און אזוי האָבען די אידען אויך זיך אַנגעהאַלטען ביי דעם סיסטעם פון מאָנאַרכיזם, פּונקט אזוי ווי די אַנדערע פעלקער, אז זיי האָבען זיך שוין ניט געדאַרפט שעמען, אז מען וועט חלילה זאָגען אז זיי זיינען אַן אָפּגעשטאַנענער פאָלק, ניט קיין מאָדערנער!

זיי האָבען, ווי עס פאַרשטייט זיך, געהאַט אַלערליי מלכים. זיי האָבען געהאַט אזעלכע מלכים וועלכע עס האָבען זיי געפיהרט אין דעם גוטען וועג און זיי האָבען אויך געהאַט אזעלכע מלכים, וועלכע עס האָבען זיי אַראָפּגע־פיהרט פון דעם ריכטיגען וועג! ווי באַלד אז אַ פאָלק האָט ניט קיין אייגענעם ריכטיגען סיסטעם נאָך וועלכען נאָך דער קעניג זאָל זיך פיהרען! דער פאָלק אָנשטאָט דעם לעבט גאָר אָהן אַ סיסטעם, און אַללעס ווענדעט זיך אָהן דעם פּערזאָן ווער עס פיהרט אָהן מיט דער לאַנד, דעריבער היינגט דער גורל פון דעם גאַנצען פאָלק אין די הענט פון איין פּערזאָן, אין די הענט פון דעם קעניג מיט זיינע ראַטגעבער! דעריבער איז עס: אייב דער קעניג איז אַ גוטער איז די לאַנד גליקליך, ווייל ער פיהרט די לאַנד אין אַ גוטען וועג. און אייב דער קעניג איז אַ שלעכטער מענש קומען צרות אויף דער לאַנד און דער גאַנצער פאָלק ליידעט דורך דעם! און אזא פאָלק קען גיך אונ־טערגיין!

אַלזאָ, די צייט איז ניט געשטאַנען אויף איין אָרט. מאָנאַטען און יאָהרען זיינען פאַרביי און די מענשהייט האָט זיך ניט געבעסערט. די מענשהייט איז געוועזען אזוי ווילד און פאַרפיהרט אזוי ווי פריהער און עס האָבען ביסלעכ־ווייז געגומען אָנפאַלען אויף די אידען אַלערליי חיות איך געשטאַלטען פון מענש׳ן פון ארום און ארום דער אידישע לאַנד. און אזוי זיינען די אידען ניט ווילענדיג אריינגעצויגען געוואָרען אין פערשידענע מלחמות, וועלכע זיי האָבען געוואונען און וועלכע זיי האָבען פאַרלאָרען, געגוי אויף דעם שטייגער ווי עס זיינען אָנגעגאַנגען די אנדערע פעלקער ארום זיי. זיי האָבען אויך גע־שלאָסען אָפּמאַכען מיט אַנדערע פעלקער, מען זאָל איינע די אַנדערע העלפען אין פאַל פון אַ מלחמה. און וויבאַלד אזוי, איז מען שוין ביי זיך אמת זיכער, אייב עס וועט ווער ניט איז אָנפאַלען, האָבען מיר שוין ווער עס זאָל אונז העלפען! און די אמונה אין דעם אויבערשטען ווערט דעריבער שוואַכער! ווייל מען פיהלט אז מען דאַרף קיין מורא ניט האָבען פאַר קיין געפאַר! מען האָט דאָך געשלאָסען אַן אָפּמאַך מיט אַ שטאַרקע מלוכה, טאָ וואָס דאַרף

מען מורא האָבען? די מלוכה מיט װעמען מען האָט געשלאָסען דעם אָפּמאַך װעט שוין פאַרטיידיגען מכל צרה שלא תבוא!

אָט אזוי, ביסלעכווייז, ביסלעכווייז, קוקענדיג אויף די אַנדערע פעלקער, איבערהויפּט אויף די, מיט װעמען מען האָט געשלאָסען אָפּמאַכען, מיט װעמען מען איז געװאָרען גוטע חברים, אז אונזערע בירגער זיינען פריי צו קומען צו זיי און זייערע צו אונדז און ביידענס ארמייען דאַרפען זיך אויסגלייכען אין אַללעס, כדי אז עס זאָל זיין איין קאָפּ און איין דעה! אָט אזוי זיינען די אידען פון װערען צופיל מאָדערנע און פון ציװיליזירען זיך כדי אויסצו־גלייכען זיך מיט די אַנדערע פעלקער, זיינען זיי גאָר אַראָפּ פון דעם ריכ־טיגען װעג אין װעלכען זיי, אלס מוסטער פאָלק, האָבען געדאַרפט גיין. און די ענדע איז געװעזען אז זיי האָבען גענומען איבערנעהמען כמעט אַללע מנהגים פון די ארומיגע פעלקער. און אַנשטאָט װאָס עס האָט געדאַרפט זיין, אז עס זאָל פון ציון ארויס די געטליכע לעהרע און די לעהרע פון גערעכ־טיגקייט צו דער גאַנצער װעלט, װאָס איז דער מענטש זאָל ניט האָבען דיזע וויכטיגע לעהרע מוז װערען פון דעם מענש׳ן אבסאָלוט אַ גאָרנישט! װייל אָהן דיזע וויכטיקסטע לעהרע גייט דער מענש ניט ארויף העכער, כאָטש ער דיינקט אז דער גאַנצער ציל פון לעבען איז נור צו װערען ציװיליזירט! דער מענש גייט גאָר נידריגער און נידריגער פון די הויכקייט װעלכע עס פאַסט זיך פאַר איהם, װייל ער איז באַשאַפען געװאָרען צו זיין די קליגסטע און העכסטע בעשעפעניש, װייל ער האָט אין זיך אַ טייל פון דעם אויבערשטענס פאַרשטאַנד. און אָהן די וויכטיגע לעהרע װעלכע עס דאַרף אים ענטוויקלען צו דערגרייכען צו דער אמתער הויכקייט, װערט דער מענטש גאָר פאַר־װאַנדעלט אין זייער אַ נידריגע בעשעפעניש אז ער קריגט אזעלכע זיטען פונקט אזוי ווי אַ חיה פון װאַלד, כאָטש ער דיינקט אז ער קען אויסטראַכטען נאָך אַ מאַשין און נאָך אַ מאַשין איז ער שוין מיט דעם פאָלשטענדיג ציװי־ליזירט!

אַלזאָ, די ענדע װאָס עס איז פאַרגעקומען מיט די אידען אין ארץ ישראל איז געװעזען, אז זיי האָבען אין גאַנצען פאַרגעסען זייער היסטאָרי װאָס עס האָט מיט זיי פּאַסירט און זיי האָבען אינגאַנצען פאַרגעסען אָהן די אַללע נסים און אָהן די גוטעס װאָס גאָט האָט געטאָן צו זייערע עלטער׳ן ווי אויך צו זיי אליין, און זיי האָבען אָם ענדע גאָר אַנגעהויבען צו דינען צו אָפּגעטער, פונקט אזוי ווי די ארומיגע פעלקער האָבען געטאָן! אָט אזוי האָבען זיי זיך אויף אַן אמת ציװיליזירט, אָט דער פאָלק אויף װעמען גאָט האָט געהאָפט אזוי פיל!

צוזעהענדיג צו דאָס אַללעס װאָס פון דעם אידישען פאָלק איז געװאָרען, ווי נאָריש ער איז אַוועק פון דעם ריכטיגען װעג, װאָס גאָט האָט ערװאַרטעט אז זיי װעלן גיין, איז גאָט געװאָרען זייער ענטוישט פון דעם אידישען פאָלק,

פון ווענען ער האט ערזווארטעט אז דאס וועלען זיין די ריכטיגע לעהרער צו דער מענשהייט, אזוי ווי עס פאסט זיך פאר די קינדער פון דעם ערשטען, קליגסטען מענש'ן אברהמען, ווער עס איז געוועזען דער ערשטער מענטש ווער עס האט דערקענט, אז עס מוז זיין א גאט ווער עס פיהרט אהן מיט אזא וואונדערבארע וועלט און דער כעס פון גאט איז דעם מאהל דערגאנגען צו דער העכסטער מדרגה אויף די אידען, וועלכע עס זיינען שוין געוועזען אזוי טיף פארזונקען אין זינד און זייערע גרויסע מענש'ן, ווער עס האבען זיי געדארפט אויפוועקען פון זייער פארפירעניש אין וועלכער זיי זיינען פארפיהרט געווארען און די וועלכע עס האבען געמוזט שרייען צום פאלק און איהם מתרה זיין וואס עס וועט מיט איהם פאסירען איבער זיי וועלען אזוי אנגיין, זיינען דיזע געוועזען ניט בעסער פון המון און אפילו איבער איניגע ארענטליכע מענש'ן האבען יא צו זיי גערעדט, האבען זיי שוין גאר ניט געוואלט אפילו צוהערען זיך. ווייל די קעפ און די הערצער זיינען געוועזען פארשלעפט אין פינסטערניש. זיי האבען ליידער ניט געהאט נאך אזא מאהן ווי משה איז געוועזען, ווער עס האט זיך אלעמאל אפגעבעטען ביים אויבערשטען ער זאל ניט טאן קיין שלעכטס צו זיי און פון דער אנדער זייט האט ער זיך אויסגעגעסען די הארץ און געשריען צום פאלק און געמוסרט זיי און האט זיי אפגעראטעוועט פון אומקום. אזא מענש'ן ווי משה רבינו איז געוועזען האבען זיי אין ארץ ישראל שוין מעהר ניט געהאט!

און דעריבער האט גאט, צוזעהענדיג ווי זיי זיינען אינגאנצען אראפ פון וועג, בעשלאסען צו טאן צו זיי דאס, וואס ער האט זיי פאראויס פיל מאהל מתרה געוועזען אין זיין הייליגער תורה אין וועלכער ער האט זיי פארויסגעזאגט אלעס וואס עס וועט מיט זיי פאסירען איבער זיי וועלען אראפ פון ריכטיגען וועג און איבער זיי וועלען אננעהמען מנהגים פון אנדערע פעלקער, וועלכע עס פיהרען צום גלויבען אין מענשליכען כח, מנהגים וועלכע עס פארוואנדלען דעם מענש'ן אין א צוויי פיסיגע חיה, וועלכע עס יאגט זיך צו מארדען און צו פארצוקען איינע די אנדערע. מנהגים וועלכע עס מאכען איין טייל מענש'ן פאר הארען און די אנדערע פאר שקלאפען.

און דיזען מאהל האט גאט אויף אן אמת זיך אפגעקעהרט פון זיי, אזוי ווי ער האט זיי פאראויסגעזאגט, אז ער וועט זיך אפקעהרען פון זיי, איבער זיי וועלן זיך אפקערען פון זיינע וועגען. און אזוי גיך ווי גאט האט אראפגענומען זיין השגחה פון זיי, האט זיי שוין ניט געהאלפען דאס וואס זיי האבען געהאט אפמאכען מיט פעלקער, אז אין צייט פון א געפאהר זאלען זיי קומען צו הילף. קיינער איז זיי ניט געקומען העלפען! זיי זיינען אלע געשטאנען פון ווייטען ווען נבוכדנצר מלך בבל איז אנגעפאלען אויף זיי מיט זיינע שטארקע ארמייען און ער האט צעשמעטערט די אידישע לאנד ארץ ישראל מיט דעם פרעכטיגען בית המקדש און ער האט אויסגעמארדעט זייער פיל

אידען אָהן קיין שום רחמנות מיט פערשידענע שרעקליכע טויטען און מיט שרעקליכע יסורים, סיי אלט און סיי יונג, מענער און פרויען צוגלייך, און ער האָט די אידען דערנאָך פאַרטריבען פון זייער טייערער לאַנד.

און כאָטש זיי האָבען זיך שפּעטער צוריקגעקעהרט אין ארץ ישראל, דאָך האָט זיי טיטוס הרשע ווידער ארויסגעטריבען.

פערצענטער קאַפּיטעל

אַט אזוי זיינען די אידען געוואָרען צוזייט און צושפּרייט אין אַללע פיער עקען פון דער וועלט, צווישען פעלקער וועלכע עס האָבען ניט קיין תורה, וועלכע עס זאָל זיי עפּענען די אויגען און וואָס עס זאָל זיי פיהרען אין אַן אָרנטליכען וועג.

די אידען זיינען צוזייט געוואָרען צווישען פעלקער וועלכע עס זיינען פאַרפיהרט אין אַלערליי זאָרטען פאַרדאָרבענע מנהגים! די אידען זיינען צו־שפּרייט צווישען אזעלכע מענש׳ן, וועלכע עס זיינען ניט בעסער פון חיות פון וואַלד און פון פיש פון ים, וואו דער שטאַרקער באַפאַלט דעם שוואַכען. די אידען זיינען צוואָרפען צווישען מענש׳ן ווער עס גלויבען אין כח און אין פויסט און צווישען מענש׳ן וועלכע עס האָבען גאָר קיין גלויבען ניט, אָדער אזעלכע וועלכע עס גלויבען, אז איב זיי זינדיגען איז אַלעמאָל דאָ אַ מיטעל ווי אָפּצוואַשען זיך פון זינד. מען דאַרף נור ניט זיין פויל און קומען אין קלויסטער און זיך מודה זיין פאַרן גלח און בעטען איהם אז ער זאָל ריידען צום פּראָפעט, ווער עס איז געווען אַ געוויינליכער מענש פון בלוט און פלייש אזוי ווי מיר אַללע זיינען, ווער עס איז טויט פון טויזענדטער יאָהרען, ווער עס ליגט מאַכטלאָז אין דער ערד אזוי ווי אַללע טויטע מענש׳ן, פון ווע־מענ׳ס ביינער עס איז שוין קיין געדעכעניש ניט געבליבען, און די דאָזיגע נאַרישע מענש׳ן גלויבען אז דער פּראָפעט וועט אין הימעל דורכמאַכען מיטן גרויסען האַר פון דער וועלט אז ער זאָל זיי פאַרגעבען אויף זייערע זינד. און נאָכדעם ווי נור מען האָט זיך אָפּגעוואַשען פון די זינד, קען מען שוין ווידער זינדיגען און טאָן אַלערליי פאַרברעכענס און נאכהער ווידער בעט׳ן דעם גלח צו פאַרגעבען די זינד. און דאָס איז אַלץ גערעדט וועגען אזעלכע מענש׳ן, ווער עס אַנערקענען אז זיי האָבען געטאָן עפּעס ניט ריכטיג! אָבער לײדער זיינען דאָ זייער ווייניג מענש׳ן ווער עס טוען אַנערקענען אז זיי האָבען גע־טאָן אַ זאַך ניט ריכטיג! ווייל יעדער מענש דיינקט ביי זיך אז ער איז גאָר אַ גוטער און אַ אָרענטליכער מענש, אז אַלץ וואָס ער טוט איז געוויס גוט.

יעדער מענש איז ביי זיך אַלעמאָל גערעכט, ווייל אויף זיך זעהט אַ מענש קיין זאַך ניט! ער זעהט נור אויף יענעם.

אָט אזוי איז דער אידישער פאָלק פון דאַהן אָן ביז היינטיגען טאָג נאָך אַלץ צוזייט און צושפרייט צווישען אַללע פעלקער פון דער וועלט. און עס דויערט ניט קיין צו לאַנגע צייט און די אידישע מינדערהייט אין איין לאַנד אָדער מאַנכע מאָהל אין איניגע לענדער אויף אַ מאָהל ווערט פון פאַרדאָרבענע מענש׳ן פאַרפאָלגט! מען באַפאַלט די אידען און מען בערויבט זיי און זייער לעבען שטייט אלעמאָל אין גרויס געפאַר אז זיי מוזען זייער אָפט אַנטלויפען אין אַן אנדער לאַנד, טראַכטענדיג און האָפענדיג אז אפשר וועט מען זיי אין דער אַנדער לאַנד בעהאַנדלען בעסער? אָבער ליידער, וואו דער איד קומט, געפינט ער אויס פריהער אָדער שפעטער אז אומעדום זיינען דאָ פאַרדאָרבענע מענש׳ן, וואו דער שוואַכער ווערט צוגעדריקט פון דעם שטאַרקען. די מענש׳ן אומעדום זיינען ניט בעסער פון חיות און עופות און עס קומט פאַר צווישען די מענש׳ן דער זעלבער בילד, וועלכען מען קען זייער אָפט זעהען וואָס עס קומט פאַר צווישען עופות ווען מען ברייגגט אריין פרישע הענער אָדער היהנער אין אַ האָק, אז עס פאַללען גלייך אָהן די אַלטע איינוואוינער פון האָק, די הענער אָדער אפילו די היהנער אויף די פרעמדע, אויף די ניי געקומענע, און מען פיקט זיי און מען הרגעט זיי, ווייל זיי דיינקען אז עס וועט ניט זיין גענוג פאַר זיי צו עסען איבער די ניי געקומענע. די עופות האָבען ניט דעם פאַרשטאַנד צו קענען פאַרשטיין, אז דער מענטש ווער עס האָט אריינגעבראַכט די נייע עופות וועט מסתמה אויך ברייגגען מעהרער עסען, אז עס זאָל זיין גענוג פאַר אַללע עופות זיך אָנצועסען.

אָט אזוי זייגען אויך די מענש׳ן אין די לענדער, וואו דער פרעמדער, דער איד, איז געצוואונגען צו קומען צו זוכען אַן עיר מקלט. די מענש׳ן דאָרטען ציטערען טאָמער וועט דער פרעמדער, דער נייגעקומענער, אויפעסען זייערע עסען, אז עס וועט פאַר זיי ניט זיין גענוג. זיי האָבען ניט דעם פאַרשטאַנד דאָס צו פאַרשטיין און צו גלויבען אז דער גרויסער בעשעפער פון דער גאַנצער וועלט און פון אַללע בעשעפענישען האָט געוויס אָנגעגרייט אזוי פיל שפייז אז עס זאָל זיין גענוג צו עסען און צו טרינקען פאַר אַללע בעשעפענישען און פאַר יעדען מענש׳ן אויף זיין גאַנצען לעבען, ווי אויך פאַר זיינע קינדער און קינד׳ס קינדער. די מענש׳נס פאַרשטאַנד איז זייער קליין צו פאַרשטיין אז גאָט האָט געבענשט די ערד אז זי זאָל ארויסגעבען גענוג שפייז כל זמן די וועלט וועט עקזיסטירען, אז עס זאָל זיין גענוג שפייז פאַר אַלעמען. דאָס פאַרשטייען די מענש׳ן ניט!

יעצט גיי איך זיך נעהמען מיט אַללע מיינע כחות אין דער אַרט פון שרייבען צו שילדערען דעם ריכטיגען בילד פון דער געשיכטע פון דעם אידישען פאָלק פון זיין לאַנגען און טרויעריגען 2000 יאָהריגען גלות. א בילד

וועלכער עס שילדערט אַפּ זייער ריכטיג, לויט ווי איך דיינק, אַללעס וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט די אידען כמעט אין אַללע לענדער וואו זייער גורל האָט זיי פאַרטראָגען, וואָס די ענדע איז כמעט אומעדום געוועזען זייער אַ טראַגישע. דער בילד הויבט זיך אָהן צו ענטוויקלען אין אזא פאָרם:

ווען די אידען קומען צוערשט אָהן אין אַ נייע לאַנד און זיי נעהמען זיך איינצואָרדנען זיך, בעמערקען גלייך די איינוואוינער פון דעם לאַנד אז דיזע ניי געקומענע מענש'ן זיינען עפּעס אַנדערע זאָרטען מענש'ן. דאָס ערשטע קען מען בעמערקען אז דאָס זיינען אַזעלכע מענש'ן, וועלכע עס האָבען גע־זעהען און דורכגערייזט די וועלט. אז דאָס זיינען מענש'ן ווער עס האָבען גרויסע ערפאַהרונגען אין לעבען. אז דאָס זיינען קלוגע און פיהיגע מענש'ן. אז דאָס זיינען מענש'ן ווער עס פוילען זיך ניט צו אַרבעטען פאַר אַ לעבען. אז דאָס זיינען מענש'ן וועלכע עס זיינען ניט אריינגעטאָן אין שכורען, אזוי ווי זיי, די בירגער פון לאַנד, זיינען אריינגעטאָן אין דעם. די בירגער זעהען נאָך אַ זאַך אויף די אידען אז דאָס זיינען אזעלכע מענש'ן וועלכע עס גלויבען אין דעם אויבערשטען. אז די אידען דאַוונען יעדען טאָג און היטען אָפּ מיט גרויס רעספעקט זייערע שבתים און ימים טובים. די בירגער בעמערקען אויך אנדערע פיינע מנהגים וואָס די אידען האָבען, איבערהויפט ווי די אידען העלפען זיך איינער דעם אַנדערען. נעהמען די גוים פשוט זיך שעמען ווען זיי גיבען אַ טראַכט וועגען זיך, ווי זיי פיהרען זיך אויף און זיי קריגען דערי־בער אמת'ן דרך ארץ פאַר די אידען.

די אידען נעהמען זיך טאַקע העלפען איינער דעם אַנדערען. זיי לייגען זיך צוזאַממען יעדערער וויפיל ער קען פון דער ביסעל אָרעמקייט וואָס מען האָט בעוויזען מיטצוברייינגען מיט זיך פון דער לאַנד פון וואַנען מען איז געוועזען געצוואונגען צו לויפען מיט די לעבענס. און אזוי בילדען די אידען סאָסייטעס פון גמילות חסדים, וואו א איד זאָל קענען קריגען צו לייען עט־ליכע פונט צו קענען זיך שטעלען אויף די פיס, אז ער זאָל קענען אָנהויבען צו טאָן וואָס ניט איז צו מאַכען דעם שטיקעל ברויט און צום ברויט פאַר זיך מיט זיין פאַמיליע, אָדער ווער עס האָט געלאָזען די פאַמיליע אין דער אַלטער היים, ער זאָל קענען זיי שיקען צום לעבען און ער זאָל מיט דער צייט קענען זיי אריבער ברייינגען צו זיך אין דער נייער לאַנד. און דער בילד נעהמט זיך ענטוויקלען, ביסלעכווייז, ביסלעכווייז אין אזא פאָרמאַט: ביזנעס פיהיגע אידען נעהמען זיך צו טאָן ביזנעס. זיי עפענען אַ שאַפּקע פון וואָס ניט איז: פון פרוכט, פון מילך, פון עסענוואַרג אָדער פון קליידונג און שוכוואַרג. וויניגער פיהיגע אין ביזנעס אָדער אזעלכע וועלכע עס האָבען ניט קיין מעג־ליכקייט צו עפענען אַ שטייענדיגען ביזנעס, ווערען האָקערס פון פרוכט אָדער פון עופות. ארבעטער נעהמען זיך דאָס מעהרסטע צו זייער מלאכה, בעקער נעהמען זיך צום באַקען און די אידען וועלכע עס האָבען ניט קיין

מלאכה פאַרדינגען זיך פאַרנאַנדער צו פיהרען די ברויט אָדער אנדערע שפּייזען צו שאַפען אָדער דירעקט צו די הייזער. קצבים, שניידער, שוסטער, בלעכער, סטאָליארעס, זייגער מאַכער און נאָך און נאָך אזעלכע מענש׳ן מיט אַ מלאכה אין האַנט נעהמען זיך יעדערער צו זיין מלאכה.

אַנדערע אידען ווערען טרעוועלערס פאַר פירמעס און אנדערע ווערען פאַרזיכערונגס אַגענטען, מעקלערס אָדער אקציאָהנערען. מיט איין וואָרט, דער איד רוהט ניט! ער טרייט זיין בעסט, ער איז ניט פויל צו טאָן אַללעס וואָס עס איז נור אין זיינע כחות. קיין זאַך איז פאַר איהם ניט צו שווער אין זיין בעדינגען די בירגער פון דער נייער לאַנד אין אַללע הינזיכטען, אום נור צו קענען מאַכען אַ שטיקעל לעבען פאַר די פרוי מיט די קינדערלאַך.

די בירגער פון לאַנד בעמערקען דאָס טאַקע זייער גיך ווי פּיהיג די ניי געקומענע אידען זיינען און ווי זיי בעהאַנדלען דעם קונד מיט אידעלקייט און מיט פריינדשאַפט, הויבען זיי אָהן אַריינצוקומען אין די אידישע שאַפען איינצוקויפען זיך אַללעס וואָס זיי דאַרפען. נאָך אַ זאַך בעמערקען אויך די בירגער, אז ביי די אידען אין די געשעפטען זיינען די אַרטיקלען ביליגער ווי ביי די אַנדערע, ווייל דער איד בעגנוגענט זיך מיט אַ קליינעם פאַרדינסט און צוליב דעם קריגט ער וואָס וויטער אַלץ מעהר קונדען. אויך צוליב נאָך אַ זאַך קומען די בירגער קויפען אין די אידישע געשעפטען, ווייל דער איד האָט אַ געבאָרענעם מיטגעפיהל מיט דעם אָרימען קלאַס מענש, ווייל ער אליין וויים דעם טעם פון דעם אָרימאַן. דער איד מאַכט שוין אַ פּלאַן און מען קריגט ביי איהם עסענוואַרג, קליידונג, מעבעל און נאָך אזעלכע זאַכען אויף אַ געוויסע צייט אויף אויסצוצאָהלען.

די בירגער הויבען אויך אָהן צו קומען צו די אידישע דאָקטוירים זיך צו היילען, ווייל זיי קענען פיהלען עפּעס אַ בעסערען צוטרוי און עפּעס אַ בע־סערע פריינדשאַפט און מעהר מיטגעפיל פון דעם אידישען דאָקטאָר׳ס בע־האַנדלען דעם קראַנקען און דעם ליידענדעם.

אויך קומען די בירגער צו די אידישע לאָיערס און אַדוואָקאַטען דאָס זיי זאָללען זיי געבען עצות אין פאַרשידענע פראָצעס ווי אויך אז זיי זאָללען מאַכען פון זיי אַרויסראַטעווען פון פערשידענע טראָבל פאַר פערשידענע זינד, וועלכע זיי זיינען בעגאַנגען.

אַט אזוי פאַרגייט אַ יאָהר פאַר אַ יאָהר און דער איד לעבט זיך איין ביסלעכוויז אין דער נייער לאַנד און ער אָטהעמט אָפּ אַ ביסעלע פרייער און ער הויבט שוין אָהן צו מאַכען אַ פולען לעבען. דער איד נעהמט זיך ביס־לעכוויז איינצואָרדנען און צו בויען זיין היים דאָ, אזוי ווי ער האָט געהאַט אין דער פריהערדיגער לאַנד פון וואַנען ער האָט געמוזט לויפען מיט זיין לעבען.

אָבער ווי נור עס ווערט דעם אידען עטוואָס לייכטער אויפען האַרצען פון די פריהערדיגע טרויעריגע איבערלעבונגען, הויבט ער אָהן ביסלעכווייז צו פאַרגעסען זיין היסטאָרי פון אפילו גאָר ניט לאַנג צוריק. פון זיין טרויעריגע געשיכטע ווי ער האָט גאָר ניט לאַנג צוריק געמוזט אנטלויפען פון דער פריהערדיגער לאַנד וואו ער האָט זיך געהאַט איינגעלעבט, וואו די מענש'ן דאָרטען זיינען געוועזען אָהן דעם אמת'ן גלויבען אין גאָט, אָהן די מורא פאַר דעם אמת'ן האַר פון דער וועלט אז ער וועט זיך אָפּרעכענען פאַר אַללע אונגערעכטיגקייטען וואָס זיי טוען. און דעריבער זיינען זיי געוועזען געצוואונגען צו לויפען פון יענער לאַנד, ווייל זייערע לעבענס און די לעבענס פון זייערע ווייבער און קינדער זיינען געשטאַנען אין די גרעסטע געפאַהר. ווייל דאָס איז אַ געוויסער און אמתער פאַקט וואָס יעדערער קען דאָס זעהען, אז דאָרטען וואו עס איז ניטאָ די מורא פאַר גאָט קען דאָרטען בשום אופן ניט זיין קיין גערעכטיגקייט. ווייל דער מענש וועלכער איז אָהן די מורא פאַר גאָט קען ניט זיין קיין פאָלשטענדיגער מענש אין פולען זין פון וואָרט. ווייל אַ מענש אָהן די מורא פאַר גאָט מוז האָבען קליינע געפיהלען, ער איז דאַהן מיט די זעלבע געפיהלען פונקט ווי אַ חיה פון וואַלד, וואָס ווען עס פאַרווילט זיך איהר פאַלט זי אָהן אויף דער שוואַכערער חיה און זי מערדערט איהר און שטעלט צופרידען איהר הונגער און איהר לוסט. אזוי איז דער מענש אָהן די מורא פאַר גאָט און אָהן דעם גלויבען אין דעם האַר פון דער וועלט, ווייל דער דאָזיגער מענש איז זייער קורצזיכטיג! ער זעהט נור זיך אליין און ניט ווייטער. ער דיינקט אז ווי באַלד אז מענש'ן זעהען ניט וואָס ער טהוט אָפּ, זעהט מסתמה קיינער ניט און ווי באַלד אז קיין מענטש זעהט ניט, מעג ער דעריבער אויספיהרען זיינע פלענער ווי אזוי צו באַפאַלען און צו בערויבען אָדער צו מאָרדען דעם אַנדערען.

דער דאָזיגער מענש האָט ניט דעם פאַרשטאַנד צו פאַרשטיין אזא גרינגע זאַך און אזא אָפענע זאַך, אז דער גרויסער בעשעפער ווער עס האָט באַשאַפען אויערען אין דעם מענש'ן צו הערן, טאָ ווי הערט שוין מסתמא דער בעריהמטער בעשעפער אליין? דער גרויסער בעשעפער ווער עס האָט באַשאַפען אויערען אין דעם מענש'ן צו הערן, טאָ ווי הערט שוין מסתמה דער גרויסער בעשעפער אליין? דעריבער מוזען מיר קומען צום בעשלוס, אז דער מענש ווער עס איז אָהן דיזען פאַרשטאַנד צו וויסען און צו פאַרשטיין, אז גאָט זעהט און הערט אַללעס און אז ער וועט שטריינג בעשטראָפען די יעניגע ווער עס טוען שלעכטעס צו מענש'ן אָדער אפילו צו חיות. און אז פון זיינע הענט קען קיינער זיך ניט אויסדרייען, איז אזא מענש ווער עס וויס פון דעם ניט און ווער עס וויל פון דעם ניט וויסען איז ער אַ סך געפעהרליכער פון די ווילדסטע חיה פון וואַלד. און אזוי ווי מען מוז זיך היטען פון אַ חיה ווייל מען איז ניט זיכער אז עס קען אריינקומען צו איהר אַ געדאַנק

אז זי זאָל אָנפאַלען און צורייסען, ווייל דאָס וויס נור צו טהון וואָס עס איז פאַר איהר גוט און דאָס פאַרשטייט ניט צו האָבען מורא אז עס וועט קומען אַ האַנט וואָס עס וועט זיך אָפּרעכענען, אזוי איך נאָך מעהר געפעהרליכער דער מענש וואָס פאַרשטייט ניט אז ער איז פאַראַנטוואָרטליך צו דעם העכס־טען געריכט וועד עס וועט זיך שטריינג אָפּרעכענען פאַר דעם פאַרגיסען פון בלוט אָדער פאר דעם טאָן שלעכטעס צו לעבעדיגע זאכען.

יעצט לאָמיר זיך אומקעהרען צוריק צו דער זאַך וואָס מיר האָבען אָנ־געהויבען צו שילדערען וועגען דעם וואָס עס קומט פאַר מיט די אידען, ווען זיי בעזעטצען זיך אין אַ נייע לאַנד, ווי אזוי דער בילד ענטוויקעלט זיך שפּע־טער אַהין ווען דער איד האָט זיך שוין איינגעלעבט אין דער נייער לאַנד.

דער איד, ווי עס ווערט איהם נור עטוואָס בעסער אויפען האַרצען, די פריהערדיגע צרות זיינען אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט און היינט ווייס ער שוין ניט פון אַזעלכעס. ער לעבט זיך רוהיג און ווייס פון אַ לעבען, איז אַנשטאַט צו שטאַרקען זיך אין זיין פיינעם און אמת'ן גלויבען וואָס ער זעהט דאָס מיט זיינע אויגען, ווי ער האָט אַללעס איבערגעלעבט ווייל דער אויי־בערשטער פאַרלאָזט איהם ניט, ווי ער האָט געטאָן און ער טהוט מיט איהם אזעלכע גרויסע נסים, אז וואו דער איד גייט איז גאָט מיט איהם און שפּייזט איהם און ער היט איהם אויס פון אַללעס שלעכטעס, וואָס דער איד האָט ניט געטאָרט פון אויפהערען צו דאַנקען גאָט פאַר זיינע גרויסע חסדים וואָס ער טהוט מיט איהם און וואָס דער איד מוז פון די אַללע חסדים אויפקלערען און אויפּוויזען צו זיינע קינדער, אז זיי זאָללען אויך דאָס גוט פאַרשטיין. און אַנשטאַט וואָס דער איד דאַרף אַנווענדען זיינע גאַנצע כחות צו לערנען צו די בירגער צווישען וועמען ער בלייבט, דעם ריכטיגען וועג ווי אזוי אַ מענש דאַרף גיין. און אַנשטאַט צו פערריכטען דעם מורהדיגען טעות, וואָס דער איד האָט ביז אַהער געמאַכט מיט זיין פאַרגעסען וואָס זיין פליכט איז צו דער מענשהייט, אז ער מוז ערפיהלען דעם גרויסען קאָנטראַקט וואָס זיין זיידע אברהם האָט געשלאָסען מיט גאָט אז זיינע קינדער נאָך איהם זאָללען לערנען זייערע קינדער ווי אויך דער מענשהייט, אז מען מוז גלויבען אין דעם האַר פון דער וועלט, וואָס אזא לעהרע וואָלט אַהן צווייפעל געמאַכט די גוים פאַר אָרענטליכע און פאַר פאַרשטענדיגע מענש'ן, וואָס דאַהן וואָלט אַהן צווייפעל געוועזען אַ גוטע און אַ זיכערע וועלט!

וואָס אָבער טהוט דער איד אין דערווירקליכקייט? ער זעהט אז דער גוי שיכורט און איז פויל צו אַרבעטען און ער קעהרט ניט פאַר דעם פראַגרעס פון זיין אייגענער לאַנד, ווערענד אז מען זאָל נור וועלען אַרבעט'ן איז דאָ אַ גרויסע מעגליכקייט פאַר אַ גרויסע צוקונפט. עס וואַלגערט זיך פשוט גאָלד אין די גאַסען, ווי עס גייט דער גלייכווערטעל. מען דאַרף זיך נור ניט פוילען. און אזוי ווי דער איד איז דאָך זייער אַ נויטיגער, ער איז דאָך נעבאַך געקר־

מען אַ צובראָכענער, אַ צושטאָכענער מאַטעריאַליש און פיזיש פון דער פריהערדיגער לאַנד און ער איז דאָך נעבאַך הייל און נאַקעט און מוז אללעס קויפען פאַר געלט, ווייל קיין אייגענע ערד צו פאַרזייען עס זאָל וואַקסען שפייז האָט ער דאָך ניט מיט וואָס צו קויפען. און אויך ניט אומעדום וועט מען ערלויבען אַ אידען צו ווערען אַ פאַרמער. ווידער קיין ערד וואו צו בויען אַ הויז האָט ער דאָך אויך ניט, ווייל אויף אַללעס מוז מען האָבען געלט און געלט!

אַלזאָ, בענעהמענדיג דאָס אַללעס, אז אויף אַללעס מוז מען האָבען געלט, נעהמט זיך דעריבער דער איד מיט אַללע זיינע כחות צו ארבעט'ן פאַר אַ לעבען, צו קענען אויך אָפּשפּאָרען פאַר אַ צוקונפט, פאַר אַ אייגענע הויז און פאַר דעם אויסבילדען די קינדער, אַז זיי זאָללען דערגרייכען צו עפּעס העכערעס ווי ער איז. אויך צו פאַרגרייטען זיך אויף די עלטערע יאָהרען מען זאָל האָבען עפּעס אָפּגעשפּאָרטע געלט, אַז מען זאָל ניט דאַרפען אָנקומען צו קינדער אָדער צו לעבען אין אַ מושב זקנים. דעריבער ארבעט דער איד זייער שווער און ער טהוט וואָס נור אין זיין מעגליכקייט איז. און אָט אַזוי ביסלעכווייז, ביסלעכווייז ארבעט זיך דער איד טאַקע ארויף און ער הויבט שוין אָהן אָפּצושפּאָרען אַ פונט פאַר אַ צוקונפט. און אַזוי ווי עס איז שוין אין דעם מענש'ס נאַטור, אַז אייב ער פאַרמעגט הונדערט פונט ווילט זיך איהם צוויי הונדערט. און אַז ער פאַרמאָגט שוין די צוויי הונדערט ווילט זיך איהם דריי הונדערט און אַזוי ווייטער און ווייטער, אַז עס נעהמט קיין ענדע ניט. וויפיל דער מענש זאָל פאַרמעגען איז ער קיינמאָל מיט דעם ניט צופרידען. דעריבער האַלט דער איד שטענדיג אין איין האַוועץ און ער איז שוין אויף אַזוי פיל פאַרהאַוועט, אַז ער פאַרגעסט זיך אינגאַנצען וואו ער האַלט אין דער וועלט. ער פאַרגעסט אָהן דאָס אַללעס וואָס עס האָט מיט איהם פּאַסיערט גאָר ניט לאַנג צוריק, ווי ער איז געוועזען איינגעפונדעוועט אין דער פריהערדיגער לאַנד מיט אַללעס גוטעס, מיט אייגענע הייזער און מיט גרויסע געשעפטען און מיט אַמאָהל האָט ער געמוזט לויפען פון דער פריהערדיגער לאַנד און איבערלאָזען אַללעס און אנטלויפען מיטן לעבען, ווייל זיין לעבען און דער לעבען פון זיין פאַמיללע איז געוועזען אין דער גרעסטער געפאַהר, ווייל ער האָט געלעבט צווישען גזלנים, ווער עס האָבען ניט קיין מורא פאַר גאָט, ווער עס ווייסען ניט אַז עס איז דאָ אַ האַר ווער עס וועט שטריינג בעצאָהלען פאַר דעם רויבען און פאַר דעם פאַרגיסען פון אומזיסטע בלוט.

דער איד פאַרגעסט זיך גאָר אינגאַנצען וואָס די אמתע אורזאַכע איז פאַרוואָס די גוים זיינען גזלנים. אַז די גרעסטע אורזאַכע איז ווייל זיי האָבען פון אַזאַ וויכטיגע לעהרע ניט געהערט, ווייל זיי זיינען אומוויסענד, ווייל זיי זיינען פאַרפיהרט פון שלעכטע מענש'ן ווער עס פאַרדרייען זיי די קעפּ מיט פערשידענע פאַלשע לעגענדעס און איינריידונגען, און ווער עס זאָל זיי לערנען

דעם אמת האָבען זיי ניט. טאָ ווער זאָל קומען זיי צו לערנען? זאָל גאָט אליין פון הימעל קומען צו טאָן אזא דזשאָב?! פאַר דעם צוועק האָט גאָט געמאַכט אַ קאָנטראַקט מיט דעם גרויסען קלוגען מאַהן אברהמ׳ען, אז ער און זיינע קינדער נאָך איהם זאָללען דיזע לעהרע פאַרשפּרייטען צווישען דער מענשהייט אז עס זאָל זיין אַ גוטע וועלט און אַ זיכערע וועלט צו לעבען. אָבער דער איד האָט אינגאַנצען פאַרגעסען צו טאָן זיין פליכט וועלכע ער מוז דורכפיהרען אין דער וועלט! נו, דאַרף עס דען זיין אַ וואונדער אז עס איז אַ וועלט פון גזלנים און פון ווילדע מענש׳ן, ערגער ווי חיות?

דער איד, אַנשטאַט צו בעטראַכטען דאָס אַללעס מיט אַ קאָפּ, פאַרוואָס עס איז אזא שלעכטע וועלט פון מענש׳ן וואָס זיינען ערגער פון חיות, פאַלט ער אליין גאָר אריין אין אַן „עולם התוהו". אָט דער איינציגער זאָרט מענש, וואָס איז אויסגעקליבען געוואָרען פון דער גאַנצער מענשהייט, אויף וועמען דער בעשעפער פון דער וועלט פאַרלאָזט זיך, אז ער זאָל טאָן דעם געטליכען הייליגען דזשאָב צו עפענען די אויגען פון אַללע בלינדע אז זיי זאָללען דערזעהען ווי זיי זיינען פאַרפיהרט, אז זיי זאָללען פאַרשטיין ווי אַ מענש מוז זיך אויפפיהרען איינער צום אַנדערען, נעהמט דיזער וויכטיגער אויסגע־קליבענער מענש וואָס איז געוואָרען אַנגעטרויט מיט אזא גרויסע פּריווילעגיע פון דעם בעשעפער אליין און ער ווערט פאַרשכורט פון דעם עגל הזהב און ער האַלט אין איין האָוען און יאָגען זיך אָהן אַן אָפּהאַלט צו מאַכען געלט כל זמן מען קען נור. און ער איז אויף אזוי פיל פאַריאָגט און פאַרהאָוועט אז ער פאַרגעסט זיך אפילו אָהן זיין טייערען און הייליגען שבת, וואָס דער שבת איז געגעבען געוואָרען פאַר דעם אידען אז ער זאָל זיך אָפּשטעלען פון זיין טאָג טעגליכען געיעג פון צו האָוען פאַרן גוף, נור ער זאָל אין דעם שבת־דיגען רוהע־טאָג בעטראַכטען זיך וואָס עס טהוט זיך ארום אים. וואו ער האַלט אין דער וועלט, און וואו די וועלט האַלט מיט איהם? און וואָס עס שטייט פאַר איהם פאַר צו טאָן אין דער צוקונפט!

דער איד מאַכט וואָכעדיג זיינע טייערע און הייליגע ימים טובים, וואָס יעדערער פון זיי איז געגעבען געוואָרען פאַר דעם אידען צוליב געוויסע צוועקען, איבערהויפּט אז ער זאָל זיך אָפּשטעלען און זאָל זיך ארומקוקען וואו ער האַלט אין דער וועלט, וואָס עס טהוט זיך ארום איהם און ארום זיין פאָלק, און ווי די לאַגע פון דער גאַנצער מענשהייט איז. דאָס אַללעס האָט דער איד געמוזט בעטראַכטען מיט אַ קלאָרע קאָפּ און ניט זיין פאַרנאַרישט. דער איד האָט געמוזט אַללעס בעטראַכטען און פאַרשטיין מיט אַ קאָפּ וואָס די ענדע פון אזא אויפפיהרען זיך קען זיין.

אָבער וואָס טוט דער איד אַנשטאַט דעם?! ער לאָזט זיך אינגאַנצען אָוועק! ער טוט זיך אויס פון אַללעס! ער אַרבעט שבת אזוי ווי אָהן דער וואָכען צוגלייך מיט אַללע מענש׳ן פון לאַנד און דאָס זעלבע טוען אויך זיינע

קינדער און זיין פרוי. ווייל שבת איז פאַרט די לייזונג א סך גרעסער ווי אין די וואָכעדיגע טעג. און „הרגל נעשה טבע“, געוואוינטקייט איז די צווייטע נאַטור. און אזוי געוויינט זיך דער איד שוין אײַן צו ארבעטען שבת און יום־טוב, אפילו ווען ער איז שוין גוט אָפּ. און עס קומערט איהם שוין מעהר ניט דאָס וואָס ער טהוט אזא שרעקליכע עבירה. און אין דער אמאָהליגער הייליגער אידישע הויז ווערט אַללעס וואָס ווייטער מעהר און מעהר וואָכעדיג דער שבת און דער יום טוב און די גאַנצע אידישקייט.

די אידישע קינדער האָבען שוין מעהר ניט וואָס צו לערנען זיך פון זייערע עלטער׳ן, סיי פון דעם טאַטען און סיי פון דער מאַמען, וועגען דער אמתער בעדייטונג וואָס א איד איז? אָדער ווער אַ איד איז? ווייל די מאַמע לויפט געראָדע שבת ארום אין די באַזאַארס צו זוכען שבתדיגע מציאות. און געראַדע, דוקא שבת גייט זי זיך מאַכען די האָר לכבוד דעם הייליגען זונטאָג, אויפצונעהמען געסט אָדער אליין גיין צו גאַסט, און אַנשטאָט די הייליגע זאַך וואָס עס איז געגעבען געוואָרען צו דער אידישער פרוי, דער מקבל פנים זיין דעם הייליגען שבת און די ימים טובים מיט דעם בענש׳ן ליכט, רויכערט זי גאָר סיגאַרעטען פרייטאָג צו נאַכט און שבתדיגען טאָג, אזוי ווי אַהן דער וואָכען. אָט אזוי גייט אונטער די גאַנצע אידישע שיינקייט און הייליגקייט!

די אידישע קינדער ווערען אויך ערצויגען און אויסגעבילדעט אין די גויישע סקולען און פיל פון די אידישע קינדער האָדעווען זיך אויס אין גויישע באָארדינג סקולען און קאָנוועטס, וואו זיי לערנען זיך אָפּ אַללע גויישע מנהגים. די קעפּ פון די אידישע קינדער און זייערע געדאַנקען ליגען אויך אין פוסטע זאַכען און אין אלערליי גיימס און ספּאָרט זאַכען, גענוי דאָסזעלבע ווי זייערע חברים׳ס קעפּ זיינען אריינגעטאָן אין די אַללע זאַכען. און אזוי ווערט אַללעס הייליגעס וואָס דער איד פאַרמאָגט צו גאָרנישט. דער הייליגער אידישער רוה טאָג שבת ווערט אינגאַנצען אוועקגעמאַכט און פאַרביטען אויף זונטאָג, וואָס זונטאָג פאָהרט מען זיך דורך מיט די מאָטאָרקאַר צו גאַסט צו פערשידענע פריינט און צו בעקאַנטע, וואו מען לאָזט זיך אריין מיטן גוף און מיט דער נשמה אין שפּילען קאָרטען אָדער אין אנדערע פוסטע פערגעניגענס בלויז פאַרן גוף און אזוי האָט מען זיך אמתדיג גוט הנאה פון דעם טייערען זונטאָג. אָט אזוי פאַרגייט עס אַ יאָהר פאַר אַ יאָהר און אַ דור נאָך אַ דור. דער אַלטער דור, וועלכער עס האָט נאָך געהאַט אין זיך אַ פונק פון אידישקייט שטאַרבט ביסלעכווייז אויס און ער לאָזט איבער דעם יונגען דור אָהן קיין שום אנונג וואָס א איד איז. דער יונגער דור ווייס ניט פון וואַנען דער איד קומט ארויס און וואָס עס האָט מיט דעם אידישען פאָלק פּאַסיערט ביז אַהער. דער יונגער אידישער דור גלויבט גאָר ניט אנדערש אז זיי זיינען די זעלבע מענש׳ן און די זעלבע גלייכע בירגער ווי די אַנדערע בירגער פון לאַנד זיינען. זיי דייַנקען גאָר ניט אַנדערש אז דאָ איז זייער שטענדיגע היים

און זיי טראַכטען נור פון איין זאַך: ווי אזוי צו ענטוויקלען אַט די דאָזיגע אייגענע טייערע היים צו די בעסט ווי עס איז נור מעגליך.

און אזוי ווי איך האָב שוין פריהער בעשריבען, אז די אידישע קינדער ווייסען ניט וואָס דער אונטערשייד עס איז צווישען זיי און די אַנדערע ביר־גער, ווייל זיי האָבען עס ניט געהערט געוויי פון זייערע עלטער׳ן און זיי זעהען ניט דעם אונטערשייד אין זייערע היימען, וואו זיי האָבען זיך אויפגע־האָדעוועט, דעריבער איז שוין קיין וואונדער ניט די זאַך וואָס מען קען זעהען, אז די אידען, איבערהויפט דער נייער דור, האָט זיך שוין איינגעוואוינט צו אַללע מנהגים און צו אַללע האָלידייס פון דעם לאַנד! קריסטמוס, ניי־יאָהר און נאָך אזעלכע האָלידייס זיינען געוואָרען אמתע ימים טובים ביי די אידען אויך! און עס פעהלט שוין גאָר ניט פיל צו דעם אז דער איד זאָל שוין באַלד זיין אין גאַנצען אסימילירט! עס בלייבט נור איבער איין זאַך און דאָס איז: בלויז אָנצוטאָן דעם צלם און גיין אין קלויסטער! און עס האַלט חס ושלום שוין גאָר ניט ווייט פון דעם. ווייל עס איז ניטאָ קיין אונטערשייד ביי דעם יונגען אונוויסענדען אידישען דור פון דער אידישער שוהל און פון דעם קלויסטער. ווייל אין שוהל הערט ער סערמאָנס און רעדעס פון דעם רב אָדער רעווערענד אין דער שפּראַך פון דער לאַנד, ווייל אין דער אידישער שפּראַך וועט דער בחור אָדער די מיידעל ניט פאַרשטיין, ווייל ביי זיך אין הויז אפילו רעדט מען נור די שפּראַך, וועלכע מען האָט דעם בחור אָדער די מיידעל אריינגעקלאַפּט אין קאָפּ פון די קינדערשע יאָהרען אָהן. און וואו מען גייט און וואו מען שטייט אויף אידישע שמחות און חתונות און מיטינגען הערט מען אַלץ נור די שפּראַך פון דער לאַנד און ניט די אייגענע. און אין קלויסטער הערט מען דעם גלח האַלטען די סערמאָנס אויך אין דער שפּראַך פון דער לאַנד!

טאָ וואָס איז דער אונטערשייד פון איד צו ניט איד? פון שוהל צום קלויסטער? מעהר ניט וואָס אין שוהל הערט מען דעם אידישען מיניסטער ריידען אין דער שפּראַך פון דער לאַנד וועגען איין גאָט און אין קלויסטער הערט מען דעם גוישען מיניסטער ריידען וועגען פערשידענע געטער, אָדער פון אַגענטען פון גאָט פאַר דער ערד. ווייל גאָט אליין האָט זיך זיינע אייגענע ביזנעס אויפען הימעל און די ערד ביזנעס האָט ער געלאָזען צו זיינע אַגענטען. און ווער זיינען ניט גאָטס אַגענטען? דער מיניסטער פון קלויסטער איז דאָך געוויס גאָט׳ס אַגענט. און דער קעניג פון לאַנד איז דאָך אוודאי גאָט׳ס אַגענט. און די גרויסע מיליאָהנערען ווער עס האָבען אין זייערע הענט אַללעס וואָס די מענשהייט נויטיגט זיך און זי קען אָהן דעם ניט אויסקומען, זיי זיינען אויך אַגענטען פון גאָט! טאָ וואָס איז דער אונטערשייד פון דעם אידישען גלויבען ביז דעם ניט אידישען ביי דעם יונגען אידישען בחור אָדער ביי דער טאָכטער? זיי זעהען ניט קיין אונטערשייד. דעריבער דאַרף גאָר

קיין וואונדער ניט זיין וואָס דער אידישער בחור האָט חתונה מיט אַ שיקסע, אָדער די אידישע מיידעל האָט חתונה מיט אַ שייגעץ! זיי זיינען נעבאַך ניט שולדיג! זיי זעהען ניט קיין אונטערשייד! זיי האָבען פון זייערע טאַטעס מאַמעס דאָס ניט געלערענט! און שפּעטער אין סקול אוודאי ניט! אַ סך אי־דישע קינדער אין די סקולס מאַכען מיט מיט די ניט אידישע קינדער די פרימאָרגען פרייערס, וואָס די טשערטש האָט אריינגעשיקט.

דעריבער דאַרף אויך גאָר קיין וואונדער ניט זיין וואָס די אידישע בתי־מדרשים, אַזעלכע פיינע בתי־מדרשים וועלכע עס האָבען אָפּגעקאָסט אַזוי פיל געלט און מיהע אויפצובויען און איינצואָרדנען מיט אַללעס נויטיגעס, דאָס זיי זיינען כמעט אַללע ליידיג! אידען קומען דאָרטען בלויז ראש השנה און יום כפור אָדער ווען עס איז עפּעס אַ שמחה: אַ בר־מצוה אָדער אַ חתונה. אָבער אַזוי פּוסטעווען די שוהלען די גאַנצע וואָך, בלויז שבת קלייבען זיך אויף אַלטע אידען אין ווענען עס איז נאָך פאַרבליבען אַ פּונק פון אידישקייט. בלויז אַזעלכע אַלטע לייט וועלכע עס טוען שוין קיין זאַך ניט אָדער אַזעלכע, וועלכע עס לעבען פון שטיצע! און ווען מען זעהט אַ יונגען מענש'ן יאַ אין שוהל איז דאָס מסתמה ווייל ער איז אַן אָבל און איז געקומען צו זאָגען קדיש נאָך זיין געשטאָרבענעם טאַטען אָדער נאָך די מאַמען, וואָס דער יונגער מאַהן וויים נעבאַך אַבסאָליוט ניט וואָס קדיש מיינט און צו וואָס מען דאַרף דאָס איינגאַנצען? נור ווייל ער טוט דאָס אַ טובה דעם געבליבענעם טאַטען אָדער די מאַמען ווער עס טענהן מיט איהם, ער זאָל זיך אריינכאַפּען אין שוהל אָפּצוזאָגען אַ קדיש.

און יעצט ווילען מיר אויך געבען אַ קוק וואָס עס קומט פאָר מיט דעם יונגען דור, וועלכע עס האָבען געענדיגט סקול און וועלכע עס קענען זיך ערלויבען צו גיין שטודירען אין די יוניווערזיטיעס. זיי שטודירען אויס דאָקטוירים, אינזשענערען, לאָיערס, טיטשערס, קעמיסטען, פּראָפעסאָרען און קינסטלער אין מיוזיק און אַרט און זיי וואַקסען אויס פיינע בירגער מיט וואָס זיי דאַרפען זיך געווים ניט שעמען לגבי די אַנדערע בירגער.

אויך די יעניגע וועלכע עס זיינען אַוועק אין ביזנעס האָבען אויך אָנגע־ווענדעט אַללע זייערע כחות און ענערגיע און האָבען זיך מיט דער צייט ארויפגעאַרבעט אויף פיינע ביזנעס־הייזער און פערשידענע פאַבריקען. פיל אידען האָבען זיך ארויפגעאַרבעט ניט נור אויף אייגענע הייזער נור זאָגאַר אויף בילדונגען, האָטעלען, וויין־געשעפטען, בייסקאָפּען, גאַראַדזשעס און נאָך און נאָך אלערליי זאָרטען גרויסע געשעפטען. מען קען שוין זעהען פיל פון זיי פאָרענדיג אין פיינע מאָטאָרקאַר'ס, צי דאָס זיינען שוין אייגענע אָפּגע־צאָלטע אָדער מען האַלט עס נאָך אין אָפּצאָלען. און מען קען בעמערקען אַז די שטעט און די גאַנצע לאַנד איז אַלגעמיין האַלטען אין איין בליהען פון טאָג. די שטעדט שיינען פון די פרעכטיגע ווינדעס פון די קאָלאָסאַלע ביזנעס־

הייזער און פון אלערליי איליומינירטע אַדווערטיזמענטס און פון די האָ־טעלען און די טיאַטערס, אז עס זעהט אויס ווי אַ גן־עדן און מען קען זעהען אז די בירגער פון לאַנד פארשטייען אז זיי דאַרפען זיין דאַנקבאַר צו די אידען פאַרן ענטוויקלען זייערע שטעט און לענדער. און עס איז דערפאַר גרינג צו זעהען אז די אידען פאַרנעהמען אַ בכבודיגען אָרט צווישען דער אַלגעמיינער בעפעלקערונג פון לאַנד. אידען ווערען אויסגעקליבען ביי דער אַלגעמיינער בעפעלקערונג אלס קאָנסולערס אין די שטעדט־פאַרוואַלטונגען און זיי טוען טאַקע זייער בעסט פאַר די אינטערעסען פון שטאָדט. אידען ווערען אויסגעקליבען אַלס מעמבערס אין פאַרלאַמענט און אויך אפילו אין מיניסטאָרען־קאַבינעט און מאַנכע ווערען אויסגעקליבען אפילו אַלס פּרעזידענטען פון לאַנד. און מיט איין וואָרט, די אידען פיהלען זיך אזוי ווי אין דער היים און זיי דייַנקען גאָר ניט אַנדערש אז דאָ איז זייער אמת׳ע היים אויף אַלעמאָל.

און ווען עס ברעכט אויס אַ מלחמה גייען די אידען צו פערטיידיגען די לאַנד מיטן גאַנצען האַרצען, פּונקט אזוי ווי דער ניט אידישער בירגער, מיט דעם זעלבען פּאַטריאָטיזם און אפשר מיט מעהר פּאַטריאָטיזם ווי די אַנדערע בירגער. ווייל דער אידישער קינד גייט מיטן גאַנצען האַרצען צו פאַרטיידי־גען זיין לאַנד, וואו ער איז געבאָרען און וואו ער איז איינגעלעבט און וואו מען לאָזט איהם לעבען. דאָס קען בעשטעטיגט ווערען פון סטאַטיסטיקס וואו מען קען זעהען ווי אידען צייכענען זיך אויס אין מלחמות מיט זייער העלדישקייט און מיט מסירות נפש פאַר די לענדער, וואו מען לאָזט זיי לעבען.

אָט אזוי ווי איך האָב דאָ אָפּגעשילדערט דעם אָריגינעלען בילד וואָס עס קומט פאַר מיט די אידען פון דעם ערשטען טאָג ווי זיי זיינען אָנגעקומען אין אַ לאַנד ביז זיי האָבען זיך איינגעלעבט און האָבען זיך איינגעפונדעוועט, גייט עס אזוי אָהן ווי איך האָב געשילדערט פאַר אַ געוויסען פעריאָד פיין און גלענצענד און סיי די בירגער פון לאַנד און סיי די אידען פיהלען זיך אלס איין פריינדליכע משפחה און אללע זיינען גליקליך און צופרידען. עס הערשט אין דער לאַנד פּראָספּעריטי און די לאַנד וואַקסט שענער און גרעסער פון טאָג.

אָבער פּאַמעלאַך, פּאַמעלאַך, הויבט זיך אָהן צו פאַרציעהען אַ וואָלקען וועלכער עס ענטוויקעלט זיך אין אַ שוואַרצען וואָלקען איבער דעם אידישען האָריזאָנט, אין דער לאַנד וואו דער איד איז איינגעלעבט! פינסטערע גע־דאַנקען קומען אריין אין די גוישע קעפּ פון ערגעץ וואו? וואָס באַלד וועט עס אויפגעוויזען ווערען אין דעם בוך פון וואַנען די אַללע שלעכטע געדאַנ־קען זיינען אראָפּגעקומען. און דער גוי ווען די בראַנפען צוטומעלט זיין מוח צוזאַממען מיט די גיפטיקע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס עס פּאַרסמט זיין מוח אינגאַנצען, נעהמט מאַכען אַ חשבון פון דער זאַך: ווי אזוי האָט דאָס דער איד דערגרייכט צו אזא פינאַנסיעלען צושטאַנד?!

פאַרוואָס דווקא וועגען דעם פינאַנסיעלען הויכען צושטאַנד פון די אידען און ניט פון אנדערע, ווער עס זיינען פיל פאַך מעהר רייכער פון די אידען? דער תירוץ איז: ווייל דער גוי ווערט אזוי אָנגעלערענט און אָנגעהעצעט פון געוויסע פאַרדאָרבענע מענש'ן, וועלכע עס טוען דאָס מיט אַ געוויסען צוועק, צו ברייננגען דעם האַס אויף אידען. זיי האַלטען אין איין פראָפּאַגאַנ־דירען, אז דער איד איז שטיין־רייך! און די רייכקייט איז געקומען צו איהם ניט דערפאַר וואָס ער איז פיהיג און ווייל ער האָט זייער שווער געאַרבעט פאַר צעהנדליקער יאָהרען און האָט געשפּאָרט און ניט פאַרשכורט זיין געלט.

נור דיזע פאַרדאָרבענע אָנהעצער פאַרבאַהאַלטען אין זייער פּראָפּאַגאַנ־דע דעם אמת'ן פּעקט, אז דער איד האָט זיך דערפאַר ארויפגעאַרבעט, ווייל ער האָט זיך ניט געפּוילט צו אַרבעטן שווער פאַר אַ לעבען און ער האָט אַללעס מעגליכעס געטאָן פאַר דעם וואוילזיין פון די בירגער פון דעם לאַנד. דאָס אַללעס דערמאָנען זיי ניט! נור אָנשטאָט דעם, רייצען זיי גאָר אָהן דעם פאָלק מיט אַלערליי פאַלשע פאַבריצירטע ליגענס, אז דער איד האָט גע־מאַכט זיינע פאַרמעגענס פון אָפּנאַרען די בירגער און ער האָט אזוי אויסגע־נאַרט פון די אָרימע בירגער זייער געלט מיט אַלערליי טריקס.

און דיזע שמוציגע און פאַרדאָרבענע מענש'ן רייזען איין דעם המון, אז איב דער איד וואָלט אָהער ניט געקומען וואָלט דאָך דאָס אַללעס וואָס זיי זעהען היינט, די אַללע גרויסע ביזנעס־הייזער, די גרויסע בילדונגען, די האָטעללען און די באַרס, און מיט איין וואָרט, אַללעס, וואָלט געוועזען זייע־רע און ניט דעם אידענס וועמען זיי מאַהלען אָפּ אַלס אַ פרעמדען! אַלס אַן אויסלענדער. כאָטש דער איד האָט אַוועקגעלייגט זיינע כחות אויפצובויען די לאַנד אזוי הויך און כאָטש דער איד האָט אוועקגעלייגט קרבנות אין מל־חמות פאַר זייער לאַנד, דאָך הייסט ער נאָך אַלץ אַ פרעמדער. אָט אזוי ווערט עס אָנגעפיהרט אזא שמוציגע, פאַלשע פראָפּאַגאַנדע אויף די אידען, אז וואו מען גייט און וואו מען שטייט הערט מען אז מען רעדט וועגען די אידען, איבערהויפּט אין די באַרס. דאָרטען האַקט מען אריין די דאָזיגע פראָפּאַגאַנדע אין די פאַרטומולטע קעפּ, וועלכע עס זיינען פול מיט גאַז פון אַלקאָהאָל, אז ער קען ניט געדיינקען ווער עס האָט דאָס צו אים גערעדט!

עס בלייבט אין זיין קאָפּ בלויז איין זאַך: דער איד! און דאָס קען מען הערען וואָס דער שכורער האַלט אָהן אין ריידען. מען רעדט אויך פיל ביי זיך אין די הייזער וועגען די אידען און דיזע אַללע זלזולים און בלבולים וועגען די אידען הערען זיך אָהן די קינדער און זיי קריגען אַן אומזיסטע שנאה צו זייערע אידישע חברים אין סקול, בלויז פון אָנהערען זיך אין די הייזער וואָס מען רעדט וועגען די אידען. און דעריבער קען מען הערען זייער אָפט ווי זיי רופען אָהן די אידישע חברים מיט שמוציגע נעהמען. און דאָס איז איינע פון די טעמעס אויף וועלכע דער המון ווערט אָנגעהעצט

אויף די אידען: דער איד איז אַן אויסלענדער, אַ פרעמדער, געקומען אַהער אָהן קיין געלט און גיב אַ קוק ווי רייך ער איז היינט. פיל פון די בילדונגען געהערען גאָר צו די אידען און מיר דאַרפען צאָהלען דירה־געלט צו די אידען, וואָס די לאַנד איז אונזערע! אפילו די באַזאַארס געהערען אויך צו די אידען און אפילו די באַרס געהערען מעהרסטענטייל צו אידען! פאַרוואָס זאָל דאָס אַללעס געהערען צו די אידען? מיט וואָס זיינען זיי דאָס פיינערע מענש׳ן פון אונדז? מען זאָגט אז דער איד איז דער אויסדערוויילטער ביי גאָט. זיי רופען זיך גאָט׳ס אויסדערווייל‎טע קינדער. מען זאָגט אז עס שרייבט זיך אין זייער בייבעל, אז זיי טאָרען ניט עסען קיין חזיר! עסען דען די אידען ניט אַללעס וואָס מיר עסען? פייערען דען די אידען ניט אונזערע האָלידייס אזוי ווי מיר פייערען עס! די אידען עסען דאָך אַללעס וואָס מיר עסען און זיי פיהרען זיך אויף אַ האָר ניט בעסער פון אונז! מעהר ניט וואָס זיי שכורען ניט און וואָס זיי זיינען ניט אזוי פול אין די טורמעס אזוי ווי אונזערע זיינען פול פאַר פאַרשידענע פאַרברעכענס. אָבער אזוי אַ חוץ דאָס, טאָ מיט וואָס איז דער איד טאַקע אַ בעסערער מענטש פון אונז? אָה! ווי באַלד אזוי? אז דער איד איז דער זעלבער בשר ודם וואָס מיר זיינען, טאָ פאַרוואָס קומט עס איהם צו האָבען אזעלכע ביזנעסעס און פאַבריקען? אזוי פיל בילדונגען און האָטעללען מיט ווייץ געשעפטען? און נאָך און נאָך מעהרערע טענות, וואָס דער המון הערט זיך אָהן אין גאַס, אין באַר און אין נאָך אזעלכע ערטער. מען קומט אַהיים און מען רעדט די אַללע זאַכען, וואָס איך האָב אויבען בעשריבען, מיט פריינד און בעקאַנטע, איבערהויפּט ווען מען קומט זיך צוזאַממען און מען האָט אייניגע לחיימס! און דער יונגער דור הערט זיך דאָס אַללעס אָהן, אָט די אַללע פאַלשע בלבולים און זלזולים און די שמוציגע בעהמען וואָס מען רופט אָהן די אידען, ווערט די בלוט פון די יונגע אזוי אויפגעקאָכט אויף די אידען פאַר גאָרנישט! בלויז פון אָנ־הערען זיך! און אזוי ווערט איינגעפלאַנצט און איינגעוואָרצעלט די אייביגע שנאה און קנאה אויף די אידען, ביז עס קומט צו אזא מדרגה, אז עס הויבען זיך אָהן אָנפאַלונגען אויף אידען.

צוערשט הויבען זיך אָהן בלויז אייני‎צעלנע אָנפאַלונגען, וועלכע עס ענטוויקלען זיך שפּעטער אין גאַנץ אָפטע. עס קומען פאָר אָנפאַלונגען אויף די אידישע זיהן און טעכטער אין די סקולען און אין די יוניווערזיטיעס. מען גייט ארויס מיט דעמאָנסטראַציעס און מיט שמוציגע לאָזונגען אויף די אידען! און די פאָליציי ווערט כלומרשט פאַראָרדנט פאַרנאַנדערצוטרייבען אזעלכע דעמאָנסטראַציעס, אָבער דאָס איז בלויז לפנים, ווייל מען שעמט זיך אַ ביסעל פאַר די אויסלענדישע פאַרטרעטער פון אנדערע מלוכות. עס קומען פאָר אפילו אָפענע אַטאַקעס אויף די אידען אין פאַרלאַמענט אויך, וואו מעמבערס פון פאַרלאַמענט לייגען פאָר פערשידענע בעגרענצונגען פאַר אידען אין די

יוניווערזיטיעס און אין פיל אַנדערע פּראָפעשיאָנס. און מיט איין וואָרט, דער המון ווערט וואָס ווייטער אַלץ מעהר און מעהר פאַרסמט פון פּראָפּאַגאַנדע אויף אידען, אז די אידען האָבען די גאַנצע געלט און די פעטס פון די לאַנד. און איבער דעם הויבען די גויים אָהן זיך צו קליגען ווי אזוי מען קען מאַכען די אידען איינג אז מען זאָל פטור ווערען פון די אידען, כדי אז דאָס אַללעס וואָס די אידען האָבען אויפגעטאָן פאַר דורות לאַנג מיט זייער בלוט און שוויס, זאָל צוגענומען ווערען פון זיי. און אָט אזוי בעמהט מען זיך אויף אַן אמת קליגען צו מאַכען די אידען איינג דעם לעבען, אז זיי זאָללען דאַרפען אנטלויפען פון דאַנען און זאָללען איבערלאָזען אַללעס פאַר זיי, פאַר די גויים.

דאָס איז אַ קלאָרער און אָריגינעלער בילד פון דאָס וואָס עס איז פאָרגעקומען אין פיל לענדער וואו דער איד האָט זיך איינגעלעבט. די גויים האָבען זיך גענומען פון רידען מיטן מויל צום קולאַק און מען האָט גענומען מאַכען אָפענע פּאָגראָמען אויף די אידען. מען האָט צוראַבירט וואָס דער איד האָט פאַרמעגט! מען האָט אויסגעמאָרדעט גאַנצע אידישע פאַמילליעס און אפילו גאַנצע אידישע קהלות און שטעדטלאַך.

מען האָט געמאַכט אויף אידען אינקוויזיציעס און מען האָט זיי געגוריט מיט אַללע זאָרטען יסורים אז זיי זאָללען זיך אויסמישען מיט די גויים און אָננעהמען זייערע גלויבענס. מען דערציילט אויך אז אין דער שפּאַנישער אינקוויזיציע האָט מען אידען אויסגעקוילעט פון רחמנות וועגען, וואָס די הייליגע גלחים אין שפּאַניע האָבען געהאַט אויף די אידען, כדי זיי זאָללען ניט דאַרפען גיין אין גיהנום, פאַרוואָס זיי זיינען פאַרעקשנט און ווילען ניט גלויבען אין קריסטוסען. דורך דעם אויסשלאַכטען זיי ווען זיי אָפּקומען פאַר זייערע זינד און וועלען קענען אריין אין הימעל.

אָט אזוי האָט מען די אידען געפייניגט אין פיל לענדער, און איבערהויפּט אין שפּאַניע, דאָס די אידען זאָללען אָננעהמען זייערע גלויבענס! דעם גלויבען אין כח! דעם גלויבען אין פויסט! א גלויבען אז מען דאַרף שכורען! אַ גלויבען אין רייסעס, אין קאָרטען־טרעפער, אין כשוף־מאַכער, אין פאַלשע נביאים, אַ גלויבען וואָס ווער עס איז שטאַרקער מעג באַפאַלען דעם שוואַכען און מען ריהמט גאָר דעם שטאַרקען, ווער עס קען געבען אַ גוטען קלאַפּ.

מען גלויבט ניט אין דעם אמת׳ן האַר פון דער וועלט, אז ער זעהט און הערט אַללעס און ער וועט שטריינג אָפּרעכענען זיך פאַר דעם רויבען, פאַר מערדער׳ן און פאַר פאַרגיסען אומזיסטע בלוט! פון אזעלכע זאַכען האָט מען קיין אַננונג ניט! וואָס מען גלויבט יאַ איז, אין כח, אין געווער און אין גאָלד! דאָס זיינען די אמתע געטער אין דער וועלט. דעריבער איז ניטאָ כמעט קיין איין מדינה וואו דער איד איז געוועזען אָדער וואו ער בלייבט היינט, וואו זיין היסטאָרי איז ניט געוועזען געשריבען מיט בלוט און מיט טרער׳ן.

פופצעהנטער קאַפּיטעל

און כאָטש עס איז מיר שוין אפשר אויסגעקומען פריהער די זאַך צו דערמאָנען, דאָך מוז איך דאָס יעצט נאָך אַמאָהל דערמאָנען, די וויכטיגע זאַך וואָס עס טאָר קיינמאָל ביין אידישען פאָלק ניט פאַרגעסען ווערען. און דאָס איז עס:

וואָלט דער איד זיך ניט פאַרלאָרען אין אַללע צייטען, סיי ווען עס איהם שלעכט און סיי ווען עס איז איהם זייער גוט און ער וואָלט צו יעדער צייט געמאַכט אַ חשבון פון זיין טרויעריגער היסטאָרי און ער וואָלט דאָס גוט בעטראַכט די זאַך, פאַרוואָס עס איז מיט איהם פאַרגעקומען זאַכען וואָס עס איז אַנדערש ווי מיט אַנדערע פעלקער: דער איד האָט דאָך אויך געהאָט אַמאָהל זיין אייגענע לאַנד און ער האָט דאָך אויך געלעבט אזוי ווי אַללע פעלקער לעבען אין רוהיגקייט: „איש תחת גפנו, ואיש תחת תאינתו“ אין אַן „ארץ זבת חלב ודבש“, און מיטן אידישען פאָלק האָט פּאַסיערט אזא זאַך וואָס עס האָט מיט קיין פאָלק אין דער וועלט נאָך ניט פּאַסיערט! אַן אויסערגעווינליכע זאַך: דער אידישער פאָלק איז פאַרטריבען געוואָרען פון זיין לאַנד און איז צוזייט און צושפּרייט געוואָרען צווישען אַללע פעלקער פון דער וועלט!

אז דער איד וואָלט דיזע זאַך גוט בעטראַכט און ער וואָלט זיך געבען אַ פרעג: וואָס קען דאָס זיין די ריכטיגע אורזאַכע פון אזא אויסערגעווינליכע פּאַסיערונג? פאַרוואָס אזא זאַך האָט פּאַסיערט? מסתמה האָבען מיר אידען געמוזט בעגיין אַ שרעקליכען פאַרברעכען, אז עס האָט זיך געקענט אויסגיסען אויף אונז אזא צאָרן? אז מיר אידען וואָלטען די דאָזיגע פראַגע גוט בעטראַכט מיט אַ קלאָרע קאָפּ, ווי מיר וואַלגערען זיך איבער 2000 יאָהר אין אזא טרויעריגען גלות און אַללע מענש׳ן זעהען דאָס צו און קיינער אין דער וועלט האָט זיך נאָך ניט דערבאַרעמט אויף אונז פאַר די גאַנצע לאַנגע טרויעריגע יאָהרען, פאַרצווייגען פאַר דער מענשהייט אז מען זאָל דעם אונגליקליכען פאָלק וועלכער עס ווערט אומעדום פאַרפאָלגט און געפּייניגט, צוריקגעבען איהם זיין אייגענע לאַנד וועלכע מען האָט פון איהם אוועקגערייבט מיט 2000 יאָהר צוריק. אז דער איד וואָלט דיזע פראַגע בעטראַכטען מיט אַ קלאָרע קאָפּ, וואָלט ער שוין לאַנג אויסגעפונען די ריכטיגע אורזאַכע: אז דאָס איז ניט דעם איבערשטענס שולד, נור זיין אייגענע שולד, פאַרוואָס עס האָט זיך אויף איהם אויסגעגאָסען אַזאַ צאָרן, פאַרוואָס ער ליידעט אזוי שרעקליך. און אז דער איד וואָלט זיך נעהמען דורכשטודירען וואָס ער האָט

אָפּגעטאָן, וואָס ער האָט ניט געדאַרפט טאָן און וואָלט בעטראַכט מיט אַ קאָפּ וואָס ער מוז אונבעדינגט טאָן להבא, וואָלט ער אָהן צווייפעל ארויף אויף צוריק אויפען ריכטיגען וועג און עס וואָלט לאַנג געקומען פאַר איהם אַ ישועה.

אָבער דער אידישער פאָלק איז פאַרנאַרעשט און איז בלינד צו זעהען די אמתע אורזאַכע. ער האָט פאַרלאָרען זיין מוטה און זיין האָפּנונג און ער גייט מיטן שטראָם, וואו דער ווינט בלאָזט. ער שלעפּט זיך נאָך די פעלקער און ער לעבט מיט זייערע געדאַנקען. ער לייגט אריין זיין גאַנצע ענערגיע פאַר זיי, פאַר די פעלקער וואו ער בלייבט און וועגען זיך אליין האָט ער אויפגעהערט צו טראַכטען. נור ער האָפּט אויף דאָס, אז איין טאָג וועלען אפשר די פעלקער רחמנות האָבען אויף איהם און וועלען זעהען אז מען זאָל איהם זיין לאַנד צוריקגעבען. ער האָפּט אויף מענש'ן! און צו וועמען ער דאַרף ריכטיג האָפּען און צו וועמען ער דאַרף זיך ריכטיג ווענדען נאָך הילף, דאָס טוט ער ניט. ווייל פון אזוי פיל צרות און פון מוטהלאָזיגקייט האָט ער אינגאַנצען פאַרגעסען אָהן די זייער וויכטיגע רייד פון טרייסטונג און פון אויפמונטערונג וואָס דער אויבערשטער האָט אָנגעזאָגט דעם אידישען פאָלק אין זיין הייליגער תורה, אז אייב זיי וועלען זינדיגען און וועלען זיך אָפּקעהרען פון איהם און וועלען דינען צו אָפּגעטער, וועט ער זיך אויך אָפּקערען פון זיי און עס וועט זיך דאַהן אויסגיסען אויף זיי די האַרבסטע שטראָף ווי עס וואָרנט די תוכחה: מען וועט זיי ארויסטרייבען פון זייער טייערע לאַנד און זיי וועלען פאַרטריבען ווערען אין אַללע פיער עקען פון דער וועלט און זיי וועלען ליידען זייער גרויסע צרות, אז זיי וועלען האַלטען ביי דעם, חלילה, אינגאַנצען אומצוקומען פאַר דעם שרעקליכען פאַרברעכען, פאַר אָפּקערען זיך פון גאָט און פאַר דעם דינען צו אָפּגעטער. פון דען, כאָטש זיי וועלען דאָס ניט זיין ווערט, האָט דאָך דער אויבערשטער צוגעזאָגט זיי, ווען עס וועט זיך אויסגיסען אויף זיי דער צאָרן פון גאָט און עס וועט זיי זיין זייער ביטער און זיי וועלען דאַהן בעטראַכטען זייער לאַגע און וועלען מאַכען אַ חשבון פון אַללעס וואָס זיי האָבען אָפּגעטאָן און זיי וועלען באמת חרטה האָבען און זיי וועלען מיטן גאַנצען האַרצען וועלען זיך אומקעהרען אויפען גוטען וועג ווי דער אויבערשטער פאַרלאַנגט פון זיי, איז וואו זיי וועלען זיין און פון וואַנען זיי וועלען איהם רופען און בעטען, אז ער זאָל זיך אויף זיי דערבאַרמען און ראַטעווען זיי פון זייערע צרות און זיי וועלען דאָס מיינען מיטן גאַנצען האַרצען אז זיי וועלען שוין מעהר ניט טאָן אזעלכע נאַרישקייטען, וועלכע זיי האָבען אָפּגעטאָן זייענדיג אין זייער אייגענער לאַנד, דאָס וואָס זיי האָבען אָנגעהויבען נאָכטאָן די ארומיגע פעלקער און גענומען דינען צו זייערע אָפּגעטער, איז פון וואַנען נור זיי וועלען בעטען מיט אַן אמת, מיטן גאַנצען האַרצען וועט גאָט זיך אַלעמאָל צוהערען צו זייער געבעט און ער וועט זיי ווידער העלפען. אזוי ווי ער האָט זיי קיינמאָהל ניט פאַרלאָזען, אזוי וועט

ער זיי ווידער העלפֿען און ער וועט זיי אויפֿקלייבען פֿון אַללע פֿיער עקען פֿון דער וועלט און ער וועט זיי אומקעהרען צוריק צו זייער איינענער לאַנד וואָס ער האָט פֿאַרשפּראָכען צו זייער זיידען אברהמען און וואָס ער האָט בע־שטעטיגט מיט זיין שבועה, אז דיזע לאַנד וועט זיין זייער לאַנד, און זיי וועלען זיטצען צוריק אין זייער לאַנד אין רוהיגקייט און ער וועט זיין זייער גאָט אזוי ווי פֿריהער.

אָבער די אידען האָבען אין דעם אַלעמען אינגאַנצען פֿאַרגעסען און זיי גייען מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ אָהן מוטה און ווייסען ניט וואָס צו טאָן. און עס איז ניטאָ ווער עס זאָל זיי דאָס אַללעס דערמאָנען און זיי דערמוטיגען. און כאָטש איך האָב די אידישע לאַגע אויפֿגעקלערט גאַנץ קלאָר, דאָך וואָלט איך דאָ וועלען ברייננען אַ פּאַסיגען משל, וואָס דאָס איז זיכער פּאַסיג צו דער אידישער לאַגע.

עס איז אַמאָהל געוועזען א גרויסער וועלט־בעריהמטער פּראָפֿעסאָר, פֿון וועמענס וויסענשאַפֿט עס האָט געקלונגען די וועלט. ער איז דערצו אויך געוועזען זייער אַ רייכער מאַהן, אַ מיללּיאָהנער. דער פּראָפֿעסאָר האָט גע־האָט אָן איין איינציגען זוהן, וועמען ער האָט זייער האָלט געהאַט. מען קען זיך פֿאַרשטעללען אין וואָס פֿאַר אַ לוקסוס דער קינד האָט זיך געהאָדעוועט. קיין זאַך אין דער וועלט איז פֿאַר דעם טאַטען ניט געוועזען צו שווער צו שאַפֿען פֿאַר זיין קינד. די צייט איז אזוי געלאָפֿען און דער קינד איז אויס־געוואַקסען אַ פֿיינער איינגעל און ער האָט דערגרייכט די עלטער ווען אַ קינד דאַרף אָנהויבען צו גייען אין סקול. דער פּראָפֿעסאָר האָט איהם אריינגעגעבען אין די בעסטע סקול און ער האָט דערצו געדונגען פֿאַר איהם איינעם פֿון די בעסטע לעהרער, ער זאָל איהם העלפֿען צו טאָן די אַרבעט וועלכע מען האָט איהם ארויסגעגעבען צו טאָן אַהיים. דער פּראָפֿעסאָר איז געוועזען פֿול מיט האָפֿפֿנונג, אז זיין טייערער זון וועט אויסוואַקסען אזא געלערנטער מאַהן, אזוי ווי ער אליין איז געוועזען. און דערצו ווען דער זוהן וועט ראַרי זיין אַללעס צו בענעהמען וועט ער אליין זיין גאַנצע לעהרע און זיין ערפֿאַהרונג, וואָס ער האָט געהאַט אין זיך, אויך אריינגעבען אין איהם.

אין יאָהרען ארום, ווען דער איינגעל איז ארויסגעוואַקסען גרויס און פֿיין, האָט זיך אָבער ארויסגעוויזען אז ער האָט אויפֿגעהערט צו נעהמען אָן אינ־טערעס צו לערנען ווייטער. ער האָט ניט געוואָלט פֿאַרשטיין פֿון זיין פֿאָ־טער׳ס הויכע פּלענער וואָס ער האָט געפּלאַנעוועט צו מאַכען פֿון איהם פֿאַר אַ גליקליכען מענש׳ן אויף זיין גאַנצען לעבען. און אַנשטאָט זיך אריינצור־טהאָן מיט אַללע כחות און ענערגיע אין לערנען, האָט דער בחור זיך גאָר אוועקגעלאָזען מיט שלעכטע חברים אין אַללע זאַרטען נאַרישקייטען צו גע־ניסען פֿון לעבען. און וועגען אַ צוקונפֿט האָט ער ניט געטראַכט.

דער פּראָפֿעסאָר איז געוועזען זייער אַ פֿאַרנומענער מענש און ער האָט

ניט געהאַט קיין צייט צו זעהען גענוי וואָס עס גייט אָהן מיט זיין זוהן. אָבער איין טאָג האָט ער זיך דערוואוסט, אז זיין זוהן איז אוועק אין אַ שלעכטע וועג, אז ער האָט זיך אוועקגעלאָזען מיט שלעכטע חברים. ער האָט דעריבער דעם זוהן אריינגערופען אין זיין אָפיס אז ער זאָל ניט זיין געשטערט פון קיינעם און האָט געהאַט מיט איהם אַ גאַנץ קלאָרען געשפּרעך וועגען דער גאַנצער לאַגע. דער פּראָפעסאָר האָט זיין זוהן גענוי אויפגעקלעהרט וועגען זיין פּלאַן וואָס ער האָט פּלאַנירט צו מאַכען פון איהם, און ווי גליקליך ער וואָלט געוועזען אויף זיין גאַנצען לעבען. אָבער דער זוהן האָט גענומען אַ גאַנץ קליינע אַכטונג צו זיין פאָטער׳ס קלוגע און וויכטיגע רייד און וואָס אַ טאָג איז ער אַלץ מעהר פאַרטיפט געוואָרען אין די אַללע נאַרישע פערגעניגענס, וועלכע ער האָט זייער לייכט געקענט דערגרייכען, האָבענדיג אזא רייכען טאַטען. אזוי האָט דער בחור געלעבט אין אַ זיסען חלום פון אלערליי נאַרישע יוגענד פערגעניגענס און וועגען אַ צוקונפט האָט איהם אַ האָר ניט געאַהרט.

דער פּראָפעסאָר האָט שוין גענומען האַלטען אַ בעסערע אויג אויף זיין זוהן און האָט איהם מעהרערע מאָהל אריינגערופען און גערעדט צו איהם און זיך פשוט געבעטען אז ער זאָל זיך בעסער צוהערען צו זיינע רייד און זאָל אַוועקוואַרפען זיינע שלעכטע חברים און ער זאָל זיך נעהמען בעסער מיט פלייסיגקייט צום לערנען. ער האָט אים אויפגעוויזען מיט משלים און פעקטס וואָס בילדונג מיינט פאַר דעם מענש׳ן, אז בילדונג שטייט העכער ווי רייכקייט, ווייל געלט קען מען פאַרלירען און ווערען אָרים, אָבער בילדונג בלייבט אין דעם מענש׳ן אויף אַלעמאָל און עס גיט איהם כבוד און רייכקייט.

דער זון איז אָבער געוועזען נאַריש דאָס אַללעס צו פארשטיין און אויסערדעם האָט איהם געצויגען צו זיינע חברים און צו זיינע פערגעניגענס, אין וואָס ער איז געוועזען שוין צופיל אריינגעטאָן.

דער פּראָפעסאָר האָט אויסגעטרייט אַללע מיטלען אפשר וועט דאָס אָדער דאָס העלפען? ער האָט איהם אויפגעהערט צו געבען אזוי פיל געלט, ווי ער האָט איהם פריהער געגעבען, און אז דאָס האָט אויך ניט געהאָלפען האָט ער איהם אין גאַנצען אויפגעהערט צו געבען געלט.

אָבער דער פּלאַן האָט אויך ניט געאַרבעט, ווייל דער זוהן האָט שוין געמאַכט פּלענער ווי אזוי צו קריגען געלט. ער פלעגט אוועקגיין צו גוטע פריינד פון זיין פאָטער און פלעגט שוין ארויסקריגען פון זיי גמילות חסדים מיט אלערליי תירוצים. אַללע האָבען איהם געליהען וויפיל ער האָט נור געוואָלט, ווייל מען האָט געוואוסט אז די געלט איז זיכער, אז זיין פאָטער וועט עס צוריקצאָהלען.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך באַלד דערוואוסט פון דער געשיכטע ווי זיין זוהן גייט ארום צו אַללע פריינד און בעקאַנטע און ווי זיי לייען איהם געלט

וויפיל ער וויל. ער האָט באַלד געשיקט אַלעמען רופען און האָט יעדען איי־נעם בעצאָהלט וויפיל עס האָט יעדען איינעם געקומט, און ער האָט זיי אָנגעזאָגט בעטען אז מעהר זאָל מען זיין זוהן ניט לייען קיין געלט, ווייל זיי טוען איהם דערמיט ניט קיין גוטעס, נור פאַרקעהרט, די גרעסטע רעה.

איין גוטען פרימאָרגען האָט זיך דער פּראָפעסאָר דערוואוסט פון זייער אַ מיאוסער זאַך, וואָס זיין זוהן האָט אָפּגעטאָן! דאָהן האָט שוין זיין גערולד איינגאַנצען געפּלאַצט. ער האָט גלייך געשיקט נאָך זיין זוהן, ער זאָל איהם קומען זעהען אין אָפיס.

ווען דער זוהן איז געקומען האָט ער מיט איהם געהאַט דעם לעצטען און דעם שטרייינגסטען ויכוח. ער האָט איהם געמאַכט אַ חשבון פון דער גאַנ־צער צייט ווי ער האָט זיך שלעכט אויפגעפיהרט און ווי ער איז געוואָרען אַלץ ערגער און ערגער אויף אזוי פיל, אז ער קען שוין מעהר פון איהם ניט ארי־בערטראָגען, ווייל ער מאַכט איהם אָהן די גרעסטע בזיונות. ער שעמט זיך פשוט דורכצוגיין אַ גאַס צוליעב איהם, ווייל אַללע טייטלען מיט די פינגער אויף איהם וועגען זיין שלעכטען זוהן. דער פּראָפעסאָר האָט זיין זוהן אויס־גערעכענט ווי ער האָט אזוי פיל גערעדט צו איהם, ווייל ער האָט געדיינקט טאָמער וועט דאָס אפשר העלפען? אָבער יעצט זעהט ער שוין פאָראויס אז ער איז שוין אַ פאַרפאַלענער, אז די ענדע וועט זיין אז ער וועט פאַרפאַלען ווערען אין טורמע, ווייל ווען ער וועט ניט האָבען קיין געלט פאַר זיינע פאַר־דאָרבענע געוואוינהייטען, וועט ער באַפאַלען מענש'ן און וועט זיי בערוי־בען און זיין ענדע וועט זיין זייער אַ טרויעריגע.

דער פּראָפעסאָר האָט ניט געוועהען פאַר זיך קיין אַנדער אויסוועג ווי צו מאַכען זיך אַ האַרץ און ארויסטרייבען זיין זוהן. אפשר וועלען די צרות אין דער פרעמד מאַכען איהם פאַר אַ מענש'ן? און אזוי זייענדיג פאַרביטערט האָט דער פּראָפעסאָר אויסגעשריען אויפען קול מיט אַ צובראָכענע האַרץ: איך קען שוין מעהר ניט אויסהאַלטען אזעלכע האַרצווייטאָק און אזוי פיל שאַנדע, וואָס דו האָסט מיר פאַרשאַפט. די גאַנצע שטאָדט רעדט נאָכאַנאַנד וועגען מיר וואָס איך האָב אזא פאַרדאָרבענעם זוהן! עס מוז נעהמען אַ ענדע צו אזעלכע צרות! דאָ איז 500 פונט! נעהם דיינע זאַכען און די געלט וואָס איך גיב דיר און גיי פון דאַנען וואוהין דיינע פיס וועלען דיר טראָגען! איך וויל דיר מעהר פאַר מיינע אויגען ניט אָנזעהען! זאָל זיך מיר דוכטען אז דו ביזסט געשטאָרבען! נעהם די געלט און גיי!

דער פּראָפעסאָר האָט נאָכדעם זיך עטוואָס בערוהיגט פאַר אַ פּאָר מינו־טען און האָט ווידער אָנגעהויבען ריידען. איך וויל דיר אָבער איין זאַך פאַר־זאָגען אידער דו פאַרלאָזט דיין הוים. דו זאָלסט די זאַך קיינמאָל ניט פאַר־געסען. דו זאָלסט דאָס געדיינקען אַלעמאָל וואו דו וועסט זיין. עס איז ביי

מיר אבסאָליוט גאָר קיין צווייפעל ניט, אז עס וועט דיר זיין זייער שלעכט אין דער פרעמד. איך ווייס פאָראויס אז די געלט וועט דיר ניט שטייען אויף אַ לאַנגע צייט און עס וועט דיר ניט איינמאָל אויסקומען צו הונגערען. און נור דער אויבערשטער אליין ווייס וואָס עס וועט פון דיר ווערען. אָבער דאָס זאָג איך דיר: אז ווען עס וועט דיר זיין שלעכט זאָלסטו געדיינקען אז עס איז ניט געוועזען מיין שולד, וואָס איך האָב געמוזט אָננעהמען דעם שטריינג־סטען מיטעל געגען דיר און מאַכען זיך אַ האַרץ און ארויסטרייבען דיך פון מיין הויז. זאָלסטו דעריבער דאָס שטענדיג האַלטען אין דיינע געדאַנקען, וואָס עס זאָל מיט דיר ניט פאַסירען און וואו דו זאָלסט ניט פאַרוואָרפען ווערען, אז אַללעס וואָס עס איז אויף דיר געקומען איז געוועזען ניט דיין פאָטער׳ס שולד, נור דיין אייגענער! ניט קיינעמס! ווייל דו האָסט ניט גע־וואָלט זיך צוהערען צו מיינע גוטע רייד און צו מיינע גוטע עצות, און דו האָסט זיך ניט געקימערט פון דעם וואָס איך האָב זיך מיין האַרץ אויסגע־געסען איבער דיר. איך רייד און זאָג דיר אָהן די ווערטער, ווייל דו ביזסט דאָך מיין קינד ווער עס איז ביי מיר גענוג טייער! אָבער דער אונגליק איז וואָס דו פאַרשטייסט דאָס היינט ניט, ווייל דו האָסט נאָך אין זיך דעם קינ־דערשען נאַרישען שכל.

אַלזאָ געדיינק מיינע ווערטער וואָס איך רייד צו דיר! ווען דו וועסט האָבען אויסגעבראַכט די גאַנצע געלט און ווען דו וועסט לידען הונגער און אלערליי צרות, ווייל יעדער קלוגער מענש קען דאָס פאַרשטיין ווי לאַנג עס קען שטייען 500 פונט, אז מען לעבט פון פאַרטיגע און מען פאַרדינט ניט, זאָלסטו דאָס אַלעמאָל געדיינקען דיזע לעצטע וויכטיגע ווערטער מיינע! ווען די ביטערע צייט וועט אויף דיר אָנקומען און די צייט וועט דיר לערנען און דו וועסט אַמאָהל קומען צום שכל און דו וועסט בענעהמען ווי גוט עס האָט דיר געקענט זיין אז דו וואָלסט מיר געפאָלגט, און ווי דו ביזסט אריינ־געקראָכען אין אזעלכע אומזיסטע צרות איבער דיין נאַרישען שכל, ווער עס האָט דיר פאַרפיהרט, און דו וועסט דאַהן באמת חרטה האָבען אויף אַללעס וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן און דו וועסט באמת וועלען פטור ווערען פון דיינע צרות און פון דעם וואַלגערען זיך אין דער פרעמד, זאָלסטו דאָס שטענדיג געדיינקען, אז דו ביזסט אלעמאָל ווילקאָם צו קומען אהיים און איך בין גרייט אלעמאָל ווידער צו טאָן פאַר דיר וואָס נור אין מיינע כחות וועט זיין. און איך וועל דיר פאַרגעבען און איך וועל פאַרגעסען וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן אין דער פאַרגאַנגענהייט, אייב נור דו וועסט מיטן גאַנצען האַרצען בעשליסען צו גיין אין דעם גוטען וועג, אין וועלכען איך וועל דיר ווידער פיהרען.

דער זוהן האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף דעם פּאַק בילעטען און זיין נאַרישער שכל האָט איהם געזאָגט אז ער דאַרף ניט דאגען! 500 פונט! מיט אזוי פיל געלד קען מען דאָך אויספאָהרען אַ וועלט און זעהען גרויסע שטעדט

אָהן אַ שיעור ! און מיט אזוי פיל געלד קען מען דאָך לעבען אַ לאַנגע צייט אזוי ווי אַ קעניג ! ער האָט קאַלטבלוטיג גענומען די געלט און האָט עס אריינגעלייגט אין קעשענע און געזאָגט זיי געזונד צום טאַטען, ווער עס האָט דאָך זיך ניט געקענט איינהאַלטען און האָט זיך פאַנאַנדערגעווײנט מיט ביטערע טרערען, אז זיין איינציג קינד גייט ווערען פאַרשוואונדען ווער ווייס וואוהין, און ווער ווייס וואָס עס וועט מיט איהם פאָרקומען ? וויפיל מאָהל זיין קינד וועט נעבאַך הונגערען ? ער האָט נעבאַך געכליפּעט און געוויינט ווי אַ קינד. און דעם זוהן האָט עס ניט געאַהרט צופיל. ער האָט שוין געוואָלט וואָס גיכער ארויס פון שטוב. און אָט אזוי איז דער זוהן אַוועק פון זיין היים און איז פאַרשוואונדען געוואָרען און האָט דעם טאַטען אפילו קיין לעטער ניט געשריבען.

און פונקט אזוי ווי דער קלוגער פאָטער זיינער האָט אויסגערעכענט פאָראויס, אזוי איז עס טאַקע מיט איהם פאָרגעקומען. עס האָט ניט געדויערט לאַנג, דער בחור האָט אויסגעביטען אַ פונט נאָך אַ פונט, ביז ער האָט שוין מעהר ניט געהאַט וואָס אָפּצובייטען, וועיל ער האָט פאַרשפּענדעט די גאַנצע געלט און איז געבליבען אָהן אַ פּעני. ניט איינמאָהל איז איהם טאַקע אויסגעקומען צו הונגערען, וועיל ניט אַלעמאָל האָט ער געקראָגען אַרבעט און ניט ער האָט זיך אויסגעטויגט צו שווערע אַרבעט. און אזוי האָט ער גענומען פיהלען פון אזעלכע צרות ווי זיין פאָטער האָט איהם דאַהן פאָרויסגעזאָגט אז ער וועט לײדען.

יעצט לאָמיר זיך אומקעהרען און געבען אַ קוק וואָס עס האָט מיטן פאָטער פאַסיערט און זעהען וואָס אַ פאָטער איז. וואָס דיינקט איהר האָט פאַסיערט מיטן פאָטער ? דיינקט איר אַז אַ פאָטער'ס האַרץ קען רוהען ? קען אַ פאָטער פאַרגעסען זיין קינד ? ליידעט ניט אַ פאָטער די זעלבע ווייטאָקען וואָס זיין קינד ליידעט ? אפשר זיינען אזעלכע ווייטאָקען שטאַרקער פאַר דעם פאָטער ווי פאַר דעם קינד ? איהר וועט זיך גלייך איבערצייגען אז ווען אַ פאָטער שמייסט זיין קינד טהוט איהם מעהר וויי ווי דעם קינד !

דער פּראָפעסאָר האָט ניט געקענט שלאָפען קיין נעכט און זיין האַרץ איז איהם געווען זייער צובראָכען פון דער גאַנצער געשיכטע וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, און ער האָט וויפיל מאָהל געטראַכט, אז אפשר האָט ער ניט געדאַרפט דעם זוהן ארויסטרייבען ? אפשר דורך איהם לײדט זיין זוהן ? אָבער ער האָט ווידער געמאַכט אַ חשבון צוריק, ווי וואָלט געווען אז ער וואָלט דאָס ניט געטאָן און וואָלט זיך ניט געמאַכט אַ האַרץ איהם ארויסצוטרייבען ? וואָלט דאָך זיין זוהן אויסגעוואָקסען איינער פון די ערגסטע מענש'ן ! און פון שאַנדע וואָלט ער אליין דאָך געמוזט אָפּטאָן ווער ווייס וואָס ? אָבער אזוי ווי עס איז יעצט וועלען איהם די צרות אפשר מאַכען פאַר אַ מענש'ן. ביז ער וועט זיך ריכטיג אָנליידען, אז ער וועט זיך כאַפּען

אז דעם פּאַטער׳ס ווערטער זיינען געווען צו דרוקען, ווי מען זאָגט. און נאָכדעם אז ער וועט קומען צוריק וועט ער דאַך זיין אַ מענש ווי עס דאַרף צו זיין. דעריבער דאַרף מען עס לאָזען די זאַך ווי עס איז. זאָללען די צרות איהם לערנען! אָבער מען דאַרף זעהען אז די צרות זאָללען ניט זיין קיין צו שטרייגנע!

דער פּראָפעסאָר האָט גלייך געדונגען אַ מאַהן וועמען ער האָט געצאָהלט אַ גוטע געהאַלט אז ער זאָל נאָכפאָהרען נאָך זיין זוהן און זאָל איהם זייער אָפט לאָזען וויסען וואָס מיט זיין זוהן קומט פאָר. דער מאַהן האָט דעם פּראָ־פעסאָר געלאָזט וויסען פון אַללעס וואָס עס קומט פאָר מיט זיין זוהן: וואו ער בלייבט און מיט איין ווארט, פון יעדען ריהר וואָס זיין זוהן טהוט. אז דער פּראָפעסאָר האָט געוואוסט פון אַללעס אזוי ווי ער אליין וואָלט נאָכגיין נאָך זיין זוהן. ניט איינמאָהל האָט דער פּראָפעסאָר געשיקט געלט צום מענעד־זשער פון האָטעל, וואו זיין זוהן איז איינגעשטאַנען און האָט בעצאָהלט וואָס זיין זוהן איז געווען שולדיג אז מען זאָל איהם חלילה ניט ארויסוואַרפען.

דער נאַרישער זוהן האָט קיין אַננונג ניט געהאַט און האָט ניט געקענט פאַרשטיין אויף אזוי פיל, ווי וויט זיין פּאַטער׳ס האַנט גרייכט איהם און ווי ער העלפט איהם וואו ער שטייט און וואו ער גייט. ער האָט געדיינקט אז דער מענעדזשער פון האָטעל איז דאָס אזא גוטער מענש, וואָס ער לאָזט איהם אזוי לאַנג שטיין און איז וויליג צו וואַרטען פאַר די געלט וואָס ער איז איהם שולדיג לויט זיין חשבון.

דער בחור איז ארומגעגאַנגען אָהן ארבעט פאַר אַ לאַנגע צייט און עס האָט דאָס איהם פאַרשאַפט זייער גרויסע פאַרדרוס, ווייל ער האָט שוין גע־נומען פיהלען פון די צרות וועלכע עס שטייען פאַר פאַר איהם אין דער נאָהנטער צוקונפט.

איינמאָהל, אזוי ווי ער איז זיך געזעסען אין אַ פּאַרק פאַרביטערט און פאַרדאגעט פון טראַכטען וואו מען קען קריגען עפּעס ארבעט, ווייל ווי לאַנג וועט מען איהם לאָזען שטיין אין האָטעל און געבען איהם עסען, אז ער האָט ניט פון וואָהנען צו צאָהלען? און זיטצענדיג אזוי פאַרטראַכט פון די ביטערע לאַגע אין וועלכער ער געפינט זיך, איז צוגעגאַנגען אַ מאַהן און האָט זיך אווועקגעזעצט לעבען איהם. דער מאַהן האָט באַלד אַנגעהויבען ריידען צו איהם און אזוי ריידענדיג און הערענדיג אז ער האָט ניט קיין אר־בעט, האָט ער איהם אַנגעבאָטען צו געבען איהם אַ שטעלע ביי זיין פירמע אַלס אַ דרייוועטער פאַר זיי. דער בחור האָט זיך זייער דערפרייט מיטן דזשאָב און איז גלייך געגאַנגען מיט דעם מאַהן וואוהין ער האָט איהם געפיהרט. עס האָט לאַנג ניט גענומען און זיי זיינען אַנגעקומען צו אַ פּלאַטץ אין אַ געסיל, וואו עס האָבען אויף זיי געוואַרט 3 מענער וועלכע עס זיינען געזעסען אין

זייער אַ פיינע מאָטאָרקאַר. דער מאַהן האָט פאָרגעשטעלט פאַר זיינע שותפים דעם נייען דרייווער און ער האָט זיי דערציילט ווי אַזוי ער איז מיט דעם בחור בעקאַנט געוואָרען און נאָכדעם האָבען זיי איהם געהייסען ער זאָל זיי צופיהרען צו אַ געוויסע באַנק אין אַ דערביי־איגע שטעדטל.

ווען זיי זיינען צוגעפאָהרען צום באַנק זיינען אַללע 4 מענער ארויס פון מאָטאָרקאַר און האָבען געהייסען דעם דרייווער צו וואַרטען אויף זיי, ביז זיי וועלען ערלידיגען זייערע ביזנעס. דער דרייווער האָט קיין אנבונג ניט געהאַט אז זיינע ווירטען זיינען גאָר אַ באַנדע רויבער און ער איז זיך געזעסען רוהיג און האָט געוואַרט אויף זיי. ווען די רויבער זיינען אריין אינוועניג און האָבען געוואָלט זיך נעהמען צו דער אַרבעט, צו בערויבען די באַנק, האָט זיך זיי דער דזשאָב גראַדע ניט איינגעגעבען, ווייל מען האָט זיך געריכט אויף אזא זאַך און עס זיינען שוין געוועזען אינעווייניג איבערגעטאָנענע פאָליציי, און ווי זיי האָבען נור ארויסגערעדט די ווערטער אז אַללע זאָלען אויפהויבען די הענט אין דער הויך, אייב ניט שיסען זיי, האָבען די פאָליציי זיי אָנגעכאַפט און האָבען די גאַנצע חברה גלייך אָנגעטאָן קייטלאַך אויף די הענט און צוגענומען די געווער פון זיי און האָבען גלייך טעלעפאָנירט אז מען זאָל קומען נעהמען די באַנדע אין אַ פאַרמאַכטען פאָליציי־וואַגאָן. ווען די פאָליציי איז אָנגעקומען צום באַנק צו נעהמען די רויבער האָבען זיי דערזעהען לעבען באַנק די מאָטאָרקאַר, אין וועלכער דער דרייווער איז זיך געזעסען קאַלטבלוטיג און האָט געוואַרט אויף זיינע ווירטען, ניט האָבענדיג קיין חשד אז דאָ איז פאָרגעקומען אזא מיאוסע זאַך.

די פאָליציי האָט גלייך אויך דעם דרייווער אַרעסטירט, ווייל די מאָטאָרקאַר אין וועלכער זיי האָבען איהם געפונען זיטצענדיג, איז גאָר געוועזען אַ געגנבעטע און די פאָליציי האָט געהאַלטען אז ער איז געוויס אויך איינער פון די באַנדע רויבער. עס האָבען ניט געהאָלפען אַללע זיינע טענות אז ער איז אונשולדיג. מען האָט איהם קיין זאַך ניט געגלויבט און מען האָט איהם געבראַכט אין געריכט און מען האָט איהם געמשפט צוגלייך מיט די רויבער. מעהר ניט וואָס ער האָט געקראָגען אַ קלענערע שטראָף. ער האָט געקראָגען צוויי יאָהר טורמע פאַר גנבענען אַ מאָטאָרקאַר.

דער פראָפעסאָר האָט באַלד געקראָגען צו וויסען פון אַללעס וואָס מיט זיין זוהן איז פאָרגעקומען און ער האָט גלייך זיך דורכגעשריבען מיט איינעם פון די גרעסטע אַדוואָקאַטען אז ער זאָל זעהען וואָס ער קען טאָן און אויפווייזען די אונשולדיגקייט פון זיין זוהן, און ער זאָל איהם ארויסראַטעווען פון טורמע. דער אַדוואָקאַט האָט ארויסגעפאָדערט די קייס נאָך אַמאָהל און ער האָט איבערצייגט דעם ריכטער אז דער בחור איז באמת אונשולדיג, אז ער איז אונשולדיג אריינגעפאַלען אין אומזיסטע צרות, ווייל ער האָט געזוכט צו קריגען ארבעט. דערצו האָט אַ סך געהאָלפען דער נאָהמען פון דעם

בעוואוסטען פּראָפעסאָר, אז דאָס איז זיין זוהן און אז דער פאָטער גאַראַנטיערט אז זיין זוהן איז אונשולדיג אין דער געשיכטע, און אזוי איז דער בחור זיטצענדיג בלויז קאַרגע צוויי מאָנאַטען, בעפרייט געוואָרען פון טורמע און איז ארויס פריי.

אָבער ווען ער איז ארויס פריי פון טורמע איז זיין לאַגע געוועזען אַ סך אַן ערגערע ווי פריהער. ווייל יעצט האָט קיינער איהם ניט געוואָלט נעהמען צו קיין ארבעט. ווייל זיין נאָהמען און אויך זיין פּנים איז געוועזען בעקאַנט צו יעדען איינעם אז דאָס איז דער מאַהן ווער עס האָט געגנבעט אַ מאָטאָרקאַר און איז פאַרמשפט געוועזען אויף צוויי יאָהר טורמע, ווייל זיין בילד איז דאַהן געוועזען פאָטאָגראַפירט אין די צייטונגען. דער בחור איז אזוי ארומגעגאַנגען זייער פאַרצווייפעלט ביי זיך. קיין ארבעט קען ער ניט קריגען און גיין צוריק אין האָטעל קען ער ניט. ער איז שולדיג אַ סך געלט, לויט ווי ער וויס. און ער איז זיכער ביי זיך אז זיי וועלען איהם יעצט געוויס ארויסטרייבען. און דערצו האָט ער זיך אויך געשעמט צו ווייזען זיין פּנים, ווייל געוויס וויסען זיי אויך פון די צייטונגען וועגען זיין קייס. אזוי איז דער בחור ארומגעגאַנגען אַ צומישטער און אַ פאַרצווייפלטער אויף אזוי פיל, אז ער האָט גענומען טראַכטען צו נעהמען זיך דאָס לעבען, ווייל ער האָט ניט געזעהען פאַר זיך קיין הילף. זיינע אויגען האָבען ניט געזעהען קיין ליכטיגקייט. עס איז איהם שטענדיג געוועזען פינסטער אין די אויגען פון הונגער און פון שווערע ליידען. ניטאָ וואו צו עסען און וואו אוועקצולייגען דעם קאָפּ! עס איז איהם געוועזען אזוי ביטער, אז ער האָט אינגאַנצען פאַרגעסען ווער ער איז און פון וואַנען ער שטאַמט!

ער האָט אינגאַנצען פאַרגעסען פון אַללעס וואָס זיין פאָטער האָט איהם דאַהן אָנגעזאָגט אידער ער האָט פאַרלאָזען זיין היים, אז ווען עס וועט איהם זיין זייער שלעכט, זאָל ער זיך ניט פערלירען אין גאַנצען און זאָל געדיינקען אז איב ער וועט באמת חרטה האָבען און זועט באמת בעשליסען צו וועלען פאָלגען אַללעס וואָס זיין פאָטער וועט איהם זאָגען, איז ער אלעמאָל וועלקאָם צו קומען צוריק אַהיים. און זיין פאָטער וועט איהם פאַרגעבען פאַר אַללעס און ער וועט ווידער פון דאָס ניי טרייען פאַר איהם צו מאַכען איהם גליקליך.

די דאָזיגע געשיכטע קען זיין אַ גוטער משל פאַר דעם אידישען פאָלק.

זעכצעהנטער קאַפּיטעל

דער אידישער פאָלק האָט זיך אָפּגעקעהרט פון דעם ריכטיגען וועג, וואָס דער פאָטער פון דער מענשהייט האָט זיי אָנגעוויזען צו גיין און דעריבער ליידען זיי אַזוי פיל צרות. און ווען עס קומען אויף זיי צרות פאַרשטייען זיי ניט וואָס די ריכטיגע אורזאַכע איז, פאַרוואָס עס איז זיי אַזוי שלעכט. זיי האָבען פאַרלאָרען אינגאַנצען דעם פאַרשטאַנד צו פאַרשטיין ווי אַזוי און פון וואַנען עס קען קומען פאַר זיי אַ ישועה. אַנשטאָט דעם גייען זיי גאָר וואָס ווייטער אַלץ מעהר אויף דעם קרומען וועג. זיי פאַרלאָזען זיך און האָפען גאָר אויף די פעלקער פון דער וועלט אויף זייער יושר. זיי וואַרטען פון דער מענשהייט פאַר גערעכטיגקייט. זיי פאַרשטייען גאָרניט די אמתע אורזאַכע פאַרוואָס עס איז ניטאָ קיין גערעכטיגקייט אויף דער וועלט. פאַרוואָס עס איז ניטאָ קיין יושר און פאַרוואָס עס איז ניטאָ קיין רחמנות!

צו דער פראַגע איז דאָ בלויז איין אנטוואָרט, און דאָס איז דער איינציגער אַנטוואָרט וואָס קיין אנדערער קען ניט זיין! עס איז ביי דער מענשהייט ניטאָ קיין גערעכטיגקייט, קיין יושר און קיין רחמנות, ווייל עס איז ניטאָ ביי דער מענשהייט קיין אמתער גלויבען אין גאָט, אַז ער איז דער בעשעפער און אַז ער איז דער איינציגער האַר פון דער וועלט. אַז אַ מענש טאָר דעריבער ניט טאָן קיין שלעכטס צו קיינעם, ווייל גאָט זעהט אַללעס וואָס יעדער איינער טהוט. מענש'ן וויסען גאָרניט און זיי גלויבען גאָרניט אַז גאָט איז דער אמתער ריכטער און דער האַר אויף דער מענשהייט, און אַז אַללעס ווערט דורכגעפיהרט ניט ווי דער מענש פלאַנירט, נור ווי דער גרויסער האַר וויל. מענש'ן ווילען ניט גלויבען אָדער זיי האָבען דאָס ניט געהערענט דעם אמת אַז דער וואָס האָט אָנגעגרייט אַללעס און ווער עס מאַכט אַז עס זאָל וואַקסען גענוג שפייז פאַר אַללע בעשעפענישען איז דאָס נור גאָט אַליין, ניט קיין אנדערער! קיין זאַך קומט ניט פון דער נאַטור! און אַנשטאָט צו וויסען די אַללע זאַכען און צו גלויבען אין דעם מיט זיין גאַנצען האַרצען איז גאָר דער מענש איינגעזונקען אין אַ טיפע פינסטערניש פון אומוויסענשאַפט. די מענשהייט איז גאָר פאַרפיהרט אין פערשידענע פאַלשע גלויבענס. מען גלויבט אין דער זון און אין דער לבנה אַז דאָס זיינען געטער. גאַנצע פעלקער זיינען פאַרזונקען אין פאַלשע איינגלויבענישען אין פון לאַנג געשטאָרבענע מענש'ן, וועלכע עס ליגען מאַכטלאָז אין דער ערד, וועמענס ביינער עס זיינען לאַנג צעפוילט געוואָרען. מיליאָהנען מענש'ן זיינען פארפיהרט אין אזא געדיכטע פינס־

טערניש, אז זיי גלױבען אין אַללעס װאָס מען האָט זיי איינגערעדט. אז דיזע טויטע מענש׳ן זיינען געװעזען אַגענטען אין די אַלטע צייטען און זיינען אויך היינט אפילו אַגענטען פון דעם אמת׳ן גאָט. אז זיי, די אַגענטען, האָבען די מאַכט צו פאַרגעבען זינד. אין אזעלכע נאַרישע פינסטערע איינריידענישען און פאַרפיהרענישען האָט מען פאַרפיהרט אַ װעלט מיט מענש׳ן. אז אויפען הימעל גייען אָהן אזעלכע שװינדעל אזוי װי אויף דער ערד.

איז עס ניט צו לאַכען װאָס מענש׳ן לאָזען זיך איינריידען? מענש׳ן װעלען אָפּטאָן דאָ אויף דער ערד די גרעסטע פאַרברעכענס און װעל׳ן בעטען די אַגענטען, אז זיי זאָללען דורכמאַכען מיט גאָט אז ער זאָל זייערע זינד אָפּ־װישען. און צוליב אזא געדאַנק, אז איב מען זינדיגט קען מען דורכמאַכען מיט גאָט דורך די אַגענטען, פאַלט שוין אװעק די אמתע מורא פאַר גאָט, אז ער װעט זיך אָפּרעכענען מיט יעדען איינעם פאַר זיינע שלעכטע טהאַטען, און דעריבער מעג מען טאָן װאָס מען װיל. און מיט דעם דאָזיגען געדאַנק האָבען זיך אַנדערע מענש׳ן גאָר איינגערעדט אז זיי זיינען בעסערע און שע־נערע מענש׳ן פון אנדערע. אז זייער בלוט איז א ריינערע װי ביי די אנדערע מענשנ׳ן, װאָס די דייטשען האָבען זיך איינגערעדט, װי מיר אַללע פון דיזען דור זיינען עדות, אז דאָס איז אַן אמתע זאַך, אז זיי האָבען זיך דאָס טאַקע איינגערעדט און געגלױבט. און דער קלאַס מענטש װאָס דיינקט אזוי, אז ער איז שענער און בעסער האָט פאַרכאַפּט אונטער זיין הערשאַפט אַללע נויטיג־סטע זאַכען װאָס די מענשהייט קען אָהן דעם ניט לעבען: די שפּייז, די קליי־דונג און מיט איין װאָרט נאָך אַנדערע אזעלכע נויטיגקייטען, װאָס עס פאָ־דערט זיך פאַר דעם לעבעדיגען מענש׳ן.

און די דאָזיגע מענש׳ן װעלכע עס האָבען אַללעס אריינגענומען אונטער זייער קאָנטראָל, אום אָנצוהאַלטען די פרייזען װעלכע זיי האָבען בעשטימט אז זיי מוזען קריגען פאַר די אַללע אַרטיקלען, װאַרפען זיי טויזענדטער טאָננען בעסער אין ים אריין פון די אַללע נויטיגסטע עסענװאַרג אָדער זיי פאַרברע־נען דאָס כדי אז די דאָזיגע ארטיקלען זאָללען ניט זיין איבערפיהלט אויף די װעלטליכע מאַרקעטס, כדי זיי זאָללען קריגען די הויכע פרייזען װאָס זיי פאַרלאַנגען, אום צו מאַכען קאָלאָסאַלע פאַרדינסטען און צו װערען נאָך מעהר רייכער. די דאָזיגע מענש׳ן דיינקען נור װעגען זיך אליין. עס אַרט זיי ניט פאַר די איבריגע מענשהייט. זיי האָבען אַבסאָליוט קיין אננונג ניט פון עפּעס רחמנות אויף די מיליאָהנען אָרימע און הונגעריגע מענש׳ן, װעמען מען האָט געקענט מחיה זיין מיט די אַללע פּראָדוקטען, װעלכע זיי האָבען פאַר־ניכטעט. זיי טראַכטען נור פאַר זייער איינענעם גוף, אָנצוזױבען און איינצו־שאַפען פון אַללעס בעסטעס נור פאַר זיך אליין. פאַר דעם איינענעם גוף.

אָט אזא טרויעריגע װעלט איז עס! אזא פאַרדאָרבענע װעלט איז עס! אַ װעלט פון מורהדיגע רייכע, װעלכע עס װייסען ניט װי גרויס זייערע עשי־

רות זיינען און וועלכע עס וויסען ניט וואָס צו טאָן מיט אזוי פיל רייכקייט. און פון דער אַנדער זייט, אַוועלט פון אַרימע אונגליקליכע מענש׳ן ווער עס גייען אויס פון הונגער אָדער וועלכע עס שטאַרבען פאַר דער צייט צוליב די גרויסע זאָרג פאַרן מאָרגען. עס איז אַ וועלט פון הערשער און פאַרפיהרטע שקלאַפען. דער אַרימער פאַרמער און דער אַרימער אַרבעטער וועלכע עס טוען אַללע שווערע ארבעט: דער פאַרמער דעם אַקערען און דעם זייען, אז עס זאָל וואַקסען שפייז, און דער אַרבעטער וועלכער עס גיסט זיך מיט שוויס אין די פאַבריקען, ווער עס פאַבריצירט אַללעס פאַר דער מענשהייט, די אַללע אַנגעשטעלטע אין פערשידענע אונטערנעהמונגען, די מענש׳ן וועלכע עס גייען מיט די שיפען פון איין עק וועלט ביז דער אַנדערער און פיהרען פאַרנאַנדער אַללע פראָדוקטען פאַר דער מענשהייט, וואָס אזעלכע מענש׳ן זיינען אָפּגעשיידעט פון זייערע פאַמיליעס פאַר מאָנאַטען און יאָהרען. ווי אויך נאָך אַנדערע אזעלכע זאָרטען מענש׳ן, וועלכע עס ארבעטען מיט שוויס און פראָדוצירען און בעדינען דער מענשהייט, זיי אַללע זיינען געצוואונגען צו אַרבעטען שווער און מוזען זיך צופרידען שטעלען מיט די ביסעלע וואָס די הייפעל וואוילטעטיגע לאָרדען, ווער עס האָבען אַללעס אין זייערע הענט און וועלכע עס האָבען די מאַכט יעדערער אין זיין לאַנד, וואָס זיי וואַרפען צו פאַר די אַרבעטער פאַר זייער שווערע אַרבעט.

און מיט דער הילף פון אַלקאָהאָל, וועלכע עס פאַרסמט דעם מענש׳ס קערפּער און וואָס עס נעהמט אוועק דעם מענש׳ס שכל אז דער מענש ווערט פון דעם אזוי ווי אַ חיה, געוועלטיגען די מאַגנאַטען אין יעדער לאַנד אויף די אַרימע מאַסען. און די דאָזיגע וועלכע עס גלויבען אַהאַר ניט אין גאָט, אז ער זעהט און הערט אַללעס וואָס זיי טוען אָפּ מיט די איבריגע מענשהייט און אז גאָט וויל דאָס ניט לײדען, אז ער וועט זיך מיט זיי אָפּרעכענען איין טאָג זייער שטרייכע פאַר אַללע אומרעכט וואָס זיי באַגייען, אָט די דאָזיגע אונ־גלויביגע ריידען צו דער מענשהייט אין גאָט׳ס נאָמען און מאַכען זיך כלו־מרשט פאַר דער וועלט, אז זיי זיינען גלויביגע.

פאַר דעם צוועק האָבען זיי אונטער זייער מאַכט די מיניסטערס פון די קלויסטערס, ווער עס זיינען אויך אָפּהייבגיגע אָהן זיי מיט זייערע געהאָלטען, וועמען זיי הייסען צו פרידיגען צום המון אז זיי מוזען שעטצען זייערע הער־שער אזוי ווי גאָט אליין און זיי מוזען זיך צופרידען שטעלען מיט די גע־האָלטען וואָס זייערע הערשער האָבען בעוויליגט פאַר זיי. און אז דער גאַנ־צער פאָלק מוז געהאָרכזאַם זיין צו די געזעטצען וואָס די הערשער האָבען איינגעשטעלט. דערצו האָבען די הערשער די פּאָליציי און די אַרמיי אויך אונטער זייער מאַכט. און אין פאַל אייב דער אַרבעטער וויל אויסבעסער׳ן זיין עקאָנאָמישע לאַגע און ער בעט אַ העכערונג, ענטפערט מען איהם גאָר־ניט. און די פאָליציי און די אַרמיי ווער עס בעשטייען די גרעסטע טייל פון

דעם אָרימען קלאַס, זיינען אזוי פאַרקריפּט און אונטערטעניג אונטער זייערע הערשער מיטן גאַנצען גוף, אַז זיי זיינען אַלעמאָל גרייט צו דערשטיקען מיט זייערע גאַנצע כחות וועלכען ניט איז אויפשטאַנד פון זייערע אייגענע ברידער און שוועסטער. און זיי זיינען אַלעמאָל גרייט פאַר זייער שטיקעל ברויט און דעם צום ברויט זיך מקריב צו זיין פאַר זייערע הערשער.

די הערשער קליגען זיך אויך מיט אלערליי מעטאָדען ווי אזוי צו האַלטען דעם המון פאַרנומען אין די פרייע צייטען פון דער אַרבעט, איבערהויפּט אין האַלידיי טעג. פאַר דעם דאָזיגען צוועק האָבען זיי געשאַפען היגט און פערד־געיעגען, ווי אויך אַנדערע זאָרטען ספּאָרט־מעטצעס וואו דער המון פאַרלירט זיינע פאַר בויטיגע פונטען כדי אַז ער זאָל זיין געצוואונגען צו קומען צו דער אַרבעט ווי אויך אַז מיט דעם זאָל ער האַלטען זיינע געדאַנקען איינגעטאָן אין די הינט און אין די פערד און אין די אַנדערע זאַכען, כדי ער זאָל ניט האָבען קיין צייט אויפצוקלייבען זיך און צו בעטראַכטען בעסער וואו ער האַלט אין דער וועלט און וואָס עס גייט אָהן ארום איהם.

און אויסער וואָס די מענשהייט איז צוטיילט אין פערשידענע גלויבענס און רעליגיאָהנען וואָס עס מאַכט יעדען איינעם צו דיינקען, אַז ער איז א בעסערער מענש פון אַן אַנדערען, ווער עס גלויבט ניט אין דעם זעלבען גלויבען ווי ער גלויבט. וואָס דאָס איז אַ טרויעריגע און פאַלשע איינריידע־ניש, וועלכע עס בערעכטיגט איין טייל פון דער מענשהייט אָפּצוטאָן די גרעסטע פאַרברעכענס געגען דער אַנדער טייל פון דער מענשהייט. ווייל די ערשטע האַלטען אַז די אַנדערע זיינען גאָר קיין מענש׳ן ניט מיט דעם, וואָס זיי דיינקען אַנדערש ווי זיי דיינקען. און אויסער דאָס וואָס די הייפּעל מענש׳ן האָבען פאַרכאַפּט די מאַכט אין יעדע לאַנד אין זייערע הענט און זיי פיהרען דעם המון פאָרן נאָז ווי זיי ווילען, האָבען זיי נאָך דערצו אַ פאַר־דאָרבענהייט וואָס זיי זיינען נאָך אַלץ ניט צופרידען מיט דעם אליין וואָס זיי פאַרמעגען די גאַנצע רייכטום פון לאַנד און וואָס זיי האָבען די הערשאַפט און וואָס זיי לעבען אזעלכע גליקליכע לעבענס, האָבען זיי נאָך דערצו אַ ווילדע מאַניע פון קנאה וואָס זיי זיינען מקנא די אַנדערע הערשער פון אַנדע־רע לענדער און זיי וואָלטען וועלען איינשלינגען די גאַנצע וועלט. און איבער אזעלכע משוגענע אמבישענס קליגען זיי זיך טאָג און נאַכט ווי אזוי צו ווערען שטאַרקער צו קענען פאַרכאַפּען די רייכטימער פון די אנדערע לענדער.

פאַר דיזע צוועקען, אום צופרידען צו שטעלען זייערע משוגענע אַמ־בישענס, גיבען זיי אויס מיליאָהנען פונטען און זיי צאָהלען גרויסע געהאַל־טען צו זייערע געלערנטע און צו זייערע סייענטיסטען דאָס זיי זאָללען אויס־געפינען ספּעציעלע מיטלען מיט וואָס זיי זאָלען קענען בעזיגען אַנדערע לענ־דער, כדי זיי זאָללען ווערען הערשער אויף מעהרערע לענדער, אָדער ווייניגסטענס, זיי זאָללען קריגען אַ בעשטימטע טייל פון די איינגאָהמעס וואָס

יענע הערשער נעהמען אריין אין זייערע לענדער. און כדי צו פאַרבלענדען די אויגען פון אזעלכע מענש׳ן, וועלכע עס קענען זיך כאַפּען און וועלכע עס קענען פאַרשטיין זייערע קונצען און טריקס, וואָס מען רופט דאָס אין היינטיגע מאָדערנע און ציוויליזירטע צייטען מיטן נאָהמען „פּאָליטיקס״, האָבען שוין די דאָזיגע דזשענטעלמען געגוג צוגעגרייטע שפּיטצלאַך און טריקס מיט וואָס צו פאַרבלענדען די אויגען פון אזעלכע ווער עס קענען זיך כאַפּען וואָס זיי פיהרען אָפּ. איינער פון די בעסטע מיטלען צו פאַרשטאָפּען די מוחות און צו פאַרבלענדען די אויגען פון מענש׳ן איז, דער פון לאַנג אָהן בעקאַנטער מיטעל, ווער עס גיט די בעסטע רעזולטאַטען: ביער און בראַנ־פען, וואָס דער נאַרישער המון גלייכט דאָס אַלעמאָל. דערצו קאָנטראָלירען זיי די פּרעסע פון לאַנד, וואו זיי הייסען שרייבען נור אזעלכע זאַכען וואָס עס פּאַסט פאַר זייער פּאָליטיק. זיי האָבען שוין זייערע אויסגעקליבענע אַגענט׳ן און קאָרעספּאָנדענטען סיי אין זייער לאַנד און סיי אין אַנדערע לענדער ווי אויך אונטערגעקויפטע בירגער פון אַנדערע לענדער, וועמענס אַרבעט עס איז איינצוריידען דעם המון דאָ און דאָרטען און אפילו דעם העכערען קלאַס מענש׳ן אַלערליי זאָרטען איינריידונגען, וועלכע עס פּאַסט זיך פאַר זייער פּאָליטיק. און אום אָפּצוציהען די אויפמערקזאַמקייט פון פאָלק פון צו זעהען וואָס זיי פיהרען אָפּ, האָבען זיי גאָר אַ ספּעציעלען מיטעל מיט וואָס צו פאַר־טומלען די קעפּ פון פאָלק וואָס דאָס ווירקט א סך שטאַרקער ווי די אַנדערע מיטלען, וועלכע איך האָב פריהער אויסגערעכענט. זיי פיהרען אָהן אזא זאָרט צוגעפּאַסטע פּראָפּאַגאַנדע: זייערע געהיימע אגענטען, וועלכע זיינען אויסגעמישט מיטן פאָלק, ריידען איין דעם המון, דעם אַרבעטער־קלאַס אז די אידען זיינען „קאַפּיטאַליסטען״, אז די אידען האָבען די גאַנצע מאַכט און די פּרעסע איז אין זייערע הענט. און אז די אידען פיהרען אָהן מיט די לאַנד ווי עס ווילט זיך זיי. און אז עס ברעכט אויס אַ מלחמה איז דאָס איבער די אידען ווייל זיי ווילען מאַכען נאָך מעהר געלט און אז די אידען מאַכען עס אָהן אַ קריזיס אין לאַנד.

דעם העכערען, דעם געלערענטען און דעם מיטעלען קלאַס מענש ריידען זיי איין אז די אידען זיינען „קאָמוניסטען״ און עס שטייט פאַר אַ גרויסע גע־פאַהר, אייב מען וועט דאָס ניט פאַרכאַפּען אין צייט, אז די אידען וועלען איינפיהרען אַ קאָמוניסטישען סיסטעם און דאַהן וועלען די אידען צונעהמען פון זיי די הייזער און די געלט און וועלען מאַכען זיי פאַר אָרימע שקלאַפען. און סיי דער המון און סיי דער העכערער קלאַס מענש לאָזען זיך דאָס אַלעס איינגלויבען. די דאָזיגע גיפטיגע פּראָפּאַגאַנדע ווירקט אזוי שטאַרק אויף די מוחות פון פאָלק, אז עס ברייננגט צו דעם אז די ערשטע טייל פון פאָלק, די אַרבעטער, וועמען מען האָט איינגערעדט אז די אידען זיינען קאַפּיטאַליסטען, ווערען דערפון זייערע ביטערע שונאים אז זיי זיינען אַלעמאָל גרייט אויס־

צוראָטען די אידען און צוצוגעהמען פון זיי אַללעס וואָס זיי פאַרמעגען. זיי וואַרטען נור אויף דעם גוטען מאָמענט צו קענען דורכפיהרען די שטיקעל אַרבעט.

און די אנדערע טייל פון פאָלק, וועמען מען האָט איינגערעדט אז די אידען זיינען קאָמוניסטען, שאַרפען בעזונדער די ציינער אויף די אידען און זיינען אויך שטענדיג גרייט צו געבען אַ האַנט אין דעם דזשאָב אויסצוראָטען די אידען.

דעריבער דאַרף ביי קיינעם ניט זיין קיין וואונדער אז דורך די אַגיטאַציע און דורך אזעלכע גיפטיגע פראָפּאַגאַנדע פון אזעלכע פאַלשע און פאַרדאָרבענע אַגענטען אין דייטשלאַנד גופא, ווי אויך פון דער אגיטאַציע און פון דער געהיימער שטיצע פון פאַרדאָרבענע מענש׳ן פון די ארומיגע מלוכות וועלכע עס זיינען אין שכנות מיט דייטשלאַנד, ווי אויך פון דער סימפּאַטיע און פון דער גרויסער אונטערשטיצונג פון אזעלכע פאַרדאָרבענע מענש׳ן פון פיל אנדערע לענדער, דאַרף ביי קיינעם קיין וואונדער ניט זיין אויף דער אונערוואַרטעטער און אונגלויביגער זאַך אז אין אזא ציוויליזירטער וועלט זאָל אזא זאַך קענען האָבען פאַרגעקומען, אז עס האָט אויסגעשפּראָצט און עס איז אויסגעוואַקסען אין דייטשלאַנד אַ טייוועל אין דעם געשטאַלט פון אַ מענש׳ן ווער עס האָט געהייסען מיטן נאָהמען „היטלער" י״ש, ווער עס איז דערנאָך געוואָרען דער גרויסער פיהרער פון דייטשלאַנד.

דיזע אויבענדערמאָנטע פאַרדאָרבענע מענש׳ן, סיי אין דייטשלאַנד און סיי אין אנדערע מלוכות, האָבען דעם דאָזיגען טייוועל היטלערן געשטיצט אין געהיים, ווייל זיי האָבען אין איהם געזעהען דעם ריכטיגען מאַהן וועמען זיי דאַרפען און זיי האָבען זיכער געהאָפט, אז דער היטלער וועט פאַרשטאַרקען זייער אַלטען סיסטעם, וואָס עס האַלט ביין איינפאַלען און אז ער וועט שוין געבען אַ פאַלשטענדיגען טויט־קלאַפּ דעם הויפּט־בערוו פון וואַנען עס קומט ארויס די לעהרע צו אַללע אונטערדריקטע מאַסען פון דער וועלט, ווער עס לערענט זיי צו שטרעבען איינצופיהרען אויך אין זייערע לענדער אַ סיסטעם פון גלייכהייט און פרייהייט פאַר אַללע מענש׳ן צוגלייך.

ז י ב ע צ ע ה נ ט ע ר   ק אַ פּ י ט ע ל

און אזוי ווי די אידען צוליב זייער תורה, וועלכע עס לערענט זיי אז עס טאָר ניט זיין קיין שקלאַפעריי און קיין אונטערדריקונג פון קיין מענש׳ן, און אויך צוליב זייערע ביטערע איבערלעבונגען אין מצרים, וואו זיי האָבען דורכגעמאַכט די ערגסטע ביטערקייט פון אונטערדריקונג, וואָס זיי ווייסען גענוי וואָס שקלאַפעריי מיינט פאַר אַ מענש׳ן, ווי אויך פון די אַללע צרות וואָס די אידען האָבען איבערגעלעבט אין אזא לאַנגען און טרויעריגען גלות פון איבער 2000 יאָהר אין די אַללע לענדער וואו זיי זיינען געבליבען, זיינען די אידען דעריבער אַלעמאָל סימפּאַטיקער פון אזא אָרדנונג, וועלכער עס זאָל גאַראַנטירען פרייהייט און גלייכהייט פאַר יעדען מענש׳ן, וואָס אזא שטרעבונג פון גלייכהייט און פרייהייט איז פונקט דער היפוך פון דער אַנדער שטרעבונג, וואָס די הערשער אין גאָר דער וועלט שטרעבען. וואָס זיי שטרעבען גאָר אָנצוהאַלטען אויף אייביג זייער הערשאַפט איבער פאָלק, אז עס זאָל זיין נור שקלאַפעריי און ניט קיין פרייהייט. דעריבער האָט עס פאַסירט אז ווען עס איז אויפגעשטאַנען אזא טייוועל, אזא היטלער, ווער עס האָט זיך אונטערנומען אַלס זיין ערשטע אויפגאַבע אויסצוראָטען די אידען אין אייראָפּע, וואו די אידען זיינען געוועזען אַממעהרסטען, אז היטלער׳ס טייוועלשער פּלאַן האָט געקראָגען די וואַרימסטע שטיצע פון אַללע פאַרדאָרבענע הערשער פון זייער פיל מלוכות און איבערהויפּט אין דער לאַנד וואו עס געפינט זיך דער צענטער פון אַללע אויבענדערמאָנטע פאַרדאָרבענע הערשער, אין דער לאַנד וואו עס ווערען אויסגעאַרבעט אַללע פּלענער ווי אזוי צו דערשטיקען דעם געדאַנק פון פרייהייט און גלייכהייט, אפילו אייב אַ העלפט פון דער מענשהייט זאָל אומקומען, אבי זיי זאָללען בלייבען ביי דער מאַכט. דעריבער ווען היטלער מיט זיינע געטרייענטע בוטשערס האָבען זיך גענומען צו דעם טייוועלשען דזשאָב אויסצוראָטען די אידען האָבען דעריבער אַללע מלוכות, וועלכע עס האָבען יאָ געקענט העלפען די אונגליקלעכע אידען, פאַרשטאָפּט זייערע אויערן פון צוצוהערען זיך צו די אידישע געוואַלדען און דעריבער האָבען זיי פאַרמאַכט זייערע אויגען פון צוזעהען די בלוטיגע טרערען פון די אידען אין דייטשלאַנד און פון די אידען ביי זיי, אין זייערע לענדער גופא, ווער עס האָבען זיך געבעטען אז זיי זאָללען זעהען צו טאָן וואָס ניט איז, אז היטלער זאָל אָפּשטעלען די שחיטה אויף די אידען. און דעריבער האָבען זיי, די הערשער, זיך אָפּגעכשרט מיטן כלומערשטען תירוץ, אז דאָס וואָס די דייטשען קוילענען אויס די אידען איז דאָס אן אינער־

ליכער עניין פון דייטשלאַנד גופא, אין וועלכען זיי טאָרען זיך ניט אריינ־מישען. וואָס די בלוט־באָד אויף די אידען האָט זיך אָנגעהויבען לאַנג, לאַנג פריהער אידער זיי האָבען געמוזט דערקלערען מלחמה צו דייטשלאַנד צו־ליב זייערע אייגענע אינטערעסען.

און אום צו בעשטעטיגען אז מיינע ווערטער זיינען ריכטיגע, וועל איך דאָ ברייננגען א ריכטיגען פעקט און אַ קלאָרען בעוויז. אייב עס וואָלט טאַקע געהערשט אמת און גערעכטיגקייט אין דער וועלט ווי עס דאַרף צו זיין, האָבען אַללע מלוכות, סיי די נאָהנטע און סיי די ווייטע, ווי נור זיי האָבען דערהערט פון אזא שענדליכען פאַרברעכען וואָס עס ווערט געטאָן אין אזא ציוויליזירטע מדינה ווי דייטשלאַנד האָט זיך געריהמט אז זי איז אזוי, אז זיי, די דייטשען, זיינען די ציוויליזירסטע מענש'ן פון דער גאַנצער וועלט, האָבען אַללע מלוכות, קליין און גרויס, געדאַרפט גלייך זיך צוזאַמען נעהמען און שיקען וואָרנינגען דורך זייערע פאַרטרעטער, ווער עס האָבען געוואוסט פון אַללעס וואָס עס גייט אָהן מיט די אידען אין דייטשלאַנד, און זיי האָבען גע־דאַרפט שיקען אַ שטרייננגען אולטימאַטום צו דייטשלאַנד, אז זי זאָל זאָפאָרט אויפהערען צו טאָן אזא שענדליכע זאַך ווי אויסצוראָטען אַ מעמבער פון דער וועלט־משפחה! און אייב דייטשלאַנד הערט דאָס גלייך ניט אויף, וועלען זיי אַללע גיין און וועלען איהר צווינגען דאָס אויפצוהערען צו טאָן! דאָהן, ווען היטלער וואָלט געקראָגען אזא שטרייננגע וואָרנינג, וואָלט היטלער־דייטשלאַנד אָהן קיין צווייפעל אָפּגעהאַלטען זיך פון צו טאָן אזא שוידער־ליכען פאַרברעכען אויף די אונשולדיגע אידען!

אָבער ווי האָבען די הערשער געקענט טאָן אזא זאַך, צו שיקען אזא אולטימאַטום אז דייטשלאַנד זאָל אויפהערען דאָס צו טאָן? אז דעם צולאָזען היטלערן אז ער זאָל קריגען די מאַכט און דעם אונטערשטיצען איהם די גאַנצע צייט מיט וואָס מען האָט נור געקענט, מיט אזוי פיל גאָלד, וואָס מען האָט אָפּען, אפילו ביז דער לעצטער מינוט דערלאַנגט צו דייטשלאַנד, איז דאָס געוועזען אַללעס מיט דער איין כונה, אז היטלער זאָל דעם מיאוסען פאַרברעכען יאָ טאָן! אויסצוראָטען די אונגליקלעכע אידען! פאַרוואָס? פאַר דעם ווילדען אַמבישען צו בלייבען ביי דער מאַכט וואָס עס האָט זיך זיי געדוכט, אז מיט דעם אויסראָטען די אידען וועל'ן זיי שוין זיין זיכער אויף אייביג אז זיי וועלען בלייבען די הערשער אויף די שקלאַפען. אז אוי־סער די אידען וועלען ניט זיין קיין אַנדערע ווער עס זאָללען די מאַסען עפּע־נען די אויגען אז די וועלט איז געמאַכט געוואָרען פאַר אַלעמען צו לעבען! ניט פאַר איין טייל פון דער מענשהייט צו לעבען גליקליך אויפען חשבון פון דער גאַנצער מענשהייט.

דעריבער זיינען פאַר די אָרימע אונגליקליכע אידען, וועלכע עס זיינען געוועזען פאַרשפּאַרטע אזוי ווי שעפּסען אין אַ שטאַהל און וועלכע עס האָבען

געזעהען דעם טויט פאַר די אויגען, אַללע גרענעצען געוועזען פאַרהאַקט און פאַרשלאָסען כלומרשט צוליב אזא תירוץ, אז מען האָט מורא געהאַט אריינצולאָזען די אידען, טאָמער זיינען זיי שפּיאָהנען פון דייטשלאַנד!

און אזוי האָט זיך היטלער גענומען דורכצופיהרען דעם מיאוסען שווערליכען דזשאָב, וואָס ער האָט זיך אָנגענומען צו טאָן. און ער האָט עס געטאָן לויט אַן אויסגעאַרבעטען פּלאַן, ווער ווייס מיט וועמענס קעפּ? און ער האָט דאָס געטאָן אַבסאָליוט ניט געשטערט פון קיינעם!

פאַרבייגייענדיג וואָלט איך דאָ וועלען זאָגען בלויז איניגע ווערטער וועגען אנטיסעמיטיזם. מיין מיינונג איז, אז אנטיסעמיטיזם קומט ניט פון דאָס אליין וואָס פיל מענש'ן האַלטען אז די איינציגע אורזאַכע פון אנטיסעמיטיזם איז דאָס, וואָס די אידען גלויבען ניט אין קריסטוסען, דעריבער זיינען דאָס די אידישע שונאים אזוי אָנגעשטויסען אויף די אידען.

איבּ דיזע זאַך וואָלט געוועזען די איינציגע סיבה פון אנטיסעמיטיזם, טאָ ווי אזוי וועט פאַרענטפערט ווערען אזא פראַגע: זיינען דען די אידען די איינציגע ווער עס גלויבען ניט אין קריסטוסען? זיינען דען ניטאָ פיל אַנדערע פעלקער וועלכע עס זיינען פיל גרעסער און וועלכע עס פאַרנעהמען אַ גרעסערען פּלאַטץ אין דער וועלט ווי די אידען, ווער עס זיינען אויך ניט קיין קריסטען? למשל: די אינדיאַנער, די טערקען, די אַראַבער, די כינעזער, די יאַפּאַנער און נאָך און נאָך אזעלכע פעלקער. דאָך, הערט זיך ניט אז מען זאָל אויף זיי זיין אזוי אויפגעבראַכט ווי אויף די אידען, און עס הערט זיך ניט אז מען זאָל אויף זיי האָבען געמאַכט אזעלכע שרעקליכע פּאָגראָמען און שחיטות ווי מען האָט געמאַכט אויף די אידען אין שפּאַניע, רוסלאַנד, פּוילען, רומעניע און נאָך און נאָך אין אנדערע מדינות! אָט דאָס איז אַ קלאָרער בעוויז, אז די ריכטיגע סיבה פון אַנטיסעמיטיזם איז גאָר וואָס אנדערש.

שפּעטער אַהין וועיזען זיך קלאָר אויף אין דיזען בוך די אמתע פעקטס און די סיבות, וועלכע עס שאַפען און וועלכע עס שטאַרקען דעם אַנטיסעמיטיזם. דערוויל וויל איך בלויז דאָ זאָגען נור איניגע ווערטער, אז איינע פון די אמתע סיבות פון אנטיסעמיטיזם איז דאָס, ווייל דעם אידען קען מען ניט פאַרדרייען די קאָפּ מיט אַלקאָהאָל, אזוי ווי מען קען זייער לייכט פאַרדרייען די קעפּ פון אנדערע מענש'ן פון אנדערע פעלקער.

דער איד איז אַלעמאָל ניכטער און ער קען בשום אופן ניט און ער וועט בשום אופן קיינמאָל זיך ניט לאָזען איינריידען אָדער נויטען צו טאָן אזא זאַך, ווי צו פערקויפען דעם ריכטיגען געדאַנק, אז עס מוז זיין גלייכהייט און פרייהייט פאַר אַללע מענש'ן צוגלייך פאַר אזא מיאוסען פּרייז ווי פאַר ביער, בראַנפען און כאַבאַר, מיט וואָס מען קען זייער לייכט אָפּקויפען דעם המון פון אַנדערע פעלקער, ווער עס גלויבען אין אַללעס וואָס נור מען רעדט זיי איין. און וועלכע עס פערקויפען מאַנכע מאָהל זייער פאָטערלאַנד פאַר אַ

סומע געלט, ווייל דער אייגענער איך שטייט ביי זיי טייערער ווי זייער פאַטערלאַנד אפילו. וואָס אז מען זאָל זיך גוט צוקוקען, קען מען אזעלכע זאַכען זייער אָפט זעהען אָדער לייענען אין די צייטונגען. אָט דאָס זיינען די הויפּט־סיבות פאַרוואָס די שמוציגע אנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע ווערט אזוי שטאַרק פאַרשפּרייט אויף דעם אומגליקליכען אידישען פאָלק.

אַ שענדליכער מיטעל וואָס די פאַרדאָרבענע הערשער פון אַ געוויסער לאַנד אָדער פון פיל לענדער בענוצען, אום צו פאַרהאַסען די אידען אין די אויגען פון זייער המון כדי דער המון זאָל אַלעמאָל זיין פאַרנומען צו טראַכטען נור וועגען די אידען און זאָללען דערווייל פאַרגעסען צו דערלאַנגען אַ קוק וואָס זייערע הערשער פיהרען אָפּ הינטער דער סצענע.

יעצט וויל איך שילדערען פאַר אייך אַ בילד פון דעם, ווי אזוי היטלער מיט זיינע געטריינטע בוטשערס האָבען זיך גענומען פאַר דעם דזשאָב אויסצופיהרען די שרעקליכע שחיטה אויפען אידישען פאָלק און ווי זיי האָבען זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די אידען מיטן פולסטען טעמפּאָ. דאָס איז אַן אמתער בילד פון די שרעקליכע יסורים וועלכע די אונליקליכע אונשולדיגע קרבנות האָבען זיך אויסגעליטען פון די אַללערלייאיגע טייוועלשע מעטאָדען, וועלכע די גרעסטע מערדער פון דער היינטיגער ציוויליזירטער וועלט האָבען דורכגעפיהרט אין זייער ברוטאַלען פּלאַן צו פערניכטען דעם אידישען פאָלק.

קען אימיצער פון אייך, ליבע לעזער אין דער גאַנצער וועלט, זיך פאָרשטעלען אַ בילד וואָס עס האָט געקענט פאָרקומען מיט פּונקט אזעלכע פיינע מענש׳ן אזוי ווי איהר זייט און איהר זאָלט ניט שוידערען פון שרעק פאָרשטעלענדיג זיך ווי איהר אליין מאַכט דורך דעם אָריגינעלען בילד, וואָס מען האָט ווירקליך געטאָן מיט לעבעדיגע מענש׳ן, ווי מען האָט צוזאַממען געטריבען הונדערטער אָדער טויזענדטער פאַמילליעס פון ארומיגע שטעדט און שטעדטלאַך אין פעלדער און אין וועלדער אזוי ווי אָרימע שעפּסען, מענער, פרויען און קינדער צוגלייך, און מען האָט די ערשטע זאַך אוועקגעריסען מיט געוואַלד, מיט קלעפּ פון פריקלאַדען, שאַמבאָקס און בייאָנעטס די האַלב־טויטע און צושראָקענע קינדער פון די טאַטעס און די מאַמעס, צו וועמען די קינדער האָבען זיך נעבאַך געוועזען צוגעטוליעט און מען האָט די אונגליליכע שעפּסעלאַך אוועקגעפיהרט ערגעץ־וואו, פון וואַנען זיי האָבען זיך שוין מעהר ניט צוריקגעקעהרט.

קען ווער זיך געניי פאָרשטעללען דעם ריכטיגען טרויעריגען בילד און ניט שוידערען, ווען מען שטעלט זיך פאָר די געשרייען און די חלשות פון די טאַטעס און מאַמעס ווען זיי האָבען מיט זייערע אייגענע אויגען געדאַרפט צוקוקען ווי די גזלנים, די נאַזיס, האָבען אוועקגעריסען זייערע ליבע קינדערלאַך פון זייערע אָרעמס און האָבען די צושראָקענע קינדערלאַך איינגעשטילט מיט אַ שאָס אין קעפּעלע אָדער אין הערצעלע פון די מערדערישע

רעוואָלווערען. און טאַטע־מאַמע האָבען גאָרנישט געקענט עפּעס טאָן צו ראַטעווען זייערע טייערסטע און ליבסטע! זיינען ניט דאָס מעהרסט פון אזעלכע עלטער׳ן געשטאָרבען גלייך אויף אָן אָרט אָדער משוגע געוואָרען ?!

קען ווער זיך פאָרשטעלען אזא אמת׳ן בילד און ניט שווידערען, ווען מען שטעלט זיך פאָר דעם אמת׳ן בילד וואָס עס האָט פּאַסירט, ווי אַ יונגע אידישע פרוי ראַנגעלט זיך מיט די גזלנים די נאַזיס, וועלכע מיט דער הילף פון בייזע וועלף־הינט רייסען אוועק איהר טייערע קינד פון איהר ברוסט און קוילענען דאָס נאָכהער אוועק. אַ ביסעל שפּעטער ברייגגען די גזלנים שטיקלאַך פליש צו דער אונגליקליכער פרוי און זיי הייסען איהר אויסצור־קאָכען דערפון אַ מיטאָג פאַר דעם קאָמענדאַנט מיט זיינע אָפיצערען. ווען די פליש איז פאָרטיג געוואָרען צום עסען, האָבען די גזלנים געצוויט דער הונ־געריגער פרוי, אז זי מוז פריהער אליין עסען פון די פליש צו פראָווען אז זי האָט ניט אריינגעטאָן קיין סם, און דערנאָך האָבען זיי איהר אויסגעזאָגט אז זי האָט געגעסען די פליש פון איהר אייגענער קינד. און ווען פון דער אָרימער אונגליקליכער מוטער׳ס אויגען האָבען זיך געגאָסען בלוט, ניט קיין טרערען, זיינען זיך די קאַלטבלוטיגע גזלנים די נאַזיס געשטאַנען און האָבען געלאַכט! וואָס עס האָט דערנאָך פּאַסירט מיט דער אונגליקליכער פרוי קענט איהר אליין זיך פאָרשטעלען.

קען ווער פון איך זיך אויך פאָרשטעלען אַזאַ טראַגישען בילד און ניט שווידערען ווען מען שטעלט זיך פאָר דעם אָריגינעלען בילד, ווי מענש׳ן פון אַלע קלאַסען, געוועזענע רייכע און אָנגענומענע מענש׳ן און הויך־געביל־דעטע פּערזענליכקייטען, אַלטע און מיטעליעהריגע, ווי אויך יונגע אינגלאַך און מיידלאַך, זיינען צוזאַרטירט געוואָרען אין פערשידענע גרופּעס. יעדע גרופּע פאָר אַ בעשטימטען אָרט וואו צו ווערען געטויט! מיידלאַך און ווייב־לאַך צו ווערען פאַרמוטשעט און דערנאָך צו ווערען געשאָסען פון רעוואָל־ווער אָדער צו ווערען דערשטאָכען פון דעם בייאָנעט אָדער פון מעסער, ווען דאָס אונגליקליכע, אויסגעהונגערטע און פאַרמוטשעטע בעשעפעניש איז געלעגען אין אונמאַכט פון די ברוטאַלע פאַרפייניגונג פון פיל געזונדטע אָפּגעפרעסענע מערדירים, וועלכע עס האָבען זיך צופרידענגעשטעלט איינע נאָך די אַנדערע, אזוי ווי ווילדע הינט.

מען האָט אידישע מיידלאַך אוועקגעשיקט אין שאַנדהייזער צו זעטיגען דעם לוסט פון די מערדערישע סאָלדאַטען. און אַלע 3 מאָנאַטען האָט מען אריינגעשיקט פרישע קרבנות און די פריהערדיגע אויסגעמוטשעטע אָפּגע־שיקט צו פאַרברענען זיי אין די קרעמאַטאָריאומס!

פאָלט עס ניט אָהן אַ טויט־שרעק, אז עס ווילט זיך גאָרניט לעבען, איי־דער צו זעהען חלילה אז דאָס קומט פאָר אזא טרויעריגער בילד מיט אַן איי־גענע קינד ?! אזעלכע שרעקליכע בילדער האָבען פּאַסירט נאָכאַנאַנד!

קען ווער זיך אויך פאָרשטעלען אַזאַ בילד און בלייבען גלייכגילטיג, ווען מען שטעלט זיך פאָר דעם אמת'ן בילד וואָס עס האָט פאַסירט, ווי מען האָט אויסגעקליבען צוויי אידען, מעהרסטענטייל אַ טאַטען מיט אַ זון, און מען צווינגט זיי אונטער שרעקליכע שמיטץ פון שאַמבאָקס צו שלאָגען איינער דעם אַנדערען אָהן רחמנות אזוי לאַנג, ביזביידע פאַלען אנידער פאַרבלוטיגטע אין טויט־חלשות. און די נאַזיס האָבען דערפון געהאַט די גרעסטע פערגעניגען, אזוי ווי אויף אַ באָקסינג־פייט.

קען ווער פון אייך, ליבע לעזער, זיך פאָרשטעלען אזא בילד און בלייבען גלייכגילטיג, ווען מען שטעלט זיך פאָר אזא שוידערליכען האַרצרייסענדען בילד ווי מען האָט צוזאַממען גענומען גרופּעס אידישע איינגלאַך און מיידלאַך און מען האָט זיי צושיקט אין האָספּיטאָלען אָדער צו אַנדערע פונקטען צו צאַפּען פון זיי זייערע יונגע אָרימע בלוט פאַר די פאַרוואונדעטע סאָלדאַטען פון דעם מערדערישען פאָלק! ווער קען זיך פאָרשטעלען די שרעקליכע טראַגעדיע וואָס דאָרטען איז פאָרגעקומען מיט די צושראָקענע קינדער, מיט די ווייטאָקדיגע הערצעלאַך פון ביינקשאַפט נאָך דעם טאַטען און נאָך דער מאַמען! קען ווער זיין אין צווייפעל, אז דאָס מעהרסטע פון זיי האָבען נעבאַך געחלשט אויף טויט ווי נור מען האָט זיי אוועקגעלייגט צו צאַפּען זייער אָרימע ביסעל בלוט!

אָט אזעלכע שרעקליכע מערדערייען האָבען די נאַזיס געטאָן, וואָס מען האָט זיך דערוואוסט ביז היינט! וויפיל ברוטאַלישע מערדערייען האָבען זיי געטאָן צו לעבעדיגע מענש'ן, וואָס די וועלט וויס נאָך ניט פון דעם?! ניט פיל מענש'ן אין דער וועלט האָבען אַן אַנונג וואָס די נאַזיס האָבען נאָך אזעלכעס אָפּגעטאָן! זיי האָבען געפּייניגט און געטויט לעבעדיגע מענש'ן ערגער ווי עס פּייניגען הונגעריגע טייגערס אָדער לייבען די קרבנות, ועלכע עס זיינען אריינגעפאַלען אין זייערע לאַפּעס. די מערדער די נאַזיס, זאַטערהיידה, זייענדיג אין גרויס פאַרגעניגען און אָנגעטרונקען פון די בעסטע געטראַנקען האָבען געוואָרפען יונגע אידישע קינדערלאַך אין דער לופטען און געשאָסען זיי אזוי ווי מען שיסט פויגלאַך און אָנגעכאַפּט זיי אויף די שפּיטצען פון זייערע בייאָנעטס! אָט דער שוידערליכער פאַרברעכען צו שפּילען מיט די לעבענס פון אונשולדיגע עופהלאַך אזוי ווי די קאַטץ שפּילט זיך מיט די מויז, איז ביי די נאַזיס גאָר געווען אַ ספּאָרט־זאַך, צו זעהען ווער עס קען אָנכאַפּען מעהר עופהלאַך אויפען בייאָנעט!

זיי האָבען פאַרהונגערטע מענש'ן געפּייניגט מיט אריינשטעלען זיי אין שמאָלע בודקעס, וועלכע עס זיינען געווען ניט גרעסער פון טעלעפאָןבודקעס און וועלכע עס זיינען געווען אינעווייניג פריש אויסגעקאַלכט. דער אונגליקליכער קרבן האָט געמוזט שטיין אין דער בודקע פאַר אַ בעשטימטע צייט. און אייב דער אונגליקליכער האָט ניט אויסגעהאַלטען צו

שטיין גלייך, ווייל זיינע שוואכע פיס האבען איהם מעהר ניט געקענט איינהאלטען און האט זיך דעריבער איינגעשמירט די זאכען אין קאלך, האט מען איהם דערפאר געשמיסען מיט די מערדערישע שאמבאקס ביז ער איז געפאלען אין חלשות. און ווען ער האט זיך געראנגעלט מיטן טויט האבען איהם די נאזיס געשיינקט א קויל אין קאפ אדער אין הארצען. אזעלכע ברוטאלע מערדערייען האבען געטאן די דייטשען, וואס זיי האלטען זיך פאר די פיינסטע מענש׳ן אין דער וועלט.

זיי האבען בעפוילען אונגליקליכע קרבנות צו שלאפען פאלשטענדיג נאקעטע אין קאלטע צימערען ווינטער אין די גרעסטע פרעסט און איב זיי האבען ווען געפונען אין מיטן נאכט אז ער לאפט מיט די זאכען אויף זיך האבען זיי איהם גלייך אין בעט אויף אן ארט דערשטאכען!

די נאזיס האבען קראנקע מענש׳ן אין די האספיטאלען אין די בעטען דערשטאכען! זיי האבען מענש׳ן געפייניגט מיט הונגער און מיט פראסט! זיי האבען מענש׳ן געהאלטען אין אייז־וואסער צו מאכען אויף זיי עקספערימענטען! זיי האבען איינדזשעקטעט מענש׳ן מיט פאיזען צו מאכען אויף זיי עקספערימענטען! זיי האבען בעפעהלען א גרופע מענש׳ן אויסצוגראבען קאנאוועס ווינטער וואו מען האט אויף זיי געגאסען וואסער אזוי לאנג ביז זיי זיינען איינגעפרארען געווארען און זיינען געבליבען שטיין סטאטועס פון אייז! זיי האבען מענש׳ן געשאסען אדער געהאנגען פאר די קלענסטע זאך! זיי האבען מענש׳ן, איבערהויפט רוסישע קריגס־געפאנגענע, צוגעבונדען איין פוס צו איין טייבק און די צווייטע צו אן אנדערען און האבען אוועקגעלאזען די טייבקס אין בעזונדערע ריכטונגען און די אונגליקליכע זיינען צוריסען געווארען אויף צוויי העלפט!

די נאזיס האבען צוזאמענגעטריבען אידען אין די שוהלען, מענער און פרויען, אלטע און יונגע צוגלייך, און האבען בעגאסען די ווענט און די פארשלאסענע טירען מיט פאראפין און מיט פעטראל און זיי האבען געצוואונגען אידישע פרויען, וועמענס קינדער עס זיינען געוועזען צווישען די אונגליקליכע, אז זיי זאללען אונטערצינדען די שוהל פון אללע זייטען און אזוי זיינען נעבאך אללע אידען פארברענט געווארען לעבעדיגערהייד! די מערדירים האבען אויסגעברענט מיט הייסע אייזענס „מגן דוד׳ס“ אויף די אידישע שטערענס! זיי האבען געצוואונגען אידען צו טראגען געלע לאטעס אויף זייערע בגדים, אונטער די שרעק פון טויט־שטראף פאר ניט אפהיטען דעם בעפעהל.

אזעלכע זארטען מערדערייען האט דער גרעסטער טייל פון אזא ווילדען פאלק געטאן צו לעבעדיגע מענש׳ן, צו מענער און פרויען און אפילו צו קלייגע קינדער! און די ארענטליכע מענש׳ן, וואס זיינען נאך דא אין דער וועלט, האבען ניט געוואלט דאס גלויבען ווען מען האט זיי פון אזעלכע שרעקליכע

מערדערייען דערציילט, וואָס עס איז באמת פאָרגעקומען. און ווען זיי האָבען דאָס געלייענט אין די צייטונגען, האָבען זיי געדיינקט אז דאָס איז בלויז פראָפּאַגאַנדע !

נאָך דעם פאַרפייניגען און דעם אויסמאָרדען פון איינצגע מיליאָהן מענש׳ן, האָבען די מערדערישע נאַזיס זיך גענומען קליגען ווי אזוי צו קענען טאָן די ברוטאַלע מערדערייען אין אַ לייכטערען פאָרמאַט, אום צו טויטען די אונגליקליכע אָהן הערען פון געשרייען אָדער פון צוצוזעהען די שוידערליכע בילדער ווי די קרבנות פאַלען אין חלשות ! עס האָט די זאַך ביי זיי צו לאַנג ניט געדויערט און זיי האָבען באַלד אזעלכע אינוועניענס צוגעטראַכט. געווינטליך איז דאָס צוגעטראַכט געוואָרען מיט דער הילף פון זייערע איינזשענערען און זייערע דאָקטוירים ! די דאָקטוירים און זייערע נערסעס און די סיסטערס האָבען די אונגליקליכע אינדזשעקטעט מיט פעטראָל איינעם נאָך דעם אַנדערען און ווי גיך מען האָט נור בעוויזען די אונגליקליכע ארויסצופיהרען פון צימער האָט קיין מינוטען ניט געדויערט און די קרבנות זיינען געפאַלען טויט אזוי ווי פאַרסמטע פליגען !

אזעלכע פאַרברעכענס האָבען די דייטשען געטאָן טאָג טעגליך פון אינדערפרי ביז ביינאַכט מיט מענש׳ן, אזוי ווי מען טהוט מיט בהמות אין שלאַכטהויז !

דערנאָך האָבען זיי שוין צוגעטראַכט אזא מיטעל, ווי מען זאָל קענען טויטען גאַנצע גרופּעס מענש׳ן אויף אַמאָהל. זיי האָבען גענומען כאַפּען אידען אין די גאַסען אָדער זיי האָבען זיי ארויסגעשלעפּט פון די הייזער אזוי ווי מען כאַפּט צוזאַממען הינט און זיי האָבען די אונגליקליכע ארייגעוואָרפען אין פאַרמאַכטע וועגנס, וואו מען פלעגט זיי דערשטיקען מיט געז. און אַם ענדע האָבען די נאַזיס אויסגעבעסערט און פאַרגרעסערט דעם טייוועלשען מיטעל, אז מען זאָל שוין קענען פאַרניכטען הונדערטער מענש׳ן אויף אַמאָהל אזוי ווי רעטס. פאַר דיזען בעשטימטען צוועק האָבען זיי אויסגעבויט געז־געבידעס אין פערשידענע ערטער, מעהרסטענטייל אין וועלדער, וואוהין זיי פלעגען שיקען גאַנצע עשעלאָנען, איינציגע אַ טאָג, פולע וואַגאָנעס מיט אידען פון פערשידענע קעמפּס אָדער פון שטעדט, מענער, פרויען און אפילו קינדער, וועמען זיי האָבען אָפּגענאַהרט אז מען גייט זיי שיקען צו אַן אַנדער קעמפּ, וואו עס וועט זיי זיין אַ סך בעסער ווי דאָ. אָדער מען האָט זיי איינגערעדט אז מען שיקט זיי אין אַ נייען אָרט אויף ארבעט און עס וועט זיי זיין דאָרטען אַ סך בעסער ווי דאָ.

די אונגליקליכע האָבען נעבאַך געגלויבט און האָבען זיך געוואונדערט וואָס זייערע גזלנים זיינען עפּעס מיט אַמאָהל געוואָרען אזוי גוט צו זיי און ווי אזוי קען מען איבערלאָזען די קינדער דאָ אליין ? האָבען זיי אויך מיט־

גענומען די אָרימע אומגליקליכע קינדער מיט זיך. אָבער ווי נור די טריינען האָבען זיי געבראַכט צו דעם פּלאַטץ, וואו די געז־בילדונגען זיינען געוועזען, האָבען גלייך מערדערישע פּרויען, וועלכע זיינען געוועזען אָנגעטאָן אזוי ווי האָספּיטאָל נערסעס און שוועסטער׳ס אָפּגענאַרט די אומגליקליכע קרבנות אז זיי מוזען דאָ צו ערשט האָבען בעדער אין די בלומרשטע קאַראַנטינען! דאָ האָט מען די אומגליקליכע פּרויען אָפּגעשאָרען די האָר, ארויסגעריסען די גאָלדענע ציינער און די רינגען פון די וועלכע עס האָבען נאָך געהאַט און גלייך נאָכדעם מיט קלעפּ און מיט שרעקליכע שמיטץ פון שאַמבאָקס נאָקעטערהייד מענער, פרויען און קינדער אריינגעטריבען אזוי ווי בהמות אין די אמתע געז־ציימבערס, פון וואַנען זיי זיינען שוין מעהר קיין לעבעדיגע ניט ארויס.

די געוואַלדיקע געשרייען אין די געז־ציימבערס פון די אומגליקליכע און צושראָקענע, ווער עס זיינען געקראָכען איינע איבער די אַנדערע אזוי ווי ווערים אין די פינסטערע ציימבערס, האָבען אזוי אָנגעהאַלטען ביז ארום 5 מינוטען, ביז דער טויט פון געז האָט זיי אַלעמען איינגעשטילט און פאַרשלעפּערט אויף אייביג! די נאַזיס האָבען גלייך די נאָך וואַרימע קערפּערס האַלב טויטע און האַלב לעבעדיגע געוואָרפען אויף פּלאַטפאָרמס, וועלכע האָבען געפיהרט אין די הייסע אויוענס אריין, וואו די אומגליקליכע זיינען פאַרברענט געוואָרען און זייערע אַש האָבען די קאַלטע מערדירים פאַרנאַנדערגעשאָטען אויף די פעלדער אַלס פערטיליזער.

אַט דאָס איז ציוויליזאַציע! אַט דאָס איז אַ פּראָבע וואָס עס מיינט אַ ציוויליזירטער פאָלק! ווער עס האָט אזוי שטאָלציערט, אז זיי זיינען דער איינציגער קוואַל פון וואַנען די גאַנצע מענשהייט ציהט ציוויליזאַציע!

אין אַ געוויסע צייט ארום האָבען די שטיצער און די סימפּאַטיקער פון דעם בעריהמטען מערדערישען פאָלק אויפגעעפענט די אויגען פון זייער זיסען חלום וואָס עס האָט זיך זיי אזוי זיס געחלומט און פון וואָס זיי האָבען אזוי הנאה געהאַט, אז זייער לאַקיי היטלער, ווער עס האָט זיך אָנגענומען אומצוברייינגען די אידען און אויך די רוסישע אַרבעטער מיט זייער רעגירונג, פון וואַנען עס קען חלילה גרייכען געדאַנקען צו זייערע אייגענע אַרבעטער אין זייערע לענדער, ווער עס וועלן זיך לערנען צו בעפרייען זיך פון זייערע הערשער און אונטערדריקער, און זיי האָבען זיך געפרייט און געהאָפט אז ווען היטלער וועט אָפּטאָן דעם טייערען דזשאָב, וועלען זיי דאַהן שוין קענען שלאָפען רוהיג און זיי וועלען שוין קענען רוהיג געוועלטיגען אויף זייערע שקלאָפען אָהן קיין מורא פאַר דעם מאָרגען. ערשט וואָס האָבען זיי גאָר דערזעהען ווען זיי האָבען גוט אויסגעריבען זייערע אויגען?! זיי האָבען גאָר דערזעהען אַ שרעקליכען בילד וואָס עס האָט זיך זיי בשום אופן ניט געקענט גלויבען. זיי האָבען דערזעהען און דערפיהלט אז דער דאָזיגער געטרייער

לאַקיי היטלער, ווער עס האָט זיי אזוי היילּיג צוגעזאָגט צו טאָן פאַר זיי אַללעס וואָס זיי וועללען פון איהם נור פאַרלאַנגען, און דערפאַר האָט ער ביי זיי געפועלט צו פאַרכאַפּען עסטרייך און צעכאָסלאָוואַקיע, האָבען זיי מיט אַמאָהל דערפיהלט אז דער פיהרער פון דעם בעריהמטען ציוויליזירטען פאָלק, ווי איך האָב שוין פריהער בעשריבען, האָט זיי אלעמען אריינגעפיהרט אין אַ טיפע בלאָטע! ער האָט זיי גאָר אריבערגעקוקט! ער האָט אין אזא וועלט פון בלאָף און פון כאַפּעניש איינער פון דעם אַנדערען זיך מישב געווען צו פאַרכאַפּען די גאַנצע וועלט וויפיל מען וועט נור קענען, פאַר זיך מיט זיין דייטשישע קליקע! און נאָכדעם איינצופיהרען אין דער וועלט אַ נייען סיסטעם לויט זיינע טייוועלשע אמבישענס: דער דייטשישער פאָלק זאָל זיין דער הערענפאָלק אויף דער מענשהייט און אַללע אַנדערע מענש'ן זאָללען זיין זייערע בעדינער און זייערע קנעכט! אויף אזא אופן זיינען גאָר די אַללע פאַרדאָרבענע שטיצער און סימפּאַטיקער פון היטלערן אליין אין דער גרעסטער געפאַהר אריינצופאַלען אין דער זעלבער גרוב וועלכע זיי האָבען דורך דיזען טייוועל געגראָבען פאַר אַנדערע! אָט דאָס האָבען זיי זיך געכאַפּט ווען זיי האָבען זיך אויפגעכאַפּט פון זייער זיסען שלאָף! אָבער עס איז געווען צו שפּעט!

דער דייטשישער פאָלק, זייענדיג צוהיצט פון די גרויסע נצחונות וועלכע זיי האָבען דערגרייכט אָהן קרבנות און אָהן געשלעגען, אַ דאַנק זייערע שטיצער און סימפּאַטיקער, וועלכע עס האָבען זיי געהאָלפען מיט אלערליי פּאָליטישע טריקס אין פאַרמיטלען אז מען זאָל זיך אונטערגעבען אין אַ פיינעם אופן צו היטלערן אָהן בלוט פאַרגיסונג. האָט היטלער דערווייל אזוי פאַרכאַפּט עסטרייך און צעכאָסלאָוואַקיע, בלאָפענדיג זיי אַלעמען אז דאָס וועט איהם בריינגען נעהנטער צו רוססלאַנד און אויך אז דאָס וועט זיין אַ טייל פון זיין בעלוינונג פאַר דעם טאָן פון אזא שווערען דזשאָב פאַר זיי.

די דייטשען, זייענדיג דעם מאָהל פול מיט האָפפנונג אז דיזער פיהרער זייערער וועט אריבערשטייגען אַללע זייערע פריהערדיגע העלדען, אז דורך זייער יעצטיגען העלדישען פיהרער, פאַר וועמען עס פאַללען פעלקער צו זיינע פיס, וועט ענדליך פאַרווירקליכט ווערען זייער אייביגע שטרעבונג. „דייטשלאַנד איבער אַללעס", האָבען זיי אַלע בעשלאָסען, אַללע אזוי ווי איינער! אז זיי מוזען אויסנוטצען דעם גינסטיגען מאָמענט, און אַללע אזוי ווי איינער האָט דער גאַנצער פאָלק, יונג און אַלט, זיך פאַראייניגט ארום זייער העלדישען פיהרער און האָבען זיך אַ וואָרף געטאָן אזוי ווי בייזע טיגערס פון איין לאַנד אויף דער אַנדערער און אין אַ משך פון איבער צוויי יאָהר האָבען זיי פאַרכאַפּט צוערשט עסטרייך און צעכאָסלאָוואַקיע, דערנאָך אונגאַרן און פּוילען, דענמאַרק און נאָרוועגיע, האָללאַנד און בעלגיע, לוקסעמבורג און גאַנץ פראַנקרייך.

אויסערדעם האָט זיי איטאַליע געגעבען אַ האַנט אין דעם פאַרכאַפּען פון יוגאָסלאַוויע, גריכענלאַנד און בולגאַריע. די דייטשען האָבען גלייכצייטיג פּרובירט אויך צו פאַרכאַפּען איינגלאַנד, וועלכע איז בלויז 21 מייל מיטען ים פון האָלאַנד און עס האָט געהאַלטען גאָר ניט ווייט, אַז זייער פּלאַן זאָל האָבען פאַרווירקליכט געוואָרען. אָבער צוליב געוויסע אורזאַכען וואָס אפשר געציילטע מענש'ן קענען דאָס כאַפּען צו פאַרשטיין, און וואָס די שפּעטערדיגע היסטאָרי וועט דאָס אפשר אַמאָהל אויפדעקען ווי ענגלאַנד האָט זיך געראַטעוועט, די געשיכטע פון באַרנאַדאָטי און די געשיכטע העסס, היטלער'ס דעפּיוטי. אַזוי האָבען די דייטשען מיט אַמאָהל געענדערט זייער פּלאַן פון צו גיין אויף איינגלאַנד און זיי האָבען אָנשטאָט דעם פּלוצלינג און אונגעריכטערהייד זיך אַ וואָרף געטאָן מיט די גאַנצע קראַפט אויף רוסלאַנד, מיט וועמען זיי האָבען גאָר מיט אַ קורצע צייט צוריק געשלאָסען אַ האַנדעלס־אָפּמאַך.

די דייטשען האָבען זיך גאָרניט געקימערט וועגען דעם אינטערנאַציאָנאַלען אָפּמאַך, וועגען די איינגעשטעלטע געזעטצען ווי אַזוי מען מעג אָנהויבען אַ מלחמה. זיי האָבען דאַהן פאַר קיין זאַך ניט געקעהרט. און מיט דעם גאַנצען שוואונג פון זייער געוואַלדיקער קראַפט און מוטה האָבען זיי דורכגעשניטען און צושמעטערט אַלעס וואָס איז זיי געשטאַנען אין זייער וועג און זיי האָבען אויף אַזאַ אופן אין אַ קורצע צייט פאַרכאַפּט ליטע, לעטלאַנד און עסטלאַנד. און מיט דער הילף פון פינלאַנד זיינען זיי דערגאַנגען ביז לענינגראַד אין צפון, און פון דער אַנדער זייט ביז מאָסקווע אין מזרח. און נאָך דעם פאַרכאַפּען פון גאַנץ אוקראַינע זיינען זיי געבליבען שטיין ביי סטאַלינגראַד. אויך אין דרום־מזרח האָבען זיי פאַרכאַפּט באַלד גאַנץ קאַווקאַז און זיי האָבען אויך פאַרכאַפּט כמעט גאַנץ צפון־אַפריקע און זיי זיינען דערגאַנגען באַלד ביז עגיפּטען.

זיי האָבען זייער שטאַרק געהאָפט גאָר גיך צו געבען זיך הענט אין עגיפּטען מיט זייערע אַרמייען, וועלכע האָבען געדאַרפט אָנקומען פון קאַווקאַז דורך איראַק, איראַן און פּאַלעסטינע. די דייטשען זיינען אין דיזער מלחמה געוועזען אַזוי שטאַרק, אַז קיין פאָלק און קיין מענש אין דער וועלט האָט שוין מעהר ניט געגלויבט אַז מען וועט קענען זיי ברעכען ווען ניט איז.

דערווייל האָט יאַפּאַן פאַרכאַפּט אין וויטען מזרח כמעט אַלע אינזלען וועלכע האָבען געהערט צו אַמעריקע, איינגלאַנד, האָללאַנד און כינע, און עס איז שוין געשטאַנען כמעט אָהן קיין צווייפעל די גרעסטע געפאַהר, אַז די אַרמייען פון די 3 מלוכות: דייטשלאַנד, איטאַליע און יאַפּאַן, זאָללען זיך פאַראייניגען ערגעץ וואו אין נאָהנטען מזרח און זאָללען האָבען צוזאַממען פאַרכאַפּט מעהר ווי אַ האַלבע וועלט.

די לאַגע פון דער וועלט איז געוועזען זייער אַ טרויעריגע! די ערגסטע לאַגע איז געוועזען די רוססישע, ווייל רוססלאַנד, וועלכע איז געוועזען אָפּגעשניטען ווי מיט אַן אייזערנע וואַנט פון איינגלאַנד און אַמעריקע, וועלכע עס זיינען מיט אַמאָהל גאַר געוואָרען איהרע כלומרשטע פריינד און שותפים אין זייער עת צרה, האָט געהונגען מיט טייכען בלוט פון די שרעקליכע געוויכט פון די אכזריותדיגע קלעפּ וואָס זי האָט געקראָגען פון די צווילדעוועטע דייטשען, וועלכע עס האָבען געלאָזען צו רוה דעם צווייטען פראָנט, דעם מעריבדיגען פראָנט, און האָבען גאַר געפיהרט די גאַנצע מלחמה נור אויף איין רוססישען פראָנט אליין, מיט דער הילף פון איטאַליענישע, רומענישע און נאָך אַנדערע אַזעלכע אַרמייען, וועלכע זיי האָבען פאַרמירט אין אַ סך פאַרכאַפּטע לענדער.

איינגלאַנד, אַזוי גיך ווי זי האָט אריבערגעקוקט די דייטשען, אַז זיי האָבען זיך אָפּגעהאַלטען פון צו גיין אויף איהר אינזעל, האָט האַסטיג אויסגענוצט דעם מאָמענט און געשיקט איהר שליח קיין אַמעריקע, ווער עס האָט זיך געבעטען אַז אַמעריקע זאָל איהר ראַטעווען, ווייל זי האָט געקענט דערוואַרטען יעדע ווײַלע אַז די דייטשען וועלען אפשר בייטען זייער פּלאַן און וועלען זיך ווידער אַ וואַרף טאָן אויף איהר אינזעל.

אַמעריקע אליין האָט בעזונדער אויך געזעהען אַ גרויסע געפאַהר פאַר איהר אייגענער לאַנד פון יאַפּאַן. און מיט איין וואָרט די גאַנצע וועלט האָט געהאַלטען גאַר ניט ווייט פון צו ווערען פאַרכאַפּט פון דייטשלאַנד, איטאַליע און יאַפּאַן. און דאַהן וואָלט געוועזען אַ זיכערע ענדע צו וועלכע ניט איז האָפפנונג, אַז מען וועט וועהן ניט איז קענען גרייכען עפּעס פרייהייט אָדער גערעכטיגקייט פאַר דער מענשהייט פון דער גאַנצער וועלט! די מענשהייט וואָלט גאַר אַנשטאָט דעם געוועזען איינגעזונקען אין אַ אייביגע פינסטערקייט פון שקלאַפערייי און מערדעריי אפשר אויף אַלעמאָל!

צו אַזאַ טרויעריגע לאַגע האָבען דאָס היינטיגע פיהרער פון דער וועלט אריינגעבראַכט דער מענשהייט מיט דעם, וואָס זיי האָבען געשפּילט אַזאַ נאַרישע און געפעהרליכע שפּיל, פּונקט אַזוי ווי קינדער, וועהן זיי האָבען אַנגעצונדען אַזאַ שרעקליכען גרויסען פייער, צילענדיג זיך צו פאַרברענגען אַנדערע! זיי האָבען אָבער ניט פאַרשטאַנען אַזאַ זאַך, אַז עס איז דאָ אַ פיהרער וועה עס פיהרט אָהן מיט דער וועלט, ווער עס קען מאַכען אַז דער ווינט זאָל זיך בייטען זיין ריכטונג, און אַז דער זעלבער פייער וואָס זיי האָבען אָנגעצונדען פאַר אַנדערע, קען זיי אליין גאַר פאַרברענגען!

די וועלטליכע לאַגע איז געוועזען זייער אַ טרויעריגע! די וועלט האָט זיכער געהאַלטען ביים אונטערגיין! ווייל וואָס וואָלט ווערט געוועזען דאַהן צו בלייבען לעבען אין אַזאַ פינסטערע וועלט פון מערדעריי און רציחה אונטער דער הערשאַפט פון אַזעלכע 3 מערדערישע פעלקער ווי די דייטשען

די נאַזיס, די פאַשיסטען די איטאַליענער און די יאַפּאַניזער, וועלכע עס האָבען זיך אזוי ברוטאַליש אויסגעצייכענט מיט זייערע שוידערליכע רציחות!

אָבער דער גרויסער בעשעפער, דער ווער עס האָט באַשאַפען די גאַנצע וועלט מיט דער גאַנצער מענשהייט, דער גרויסער האַר, ווער עס איז דער געטרייער פאָטער, וואָס זיין וואונש איז נור דיזע איינציגע זאַך, אז זיינע קינדער זאָללען לעבען אין שלום און זאָללען געניסען און זאָללען הנאה האָבען פון אַללעס וואָס ער האָט פאַר זיי, פאַר אַלעמען, אָנגעגרייט פון אַללעס אזוי פיל, אז עס זאָל זיין גענוג פאַר אַלעמען צו עסען און צו טריג־קען, אז זיי זאָללען ניט דאַרפען זיך קריגען אָדער זיך שלאָגען, אָט דער גרויסער גוטער פאָטער פון דער מענשהייט וועך עס פאַרלאַנגט פון דער מענשהייט בלויז איין זאַך: אז זיי זאָללען עפענען זייערע אויגען און זאָללען דערזעהען און זאָללען אָנערקענען וועך עס איז דער אמתער בעשעפער פון אַללעס און וועך עס איז דער אמתער שפייזער פון דער וועלט, ער פאַרלאַנגט דאָס פון דער מענשהייט ניט,חלילה, ווייל ער זוכט כבוד! ער דאַרף ניט קיין כבוד און קיינע חניפות! נור ער פאַרלאַנגט דאָס גאָר צוליב דעם מענשנ׳ס טובה וועגען! ווייל ער וויל אז די מענשהייט זאָל וויסען אז אַללעס וואָס זיי זעהען איז פון איהם, און אז אַללעס געהערט נור צו איהם אליין! אז קיין מענטש זאָל ניט קענען דיינקען און זאָגען צו אַנדערע מענש׳ן אז דאָס אָדער דאָס געהערט צו מיר, צו דעם מענש׳ן אליין און דער אַנדער מענש זאָל זיין אויסגעשלאָסען פון די זעלבע פריווילעגיעס וואָס ער געניסט.

גאָט וויל אזעלכע זאַכען ניט ליידען און ער איז זייער אין כעס וואָס אַנ־דערע מענש׳ן האַלטען זיך פאַר גרויסע העלדען און פאַרכאַפּען די מאַכט אויף די אַנדערע מענש׳ן און מאַכען זיי פאַר שקלאַפען! זיי פאַרשטייען גאָר־ניט, אָט די דאָזיגע העלדען, אז זיי האָבען ביי גאָט אַ סך אַ קלענערע ווערדע ווי עס האָט אַ פליג ביי אַ מענש׳ן. און דעריבער, ווייל דער גרויסער האַר פון דער וועלט און דער גוטער פאָטער האָט שוין מעהר ניט געקענט צו־זעהען די ליידעניש פון דער מענשהייט און די געוויין און די געשרייען, ניט נור פון די אידען אליין, נור אויך פון די רוסען, פאָליאַקען, פראַנצויזען, בעלגיער, האָללאַנדער, דיינער און נאָך אזעלכע, וועלכע עס האָבען זיך גע־פלאָגט אונטער די מערדערישע יאָך פון די פאַרכאַפּער, האָט דעריבער גאָט אַ זאָג געטאָן מיט זיין הייליגען פאָטערליכען מויל, אז עס זאָל שוין נעהמען אַ ענדע צו די ליידענישען פון דער מענשהייט. כאָטש זיי זיינען אזוי זינדיג, און זייערע ליידען און זייערע צרות זיינען געקומען אויף זיי, ניט ווייל גאָט וויל דאָס, נור ווייל זיי אליין מיט זייער אונוויסענשאַפט און מיט זייער ניט וועלען פאַרשטיין און ניט וועלען גלויבען און מיט זייער ניט מורא האָבען פאַר איהם, ברייינגען זיי אליין אויף זיך אָט די אַללע אכזריות און די שרעקליכע פיין! און צוליב זיין גרויס רחמנות אויף די ליידענדע האָט גאָט זיך אליין

ארייגעמישט אין דער שרעקליכער פּאַרצווייפעלטער לאַגע אין וועלכער די וועלט האָט געהאַלטען אז מען האָט שוין אַללע האָפנונגען באַלד פּאַרלאָרען, און גאָט אליין האָט עס געמאַכט אז דער טייוועלשער פאָלק צוזאַמען מיט זייער אָפּגאָט, זייער טייוועלשען פיהרער זאָללען אראָפּפּאַלען פון אזא הויכ־קייט, אזוי טיף אין דער ערד אריין!

און גאָט האָט עס ארייגעגעבען די הצלחה אין די הענט און אין די געווער פון די צייטווייליגע פּאַראייניגטע פעלקער אין זייער אלגעמיינער עת צרה. און גאָט האָט עס זיי, די גענערעלער פון אמעריקע, איינגלאַנד און רוסלאַנד, ארייגעגעבען דעם שכל און דעם פאַרשטאַנד און די ריכטיגע געדאַנקען וואָס פאַר אַ זאַרט סטראַטעגיע זיי זאָללען אָננעהמען. כאָטש זיי זיינען דאָס ניט ווערט געוועזען, דאָך האָט גאָט געמאַכט אז די דריי פריהער דערמאָנטע פּאַראייניגטע מלוכות האָבען בעגליקט ניט נור צו צווינגען די דייטשען, די איטאַליענער און די יאַפּאַניזער דאָס זיי זאָללען זיך צוריקציהען און פאַרלאָזען די לענדער וועלכע זיי האָבען פאַרכאַפּט, נור גאָט האָט דעם מאָהל בעוויזען נאָך אַ גרעסערען נס, אז די פּאַראייניגטע מלוכות האָבען גאָר פּאַרנומען גאַנץ דייטשלאַנד, איטאַליע און יאַפּאַן!

און עס האָט זיך איינגאַנצען איבערגעדרייט די לאַגע פון דער וועלט, אז פון אזא פינסטערקייט, וועלכע עס וואָלט אפשר אָנגעהאַלטען אויף דור דורות, האָט זיך איבערגעדרייט צו אַ גרויסע ליכטיגע צוקונפט פאַר דער מענשהייט! צו ליכטיגקייט און צו שטאַרקע האָפנונגען אז די מענשהייט זאָל האָבען די מעגליכקייט איין גוטען טאָג איינצופיהרען אזא אָרדנונג אין דער וועלט, אז עס זאָל שוין איינמאָהל פאַר אלעמאָהל הערשען שלום און מען זאָל שוין מעהר ניט וויסען פון קיינע מלחמות און פון קיינע אומזיסטע האָס פון איין מענש'ן צו דעם אנדערען און פון איין פאָלק צום צווייטען.

און אָנשטאָט וואָס עס האָט אָהן צווייפעל געקענט זיין, אז ווען די דייט־שען וואָלטען חלילה געוואונען די מלחמה אז זיי וואָלטען צוזאַמענגעכאַפּט אַללע פיהרער פון די לענדער און וואָלטען זיי אַלעמען אויסגעקוילעט אָהן קיין שום אויסנאַהם, אזוי ווי זיי האָבען אויסגעקוילעט אַללע אַנדערע מענש'ן, האָט זיך דעם מאָהל די רעדיל איינגאַנצען איבערגעדרייט און די פּאַראייניג־טע מיליטער פון אמעריקע, איינגלאַנד און רוסלאַנד האָבען צוזאַמענגע־כאַפּט כמעט אַללע אָנפיהרער פון דער טייוועלשער גיינג, פון דייטשלאַנד, איטאַליע און יאַפּאַן, און אָנשטאָט וואָס מען האָט אזעלכע מערדיירים גע־דאַרפט טויטען אויפען אָרט אָהן קיין משפט פאַר אזעלכע שוידערליכע פאַר־ברעכענס וואָס זיי האָבען אָפּגעטאָן צו אזוי פיל מיליאָהנען אונשולדיגע, שוטצלאָזע אומזיסטע קרבנות, האָבען גאָר די זיגער אָנגעפיהרט אַ וועלט־ליכען משפט איבער אזעלכע גזלנים און די זיגער האָבען זיך בעגאַנגען מיט זיי ווי מען בעגייט זיך מיט געוויינליכע מענש'ן, און דער וועלטליכער גע־

ריכט האָט נאָך לאַנגע מאָנאַטען פון אויסהערען עדות אָהן אַ צאָהל בעשטע־טיגט אז זיי פאַרדינען אָהן צווייפעל זייער טויט. און דער נירענבערגער גע־ריכט האָט גלייך פאַרמשפט 10 פון די הויפט־אָנפיהרער פון דער דייטשישער קרימינעלער גיינג צום טויט, וועלכע מען האָט דערנאָך געהאָנגען. און אויך אַ גרויסע צאָהל פון די איבריגע פאַרברעכער האָט מען פאַרמשפט צו פער־שידענע טערמינען אין געפיינקניש.

אזעלכע וועלטליכע געריכטען זיינען אויך פאַרגעקומען אויף די אי־טאַליענישע און יאַפּאַנישע מלחמה־מערדער.

אַכצעהנטער קאַפּיטעל

און יעצט וואָלט איך וועלען דערמאָנען אַ וויכטיגע זאַך צו די אַללע פיהרער פון די פאַראייניגטע מלוכות, צו די וועלכע עס זיינען געווען אין די גרויסע געפאַר אונטערצוגיין, און אָנשטאָט דעם האָט זיך די רעדל איבער־געדרייט אז זיי האָבען געוואונען די מלחמה. כאָטש יעדער מענש ווער עס האָט עטוואָס שכל קען דאָס זעהען דעם גרויסען נס, וואָס גאָט האָט דאָ גע־טאָן, פונדעסטוועגען וועל איך יעדען איינעם פון זיי דאָס דערמאָנען, אז זיי זאָללען ניט מאַכען חלילה קיין נאַרישען טעות און זיי זאָללען ניט דיינקען אז זיי האָבען געוואונען די מלחמה צוליב דעם, ווייל זיי זיינען בעסערע מענש'ן פון די, וועלכע עס האָבען פאַרלאָרען די מלחמה, אָדער זייער חכמה, זייער שטאַרקייט האָט דאָס זיי געהאָלפען. איך וועל זיי דאָס זייער שטריינג אויפמערקזאַם מאַכען, אז אייב זיי וועלען אזעלכע געדאַנקען ארויפלאָזען אויף זייערע מוחות וועלען זיי טאָן די גרעסטע נאַרישקייט און דעם גרעסטען טעות.

זיי דאַרפען און זיי מוזען דאָס וויסען און זיי טאָרען קיינמאָהל ניט פאַר־געסען דעם גרויסען נס וואָס גאָט האָט צו דער וועלט בעוויזען, אז יעדער מענש אין דער וועלט זאָל דאָס זעהען און פאַרשטיין, אז זיי האָבען געוואונען די מלחמה וואָס עס האָט געהאַלטען אז די גאַנצע מענשהייט זאָל אונטערגיין ניט צוליב זייער חכמה און גבורה, נור צוליב דעם אליין, ווייל דער אויבער־שטער, דער פאָטער פון אַללע מענש'ן, האָט דערזעהען די גרויסע געפאָהר וועלכע עס האָט געדראָהט דער מענשהייט, אז ווייטער האָט דאָס ניט גע־טאָרט גיין! דערפאַר האָט ער אליין זיך אריינגעמישט אזוי ווי ער האָט פיל מאָהל זינט די וועלט שטייט זיך געמוזט אריינמישען ווען די געפאָהר פלעגט ווערען צו גרויס, ווען איין טייל פון דער מענשהייט האָט געהאַלטען ביין אומברייינגען דער אַנדערער.

און אזוי ווי ער האָט פיל מאָהל בעוויזען גרויסע נסים וואָס די וועלט האָט פון דעם געקלונגען, און וואָס דאָס איז וואונדערבאַר נאָך היינט אפילו צו אזעלכע ווער עס האַלטען אָפען די אויגען און צו אזעלכע ווער עס האָבען עטוואָס שכל צו פאַרשטייך, אזוי האָט ער אויך דעם מאָהל בעוויזען אזא וואונדערבאַרען גרויסען נס, וואָס עס טאָר קיינמאָל ניט פאַרגעסען ווערען, אז נור גאָט אליין האָט עס צובראָכען די גרויסע געפאַהר, וועלכע עס האָט געדראָהט דער גאַנצער מענשהייט, וואָס איך גלויב אז עס זיינען דאָ זייער ווייניג אזעלכע קלוגע מענש'ן וועלכע עס קענען בענעהמען וואָס עס האָט געקענט ווערען פון אזא שיינע וועלט.

מענש'ן וועלכע עס קוקען אריין אין תנ"ך קענען זעהען קלאָרע פעקטס פון דער פאַרגאַנגענער היסטאָרי, ווי דער אויבערשטער וואַרט אלעמאָל זייער לאַנג ביז אַ געוויסע צייט, ביז די שלעכטס דערגייט ביז א געוויסער מאָס און די געפאַר דערגרייכט ביז אַ געוויסער מדרגה. דאַהן מישט ער זיך אליין אריין און ער דערלאָזט ניט אז די פינסטערקייט זאָל בייקומען די ליכטיגקייט. ווייל די וועלט קען נור עקזיסטירען אויף דעם וואָס גאָט האָט געזאָגט אין אָנפאַנג ווען עס האָט געהערשט פינסטערניש אויף דער וועלט און גאָט האָט דאַהן אַ זאָג געטאָן: „יהי אור", עס זאָל הערשען ליכטיגקייט! עס מאַכט ניט אויס וואָס פאַראַ זאָרטען אויסטראַכטונגען און פאַראַ זאָרטען אינוועגשענס פאַרדאָרבענע מענש'ן וועלען אויסטראַכטען בייצוקומען די ליכטיגקייט! זיי וועלען דאָס קיינמאָל ניט אויספיהרען, ווייל גאָט האָט געזאָגט עס זאָל הערשען ליכטיגקייט און ער שטייט אויף דער וואַך!

איך וואָלט דאָ וועלען ברייגגען איניגע פעקטס פון תנ"ך, וואָס עס וועלען בעשטעטיגען דאָס אַללעס, וואָס איך האָב אָקאָרשט גערעדט. לאָמיר זיך צוקוקען ווי גאָט האָט געוואַרט און געוואַרט אפשר וועלען זיך די מענש'ן פון סדום און עמורה כאַפּען אז זיי בעגייען אַזעלכע פאַרברעכענס צו דער מענשהייט און זיי וועלען אפשר ארויף אויפען גוטען וועג. און זעהענדיג אז עס נעהמט קיין ענדע ניט, אז זיי ווערען אַלץ ערגער און עס קען ברייגגען אַ גרויסע געפאַהר צו דער גאַנצער מענשהייט, האָט ער זיך אריינגעמישט און ער האָט זיי אָפּגעווישט פון דער ערד.

לאָמיר אויך בעטראַכטען מיט אַ קאָפּ ווי די מצריים האָבען אזוי שרעקליך געפייניגט די אונגליקליכע אידען מיט אזעלכע שוידערליכע פיין. גאָט האָט געוואַרט און געוואַרט אפשר וועלען זיך די מצריים כאַפּען אז זיי בעגייען אַ שרעקליכען פאַרברעכען געגען אַ טייל פון דער מענשהייט. ער האָט געשיקט משה מיט אהרנען זיי צו דערמאָנען אז גאָט קען אזעלכע זאַכען ניט צוקוקען! אז ער וועט זיי שטרייגג בעשטראָפען. און זעהענדיג אז עס קען קיין זאַך ניט העלפען, אז זיי ווערען אַלץ ערגער און ערגער, האָט ער זיי געפייניגט מיט 10 שוידערליכע מכות און ער האָט אין די ענדע פרעהן

זייער קעניג מיט זיין שטאַרקע אַרמיי דערטרונקען אין ים פאַר די אויגען פון אַללע אידען. און ער האָט די אידען, אַן אונבעוואָפענטען אויסגעמוטשעטען און שוטצלאָזען פאָלק, בעפרייט פון אזא שטאַרקען בעוואָפענטען און גרויסען פאָלק ווי די מצריים זיינען אין יענע צייטען געוועזען. און פון דאַהן אָהן זיינען די מצריים געבליבען אַ קליינער און אַן אָרימער פאָלק.

אויך קען מען לערנען פון דעם ווי גאָט האָט זיך אָפגערעכענט מיט המנען, ווער עס האָט געהאַלטען ביין אומברייננגען די אידען פון פערסיע אין איין טאָג! האָט גאָט זיך דאַהן אריינגעמישט און האָט צוגעהערט די געבעט פון די אונגליקלעכע אידען אין יענע צייטען און ער האָט צוגעזעהען ווי זיי האָבען זיך געפייניגט זייערע קערפערס מיט זייער פאַסטען און זיי האָבען בעוויזען אז זיי האָבען חרטה אויף זייערע זינד, האָט גאָט געמאַכט אז מען האָט המנען מיט זיינע 10 זיהן אויפגעהאַנגען אויף דעם זעלבען בוים וואָס ער, המן, האָט צוגעגרייט אויפצוהייננען מרדכי דעם אידען.

און דאָ איז נאָך אַ פעקט וואָס מיר זיינען אַללע עדות, ווי גאָט האָט זיך אָפגערעכענט מיט שפאַניע פאַר די אומזיסטע אונשולדיגע בלוט וואָס זיי האָבען אזוי פיל יאָהרען פאַרגאָסען פון די אונגליקליכע אידען אין דער שרעקליכער צייט פון דער שפאַנישער אינקוויזיציע, ווען זיי האָבען פאַרפייניגט אזוי פיל אידען, מיט דעם נויטען זיי אז זיי זאָללען זיך שמדען! האָט גאָט זיך אזוי שטרייננ אָפגערעכענט מיט שפאַניע, אז פיל פון אונז האָבען דאָס אפשר געזעהען מיט די אויגען און פיל פון אונז האָבען דאָס געלייענט אין די צייטונגען אין דער גאַנצער וועלט, ווי עס האָט זיך געגאָסען זייער בלוט, וואָס איין ברודער האָט געמאָרדעט דעם צווייטען, וואָס ביידע זיינען דאָך פון דעם זעלבען גלויבען, און די בירגער־קריג האָט אָנגעהאַלטען פאַר אַ לאַנגע צייט ביז זיי האָבען בעצאָהלט פאַר יעדען טראָפען אידישע בלוט וואָס זיי האָבען פאַרגאָסען, און זייער בלוט האָט זיך געגאָסען טייכענווייז!

און יעצט איך איהר ווילט וויסען פאַרוואָס עס זיינען געוועזען אריינגעצויגען אין דער וועלט מלחמה נומער צוויי אזוי פיל פעלקער, ווי אויך די ווייטע אַמעריקע? איז דער אנטוואָרט צו דער פראַגע זייער אַ פשוטער, וואָס יעדער קלוגער מענש וועט דאָס לייכט פאַרשטיין, דער ווער עס האָט נור אָפען די אויגען קען זעהען, אז עס איז דאָ איינער ווער עס שטייט אויף דער וואַך. און געוויס האָט דער בעשעפער געהאָט אַ חשבון מיט די אַללע פעלקער! און אזוי ווי גאָט וואַרט לאַנג, אָבער ער בלייבט ניט קיין בעל־חוב און ער בעצאָהלט ענדליך יעדען איינעם וואָס עס קומט איהם, האָט ער דעריבער ארויסגערופען די אַללע פעלקער אויפען פעלד פון משפט און דאָרטען אויפען שלאַכט־פעלד האָט ער יעדען מענש'ן בעצאָהלט וואָס עס האָט איהם געקומט! מענש'ן וועלכע עס זיינען געוועזען אויפען שלאַכט־

פעלד קענען דאָס בעשטעטיגען, אז זיי האָבען עס אליין געזעהען, ווי יעדער בולעט איז געגאַנגען מיט אַן אַדרעס, וועד עס זאָל געהרגעט ווערען און ווער עס זאָל גערייבעט ווערען, און וואו יעדערער זאָל גערייבעט ווערען! אייב ער האָט וואָס געטאָן שלעכטס מיט זיין אויג, האָט ער געקראָגן בעצאָהלט אין זיין אויג, און אייב ער האָט געטאָן שלעכטס מיט זיין האַנט, האָט ער בעצאָהלט מיט אַ האַנט און אייב ער איז געלאָפען איינעם טאָן שלעכטס מיט זיינע פיס האָט ער בעצאָהלט מיט זיינע פיס. יעדערער האָט געקראָגען בעצאָהלט מדה כנגד מדה, אן אויג פאַר אן אויג און אַ קאָפּ פאַר אַ קאָפּ. און די וועלכע עס זיינען געקומען צוריק גאַנצע, זיינען בלויז אָפּגעקומען מיט טויט־שרעק אז דאָס זאָל פאַר זיי דינען אַלס אַ התראה, אז זיי זאָללען געדיינקען אז עס איז דאָ איינער, וועד עס רעכענט זיך אָפּ מיט די יעניגע, וועלכע עס טוען שלעכטס, סיי צו מענש'ן און סיי אפילו צו וועלכע ניט איז לעבעדיגע זאַך!

איך וואָלט דעריבער ראַטען יעדען פאָלק און יעדען מענש'ן בפרט זיך גוט אריינטראַכטען אין דיזער זאַך, וועט יעדער דאָס פאַרשטיין פאַר וואָס ער האָט זיך אזוי פיל אָנגעליטען אויפען שלאַכט־פעלד. און אז יעדערער וועט דאָס בעטראַכטען, וועלען זיי אויסגעפינען אז זיי פערזענליך האָבען פאַרגאָסען אידישע בלוט און טרערען אין זייער לאַנד גופא, אָדער זיי זיינען געוועזען אַנהעצער אין דער שטיל, וואָס עס האָט דאָס געבראַכט צו אידישע בלוט־פאַרגיסונג, סיי אין זייער לאַנד און סיי אין אַנדערע.

און יעצט אויף אזא פראַגע? אייב מיט די קרבנות וואָס דיזע פעלקער האָבען בעצאָהלט אין דער וועלט־מלחמה נומער צוויי האָבען זיי שוין פאָלשטענדיג בעצאָהלט פאַר אַללעס שלעכטעס וואָס זיי האָבען געטאָן, איבערהויפּט פאַר דאָס, וואָס זיי האָבען זיך געמאַכט טויב צו די אידישע געוויין און געבעט ווען די אידען האָבען זיך געבעטען מיט בלוטיגע טרערען אז מען זאָל ראַטעווען זייערע ברידער און שוועסטער פון די בלוטיגע הענט פון די נאַזיס, וועד עס האָבען אויסגעשלאַכט די אידען אזוי ווי אונשולדיגע שעפּסען, איז מיין מיינונג אז די שטראָף איז געוועזען בלויז פאַר אַלטע זינד, אָבער פאַר די אָקאָרשט דערמאָנטע זינד וואָס זיי זיינען בעגאַנגען געגען די אידען, וואָס זיי האָבען זיך ניט געקימערט ווען די נאַזיס האָבען זיי אומגעבראַכט, וועלען זיי איין טאָג געוויס קריגען זייער געצאָהלט! און אויך דאָס קען איך איך, מיינע געעהרטע לעזער אין גאָר דער וועלט, פאַרזיכערן, אז איהר וועט אפשר דאָס אליין קענען זעהען אין אייערע צייטען אָדער איהר וועט דאָס הערען, אָדער אפשר וועט דאָס פאָרקומען שפּעטער אַהין אז אייערע קינדער וועלען דאָס זעהען און הערען, וואָס פאַר אַ שוידערליכע שטראָף עס וועט צאָהלען דער דייטשישער פאָלק! און וואָס פון דעם פאָלק וועט ענדליך ווערען פאַר דעם שרעקליכען פאַרברעכען וואָס זיי זיינען בע־

גאַנגען, וואָס זינט די וועלט שטייט האָט עס זיך נאָך אַזאַ זאַך ניט געהערט פון אזא ברוטאַלער בלוט־באָד ווי זיי האָבען געמאַכט אויף די אידען, אין וועלכער זיי האָבען אומגעבראַכט 6 מיליאָהן אונשולדיגע אידישע נשמות, ווי אויך מיליאָהנען אונשולדיגע מענש׳ן פון פיל אַנדערע לענדער.

די שפּעטערדיגע היסטאָרי וועט דערציילען פון דעם שרעקליכען ביי־טערען סוף וואָס דיזער מערדערישער פאָלק וועט האָבען! ווייל גאָט, ווער עס איז דער פאָטער פון דער מענשהייט, וועט אַליין בעהמען נקמה פון דיזען מערדערישען פאָלק פאַר די מיליאָהנען לעבענס וואָס זיי האָבען אומגע־בראַכט. און פאַר די טייכען בלוט און טרערען וואָס זיי האָבען פאַרגאָסען, וועט זייער בלוט זיך גיסען טייכענווייז אזוי לאַנג, ביז עס וועט פון דעם דאָ־זיגען פאָלק קיין זכר ניט בלייבען, אזוי ווי עס איז ניט געבליבען קיין זכר פון די אַמאָליגע גרויסע און מעכטיגע מלוכות, וועמענס נעהמען עס זיינען איינגאַנצען אויסגעמעקט געוואָרען פון דער ליסטע פון דער וועלט־משפּחה פון פעלקער.

יעצט לאָמיר מאַכען אַ סך הכל ווי די וועלט שטייט היינט צו טאָג, נאָך אזא שרעקליכע וועלט־מלחמה נומער צוויי, וואָס איז געוועזען די גרעסטע זינט די וועלט שטייט און וואָס די וועלט איז געראַטעוועט געוואָרען נור ביי אַ נס פון דעם גרויסען האַר פון דער וועלט.

לאָמיר זיך גוט צוקוקען און לאָמיר די זאַך בעטראַכטען מיט אַ קלאָרע קאָפּ! האָט די מענשהייט עפּעס זיך אָפּגעלערענט פון דער שרעקליכער טראַ־געדיע וואָס דאָ איז פאַרגעקומען און פאַרוואָס דאָס איז פאַרגעקומען? און ווי עס האַלט די לאַגע פון דער וועלט וועגען אַן אמת׳ן שלום, אז עס זאָל ענדליך קענען הערשען אַ פאָלשטענדיגער שלום אויף דער וועלט.

לויט ווי מיר קענען זעהען פון דאָס וואָס עס קומט פאָר היינט צו טאָג, נאָך אזא שרעקליכער און טרויעריגער וועלט־קאַטאַסטראָפע, ווי עס זיינען חרוב געוואָרען אזוי פיל לענדער מיט אזוי פיל שטעדט, מיט אזוי פיל מענש׳ן! דאָך האָט זיך די וועלטליכע לאַגע אין דער פראַגע פון פריינד־שאַפט פון מענש צו מענש אַבסאָליוט אַ האָר ניט געביטען! און בלויז אין אַ קורצער צייט נאָך אזא שרעקליכער בלוט־באָד האַלט די וועלט נאָך אַלץ ביי דער זעלבער מדרגה אין דער פראַגע פון פריינדשאַפט און ברידערשאַפט פון איין מענש׳ן צום צווייטען, אַבסאָלוט אַ האָר ניט בעסער ווי פאַר דער טרויעריגער קאַטאַסטראָפע.

די מענשהייט איז נאָך אַלץ צוטיילט אין פערשידענע רעליגיאָהנען אזוי ווי איך האָב שוין פריהער געשילדערט. מענש׳ן גלויבען נאָך אַלץ אין דער זוהן און אין דער לבנה און אין שטערען, אז דאָס זיינען געטער! מענש׳ן גלויבען נאָך אַלץ אין פון לאַנג געשטאָרבענע מענש׳ן, פון וועלכע איך האָב שוין פריהער דערמאָנט, ווער עס זיינען געוועזען פון בלוט און פלייש ווען זיי

זיינען געבאָרען געוואָרען און ווען זיי האָבען געלעבט ביז זיי זיינען גע־שטאָרבען אויפען זעלבען שטייגער אזוי ווי אַללע מענש׳ן.

מיליאָהנען מענש׳ן גלויבען נאָך היינט אפילו אין אזעלכע טויטע מענש׳ן וועלכע עס ליגען מאַכטלאָז אין דער ערד פון וועמענס ביינער עס איז שוין לאַנג קיין געדעכעניש ניט געבליבען, אז זיי זיינען געוועזען אַגענטען פון גאָט, אז גאָט האָט זיך פאַרלאָזען אז זיי זאָללען זיין די אַגענטען אויף דער ערד, וואָס מען קען זעהען ווי פאַלש דאָס איז פון דעם, ווי גאָט אליין קומט ווען עס שטייט פאַר אַ געפאַר און ווי ער ראַטעוועט דער מענטשהייט פון אונטערגאַנג. ער אליין פיהרט אָהן מיט דער גאַנצער וועלט! ער פאַרלאָזט זיך אויף קיינעם ניט!

מענש׳ן צוליב זייערע אייגענע אינטערעסען האָבען עס אזוינע טויטע מענש׳ן אזוי ווי קריסטוסען, בודדא, הינדו, מאַהאָמעד און נאָך אזעלכע טויטע פון לאַנג אָהן פאַרהייליגט מיט פאַרשידענע אויסגעטראַכטע לעגענדעס, אז דיזע טויטע האָבען זיך צו זיי בעוויזען און האָבען גערעדט צו זיי און האָבען זיי דערציילט פערשידענע מעשיות וואָס אַללעס איז אַבסאָליוט „כזב ושקר״, אָפגעטראַכטע ליגענס און לעגענדעס צו פאַרדרייען די קעפּ פון מענש׳ן און צו פאַרפיהרען זיי אין בלינדקייט, זיי זאָללען ניט זעהען דעם אמת וועך עס פיהרט אין דער אמת׳ן אָהן מיט דער וועלט. און מיט געוואַלד האָבען די מענש׳ן ווער עס זיינען בלוטיג פאַראינטערעסירט צו פאַרפיהרען דער מענשהייט אין דעם זומפּ פון פינסטערקייט און מיט שרעקליכע בלוט גיסונג אין די אַלטע צייטען האָבען זיי געצווינגען און געצוואונגען ניט נור אידען אליין, נור אויך פיל אַנדערע מענש׳ן צו גלויבען אין זייערע לעגענדעס אז זיי זיי־נען אמתע.

גיט נור אַ קוק אין דער היסטאָרי! די היסטאָרי קען דאָס אויפּוויזען וויפיל מענש׳ן ניט אידען מען האָט געברענט און אויסגעקוילעט און געצווינגען צו גלויבען אין די לעגענדעס. אָט אזוי האָט מען פאַרפיהרט די מענשהייט אז מילליאָהנען מענש׳ן ביי היינטיגען טאָג נאָך זיינען פאַרבליבען פאַרבלענ־דעט און זיינען פאַרפיהרט און לאָזען זיך נאָך אַלץ איינריידען די אַללע לעגענדעס וועלכע מען האָט אין זייערע קעפּ נאָכאַנאַנד.

און דורך די אַללע זאָרטען גלויבענס האָט זיך די מענשהייט צוטיילט אין פאַרשידענע קלאַסען און קאַטעגאָריעס וואָס יעדע טייל פון דער מענש־הייט האַלט אז איהר גלויבען איז דער ריכטיגסטער און דעריבער זיינען זיי די בעסטע מענש׳ן צוליב וועמען די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען און נור זיי אליין זיינען בערעכטיגט צו געניסען פון אַללעס וואָס די וועלט פּראָדו־צירט. און די דאָזיגע פאַלשע גלויבענס און איינריידונגען ברייגגען צו דעם, אז איין טייל פון דער מענשהייט האָסט דער צווייטער, וועלכע עס גלויבט ניט אין דעם זעלבען גלויבען וואָס זי גלויבט.

און יעצט זעהען מיר נאָך אַ פאַקט ווי פאַלש אַללע גלויבענס זיינען און וואָס פאַר אַ ווערדע די אַללע גלויבענס האָבען, אז אפילו אין די לענדער וואו דער פאָלק גלויבט אין איינעם און דעם זעלבען גלויבען וואָס דאָרטען האָט דאָך געוויס געדאַרפט זיין ברידערשאַפט און גלייכהייט צווישען אַללע מענש׳ן פון דעם לאַנד, דאָך זעהען מיר ווי פאַלש די גלויבענס זיינען און דאָס איז נור צו פאַרדרייען דעם אונוויסענדען מענש׳נס קאָפּ אז אפילו אין דיזע לענדער וואו עס הערשט איינער און דער זעלבער גלויבען איז אפילו דאָרטען אויך ניטאָ קיין גלייכהייט פאַר אַללע מענש׳ן! אפילו דאָרטען זיינען דאָ צוויי קאַטעגאָריעס מענש׳ן: אַ העכערער קלאַס מענש וואָס האַלט זיך פאַר דעם שענער׳ן און דעם קליגערען און נאָך אַ קלאַס מענש אָ בידעריגערער. דער העכערער קלאַס זיינען די יעניגע וועלכע עס האָבען די מאַכט און די קאָנטראָל איבער אַללעס וואָס אין זייערע הענט ליגט די גאַנצע רייכטהום פון די לאַנד מיט ווענען דער מיטעל קלאַס מענש איז געצוואונגען מיטצוהאַלטען און צו בעשיטצען זיי, ווייל זיין לעבען איז פאַרבונדען אָהן דעם גוטען וויללען פון די דאָזיגע הערשער! און די צווייטע קאָטעגאָריע מענש איז דער אָרימער אַרבעטער און דער אָנגעשטעלטער, ווער עס לעבען נור מיטן טאָג אָדער וועכענטליכע געצאָהלט. און וויפיל פאַרדינען זיי? בלויז פון האַנט אין מויל! און אויסערדעם זיינען זיי אַלעמאָל אין געפאַר צו פאַרלירען זייער אָרימען שטיקעל ברויט און זייער עקזיסטענס! דיזער קלאַס מענש וועלכער עס בעשטעהט לויט ווי איך דיינק אומגעפער 90% פון דער בעפעלקערונג אין יעדער לאַנד, הענגט אָפּ זייער שיקזאַל און זייער עקזיסטענס אין די הענט פון די הערשער וועגען ווענען איך האָב שוין פריהער בעשריבען, די וועלכע עס האָבען פאַרכאַפּט דעם קאָנטראָל און די רייכטהום פון יעדע לאַנד! און פון דאָס קען יעדער קלוגער מענש זיך איבערציינגען אויף ווי וויט דער גלויבען אין די אַללערליי פערשידענע גלויבענס זיינען ראַייעל! אז די אַללע גלויבענס ערלויבען איין קלאַס מענש צו זיין דער האַר און די איבריגע מענש׳ן זאָללען זיין שקלאַפען! אז די האַרען זאָללען לעבען אויף דעם שוויס פון די שקלאַפען, צו ווענען זיי ריידען אין נאָהמען פון דעם גלויבען וואָס זיי וויללען איינגלויבען זייערע שקלאַפען.

דאָס קאָן אָבער ניט פאָרקומען ביי די מענש׳ן וועלכע עס גלויבען אין דעם אמת׳ן גלויבען! אין דעם ריכטיגען האַר פון דער וועלט! ווייל די וועלכע עס גלויבען אין איהם אליין, אז ער איז דער פאָטער פון אַללע מענש׳ן, אז אללע מענש׳ן זיינען גלייכע קינדער ביי איהם און אז ער זעהט און הערט אַללעס וואָס יעדער מענש טהוט, אזא מענש ווער עס איז אַ ריכטיגער גלויביגער אין גאָט, וועט געוויס ניט אונטערדריקען קיין מענש׳ן! ער וועט ניט בעוועלען קיינעם און ער וועט זיך ניט האַלטען גרעסער פון דעם אַנדערען און ער וועט ניט טאָן קיין שלעכטעס צו קיינעם! ווייל ער וויס,

אז דער וועט עס האָט באַשאַפען אַללעס האָט איהם אַלעמאַל אין זיינע הענט און ער וועט זיך שטריינג אָפּרעכענען איבּ ער וועט וואָס ניט איז שלעכטעס טאָן צו וועמען ניט איז.

אָבער די וועלכע עס גלויבען ניט אין גאָט, פון זיי קען מען ערוואַרטען אז זיי וועלען טאָן צו אַ צווייטען די ערגסטע זאַכען, ווייל זיי זיינען גאַר ניט קיין גלויביגע און זיי האָבען קיין מורא ניט פאַר דעם טויטען מענש׳ן, ווער עס איז לאַנג פאַרפוילט געוואָרען אין דער ערד! דיזער גאָט, דיזער אגענט קען ניט קומען זיך אָפּרעכענען זיך מיט איהם פאַר די עוולות וואָס ער טוט צו אַנדערע! פאַר אַזאַ גאָט האָט ער ניט מורא! דעריבער טוען אזעלכע מענש׳ן אָפּ די גרעסטע אונגערעכטיגקייטען! ביי זיי זיינען אַללע מענש׳ן אויף איין קאַטעגאָריע! בלויז צו בערויבען זיי און צו לעבען אויף יענעמס שוויס! די דאָזיגע טרייען דאָס צו האַקען די מענש׳ן אין זייערע קעפּ דעם פאַלשען גלויבען כדי אז די שקלאַפען זאָללען ניט קלערען וועגען דעם אמת׳ן גלויבען!

און כאָטש די אַללע פעקטס וועלכע איך האָב ביז אַהער אויפגעוויזען, דאָס וואָס יעדע גרופּע הערשער אין יעדע לאַנד זיינען ניט צופרידען מיט דעם אליין וואָס זיי זיינען די הערשער אין זייערע לענדער אליין און וואָס זיי פלאַנירען נאָכאַנאַנד ווי אזוי בייצוקומען און צו פאַרכאַפּען נאָך מעהר לענדער כדי זיי זאָללען ווערען גרעסערע הערשער אויף אַנדערע לענדער וואו זיי זאָללען קענען אָפּזעטצען מעהר פון זייער אויסאַרבייטונגען וואָס זייערע אַרבעטער אַרבעטען אויס אין זייערע פאַבריקען כדי זיי זאָללען ווערען נאָך מעהר רייכער, וואָס דאָס איז די אמתע אורזאַכע פאַרוואָס איין גרופּע מאַגנאַטען זוכען אַלעריי מיטלען ווי אזוי אומצוברייננגען די אַנדערע, איז דאָס נאָך אַ בעשטעטיגונג פאַר וואָס זיי זיינען בלוטיגע שונאים איינע די אַנדערע, פאַרוואָס זיי פיהרען אָהן אזעלכע בלוטיגע מלחמות איינע מיט די אַנדערע.

נ י י נ צ ע ה נ ט ע ר ק אַ פּ י ט ע ל

דאָ וואָלט איך וועלען טרייען צו מאַכען אַ ריכטיגען אַנאַליז פון דיביידע סיסטעמען אין וועלכע די מענשהייט איז צוטיילט, און צו בעטראַכטען וואָס איז דער סיסטעם פון די איביגע הערשער פון די לענדער פון די „וועסט״, וועלכע מיר וועלען אָנרופען „קאַפּיטאַליזם״, און וואָס איז דער סיסטעם פון די „איסט״ וואָס מיר וועלען אָנרופען „קאָמוניזם״ און מיר וועלען טרייען צו זעהען איבּ עס איז דאָ אַ מעגליכקייט אז די ביידע סיסטעמען זאָללען

קענען גיין האַנט ביי האַנט, אַז די גאַנצע מענשהייט זאָל זיך קענען פאַר־איינגען אין איין פריינדליכע געזעלשאַפט, אַז די וועלט זאָל שוין קענען לעבען אין זיכערקייט און אין שלום.

עס מאַטערען זיך אַ לאַנגע צייט די גרעסטע קעפּ־מענש׳ן ווען די פעלקער האָבען געשיקט צו דער קאָנפערענץ פון דעם פאַרבאַנד פון אַללע נאַציאָהנען, אייב דיזע דעלעגאַטען זיינען די אמתע פאָרשטייער פון אַללע קלאַסען מענש פון זייערע לענדער — דאָס איז אַ בעזונדערע פראַגע. דאָס וועט באַלד אויפגעוויזען ווערען פון דעם אויפטו וואָס די אַללע פאָרשטייער האָבען אויפגעטאָן. דיזע קעפּ־מענש׳ן האָבען דאָס געזאָלט אויסגעפינען אַ לייזונג צו דער פּראָבלעם ווי אַזוי מען זאָל קענען ברייגגען ביידע סיס־טעמען צו אַ קאָמפּראָמיס.

עס זיינען שוין פאַרביי יאָהרען ווי עס קומען פאַר קאָנפערענצן און ווי־דער קאָנפערענצן און מען בייט אָפּט דעם נאָהמען פון די קאָנפערענצן און מען בייט אויך די ערטער פאַר די קאָנפערענצן אַזוי ווי עס זאָגט זיך אַ ווערטל „משנה מקום משנה מזל״, און עס בלייבט אַלץ ביי דער אַלטער צרה! מען קען פאַר קיין פאַל ניט קומען צו קיין ברעג! לאָמיר זיך דער־ריבער גוט אריינדרייגגען אין דער פאַרפלאָנטערטער פראַגע און לאָמיר זוכען צו דערגיין וואו עס ליגט די פאַרבאָהאַלטענע קראַנקהייט פון דער פראַגע? וואָס איז דאָס די אורזאַכע וואָס עס מאַכט דאָס אַזא קאָנטראַסט פון איין סיסטעם צו דעם אַנדערען, אַז אַזעלכע קעפּ־מענש׳ן קענען בשום אופן ניט צוזאַממענשטעלען אַזא זאָרט בריק אויף וועלכען ביידע סיסטעמען זאָללען דאָך קענען גיין צוזאַממען, אַז עס זאָל שוין איינמאָל פאַר אלעמאָל קענען הערשען אמתער שלום צווישען דער גאַנצער מענשהייט און מען זאָל אויפהערען אויסצוקוילענען איינע די אַנדערע אין אַזעלכע בלוטיגע מלחמות ווי עס זיינען פאָרגעקומען ביז אַהער!

אלזאָ, די אורזאַכע פאַרוואָס די דאָזיגע פאָרשטייער פון די פעלקער קע־נען ניט דורכקומען צווישען זיך איז פאָלגענדע: ערשטענס איז דאָס, ווייל פיל פון זיי ווילען געווינען אַ שלום וואָס עס זאָל גוט זיין נור פאַר איין קלאַס מענש פון דער וועלט, אָבער ניט פאַר אַללע מענש׳ן. און אפילו ניט פאַר אַללע מענש׳ן פון זייערע אייגענע לענדער גופא. ווייל עס איז אַ גרויסער קאָנטראַסט פון איין סיסטעם ביז דעם אַנדערען. איינער איז גאָר אַ פאַר־קערטער ווי דער אַנדערער! דאָס וואָס עס איז גוט פאַר איין קלאַס מענש פון יעדע לאַנד איז גאָר שלעכט פאַר דער אַנדערער. און דעריבער, וואָס עס איז גוט פאַר איין קלאַס מענש פון דער גאַנצער וועלט איז שלעכט פאַר דעם אַנדער קלאַס מענש פון דער גאַנצער וועלט. דאָס איז דער אַלטער סיס־טעם וואָס עס הייסט „קאַפּיטאַליזם״. דער רייכער קלאַס זאָל האָבען די מאַכט. און וואָס איז דער סיסטעם פון „קאָמוניזם״? לויט ווי מיר קענען זעהען אין

פראַקטיש איז דאָס זייער ווייט פון דער טעאָריע, אז אללע מענש׳ן זאָללען זיין גלייך און געניסען פון אַללעס, לויט זייער לאַזונג.

און יעצט לאָמיר פּרובירען זעהען אייב די וועלט וועט זיין גאַראַנ־טירט צו לעבען אין זיכערקייט און אין אייביגען שלום, אייב עס זאָל אָנ־גענומען ווערען אין דער וועלט דער סיסטעם וואָס די קאָמוניסטען רופען דאָס אָהן מיטן נאָהמען אמתער סאָציאַליזם, גלייכהייט פאַר אַלעמען!

פיל פון אייך וועלען זיין איבערראַשט צו הערען אז אויך אין דעם סיס־טעם איז ניטאָ קיין גאַראַנטיע פאַר אייביגען שלום און זיכערקייט פאַר דער מענשהייט. עס וועט אפילו זיין פאַר אייך אַ גרויסע איבערראַשונג צו הערען אזא זאַך ווי איך האָב זיך ערשט אויסגעדריקט! אָבער אייב איהר וועט ליי־ענען ווייטער וועט איהר זעהען אז עס איז פאַרט ריכטיג! ווייל עס ער־קלערט זיך מיט דעם וואָס איך האָב שוין איניגע מאָהל דאָס אויפגעקלערט. אז דער מענש אָהן דעם גלויבען אין גאָט, אין דעם אמת׳ן בעשעפער פון אַללעס, אז ער איז דער איינציגער האַר פון דער וועלט, אז ער איז דער פאַ־טער פון אַללע בעשעפענישען, אז ער איז דאָס דער ווער עס גיט אכטונג אויף דער מענשהייט און אויף אַללע בעשעפינישען אז יעדערער זאָל האָבען זיין שפייז. אז גאָט איז דער, ווער עס שיקט די וואָלקענס זיי זאָללען רעגענען אין דער צייט. אז עס ווענדעט זיך נור אָהן איהם אייב עס זאָל וואַקסען. אז עס זאָל ניט זיין קיין טריקעניש און קיין הונגער. דעריבער קען קיין מענש אָהן דיזע וויכטיגע וויסענשאַפט בשום אופן זיך ניט אויפפיהרען ריכ־טיג אזוי ווי דער נייער סיסטעם לייגט פאַר, אז די מענשהייט זאָל זיך אויפ־פיהרען אָרענטליך איינער צום אַנדערען. עס איז אַ בעוואוסטע זאַך אז די קאָמוניסטען האָבען אוועקגעמאַכט מיט רעליגאָהן אינגאַנצען. איי! ווער האָט דאָס אַללעס בעשאַפען? אַללעס וואָס מיר זעהען? האַלטען זיי אַז אַללעס איז געקומען פון דער נאַטור! און עס איז גאָר ניטאָ אזא זאַך אז גאָט האָט דאָס אַללעס בעשאַפען און אז ער פיהרט אָהן מיט דער וועלט. אָבער וואָס וועלען זיי ענטפערן אָט די גרויסע חכמים אויף אזעלכע פראַגעס: דער בגד וואָס איהר טראָגט איז געקומען פון נאַטור, אָדער אימיצער האָט דאָס געמאַכט? די שיך וואָס איר טראָגט זיינען געקומען פון נאַטור אָדער אימי־צער האָט עס געמוזט מאַכען? די הויז וואו איהר בלייבט, די מעבעל און אזוי ווייטער זיינען געקומען פון דער נאַטור, אָדער העגט האָבען עס געמוזט מאַכען? און אזוי איז אויך מיט די שפייז, די קאָרן, די ווייץ און אַללעס וואָס עס וואַקסט. אז גאָט וואָלט ניט געשיקט די וואָלקענס צו מאַכען וואַקסען אַללעס, וואָלט איהר געהאַט וואָס צו עסען? טאָ וואָס פאַר אַ יושר קען מען ערוואַרטען פון מענש׳ן וואָס ווילען ניט פאַרשטיין אז עס איז דאָ איינער ווער עס האָט אַללעס בעשאַפען און אז ער פיהרט אָהן מיט דער וועלט? ווייל אזוי ווי אַ מענש קען ניט לעבען אָהן לופט, אזוי קען אַ מענש ניט לעבען אָהן

דיזע וויכטיקסטע לעהרע. און אזוי ווי אהן אטהעמען מוז דער מענש אומ־קומען, אזוי מוז דער מענטש אומקומען פון דער קאטעגאריע מענטש און ער מוז פארוואנדעלט ווערען אין א חיה פון וואלד אדער אפשר אין אן ערגערע און געפעהרליכערע זאך ווי א חיה איז, אייב דער מענש ווייס ניט און וויל ניט וויסען פון די גרעסטע און וויכטיגסטע וויסענשאפט פון אללע וויסענ־שאפטען, אז עס איז דא א גאט ווער עס פיהרט אהן מיט אללעס, מיט אזא וואונדערבארער וועלט, און אז יעדער מענטש לעבט נור מיט זיין גענאד. און איבערהויפט די זאך, אז גאט זעהט און הערט אללעס וואס דער מענש טהוט אדער אפילו וואס א מענטש טראכט צו טאן. און אזוי ווי א חיה ווייס נור צו ציהען צו זיך, אזוי איז דער מענש וואס האט די מאכט טראכט נור פאר זיך. די ענדע איז, אז קאפיטאליזם און קאמוניזם איז דער זעלבער וואלף אין א שפעסענע פעל.

צוואנציגסטער קאפיטעל

און יעצט לאמיר זיך פאר א ווײלע אפשטעלען דא און בעטראכטען וואס איז אזוינס א חיה, און וואס איז דער אונטערשייד פון א מענש׳ן ביז א חיה? אז יעדער מענש זאל זיך גוט אריינקוקען וועט ער גאר דערזעהען אז זיין פנים שפיגעלט אפ א וואסערע ניט איז חיה! מענש׳ן זעהען אויס אין פנים ווי לייבען, טיגערס, ווי העלף, ווי הינט, ווי פיקס, ווי בערן, ווי דאנקעס. מענש׳ן זעהען אויס ווי בעק, ווי שעפסען און ווי נאך אנדערע חיות און בהמות. דאס איז איין זאך. און די צווייטע זאך: איז דען א חיה ניט מיט די זעלבע איברים און איז דען א חיה ניט די זעלביגע מאשין ווי מיר מענש׳ן זיינען? א חיה האט א קאפ, א הארץ, לונגען, א מאגען און געדערים. און אויך דער מענש האט פונקט די זעלבע איברים. א חיה לעבט פון לופט, פון עסען און פון טרינקען, און אהן דיזע נאטירלעכע געזעטצען קען דאס לאנג ניט לעבען און אויך מיט די זעלבע געזעטצען לעבט דער מענש. א חיה מוז שלאפן און דער מענש קען אויך ניט לאנג אויסהאלטען מעהר ווי 18—16 שעה און ער פאלט אויך אנידער שלאפען, וואס מיר רופען דאס אהן מיטן נאהמען שלאפען, אבער אין אנדערע ווערטער קען מען דאס גאר אנרופען אז דער מענש איז אזוי ווי געשטארבען. מען קען אוועקשטעלען פאר דעם מענש׳ן אין דער צייט ווען ער שלאפט די בעסטע שפייז אדער גאלד און זילבער, אבער לידער ווייס ער פון קיין זאך ניט וואס עס גייט אהן ארום איהם. ער קען זיך אבסאלויט ניט ריהרען. ער איז פשוט אזוי ווי טויט. אנדערע מענש׳ן קען מען נעהמען און אריבערטראגען פון איין ארט צום

צווייטען און זיי וועלען דאָס ניט פיהלען, ווייל דער מענש ווען ער שלאָפט איז ער אזוי ווי טויט. מעהר ניט, ווייל מיר זיינען שוין צוגעוואוינט צו אזא קורצען טויט וועלכער עס דויערט ניט צו לאַנג און דער מענש כאַפּט זיך אויף פון זיך ווען ער איז אויסגעשלאָפען, איז דעריבער דיזער קורצער טויט ביי אונז אָנגענומען אז מיר דאַרפען זיך פאַר אזא טויט ניט שרעקען, ווייל דער מענש כאַפּט זיך אויף!

וויפיל מענש׳ן לייגען זיך אָבער אוועק שלאָפען און כאַפּען זיך ניט אויף? מיר האָבען זיך שוין אזוי צוגעוואוינט צו דעם פּראָצעס פון שלאָף, אז מיר בעטראַכטען גאָרניט וואָס פאַר אַ שוואַכע בעשעפעניש דער מענש איז, אז ער קען אויסהאַלטען ניט מעהר ווי 16—18 שעה און ער מוז זיך שיידען פון אַללעס וואָס ער פאַרמאָגט און ער איז ניטאָ. אָדער ווען עס איז אַ כמאַרנער טאָג, ווען עס רעגענט, ווי דאָס זעצט ארונטער דעם שטאַרקסטען מענש׳ן און ער גענעצט און ער פאַלט שלאָפען, אָדער ווען דער וועטער בייט זיך, קריגט מען קאָלדס און נאָך אזעלכעס. אויך אז מיר זאָללען בעטראַכטען מיט אַ קלאָרע קאָפּ ווי דער מענש ליגט אָהן מאַכט און ער שלאָפט, אָט דער גרויסער העלד ווער עס דיינקט פון זיך אזוי פיל אז ער וועט פאַרכאַפּען די וועלט, צוקוקענדיג זיך צו דעם בילד ווי דער מענש ליגט אָהן מאַכט ווען ער שלאָפט קען יעדער קלוגער מענש דאַהן בענעהמען וואָס פאַר אַ גרויסען גענאָד עס ווערט געטאָן צו יעדען מענש׳ן פון דעם גרויסען בעשעפער פון דער וועלט, ווי ער קוקט אויף יעדע בעשעפעניש און ווי ער זעהט אז יעדערער זאָל זיך אויפכאַפּען פון דיזען קורצען טויט, און מיר זאָללען זיך ווידער קענען בעוועגען. אָט דיזע וויכטיגע זאַך אז יעדער מענש וואָלט דאָס בעטראַכטען וואָלט ער זיך ניט האַלטען אזוי גרויס, ווי ער האַלט זיך, און ער וואָלט פאַרשטיין, ווי ער דאַרף דאַנקען דעם האַר פון דער וועלט יעדע ווילע. און אויך נאָך אַ זאַך בעטראַכט גאָרניט דער מענש וואָס פאַר אַ זאָרט וואונדערבאַרע מאַשין דער מענש איז. דאָס קענען געוויינטליך נור דאָקטוירים אויפקלערען. ווייל זיי זיינען די מענש׳ן, וועלכע עס האָבען זיך ספּעציעל איבערגעגעבען צו לערנען און צו שטודירען די דאָזיגע גרויסע וויסענשאַפט, ווי אזוי די וואונדערבאַרע לעבעדיגע מאשין דעם מענש׳נס אָרגאַניזם פונקציאָהנירט. זיי, די דאָקטוירים, קענען דאָס זעהען און פאַרשטיין ווי גרויס דער דאָזיגער וואונדער איז.

אז אַ מאַשין פון בלוט און פלייש קען לעבען, קען גיין און לויפען, און עס קען אויסהאַלטען אַמאָהל צו לעבען מעהר פון 100 יאָהר. דער מענש האָט אויסגעטראַכט און האָט געמאַכט די מאָטאָרקאַר אָדער דעם אַעראָפּלאַן. אָבער ווי לאַנג קען אזא שטאַרקע זאַך אויסהאַלטען? וואָס דאָס איז ניט פון בלוט און פלייש, נור פון שטאָל און אייזען. דאָך האַלט עס ניט לאַנג און עס ווערט גאָרנישט פון דעם. און די מענשליכע מאַשין איז ניט פון שטאָל און

איזען, נור פון שוואַכע איברים און אָדערען, אז עס איז גאָר אַ מורהדיגער וואונדער, ווי אזוי דאָס קען אין אַלגעמיין עקזיסטירען? ווען איין „אָדער" זאָל חלילה זיך פאַרשטאָפּען, וואָס מען רופט דאָס היינט אַ „קלאָט אָוו בלאַד", איז דער מענש דאַהן אין אַ משך פון מינוטען אויס העלד! אָדער ווען עס זאָל חלילה פּלאַטצען אַן „אָדער" אין אַ פאַרמאַכטען אָרט אין קערפּער, וואו מען קען ניט צוקומען צו פאַרהאַלטען די בלוט, איז דער מענטש דאָך דאַהן ווידער אויס העלד.

דער מענש בעטראַכט גאָרניט די זאַך גענוי, אז ער לעבט מיט גרויסע נסים און מיט גאָט'ס גרויס גענאָד, אז ער קען זעהען מיט זיינע אויגען, אז ער קען הערען מיט זיינע אויערען, אז ער קען גיין אויף זיינע ביידע פיס. אז זיינע הענט קענען זיך בעוועגען, אז זיין מויל קען רידען, און זיין גאַנצער שכל ארבעט אין איהם. אז ער עסט און ווערט ניט דערוואָרגען! דער מענש בעטראַכט דאָס גאָר קיינמאָל ניט ווי וואונדערבאַר דאָס אַללעס איז, און ווי דאַנקבאַר ער מוז זיין צו דעם גרויסען בעשעפער אויף יעדען שריט און טריט.

און לאָמיר אויך די זאַך בעטראַכטען מיט וואָס קען דער מענש זיך דאָס האַלטען אזוי גרויס ביי זיך און דיינקען אז ער איז העכער פון אַ חיה? מיר זעהען גאָר אז מאַנכע חיות האָבען אזוי פיל שכל פאַר זיך אז עס איז גאָר צו וואונדערען זיך. מיר זעהען זייער אָפט אין גאַס, אז הינט האָבען גענוג שכל זיך אָפּצושטעלען און איבערצוואַרטען ביז קאַרס אָדער אַנדערע גע־פאַהרען גייען פאַרביי, און ערשט דאַהן לויפען זיי אריבער די גאַס. דאָס האָט שכל זיך צו היטען. דאָס האָט שכל צו דאַנקען זיין האַר און צו דאַנקען איהם מיט ליבע און טריישאַפט פאַרן עסען. מיר זעהען זייער אָפט, ווי פער־שידענע חיות, בהמות און פויגלען האָבען שכל צו בעטן עסען אויף זייער שפּראַך, ווי זיי דערקענען דעם מענש'ן ווער עס שפּייזט זיי. מיר זעהען אויך אזא זאַך, אז חיות אָדער פויגלען האָבען אזעלכע גוטע מענערס אין זיך, וואָס פיל זאַכען קענען מיר גאָר זיך לערנען פון זיי. צוםביישפּיל: מיר מע־נער בעטראַכטען די פרוי אַלס אַ שוואַכערע בעשעפעניש פון זיך, און דעריי־בער געניסען די פרויען ביי אונז געוויסע פריווילעגיעס! האָט דען ניט דער האָהן אזעלכע מענערס אויך? רופט ער ניט זיינע ווייבער און לאָזט ער זיי ניט פריהער זיך אָנעסען פון די עסענוואַרג וואָס ער געפינט? און ערשט דערנאָך ערלויבט ער זיך אויך צו נעהמען עפּעס אין מויל! מיר קענען אויך זעהען די מוטערליכע ליבע און די מסירת נפש פון די החהן צו אירע הינ־דעלאַך! אָדער ווי די קאַץ איז איבערגעבען צו איהרע קינדערלאַך. ווי זי טראָגט זיי אַריבער פון איין אָרט צום צווייטען, כדי זיי זאָללען זיין מעהר בעקוועם און זיכערער פון געפאַר! ווי זי וואַשט זיי און ווי זי לעקט זיי און ווי זי קושט זיי און ווי זי לאָזט זיך פון זיי ארויפצוקריכען אויף איהר קאָפּ! מיר קענען אויך זעהען ווי פויגלען האָבען שכל אריבערצופיהרען זייערע

קליינע קינדער אין זיכערע און בעקוועמע ערטער און אין וואַרימערע לענ־דער! מיר קענען אויך זעהען אז אפילו פערד האָבען אויך שכל. מען קען דאָס אָפט זעהען ווי צוויי איינגעשפּאַנטע פערד אין אַ וואָגען ריידען צווישען זיך, און ווען איינער פון זיי ווער עס קען ניט לויפען אזוי גיך, בעט זיך ביין צווייטען ניט צו לויפען אזוי שטאַרק. און ווען יענער פאָלגט איהם ניט ווערט ער אַם ענדע אין כעס און בייסט איהם איין!

עס דערמאָנט מיר אַ עפּיזאָד וואָס איך בין בייגעוועזען אין דעם פּרע־טאָריע זאָאָלאָגישען גאָרטען. אין דער געביידע וואו מען האַלט די מאַנקעס אָפּגעצאָמט איין זאָרט פון דער אַנדערער, געפינען זיך אויך אין איין אָפּטיי־לונג אַ פּאָר זייער גרויסע שוואַרצע מאַנקעס, וואָס אזעלכע האָב איך געהערט אז מען רופט זיי „באַבונס", אַן „ער" און אַ „זי". דער „ער" ווייזט אויס צו זיין מעהר פלינק פון דער „זי" אין דעם צושפּרינגען און אין דעם כאַפּען עסענוואַרג וואָס מענש'ן בעזוכער וואַרפען זיי צו. אפשר האָט די „זי" מורא צו כאַפּען פון איר מאַהן, וויל ער איז פאָרט שטאַרקער? דעריבער שטייט זי אָהן אַ זייט און שטעקט אויס איהר האַנט און קלאַפּט מיט איהר האַנט אָהן די גראַדעס אז מען זאָל איהר בעמערקען און מען זאָל אויך צו איהר וואַרפען עסענוואַרג! די צוקוקער האָבען דאָס טאַקע בעמערקט און האָבען טאַקע גענומען וואַרפען עסענוואַרג אויך צו איהר.

אז די עסענוואַרג האָט גענומען פאַהלען אויף איהר זייט, איז דער „ער" ניט פויל געוועזען און האָט דערלאַנגט אַ שפּרונג און האָט גענומען כאַפּען די עסענוואַרג. ווי זי האָט דאָס דערזעהען אז ער כאַפּט די עסען וואָס מען האָט געוואָרפען צו איהר, איז זי געוואָרען אזוי אין כעס און האָט געמאַכט אזעלכע ווילדע געוואַלדען און האָט אזוי ווילד געברומט און געשריען און איז ארומגעשפּרונגען אין אזא ווילדע פאַזע פון איין זייט צום צווייטען, אַהין און אַהער, און איהרע געוואַלדען זיינען געוואָרען וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, אז עס איז אָנגעפאַלען אַ פּשוטע טויט שרעק אויף אַללע צוקוקער, און פון איהרע אויגען זיינען געפלויגען אזוי ווי פּשוטע פונקען! עס איז געוועזען וואָס ווייטער אַלץ מעהר שרעקליכער צו שטיין דאָרטען און צוזעהען אזא האַרצרייסענדען בילד! מען האָט געדיינקט אז זי איז משוגע געוואָרען! אז באַלד וועט זי איינברעכען די גראַדעס און וועט צורייסען וועמען זי וועט נאָר אָנכאַפּען!

אַנדערע נערוועזע מענש'ן זיינען טאַקע גיך אַוועק. אזוי האָט עס אָנ־געהאַלטען פּאָר אַ רעכטע ווילע און זי איז ניט געוואָרען פאַרמאַטערט. ביז אויף איהרע געוואַלדען איז געקומען צולויפען דער אויפזעער אויף די חיות. ווי זי האָט איהם נור דערזעהען איז זי גלייך צוגעלאָפען צו איהם און האָט גענומען טענען צו איהם! ער האָט גלייך אָנגענומען איהר האַנט וואָס זי האָט אויסגעשטרעקט דורך די גראַדעס און ער האָט עס געגלעט און ער

האָט גערעדט צו איהר און געבעטען איהר זיך צו בערוהיגען און ער האָט איהר געפרעגט ווער עס האָט דאָס איהר אזוי אויפגערעגט? דער אויפקוקער האָט אָנגעוויזען אויף איהר מאַהן ווער עס האָט זיך באַהאַלטען הינטער די שטיינער אין די רום און האָט געזאָגט: ער האָט דיר געטאָן! איך וועל איהם שוין געבען! שאַ! בערוהיג זיך. אזוי האָט ער געהאַלטען אין גלעטען איהר האַנט און גערעדט צו איהר און זי האָט אויך ארויסגעשטעלט איהר מויל דורך די גראַדעס צו זיין אויער און ארייגעברומט און זיך אויסגעטענעט ביז זי האָט זיך אַם ענדע פאָלשטענדיג בערוהיגט און איז אנטשוויגען געוואָרען! דער אויפזעהער האָט דאַהן אויפגעקליבען פון דער ערד אלערליי עסענוואַרג וואָס עס איז געוועזען אַראָפגעפאַלען, וואָס מענש'ן האָבען געוואָרפען און ניט געטראָפען ריכטיג, און ער האָט דאָס צו איהר געגעבען.

מיר אַללע צוקוקער זיינען פשוט ענטציקט געוואָרען פון צוקוקען אזא בילד. צו די חכמה פון אַ חיה! צו קענען פאַרשטיין און אויפצוריידען זיך מיטן אויפזעהער פונקט אזוי ווי מיר מענש'ן פאַרשטייען ווי זיך אויפצוריידען איינער מיט דעם אַנדערען.

אַלזאָ! נאָך דעם צוזעהען ווי די חיה האָט אזוי פיל שכל זיך אויפצוריידען און זיך אויסצוטענען פאַרן אויפזעהער און ווי דאָס פאָלגט דעם אויפזעהער וואָס ער הייסט איהר, שטעלט זיך דאַן אַ פראַגע: ווי באַלד דאָס איז אזוי קלוג אז מען קען זיך מיט איהר אויפריידען, טאָ צו וואָס דאַרף מען עס האַלטען אונטער גראַדעס? אז מען קען זיך מיט איהר אזוי גוט פאַרשטענדיגען? דאָך, האַלט מען דאָס הינטער אייזערנע גראַדעס! דער ענטפער איז: דאָס איז פאָרט א חיה! ווייל עס קען געוויס טרעפען, אז אייב מען זאָל דאָס ארויסלאָזען אויף דער פריהייט איז מען ניט זיכער אז איין מאָמענט קען דאָס ווערען ווילד און דאָס קען צורייסען מענש'ן אויף שטיקלאַך! דעריבער מוז מען דאָס האַלטען שטענדיג אונטער אייזערנע גראַדעס, כדי מען זאָל זיין זיכער פון אַ געפאַר!

אָט אזוי איז אויך דער מענש! ער אונטערשיידעט זיך ניט פיל פון אַ חיה! זיין איך שטייט ביי איהם העכער פון אַללעס! און פאַר זיין איך, פאַר זיין האַלז און פאַר זיין תאוה וועט ער אויסהאַרגענען מענש'ן! וואָס פאַר אַ סיסטעם עס זאָל ניט הערשען אויף דער וועלט און וואָס פאַר אַ נאָהמען אזא סיסטעם זאָל ניט הייסען, וועט דאָס דעם מענש'נס כאַראַקטער ניט ענדערען! דער מענש פאַר זיין איך מוז ווערען אזוי ווי אַ חיה! און ער מוז ציהען צו זיך! ער וועט ניט נתפעל ווערן אפילו צו מערדער'ן א צווייטען, אבי נור צו גרייכען פאַר זיך וואָס זיין האַרץ געלוסט! דאָס איז אַ פאַקט וואָס איז פיל מאָהל געפּראָוווט געוואָרען, און צו דעם איז קיין מיטעל ניטאָ! אזוי גיך ווי קיינער זעהט ניט, וועט דער מענש אָפטאָן די ערגסטע זאַכען צו גרייכען וואָס ער געלוסט!

וואָס אָבער קען יאַ העלפען, אז די ווילדע חיה וואָס דעם מענש׳נס קער־פער איז, זאָל ער דאָך קענען איינהאַלטען אין אייזערנע גראַדעס, אז די חיה זאָל ניט זיין קיין געפאַהר ?! פאַר דעם איז דאָ נור איין מיטעל. אָבער אַב־סאָליוט נור איין מיטעל. און דאָס איז דער דאָזיגער איינציגער מיטעל: אז דער מענש זאָל זיך דערמאָנען, אז עס איז דאָ אַן אויג וועלכע עס זעהט און אַן אויער וואָס עס הערט אַללעס וואָס דער מענש טהוט! און אז דער האַר וועט עס האָט איהם באשאפען וועט איהם זייער שטריינג בעשטראָפען! מדה כנגד מדה! פאַר די שלעכטעס וואָס ער וועט טאָן צו אַ צווייטען! אָט אזא געדאַנק אז עס איז דאָ איינער וועט עס זעהט און הערט אַללעס וואָס יע־דערער טהוט אפילו אין דער פינסטער און אין פאַרבאָרגענהייט, וואו מענש׳ן זיינען אפילו ניטאָ, דאָך פאַר גאָט איז קיין פאַרבאָרגענהייט ניטאָ! ער זעהט אללעס!

אָט אזא געדאַנק, אז דער מענש זאָל שטענדיג האַלטען אין זינען, אָט דאָס איז די איינציגע שטאַרקסטע זאַך אין וועלכער דער מענטש קען פאָל־שטענדיג איינהאַלטען די ווילדע חיה וואָס עס איז אין איהם, אז ער זאָל ניט זיין קיין געפאַהר פאַר דער מענשהייט! און נור מיט דער איין זאַך צייכענט זיך אויס דער מענש, און נור מיט דער זאַך אליין איז דער מענטש העכער פון ׳די חיות, מיט דעם וואָס ער האָט אין זיך דעם געטליכען פאַרשטאַנד וואָס גאָט האָט דעם מענש׳ן געשיינקט, אז דער מענש זאָל אין זיך האָבען און זאָל ענטוויקלען אין זיך די גוטע מדה פון רחמנות צום אנדערען מענש׳ן ווי אויך צו אַללע לעבעדיגע בעשעפענישען, אז דער מענש זאָל די מדה האָבען אין זיך אזוי ווי זיין בעשעפער האָט דאָס. דער מענש זאָל שטענדיג האַלטען אין זיינע געדאַנקען, אז אזוי ווי ער קען לאַנג ניט אויסהאַלטען אָהן עסען, אזוי קען אויך דער אַנדער מענש דאָס ניט אויסהאַלטען. און דאָס זעלבע איז מיט חיות און בהמות, ווייל אַללע לעבעדיגע בעשעפענישען האַלטען זיך אויפען עסען און ׳טרינקען! די לעבעדיגע מאַשין איז ניט אזוי ווי די מאַשינען וואָס דער מענש האָט געמאַכט. אַללע מאַשינען קען מען איינהייצען דאַהן ווען מען דאַרף מיט זיי אַרבעטען. די לעבעדיגע מאַשין איז אָבער אנדערש! זי מוז עסען און טרינקען, זי מוז ווערען געהייצט אַלעמאָל, סיי ווען דאָס אַרבעט און ׳סיי ווען דאָס אַרבעט ניט. און אייב דאָס קריגט ניט איהר עסען אין דער צייט ווען דער קערפער פאָדערט דאָס, ווערט עס קראַנק און דאָס שטאַרבט אָפּ. דיזע נויטיגע זאַך מוז דער מענש געדיינקען, אז אַללע מענש׳ן אָהן אונטערשייד פון קאָליער און ראַסע מוזען אויפגעפאַסט ווערען אז זיי זאָללען האָבען זייער עסען אין צייט. און דעריבער טאָר קיין מענש ניט ארויסלאָזען פון זיינע געדאַנקען אפילו אויף איין מינוט די דאָזיגע וויכטיגע זאַך, אז גאָט איז זיין ׳בעשעפער און אז ער לעבט נור מיט גאָט׳ס גענאָד. ער קען אויסזעהען ווי געזונד און ווי שטאַרק, דאָך איז ער ניט זי־

כער, אז ער קען ניט פּלוצלינג שטאַרבען, איבּ גאָט זאָל אויף אַ מינוט אַראָפּ־נעהמען זיין השגחה פון איהם. יעדער מענש מוז דאַנקען גאָט פאַר די גרוי־סע חסדים וואָס ער האָט שטענדיג געטאָן צו איהם, און ער מוז זיך אויפ־פיהרען אָרענטליך צו יעדען מענש׳ן און אויך צו חיות. און נור דיזער מענש וועמ׳ עס גלויבּט אין גאָט מיט זיין גאַנצען הארצען ווי איך האָב אָקאָרשט אויפגעקלערט, קען זיין זיכער אז ער וועט זיך קענען בעהערשען פון צו טאָן שלעכטס. ווייל די מורא פאַר גאָט וועט איהם פאַרהיטען פון צו טאָן שלעכטס צו וועמען ניט איז, ווייל ער וועט פאַרשטיין אז פון גאָט קען מען זיך ניט באַהאַלטען, ווייל גאָט זעהט אַללעס וואָס יעדער איינער טהוט און ער וועט זיך שטריינג אָפּרעכענען מיט יעדען שלעכטען מענש׳ן.

און דאָ וואָלט איך וועלען זאָגען איניגע ווערטער וועגען דעם, וואָס עס איז דאָס די זאַך וואָס מען רופט נשמה, וואָס דער מענש האָט אין זיך און וואָס אידען האַלטען אז נור די פרומע מענש׳ן לעבען מיט אַ נשמה.

די זאַך איז אזוי: עס איז אַ וועלט־בעוואוסטע זאַך אז דער מוח פון דעם מענש׳ן און פון יעדע לעבעדיגע בעשעפעניש איז אזוי זוי אַ טעלעפאָן סטאַנציע, פון וואַנען עס גייען פאַרנאַנדער ליניעס צו יעדען איבר אזוי ווי טעלעפאָן־דראָטען אָדער אזוי ווי צוויגען פון אַ בוים איבערן גאַנצען קער־פער. דיזע דיקע און די זייער דינינקע צוויגעלאַך הייסען אַללע מיטן נאָהמען „נערוועז“. די נערוועז זיינען פאַר דעם צוועק, דורכצופיהרען דעם וואונש פון דער צענטראַלע פון דעם מוח צו די אַללע איברים און גלייכצייטיג דורך די נערוועז פיהלט דער מוח וואָס עס קומט אלעמאָל פאַר מיט יעדען טייל פון קערפּער. ווען למשל דער נערוו פון אַ פינגער קריגט אַן אָרדער צו בע־וועגען דעם פינגער, וירקט דער נערוו זאָפאָרט אויף דעם מוסקל וועלכער עס איז בעהעפטט צום ביינדעל פון פינגער און דער מוסקל בעוועגט דעם פינגער. יעדער פינגער האָט אַ בעזונדערען נערוו און יעדער טייל פון דער האַנט האָט זיך איהר בעזונדערען נערוו און יעדע גאַנצע האַנט האָט זיך אויך איהר בעזונדערען נערוו. אזוי האָט אויך יעדע פוס און יעדע טייל פון פוס זייערע נערוועז. אזוי האָבען אויך אַ בעזונדערען אלגעמיינעם נערוו מיט אַ סך קליינע צוויגען יעדע טייל פון קערפּער. למשל: די הארץ, די לונגען, דער מאָגען, דער בויך, די קאָפּ, די אויגען, די אויערן, דער נאָז, דער מויל און אזוי ווייטער. און אפילו די הויט פון קערפּער האָט אויך פיל נערוועז, וועלכע עס טוען דעם פיהלען פון דער טעמפּעראַטור און דעם פיהלען פון אַ גלעט, אַ קראַץ, אַ קלאַפּ אָדער אַ שטאָך. און אזוי האָט יעדער איבר אַ בע־זונדערען אָפּטיילונג מיט קלענערע דעפּאַרטמענטען אין די מאַרך פון קאָפּ. דעם דאָזיגען וואונדערבאַרען בילד ווי דער מאַרך איז צוטיילט אין הונדער־טער אָדער טויזענדטער אָפּטיילונגען קען מען לייכט זעהען אויף אַ בילד פון דעם מוח אין אַ מעדיצינישען בוך.

עס זיינען דאָ אין קערפּער אזעלכע איברים וועלכע עס רוהען ווען דער מענש שלאָפט, און אזעלכע וועלכע עס שטעלען זיך קיינמאָל ניט אָפּ. למשל: די האַרץ, די לונגען, דער מאָגען און די געדערים און נאָך אזעלכע וויכטיגע איברים וועלכע עס טאָרען זיך ניט אָפּשטעלען.

יעצט קומט זייער אַ וויכטיגע פראַגע: ווער איז דאָס דער הויפּט־אָנ־פיהרער, ווער עס פיהרט דאָס אָהן מיט אַללע אָפּטיילונגען פון מוח? ווער איז דאָס דער הויפּט־אָנפיהרער ווער עס גיט די אַללע אָרדערס צו יעדען נערוו פון גאַנצען קערפּער? למשל: אז די פיס זאָללען גיין, אז די הענט זאָללען זיך בעוועגען, אז דער מויל זאָל ריידען און אזוי ווייטער.

דאָס אַללעס ווערט אָנגעפיהרט ביי אזא וואונדערבאַרע זאַך וואָס קיינער קען דאָס ניט זעהען. דיזע וואונדערבארע זאַך איז אריינגעבלאָזען געוואָרען אין יעדע לעבעדיגע זאַך ווען דאָס איז געקומען אויף דער וועלט. און די זאַך האָט יעדע בעשעפעניש, סיי דער מענש און סיי די חיות און די בהמות און סיי אַללע פויגלען און אַללע פיש, און מיט איין וואָרט אַללע לעבעדיגע זאַכען האָבען עס אָט דעם רוח חיים, אָט דעם פונק פון לעבען, ווער עס איז דער וואונדערבאַרער אָנפיהרער פון דעם לעבעדיגען קערפּער.

און יעצט איז אזוי: אָט דער רוח חיים וועלכער עס געפינט זיך אין דעם מענש'ן, איבּ ער קאָנטאַקט זיך מיט די העכסטע זאַך אין דער וועלט, מיט זיין בעשעפער אין הימעל און עס שעפּט פון דאָרטען ליכטיגקייט און די העכסטע וויסענשאַפט, למשל, אזוי ווי מיר קאָנטאַקטען זיך מיט פערשידענע לענדער, ווען מיר שטעלען אָהן דעם ווייערלעס אויף אַ געוויסע ליניע און מיר הערען וואָס מען רעדט און וואָס מען זינגט דאָרטען אין יענע לאַנד, אזוי פיהלט אויך אָט דער רוח חיים די אָנווייזונגען וואָס מען גיט איהם פון דער הויך! דאַהן קען ער פיהרען דעם קערפּער אין דעם ריכטיגען וועג ווי אזוי אַ מענש דאַרף זיך פיהרען. דער רוח חיים קריגט אַ גרויסע קראַפט און ער איז גובר די שלעכטע געדאַנקען פון דעם פליישענעם קערפּער.

דער מענש אָבער, וואָס זיין רוח חיים קומט ניט אין קאָנטאַקט מיט די העכסטע סטאַנציע מיט דעם בעשעפער פון הימעל, איז שוין זיין רוח חיים זייער שוואַך! דער קערפּער האָט שוין אויף זיך ניט קיין קאָנטראָל! ער גייט שוין לויט דעם וויללען, ווי זיין האַרץ און זיינע אויגען ציהען איהם. דאַהן טהוט שוין דער מענש אַללעס וואָס דער פליישענער קערפּער פאַר־לאַנגט. עס איז ניטאָ קיין קאָנטראָל! אזא קערפּער איז שוין א גרויסע געפאַהר פאַר די מענשהייט ווי אויך פאַר אַללעס! אַלזאָ, דער מענש וואָס זיין רוח חיים וויל קומען און וועלכער עס קומט יאַ אין קאָנטאַקט מיט די העכס־טע סטאַנציע, דאָס הייסט מיט דעם בעשעפער פון הימעל, וואָס די זאַך איז איבערגעלאָזען געוואָרען צו דעם פרייען ווילען פון דעם מענש'ן, אויף דעם זאָרט מענש'ן וואָס טוט די ריכטיגע זאַך ווי איך האָב אָנגעוויזען, קען מען

זאָגען אז ער לעבט יאַ מיט אַ נשמה. דאָס הייסט אז זיין רוח חיים איז אַ היילינער! ער איז פאַרבונדען מיט דער העכסטער זאַך אין דער וועלט, מיט דעם בעשעפער פון אַללעס וואָס ער האָט באשאַפען אללעס און ער פּאַסט אויף אז אַללעס זאָל גיין אין בעסטען אָרדנונג. אָבער דער מענש וועלכער עס וויל ניט קומען אין קאָנטאַקט מיט דער העכסטער סטאַנציע פון ליכטיג־קייט און פון וויסענשאַפט, ער גלויבט גאָר אין פאַרשידענע פוסטע און פאַל־שע זאַכען וואָס עס גלוסט זיך זיין פלייִשענעם קערפּער, דער זאָרט מענש לעבט שוין גאָר אָהן אַ נשמה! ער לעבט מיט אזא רוח חיים אזוי ווי אַללע אַנדערע בעשעפענישען, אָהן קיין הויכקייט! דעריבער די אידען וועלכע גלויבען יאַ אין דעם בעשעפער און זיי קומען מיט איהם יאַ אין קאָנטאַקט, זיי מעגען פאַלשטענדיג האַלטען אז זיי לעבען מיט נשמות.

אַלזאָ, נאָך דעם בעטראַכטען פון דאָס אַללעס מוזען מיר קומען צום ענדגילטיגען בעשלוס, אז די מענשהייט מוז אָננעהמען נור אזא סיסטעם און אָרדנונג אויף דער גאַנצער וועלט, וועלכער איז צוזאַמען געבונדען מיט דעם אמת'ן גלויבען אין דעם גרויסען האַר פון דער וועלט. און דאָס מוז זיין ביי יעדען מענש'ן מיטן גאַנצען האַרצען און מיטן גאַנצען פאַרשטאַנד. יעדער מענש מוז דאָס האַלטען אין זיין זיהנען טאָג און נאַכט וואו ער גייט און וואו ער שטייט. און דעריבער וויל איך די זאַך בעטאָנען נאָך אַמאָהל, אז עס מוז זיין מיטן גאַנצען האַרצען! עס טאָר ניט זיין אזוי ווי אַנדערע מענש'ן זאָגען זיך אָפּ, מיטן מויל: „יאַ, איך גלויב", אָבער נור דער מויל זאָגט דאָס, אָבער אין האַרצען טראַכטען זיי עס גאָרניט. אזוי טאָר עס ניט זיין! עס מוז זיין מיט אַן אמת! ווייל גאָט זעהט דעם מענש'נס האַרץ דורך און דורך צי דאָס איז געמיינט מיט אַן אמת אָדער ניט! גאָט קען מען ניט בלאָפען!

דעריבער האַלט איך און אלע קלוגע מענש'ן ווער עס האַלטען זייערע אויגען אָפען וועלען דאָס אויך פאַרשטיין אז אזא סיסטעם ווי איך האָב אויבען פאָרגעלייגט אז די מענשהייט מוז אונבעדינגט אָננעהמען איז דער איינציגער בעסטער סיסטעם אז עס זאָל קענען הערשען אמתער שלום און זיכערקייט אויף דער גאַנצער וועלט און איך בין אָהן צווייפעל, אז דאָס איז געוועזען דעם בעשעפער'ס וואונש ווען ער האָט בעשאַפען די וועלט אז די מענשהייט זאָל זיך אזוי פיהרען ווי איך האָב פאָרגעלייגט.

איין און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

דאָ וויל איך אויפקלערען און בעווייזען מיט פעקטס, ווי נאַריש די מענשהייט איז פאַרקראָכען אין דעם גלויבען פון כח און ווי די מענשהייט איז בלינד פון צו זעהען דעם אמת. אז אפילו די שטאַרקסטע זאַך וואָס דער מענש האָט ערפונדען האָט קיינמאָהל ניט געהאַט און עס וועט קיינמאָהל ניט האָבען קיין ממשות! ווייל באַלד קומט אַ שטאַרקערע זאַך און עס מאַכט צו גאָרנישט די פריהערדיגע.

לאָמיר זיך צוקוקען מיט קלאָרע אויגען צו דעם פאָלגענדען בילד: מענש'ן האָבען צוערשט זיך געשלאָגען מיט די היילע הענט, מיטן פויסט. האָבען זיי אָנגענומען דעם מעסער אין זייערע געשלעגען, וואָס עס האָט געזיגט דעם פויסט. איז געקומען אַ שטאַרקערע זאַך, די האַק, וועלכע האָט געזיגט דעם מעסער. איז געקומען דער שווערד און ער האָט געזיגט די שטאַרקע זאַך, די האַק. דען איז שוין געקומען די לאַנגע פּיקע, דער לאַנגער שטעקען מיט אַ שאַרפען אייזערנעם שפּיטץ, וועלכע עס האָט בייגעקומען דעם מענש'ן מיטן שווערד. איז ערפונדען געוואָרען דער רעוואָלווער, וועלכער האָט געזיגט די פּיקע. אָבער ניט דער רעוואָלווער איז געוועזען די לעצטע שטאַרקסטע זאַך! עס איז באַלד ערפונדען געוואָרען דער ביקס ווער עס האָט שוין געזיגט דעם רעוואָלווער אויך. אָבער דאָס איז נאָך אַלץ ניט די ענדע. עס איז באַלד ערפונדען געוואָרען דער מאַשינגאַן, ווער עס האָט געזיגט דעם ביקס אויך. איז געקומען דער האַרמאַט און האָט געזיגט אויך דעם מאַשינגאַן. איז געקומען דער טייַנק און האָט געזיגט אויך דעם האַרמאַט. אָבער דאָס איז נאָך אַלץ ניט די ענדע. עס איז ערפונדען געוואָרען אַ נייע וואונדערבאַרע ערפינדונג, די זאַך וואָס פליהט אין דער הויך, דער אַעראָפּלאַן, וואָס עס צושמעטערט מיט באָמבעס אויך דעם טייַנק.

יעצט, ביי היינטיגען טאָג האַלט די מענשהייט ביי דער אַטאָמיק באָמבע! אָבער דאָס איז אויך ניט די לעצטע זאַך אין טעכניק. עס וועט אָהן צווייפעל ערפונדען ווערען אַ נייע זאַך וואָס עס וועט אויך דאָס בייקומען! ווייל אַללעס וואָס דער מענש ערפינדעט האָט קיין ממשות ניט! ווייל דער ערפינדער אליין האָט קיין ממשות ניט! אין איין מאָמענט, עפּעס זאָל ווערען ניט אין אָרדנונג אין זיין קערפּער, פאַלט אַנידער אָט דיזער גרויסער העלד, דער ערפינדער, טויט אזוי ווי אַ שטיק האָלץ! דער איינציגער שטאַרקסטער כח אין דער וועלט וואָס עס איז אַ אייביגע זאַך איז נור איין זאַך. דאָס איז

גאָט, דער האַר און דער בעשעפער ווער עס פיהרט אָהן מיט דער וועלט, וואָס יעדער קלוגער מענש קען דאָס פאַרשטייך.

גלייכצייטיג וואָלט איך וועלען ווייזען פאַר דער מענשהייט נאָך אַזאַ וויכטיגע זאַך ווי איך האָב אויבען אויפגעוויזען, ווי פאַלש דער גלויבען אין כח איז. עס איז אַ וועלט בעוואוסטע זאַך אַז די אידען פייערען 7 טעג פּסח אין אָנדיינקונג צו זייער גרעסטע בעפרייאונג פון קנעכטשאַפט און פון די גרעסטע פּיין וואָס זייערע עלטערן האָבען זיך אויסגעליטען אין מצרים אין דעם שרעקליכען גלות. די ערשטע צוויי נעכט פון פּסח מאַכען די אידען ספּעציעלע פייערונג אָבענדטען פון געזאַנג און פון לויבען און פון דאַנקען דעם גרויסען בעשעפער פאַר די אַללע גרויסע נסים וועלכע ער האָט בעוויזען צו זייערע עלטערן אין דער צייט פון זייער בעפרייאונג פון גלות מצרים, ווי אויך פאַר די שפּעטערדיגע נסים וואָס ער האָט אויך צו זיי געטאָן אין יעדען דור. די אידען פאַרענדיגען יעדען אָבענד פון די צוויי ערשטע אָבענדטען פון פּסח מיט אַ מערקווירדיגען געזאַנג, וועלכער עס שילדערט ריכטיג אָפּ די זאַך וואָס איך האָב פריהער אויפגעוויזען, ווי נאַריש די מענשהייט איז פאַר־קראָכען אין דעם גלויבען פון מענשליכען כח. דער מערקווירדיגער געזאַנג האָט אויך אָן אַנדער גרויסע מיינונג. עס שילדערט אויך אָפּ אַ בילד פון דער אידישער היסטאָרי, פון דער אידישער פאַרגאַנגענהייט און פון דער אידישער צוקונפט, וואָס דאָס קען זיין אַ זייער וויכטיגע לעהרע פאַר דער גאַנצער מענשהייט.

דער מערקווירדיגער געזאַנג הייסט „חד גדיא“, און עס זינגט זיך לויט פאָלגענדעס: „דער פאָטער האָט געקויפט אַ ציגעלע, איז געקומען די קאַטץ און האָט אויפגעגעסען די ציגעלע! איז געקומען דער הונט און האָט צו־ביסען די קאַטץ! איז געקומען דער שטעקען און האָט געשלאָגען דעם הונט! איז געקומען דער פייער און האָט פאַרברענט דעם שטעקען! איז געקומען דער וואַסער און האָט פאַרלאָשען דעם פייער! איז געקומען דער אָקס און האָט אויסגעזופּט דאָס וואַסער! איז געקומען דער שוחט און האָט געקוילעט דעם אָקס! איז געקומען דער מלאך המות און געקוילעט דעם שוחט! איז געקומען דער אויבערשטער, ווער עס איז דער האַר פון דער וועלט, ווער עס געוועלטיגט איבער אַללעס, ווער עס איז דער לעצטער וואָרט פון שטאַר־קייט און ער האָט פאַרניכטעט דעם מלאך המות“.

דער דאָזיגער געזאַנג שילדערט אָפּ דעם אמת'ן בילד ווי אַזוי גאָט רעכנט זיך אָפּ אין יעדען דור מיט די יעניגע ווער עס פייניגען די אידען. און עס וויזט אויך אָהן ווי אַזוי ער וועט אין די ענדע זיך אָפּרעכענען מיט זיין גאַנצען צאָרן מיט די יעניגע וועלכע עס פיהרען אָהן און וועלכע עס העצען אָהן אַנדערע, אַז זיי זאָללען פייניגען די אידען, ווער עס זיינען גאָט'ס אויסדערוויילטע פאָלק, וועמען ער האָט אָנגעטרויט די גרויסע און וויכטיג־

סטע זאַך אַז זיי זאָללען זיין די לעהרער צו דער מענשהייט, צו לערנען זיי די גרויסקייט פון גאָט ווער עס איז דער אמתער בעשעפער און דער האַר פון דער וועלט, אַז די מענשהייט זאָל וויסען ווי זיך אויפצופיהרען איינער צום אַנדערען.

עס איז ארויפגעלייגט געוואָרען אויף די אידען זייער אַ שווערער דזשאָב צו זיין די לעהרער פון דער מענשהייט. און ווייל די אידען ווערען איבעראַל פאַרפאָלגט און געפייניגט זיינען זייערע הערצער זייער צובראָכען און זיי זיינען שטענדיג פאַרביטערט און זיי ווייסן ניט פון גרויס יאוש וואָס זיי זאָללען טאָן? זיי זעהען נור איין זאַך, אַז מען פייניגט זיי פון אַללע זייטען. דאַרף דען דריבער זיין אַ וואונדער, אַז די אידען טרייען צו נעהמען נקמה פון זייערע פאַרפאָלגער אין דער אידישער לאַנד גופא? אַז זיי נעהמען נקמה פון אזעלכע פאַרפאָלגער און אונטערדריקער וועלכע עס האָבען אַבסאָליוט קיין מורא ניט פאַר גאָט?! וועלכע עס זיינען פאַרנאַרעשט און דיינקען אַז זיי וועלען האָבען די מאַכט אויף אַלעמאָל. דיזע פאַרפאָלגער און אונטערדריקער פון דעם אידישען פאָלק ריידען איין די וועלט, אַז די אידען זיינען טעראָריסטען! אַז די אידען זיינען קאָמוניסטען! און מיט איין וואָרט, זיי טרייען מיט וואָס זיי קענען נור צו בעשמוצען דעם אידישען גוטען נאָהמען און פרעסטיזש, כדי אַז די וועלט זאָל קוקען קרום אויף די אידען. דיזע פאַרפאָלגער פון די אידען זיינען אָבער זייער בלינד צו זעהען די פעקטס, ווי גאָט האָט זיך אָפּגערעכענט מיט פרעה'ן און מיטן גאַנצען פאָלק פון מצרים, דערפאַר וואָס זיי האָבען פאַרפאָלגט און געפייניגט די אידען! דיזע אונטערדריקער פון די אידען אין היינטיגע צייטען זיינען בלינד צו זעהען ווי גאָט האָט צובראָכען המנ'ס פּלענער, ווי גאָט האָט געמאַכט אַז מען האָט גאָר איהם, המנען מיט זיינע צעהן זיהן, אויפגעהאַנגען אויף דעם זעלבען בוים וועלכען ער האָט צוגעגרייט אויפצוהייגען דעם אידען מרדכען! די אונטערדריקער פון די אידען פון היינטיגע צייטען זיינען אויך בלינד צו זעהען און צו פאַרשטיין דעם פעקט, ווי גאָט האָט זיך אָפּגערעכענט מיטן רוסישען צאַר און מיט זיינע עצות געבער און מיט אַללע יעניגע וועלכע עס האָבען געפייניגט די אידען., אַז פון זיי אלעמען איז ניט געבליבען קיין זכר! אַז מען ווייס אפילו ניט מיט וועלכע טויטען זיי זיינען געשטאָרבען און וואו זייערע ביינער זיינע אַהינגעקומען. דאָס אַללעס איז אויף זיי געקומען פאַר די אומזיסטע אידישע בלוט וואָס זיי האָבען פאַרגאָסען אין די שרעקלעכע פּאָגראָמען אויף די אידען און פאַר די אומזיסטע בלוט־בלבולים וואָס זיי האָבען געמאַכט אויף די אידען.

די היינטיגע אונטערדריקער און פאַרפאָלגער פון אידישען פאָלק זיינען אויך בלינד צו זעהען דעם פעקט, ווי גאָט האָט זיך אָפּגערעכענט מיט שפּאַניע פאַר די אידישע בלוט וואָס זיי האָבען פאַרגאָסען אין דער צייט פון

דער שרעקליכער אינקוויזיציע אויף די אידען. זיי זיינען אויך בלינד פון צו זעהען דעם פעקט, ווי גאָט האָט זיך אָפּגערעכענט מיט דער אַלטער פוילען פאַר די פּאָגראָמען וואָס זיי האָבען געמאַכט אויף די אידען. דערפאַר איז היטלער ארויפגעפאַללען אויף זיי און האָט חרוב געמאַכט זייערע שטעדט, און ער האָט אויסגעמאָרדעט זייערע מענש׳ן אין די שווערע טויזענדטער אָדער אפשר אין די שווערע מילליאָהנען. די פאַרפאָלגער און אונטערדריקער פון די אידען זיינען אויך בלינד צו זעהען און זיי זיינען קליין צו פאַרשטיין דעם גרויסען וואונדער וואָס גאָט האָט בעוויזען צו דער וועלט, ווי ער האָט צובראָכען אזא שטאַרקע מאַכט ווי היטלער־דייטשלאַנד איז געוועזען, און וואָס די ענדע איז געוואָרען פון היטלערען מיט זיין טייוועלשע גיינג! זיי זיינען שוואַך צו פאַרשטיין דאָס, אז דער זעלבער גאָט וועלכער עס האָט זיך אָפּגערעכענט מיט אַללע אידישע שונאים און פאַרפאָלגער וועט זיך אָהן צווייפעל באַלד אויך מיט זיי אָפּרעכענען אז די גאַנצע וועלט וועט דאָס זעהען, און יעדערער וועט דאָס פאַרשטיין ווי גאָט רעכענט זיך אָפּ פאַר די אידישע בלוט. די גאַנצע וועלט וועט אויך די יזאַך זעהען ווי שטריינג גאָט וועט זיך אָפּרעכענען מיטן דייטשישען פאָלק.

די אונטערדריקער און פאַרפאָלגער פון דעם אידישען פאָלק זיינען בלינד צו זעהען אז דער טאָג פון גאָט׳ס צאָרן וועט זייער גיך קומען אויף זיי, און דער גרויסער טאָג פון נקמה פאַר די אידישע בלוט קען זיין אפילו מאָרגען, אייב נור דער אידישער פאָלק וועט באַטראַכטען מיט אַ קלאָרע קאָפּ וואָס עס טהוט זיך מיט איהם, און ווען אַללע אידען וועלען בעטען מיטן גאַנצען האַרצען אז גאָט זאָל שוין צוזעהען ווי מען פייניגט זיי און ער זאָל זיך שוין אָננעהמען פאַר זיי, ווי ער האָט דאָס אלעמאָל געטאָן! ווען די אידען וועלען נעהמען אויף זיך פון היינט אָהן צו גיין אין דעם ריכטיגען וועג, אַזוי ווי גאָט פאַרלאַנגט פון זיי, קען איך דאָס גאַראַנטירען און יעדער קלוגער מענש קען דאָס אויך קלאָר זעהען און פאַרשטיין פון די אַללע פעקטס און נסים וועלכע איך האָב פריהער אויסגערעכענט, ווי גאָט האָט זיך אלעמאָל אָנגענומען פאַר זיין פאָלק אַזוי אויך יעצט וועט ער זיך אָננעהמען פאַר זיי, און פון זייערע פאַרפאָלגער און אונטערדריקער וועט קיין שריד ופליט ניט בלייבען. איך האָף און איך בין זיכער אז די גאַנצע וועלט וועט דאָס זעהען און הערען, ווי די אַללע ווערטער וועלען מקוים ווער׳ן. איך וואָלט אויך וועלען אויסנוטצען די געלעגנהייט צו זאָגען אַ פּאָר ווערטער צו די גל־חים און מיניסטערס פון די קלויסטערס: געהערטע לעהרער פון רעלי־גיאָהן, ווען די צייט וועט קומען, וואָס מיר קענען דאָס זעהען אז עס קען אַנדערש ניט זיין, און עס מוז קומען די צייט, ווען די גאַנצע וועלט וועט אַנערקענען אז דער מענש מוז גלויבען נור אין דעם איין גאָט אליין! אין דעם איינציגען בעשעפער אליין! דאַרפט איהר ניט האָבען קיין מורא אז

איהר װעט פאַרלירען אייערע שטעלעס! אומגעקעהרט: איהר װעט גאָר דערהויבען װערען זייער הויך, אייב איהר װעט זיך בעהמען צו לערנען די מענשהייט דעם אמת׳ן װעג אין װעלכען זיי מוזען גיין, אז זיי אללע זאללען גלויבען נור אין גאָט אליין! די מענש׳ן זאללען אװעקװאַרפען זייערע פריי־הערדיגע נאַרישע פאַלשע און טעות׳דיגע גלויבענס אין טויטע מענש׳ן אז דאָס זיינען גאָט׳ס אגענטען. איהר מוזט דאָס זיך בעהמען היינט אויפצו־קלערען צו דער מענשהייט דעם ריינעם אמת אז יעדערער מוז אומבעדינגט גלויבען נור אין גאָט אליין. דאהן, אז איהר װעט די דאָזיגע ריכטיגע זאַך טאָן װעט איהר אויך האָבען אַ גרויסע טייל אין דער גליקליכער צוקונפט, װעלכע עס װעט דאהן קומען פאַר דער גאַנצער מענשהייט.

בעהמט זיך גלייך היינט און קלערט אויף פאַר דער מענשהייט די וויכ־טיגקייט פון דער זאַך, אז מען זאָל װאָס שנעלער צוריקגעבען צו די אידען זייער לאַנד ארץ ישראל, װייל עס איז שוין געקומען דער װיללען פון דעם גרויסען בעשעפער פון אַללעס אז עס זאָל שוין בעהמען אַ ענדע צו די ליידען פון דעם אידישען פאָלק. יעדער קלוגער מענש קען דאָס קלאָר זעהען פון דאָס אַללעס װאָס עס קומט יעצט פאָר אין אונזערע צייטען, אז גאָט גייט זיך אָנגעהמען פאַר זיין פאָלק און פאַר די לאַנד װאָס ער האָט געשװאָרען צו אַברהם אבינו, אז דאָס װעט זיין די לאַנד פאַר די אידען אויף אייביג! די גאַנצע לאַנד ארץ ישראל װעלכע עס איז פון די אידען אװעקגערויבט גע־װאָרען, מוז זיך צוריקקעהרען צו זיי װאָס גיכער! װייל דאָס איז אַ דרינגענ־דע זאַך װאָס עס ריהרט אָהן ניט נור בלויז די אידען אליין, נור דאָס איז געװיס אויך אין די אינטערעסען פון דעם װאוילזיין פון דער גאַנצער מענש־הייט, כדי אז די אידען זאללען קענען אררויסגעבען פון ארץ ישראל די גרויסע און די װיכטיגסטע לעהרע פון גערעכטיגקייט צו דער גאַנצער מענשהייט, כדי אז אַללע פעלקער זאללען קענען ציהען ידי אמתע װיכטיגע לעהרע פון דער אידישער לאַנד, אזוי װי עס שרייבט זיך: „כי מציון תצא תורה ודבר ד׳ מירושלים״, און עס מוזען אויך מקוים װערען די װערטער פון דער צװייטער העלפט פון „עלינו לשבח״: „ועל כן נקוה לך ד׳ אלהינו לראות מהרה בתפארת עזיך להעביר גלולים מן הארץ והאלילים כרות יכרתון. לתקן עולם במלכות שדי וכל בני בשר יקראו בשמך להפנות אליך כל רשעי ארץ. יכירו וידעו כל יושבי תבל כי לך תכרע כל ברך תשבע כל לשון... ויקבלו כולם את עול מלכותך ותמלוך עליהם מהרה לעולם ועד. והיה ד׳ למלך על כל הארץ ביום ההוא יהיה ד׳ אחד ושמו אחד״.

װאָס דאָס מיינט: „און דעריבער האָפפען מיר צו דיר גאָט אונזער גאָט, אז מיר װעלען אינגיכען זעהען אין דיין שיינע שטאַרקייט אז דו װעסט אװעקמאַכען די אַללע אָפּגעטער פון דער ערד און די אָפּגעטער װעלען פאַר־שניטען װערען און דו װעסט איינאָרדנען די װעלט מיט דיין געטליכע קע־

ניגרייך און אַללע מענש׳ן וועלען רופען נור אין דיין נאָהמען אליין. און עס וועלען זיך צוריקקעהרען צו דיר אַללע זינדיגע אויף דער ערד. עס וועלען אַנערקענען און עס וועלען וויסען אַללע איינוואוינער פון דער וועלט דאָס צו דיר דאַרף זיך בוקען יעדע קניה און יעדער צונג זועט שווערען אין דיין נאָהמען. און אַללע וועלען אָננעהמען דעם רעזושים פון דיין קעניגרייך און דו ווערסט רעגירען אויף זיי אין גיכען אויף אַלעמאָל. און דו גאָט ווערסט זיין דער קעניג פון דער גאַנצער ערד, אין יענעם טאָג וועט גאָט אנערקענט ווערען אַלס דער איינציגער האַר פון דער גאַנצער וועלט און זיין נאָהמען וועט זיין דער איינציגער״.

און יעצט וואָלט איך וועלען זאָגען איניגע ווערטער זייער וויכטיגע צו דעם אידישען פאָלק.

אידען! דער אויבערשטער וויזט אונז יעצט אין אונזערע צייטען, אַ זאַך וואָס אונזערע עלטער׳ן האָבען טויזענדטער יאָהרען פאַרגאָסען בלוט און טרערען און האָבען אלעמאָל געבעטען און זיך געוואונשען צו דערלעבען אזא צייט וואָס עס מיינט: „א אתחלתא דגאולה״ און מיר גייען קריגען צוריק אונזער טייערע לאַנד ארץ ישראל. זאָל אייער פליכט און אייער אויפגאַבע זיין, ווען איהר וועט קומען אין אייער לאַנד, אז איהר זאָלט קיינמאָל ניט פאַרגעסען אייער פאַרגאַנגענהייט, אייער היסטאָרי און איהר זאָלט שטענדיג געדיינקען וואָס עס איז געוועזען די אורזאַכע פאַרוואָס איהר זייט פאַרטריבען געוואָרען פון אייער טייערע לאַנד, און פאַרוואָס איהר האָט געמוזט אויסשטיין אזא לאַנגען און טרויעריגען גלות מיט אזעלכע שרעקליכע וויטאָקען וואָס קיין פאָלק אין דער וועלט האָט אזעלכע צרות ניט געליטען און וואָס קיין פאָלק אין דער וועלט וואָלט אזעלכעס ניט געקענט אריבערטראָגען. זאָלט איהר דעריבער דאָס אַללעס זייער גוט בעטראַכטען מיט אַ קאָפּ, זועט איהר דאַהן פארשטיין די זאַך ריכטיג ווער און וואָס עס איז געוועזען אייער הילף אז איהר האָט דאָס אַללעס געקענט אויסהאַלטען און אריבערטראָגען. פאַרדאָרבענע מענש׳ן האָבען זייער אָפּט אָפּגעריסען פון דעם אידישען קערפּער גאַנצע איברים אין משך פון דעם שרעקליכען 2000 יאָהריגען גלות. דער אידישער פאָלק איז מאַנכע מאָהל געבליבען אָהן אַ האַנט און אָהן אַ פוס און אָהן מעהרערע איברים! און דאָך איז די אידישע האַרץ און די אידישע נשמה פאַרבליבען אַ גאַנצע! זאָלט איהר דעריבער דאָס גוט געדיינקען דעם, ווער עס האָט אויף אייך אויפגעפּאַסט די גאַנצע צייט, און ווער עס האָט אייך ניט געלאָזען אונטערגיין! דעריבער זאָלט איהר שוין וויסען אויף להבא וואָס איהר דאַרפט טאָן, און וואָס איהר מוזט טאָן. און דאָס זיינען די זאַכען וואָס איהר מוזט טאָן:

די ערשטע זאַך: צו געדיינקען אז גאָט איז דער האַר פון דער וועלט, וואָס איהר אליין זייט די עדות אז ער האָט אכטונג געגעבען, אז איהר זאָלט

ניט אונטערגייך, כאָטש איהר זייט דאָס אפשר ניט ווערט געוועזען. ער האָט אייך געהאָלפען ביז דיזען גרויסען מאָמענט אז איהר זאָלט זוכה זיין צו קומען צוריק אין אייער אַלטע היים.

די צווייטע זאַך: וואָס איהר דאַרפט טאָן און וואָס איהר מוזט טאָן איז, צו לערנען מיט אייערע קינדער אייער היסטאָרי וואָס מיט אייך האָט פּאַסירט. אַללעס גענוי זאָלט איהר זיי אויפווייזען און אויפקלערען די זאַך, ווי גאָט האָט אויף אייך אכטונג געגעבען די גאַנצע צייט, וואָס לויט ווי איהר האָט זיך אויפגעפיהרט האָט אייך געקומט, אז ער זאָל חלילה אינגאַנצען אַראָפּנעהמען זיין השגחה פון אייך. דאָס מוזט איהר אויפקלערען צו אייערע קינדער כדי אז זיי זאָללען דאָס אַללעס וויסען, און זיי זאָללען שוין גיין אין דעם ריכטיגען וועג, אז זיי זאָללען פאַרשטיין וואָס עס פּאַסיערט אז מען גייט אוועק אויף אַ קרומען וועג.

און די דריטע זאַך וואָס איהר מוזט טאָן איז: אויפצווייזען דאָס אַללעס צו די פעלקער פון גאָר דער וועלט, כדי אַללע מענש׳ן זאָללען זעהען און פאַרשטיין אז נור גאָט אליין פיהרט עס אָהן מיט דער וועלט און אז אַללעס ווערט אויסגעפיהרט נור לויט זיין וויללען נאָך. ניט וואָס נאַרישע מענש׳ן דייבקען אז זיי וועללען פיהרען די וועלט ווי זיי וועט זיך געלוסטען. זיי זאָללען עס פאַרשטיין און זאָללען זעהען, אז אַ מענש קען קיין זאַך ניט אויספירען, סיידען אז גאָט זאָל אויף דעם מסכים זיין אז ער זאָל דאָס יאָ דורכפיהרען. און דעריבער, אזוי ווי מיר לעבען היינטיגע צייטען אין אזא ענטוויקעלטע וועלט פון אלערליי ערפינדונגען אז מען קען היינט צו טאָג זיך אויפרייזען פון איין עק וועלט ביז דער אַנדערער, גיי איך פאָרלייגען פאַר דעם אידישען פאָלק די פאָלגענדע זאַך: אז מען זאָל גלייך היינט אָנהויבען צו שאַפען אין ארץ ישראל אַ אינסטיטוט אונטער דער אָנפיהרונג פון די גרעסטע אידישע חכמים און יודעי ספר, וועך עס זאָללען זיך איבערגעבען מיט לייב און לעבען אין דער פאָלגענדער וויכטיגסטער אַרבעט: צו מאַכען פילמס וועלכע עס זאָללען ווייזען פאַר דער מענשהייט פון דער וועלט וואָס אַ איד איז און ווי אזוי אַ ריכטיגער איד דינט דעם אויבערשטען לויט נאָך די איינגעשטעלטע דינים פון דער תורה אזוי ווי דער חיי אדם לערנט. עס זאָל ווייזען ווי דער איד זאָגט דאָס ערשטע ווי נור ער עפענט זיינע אויגען אין דער פריה „מודה אני לפניך“... און אזוי ווייטער. דערנאָך, ווי ער וואַשט גלייך נעגל וואַסער און ווי ער איז זיך מקדים צו גיין אין שוהל לעבודת הבורא. די פילמס זאָללען ווייזען דעם בילד ווי אזוי אידען ארבעטער, וועלכע עס דאַרפען זיין פרי אין די פאַבריקען אָדער אזעלכע וועלכע עס מוזען גיין זייער פרי צו מאַכען אַ לעבען, ווי די אַללע לויפען צוערשט אין שוהל אריין און ווי זיי דאַוונען מיטן ערשטען מנין. די פילמס זאָללען אויך ווייזען ווי פיין עס זיינען די אַללע אידישע מנהגים פון אַ היגיענישען שטאַנד־

פונקט, ווי דער איד וואַשט זיך אַלעמאָל אײדער ער גייט עסען און ווי ער מאַכט אלערליי ברכות אויף אלערליי עסענוואַרג, און ווי דער איד בענטש נאָך יעדער מאָהלצייט.

דאָס אַלץ זאָל פאַרטייטש ווערן אין אַלערליי שפּראַכען וואָס די מיי־נונגען פון דאָס אַלעס זיינען. דער פילם זאָל ווייזען אַ בילד ווי דער איד גייט אָהן אין אַלגעמיין מיט זיין טעגליכען לעבען, און ווי דער אויבערשטער העלפט דעם אידען מיט פרנסה אין אַ פרעמדע לאַנד. אַ בילד וואָס עס זאָל פאַרשטעלען פון אַללע קלאַסען אידען: פון אַזעלכע אידען וועלכע עס שטייען אין ביזנעס און פון אַזעלכע אידען וועלכע עס אַרבעטען אין פאַברי־קען, ווי איבערגעגעבען זיי זיינען צו דער אַרבעט, די שעהן וואָס מען דאַרף אַרבעטען. אויך דאָס ווי די עלטערע אידען טראַגען היט אָדער יארמולקעס אפילו ביי דער אַרבעט, ווייל אַ איד דאַרף ניט גיין מיט אַ היילער קאָפּ, ער מוז טראָגען אַ היטעל.

עס זאָל ווייזען אַ בילד פון אידען ווער עס זיינען טרייערס און האָקערס, פון די וועלכע עס גייען צופוס און טרייען אָדער פון אַזעלכע וועלכע עס פאָהרען מיט פערד, ווי זיי פאַרגעסען ניט אָהן דעם בורא העולם און ווי זיי בעטען אז ער זאָל זיי צושיקען יעדען טאָג די שטיקעלע פרנסה פאַר זיך מיט די פאַמיליע, און ווי אַ קאַפּיטעלע תהילים איז זיי מחיה. ווי זיי זאָגען דאָס וואו זיי שטייען און וואו זיי גייען. עס זאָל ווייזען אַ בילד ווי דער אויבער־שטער העלפט טאַקע דעם אָרענטליכען אידען, וועד עס טוט בעטען ביי איהם און ווי גאָט שיקט צו צו איהם אַ מציאהלע, איבערהויפּט לכבוד שבת. עס זאָל אויך ווייזען אַ בילד פון אידען וועלכע עס האָבען שוין געענדיגט דעם טאָג פון אַרבעט פאַר אַ לעבען, ווי זיי פאַרפעהלען ניט צו קומען אין שוהל צו לערנען דעם בלאַט משניות, גמרא אָדער חיי אדם, אָדער זיך מחיה צו זיין מיטן זאָגען אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהילים פאַר מנחה.

דער פילם זאָל ווייזען דעם אָריגינעלען בילד ווי אידען שטייען און דאַווענען מנחה און מעריב, אַ מנין נאָך אַ מנין פון נאָך האַלבען טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט, ווי מען פלעגט זעהען ווי עס האָט זיך געפיהרט אין די שוהלען פון די גרויסע שטעדט פון ליטע, פוילען און ווייסרוסלאַנד, וואָס עס האָט געווירזען אויף דאָס וואָס עס שטייט געשריבען: „ממזרח שמש עד מבואו מהלל שם ד׳“.

דער פילם זאָל ווייזען אַ בילד וואָס יעדער מענש וועט דאָס רעספּעק־טירען: ווי אַלערליי בחורים, יונגע און עלטערע, האָבען פאַרלאָזען זייערע היימען און זיינען אוועק אין שטעדט, וואו עס זיינען דאָ ישיבות, און ווי זיי זיטצען און ווי זיי לערנען מיט גרויס התמדה און ווי זיי זיינען אויף אַזוי פיל איבערגעגעבען מיטן גוף און מיט דער גאַנצער נשמה לעבודת הבורא, אז

פיל פון זיי פלעגן דורכזיצן די גאַנצע נאַכט און פלעגן לערנען ביז וואַנען עס איז שוין מעגליך געווען צו דאַוונען שחרית.

עס זאָל ווייזן די ריכטיקייט וואָס אַ איד איז: דעם ווען מען האָט גאָר ניט לאַנג צוריק געזעהן פאַרהאַוועט אין ביזנעס און פאַרהאָרעוועט אין פאַבריק, ווי ער זיצט שוין יעצט ביין בלאַט גמרא און ער איז אינגאַנצן אויסגעטאָן פון וועלטליכע זאַכען און איז גאָר שוין פאַרנומען אין העכערע, אין גייסטליכע זאַכען. עס זאָל ווייזן ווי אַללע קלאַסען פון די אידען, די עלטערע, די מיטעלע און אפילו די יונגע קינדער זיינען אלעמאָל דאָ אין שוהל צו דאַוונען, צו זאָגען קדיש און צו לערנען.

אז די גוים זאָללען דאָס זעהען אז די אידען זיינען ניט אזוי ווי זיי זיינען, וואָס זיי לויפען גאָר גליך פון דער אַרבעט אין באַר אריין צו טרינקען און צו זויפען און פיל פון זיי פאַרשפּענדען דאָרטען זייער געלט, זייער שכל און זייער צייט אויף הבל הבלים, אויף אזא זאַך וואָס עס פאַרגרעבט און וואָס עס פאַרסמט דעם מענש׳נס קערפּער און זיין מוח. דאָס אַללעס זאָל געוויזען ווערען אין פילמס, יעדע זאַך געענוי אויפגעוויזען און אויפגעקלערט, ווי דער איד גלויבט אין דעם ריכטיגען גלויבען, אין דעם אמת׳ן בעשעפער און אַנפיהרער פון דער וועלט. עס זאָל אויך ווייזען אַ בילד פון דעם ווי דער איד פיהרט זיך אויף די גאַנצע וואָך און ווי ער איז זיך מכין פרייטאָג פון נאָך האַלבען טאָג פאַר דעם הייליגען גאַסט, דעם הייליגען שבת און ווי ער האַלט מיט די גרעסטע כבוד זיין טייערען גאַסט, דעם הייליגען שבת און ווי ער פאַרגרייט לכבוד שבת די בעסטע עסען און ווי ער לויבט דעם בעשעפער און ווי ער זינגט זמירות לכבוד דעם הייליגען שבת, וואָס דער אויבערשטער האָט איהם אזא מתנה געגעבען, אז ער זאָל זיך קענען אָפּרוהען פון זיין פאַרהאַוועטען לעבען. עס זאָל אויך ווייזען ווי דער איד איז זיך נוהג און ווי ער האָט די גרעסטע הנאה פון דעם הייליגען שבת. דערנאָך ווי ער זעגענט זיך מיטן טייערען גאַסט דעם הייליגען שבת און ווי די אידישע פרוי זאָגט איהרע תפילות שבת פאַרנאַכט און ווי דער איד קומט פון שוהל און ווי ער מאַכט הבדלה, ווי דער קינד האַלט די הבדלה ליכט און ווי די גאַנצע פאַמיליע שטייט ארום און הערט זיך צו מיט גרויס רעספּעקט.

עס זאָל אויך געוויזען ווערען אַ בילד פון אַללע אידישע הייליגע ימים טובים און וואָס עס זיינע די בעדייטונגען פון יעדען יום טוב. עס זאָל אויך ווייזען אַ בילד פון דעם ווי אידען באַקען מצות און ווי אַללעס איז אונטער די שטרייגנסטע השגחה צו פאַרהיטען פון חמץ. אויך זאָל ווייזען אַ בילד ווי אַ איד מאַכט וויין אויף פּסח. און מיט איין וואָרט, עס זאָל ווייזען בילדער פון אַללעס הייליגעס און טייערעס וואָס דער אידישער פאָלק טהוט און וואָס ער היט אָפּ אום צו דינען און אָפּצוגעבען דעם גרעסטען כבוד צו דעם גרויסען האַר פון דער וועלט. דאַהן ווען די פעלקער לערנען פון די פילמס

און זיי וועלען זעהען די אמתע ריינקייט און שיינקייט פון דעם אידישען גלויבען, וועלען די פעלקער זיך שלאָגען על חטא פאַר די אומזיסטע בלוט־בלבולים וועלכע זיי האָבען געמאַכט אויף די אידען און זיי וועלען מיטן גאַנצען האַרצען חרטה האָבען אויף אַללעס שלעכטעס וואָס זיי האָבען געטאָן צו די אידען, ניט ווייל די אידען זיינען שלעכטע מענש׳ן, נור בלויז דערפאַר, ווייל זיי זיינען די שלעכטע און וואָס זיי האָבען זיך געלאָזען איינריידען אלערליי זאָרטען מיאוסע ליגענס און בלבולים אויף די אידען פון אַללע זאָרטען פאַרדאָרבענע מענש׳ן!

און פון געוויסענסבּישע וועט אָנפאַלען אויף זיי אַ שרעק ווען זיי וועלען זיך בערעכענען וואָס פאַר אַ שרעקליכע שטראָף עס קומט יעדען איינעם פון זיי פאַר די אומזיסטע אידישע בלוט וואָס זיי האָבען פאַרגאָסען פאַר טויזענדטער יאָהרען פון אַן אונשולדיגען פאָלק און פאַר דאָס וואָס זיי האָבען פאַרפאָלגט אזא הייליגען און טייערען פאָלק.

דאַהן וועלען זיי זיך בעטען ביי די אידען אז זיי זאָללען זיי פאַרגעבען פאַר דאָס אַללעס שלעכטעס וואָס זיי האָבען צו די אידען געטאָן גאָר אומזיסט. און זיי אליין וועלען אויך מתפלל זיין צו גאָט מיטן גאַנצען האַרצען, אז ער זאָל זיי פאַרגעבען און ער זאָל זיי מוחל זיין.

און דאַהן וועלען אַללע פעלקער איינשטימען אזוי ווי איין מענטש און וועלען אייך צוריקגעבען אייער טייערע לאַנד ארץ ישראל מיטן גאַנצען האַרצען, אַללע אזוי ווי איינער. און עס וועט דאַהן זיין אַן אמתע גוטע וועלט וועלכע מען וועט אפשר קענען רופען, דאָס וואָס מיר האָבען זיך אַלעמאָהל פאָרגעשטעלט, ווי אזוי עס וועלען זיין די צייטען פון דעם עולם הבא! דאהן וועט הערשען אן אמתער שלום אויף דער גאַנצער וועלט, און דאַהן וועט מקוים ווערען די נבואה פון דעם הייליגען נביא: „וגר זאב עם כבש ונמר עם גדי יחדו ונער נהג בם“, וואָס עס מיינט אין אידיש: „און עס וועט לעבען פריינדליך דער וואָלף מיטן שעפּס און דער לעמפּערט מיט דער ציג צוזאַממען און אַ קליין קינד זועט זיי פיהרען אָהן קיין שום מורא“. און עס וועט אויך מקוים ווערען די דאָזיגע נבואה, וועלכע עס זאָגט אז דאַהן וועט מען צושמעלצען די אַללע זאָרטען געווער און כלים משחיתים מיט וועלכע מען פלעגט אלעמאָל צוברעכען און צושמעטער׳ן דאָס אַללעס וואָס עס איז געבויט געוואָרען מיט פיל שוויס און מיט וואָס מען פלעגט פאַרניכטען מילליאָהנען לעבענס, וועט מען פון דאָס שוין מאַכען נוטציגע מאַשינעס צו בעאַרבעטען די ערד, אז זי זאָל ארויסגעבען זייער פיל שפּייז פאַר אַללע בעשעפעניִשען, און די דאָזיגע מאַשינעס וועלען שוין מעהר ניט פאַרניכטען די מענשהייט אזוי ווי ביז אַהער, נור עס וועט גאָר פאַרלייכטערען דעם מענש׳נס לעבען. דאַהן וועט דער מענש ניט דאַרפען מורא האָבען פאַר דעם מאָרגען, ווייל דער מענש וועט האָבען גענוג פון אַללעס און עס וועלען

אויפהערען פאָרצוקומען די אַללע זאָרטען פאַרברעכענס וועלכע עס זיינען פאָרגעקומען ביז אַהער, ווייל מענש׳ן זיינען געוועזען אין גרויס נויט און די קנאה איז געוועזען זייער גרויס, זעהענדיג אז איינער האָט צופיל פון אַללעס און דער אַנדערע גאָרנישט.

אַללע מענש׳ן וועלען דאַהן ארבעטען אָרענטליך פאַר דעם וואוילזיין פון דער גאַנצער מענשהייט און מענש׳ן וועלען זיין אזוי ווי אמתע ברידער איינער צו די אַנדערע. די מענשהייט וועט דאַהן קענען איינשטעללען אז יעדער מענש זאָל ארבעטען ניט מעהר ווי 4 שעה אַ טאָג און דער מענש זאָל זיך ניט דאַרפען אָנשטריינגען ביי דער ארבעט. די ארבעט זאָל זיין גאָר אַ פערגעניגען. דער מענש זאָל ארבעטען בלויז צו האָבען די נויטיגע בעוועגונג אז עס זאָל איהם האַלטען פריש און געזונד. די שווערע ארבעט זאָללען טאָן די מאַשינעס. ניט ווי עס פיהרט זיך נאָך היינט, וואָס זייער פיל מענש׳ן ווערען אויסגעמאַטערט פון דעם שווערען ארבעטען מיט זייער שוויס און זיי לייגען אוועק זייער גאַנצען געזונד און קריגען אללערליי קראַנקהייטען און שטאַרבען אוועק פאַר זייער צייט. עס וועט דאַהן זיין אזא צייט אז אַללע מענש׳ן אָהן אונטערשייד פון קאָליער און ראַסע וועללען עסען און טרינקען וואָס זייערע הערצער וועלען נור געלוסטען. אָבער איין זאַך וועט מוזען אוועקגעמאַכט ווערען פון פרייען געברויך און דאָס איז דער גוט בעוואוסטער סם, וועלכער עס האָט פון אלעמאָל אָהן פאַרסמט די מוחות פון דער מענשהייט: דאָס איז אַלקאָהאָל! די זאַך וועלכע עס נעהמט אַוועק דעם גוטען געדאַנק פון דעם מענש׳ן, און דורך וואָס דער מענש ווערט פאַרוואַנדעלט אין אַ ווילדע חיה. ווייל ער פאַרלירט זיין קלאָרען געדאַנק. אלקאָהאָל זאָל מעגען געברויכט ווערען נור אין געוויסע פאַללען: פאַר קראַנקע וועלכע עס מוזען דאָס האָבען אלס אַ מעדיצין זיי צו שטאַרקען. צו טאָן גוטעס פאַר מענש׳ן, אָבער ניט ווי ביז אַהער וואָס מענש׳ן זיינען פון דעם פאַרברענט געוואָרען און זיינען אוועק פון דער וועלט פאַר זייער צייט.

עס וועט מוזען אָנגעפיהרט ווערען אַ קאַמפיין דורך פילמס, בילדער זאָללען וויזען און זאָללען לערנען די מענשהייט וועגען די גרויסע געפאַהר און פון די שרעקליכע שאָדענס וואָס דער סם אלקאָהאָל האָט פון אייביג אָהן אָנגעמאַכט אין דער וועלט. אלזאָ, אייב די מענשהייט וועט זיך צוהערען צו די גוטע רייד און צו די גוטע אָנווייזונגען וועלכע עס זיינען ניט מיינע אייגענע, נור וועלכע עס זיינען אָהן צווייפעל פון דעם, ווער עס פיהרט אָהן מיטן מענשליכען שכל און מיט די געדאַנקען וואָס דער מענש זאָל ריידען און וואָס יעדער קלוגער מענש קען זעהען אז דיזע גוטע אָנווייזונגען זיינען אָהן צווייפעל אָנגעוויזען געוואָרען צו מיר „מן השמים“, אז איך זאָל דעם בוך שרייבען, כדי צו ראַטעווען די וועלט פון אַ זיכערען אונטערגאַנג. אייז אייב די מענשהייט וועט זיך צו דאָס אללעס גוט צוהערען, צו דאָס וואָס עס

וויזט זיך אָהן אין דעם בוך, קען יעדער מענש דאָס גוט פאַרשטיין אז עס וועט דאָהן זיין זייער 'וואויהל' צו דער 'גאַנצער מענשהייט' און עס וועט דאָהן זיין 'אַ גליקלעכע וועלט.

יעצט וואָלט איך נאָך אַמאָהל וועלען דערמאָהנען דעם אידישען פאָלק וואָס ער דאַרף און מוז געדיינקען: אידען! עפענט אויף אייערע אויגען און קוקט זיך צו צו אייערע טעותים, וועלכע איהר האָט אַלעמאָל געמאַכט אַזוי גיך ווי עס פלעגט אייך נור ווערען עטוואָס לייכטער פון אייערע צרות! איהר טאָרט קיינמאָהל ניט פאַרגעסען ווער איהר זייט און דאָס וואָס איהר האָט זיך פאַרפליכטעט צו טאָן צו דער מענשהייט! לערנט אַליין די תורה און לערנט דאָס מיט אייערע קינדער! און לערנט דער מענשהייט דורך פילמס ווי אויך פערזענליך ווען איהר האָט נור אַ געלעגענהייט! דערציילט יעדען מענש'ן וועמען איהר טרעפט אָהן, בלויז אין קורצן, אז גאָט איז דער בעשעפער און דער האַר פון דער וועלט. אז ער זעהט און הערט אַלעס וואָס יעדער איינער טהוט, און אז ער וועט זייער שטריינג בעשטראָפען די יעניגע, וועלכע עס טוען שלעכטעס צו וועמען ניט איז, סיי צו מענש'ן און אפילו צו אַ בהמה. דאָס איז אַלעס וואָס עס ווערט פאַרלאַנגט פון דעם אידען צו לערנען מיט די ניט אידען און עס איז גאָר ניט קיין שווערע זאַך. מען פאַרלאַנגט ניט פון דעם אידען אז ער זאָל לערנען מיט דעם ניט אידען די גאַנצע תורה. מען פאַר־לאַנגט פון דעם אידען צו לערנען מיט זיי בלויז די קורצע לעהרע וואָס עס איז אָקאָרשט אָנגעוויזען געוואָרען. סיידען אז אַ ניט איד וויל אויך לערנען די תורה, איז די תורה אָפען פאַר יעדען מענש'ן. און וואויל איז צו דעם וועמ עס וועט דאָס לערנען, ווייל די תורה מאַכט קלוג דעם גרעסטען נאַר און זי מאַכט פון דעם אונוויסענדען מענש'ן פאַר אַ געלערענטען מענש'ן פול מיט אמתע לעהרע.

אידען, זייט ביי זיך שטאָלץ און זייער גליקליך אז איהר זייט די נאָכ־פאָלגער פון דעם קליגסטען מאַהן, ווער עס איז געוועזען דער ערשטער צו בענעהמען און צו פאַרשטיין ווער עס איז דער אמתער האַר און דער פיהרער פון דער וועלט. און זייט ביי זיך גליקליך, אז גאָט האָט אייך אָנגעטרויט אַזאַ הויכען דושאָב, אז איהר זאָלט זיין די לעהרער צו לערנען דער מענשהייט ווי אַזוי זיי דאַרפען זיך אויפפיהרען כדי עס זאָל זיין אַן אמתע גוטע וועלט. עס וועט קומען אַזאַ צייט אז די מענשהייט וועט אייך זייער דאַנקבאַר זיין פאַר אייער גוטע לעהרע און די וועלט וועט אייך שעטצען מיט אַן אמת, ניט אַזוי ווי ביז אַהער! און אַיבּ איהר וועט צוהערען צו דער עצה און איהר וועט טאָן אַלעס וואָס עס איז געוויזען אין דיזען בוך, קענט איהר זיין פאָל־שטענדיג זיכער אז עס וועט נעהמען ניט צו לאַנג און די ישועה וועט קומען פאַר דעם אידישען פאָלק בקרוב.

דעריבער ראַט איך אז יעדערער פון אייך זאָל היינט טאַקע אָנהויבען צו טאָן זיין פליכט כדי צו דערנעהנטערען די גאולה, אז דער אידישער פאָלק זאָל שוין אויסגעלייזט ווערען פון זיין לאַנגען און טרויעריגען גלות וואָס גיכער.

און יעצט וואָלט איך וועלען אייך אויך די זאַך זאָגען: דאָס וואָס עס וועט מיט אייך פאָרקומען, אייב איהר וועט זיך ריכטיג נעהמען צו טאָן וואָס עס ווערט פאַרלאַנגט פון אייך און איהר וועט דאָס טאָן מיט אַללע מעגליכקייטען אזוי ווי דער בוך ווייזט אייך אָהן דאָס צו טאָן, אָבער געוויסע מענש׳ן אָדער אפילו געוויסע פעלקער וועלען זיין פארעקשענט און וועלען זיך ניט וועלען צוהערען צו אייער גוטע לעהרע און זיי וועלען אפילו שטערען אין דער זאַך פון צוריקגעבען אייך אייער לאַנד, וועלכע מען האָט פון אייך אוועקגערויבט, ווייל זיי וועלען טראַכטען: וואָס קען מיר דער קליינער און דער שוואַכער אידישער פאָלק טאָן ?! זיי וועלען טראַכטען אזוי ווי נמרוד האָט ביי זיך געטראַכט ווען ער האָט אונדזער פאָטער אברהמען ארייגעוואָרפען אין קאַלד־אויוועז אז ער האָט ניט געהאַט פאר אברהמען און פאַר זיין גאָט קיין מורא, און נמרוד האָט דאַהן געזאָגט: זאָל טאַקע זיין גאָט אין וועמען אברהם גלויבט און אויף וועמען ער פאַרלאָזט זיך, זאָל ער טאַקע קומען און ארויסראַטעווען איהם פון אזא הייסען קאַלד־אויוועז! איז אייב עס וועלען זיך געפינען היינט אויך אזעלכע וועלכע עס וועלען ניט וועלען צוהערען צו אייערע רייד און זיי וועלען אויך אזוי טראַכטען ווי נמרוד האָט דאַהן געטראַכט, זאָג איך אייך אז איהר זאָלט אייער האָפנונג אויף אַ האָר ניט פאַרלירען! האָפט אלעמאָל צו גאָט! צו דעם בעשעפער פון אַללעס און ער וועט אייך געוויס העלפען אזוי ווי ער האָט אונזער פאָטער אברהמען דאַהן געהאָלפען. און אזוי ווי עס איז געוועזען ליכטיג ביי די אידען, ווען עס איז געוועזען די שרעקליכע פינסטערניש אין גאַנץ מצרים, אזוי וועט ביי אייך ווידער זיין ליכטיג! אָבער איין זאַך טאָר ניט ארויס פון אייערע געדאַנקען, און דאָס איז עס: אז אייער הילף ליגט אין אייערע מעשים! קוקט זיך צו און בענעהמט די קלוגע און הייליגע ווערטער וואָס מיר זאָגען יעדען דאָנערשטאָג אין דעם יום, דאָס וואָס דער גרויסער נביא האָט געזאָגט אין גאָט׳ס נאָהמען: „לו עמי שומע לי, ישראל בדרכי יהלכו! כמעט אויביהם אכניע ועל צריהם אָשים ידי“. אַלזאָ, אייב איהר וועט זיך צוריקנעמען צו דינען גאָט מיטן גאַנצען הארצען אזוי ווי עס פאָדערט זיך פון אייך אלס די מוסטער־פאָלק, צו אַללע פעלקער, קענט איהר פאָלשטענדיג זיכער זיין, אז די יעניגע וועלכע עס שטייען אין אייער וועג און לאָזען אייך ניט גיין צוריק אין דעם לאַנד וואָס גאָט דער בעשעפער פון דער ערד האָט די לאַנד געגעבען פאַר דעם אידישען פאָלק אַלס נחלה, זאָלט איהר נאָך אַמאָהל זיין גאַנץ זיכער אז גאָט אליין וועט זיי צושמעטערען און צוטרעטען! ער אליין וועט פאַר אייך

מיט זיי מלחמה האַלטען און איהר וועט זיך שטיין רוהיג און איהר וועט צו־קוקען די גרויסקייט פון דעם האר פון דער וועלט וואָס ער קען טאָן.

איך וויל דאָ בעמערקען אַ וויכטיגען פאַקט. אזוי ווי דער בוך איז געוואָרען געדרוקט 30 יאָהר שפעטער ווי איך האָב עס אָנגעהויבען צו שרייבען, קענט איהר שוין זעהען היינט ווי אונזער ליבער פאָטער אין הי־מעל בעהמט זיך אָהן פאר אונז! גיט נור אַ גוטען קוק וואָס עס איז געוואָרען פון אַ מדינה וואָס זי האָט זיך גערופען די גרויסע מדינה! ווי קליין זי איז געוואָרען ביי היינטיגען טאָג. זי האָט געהאָט אַ האַנט אין פיל לענדער און מען האָט איהר פון אומעדום משלח געווען. און אפילו אין איהר אייגענער לאַנד, וואָס זי הייסט די אייגענע, האָט זי אזעלכע צרות וואָס ווערען פון טאָג אַלץ גרעסער און גרעסער! און ווער וויס צו וואָס דאָס וועט דערגרייכען? און פאַרוואָס איז דאָס? ווייל גאָט רעכ׳נט זיך אָפּ, פאַרוואָס זי האָט געטאָן שרעקליכע צרות צו אונז אידען!

צוויי און צוואנציגסטער קאַפּיטעל

עס איז ביי מיר געוועזען אזוי ווי אַ רעטעניש די פאָלגענדע מערקוויר־דיגע פראַגע וועלכע איך האָב פון אָנפאַנג בשום אופן ניט געקענט בענעהמען: איך האָב זיך ניט אויפגעהערט צו וואונדערען וואו זיינען דאָס געוועזען אונ־זערע גרויסע קעפּ־מענש׳ן אין אַללע צייטען און אויך וואו זיינען אזעלכע אַהינגעקומען אין אונזערע צייטען? פאַרוואָס האָבען זיי קיינמאָהל זיך ניט גענומען צו בעטראַכטען מיט אַ קלאָרע קאָפּ און פאַרוואָס האָבען זיי קיינמאָל ניט געמאַכט אַ קלאָרען חשבון פון די אַללע געשעהענישען, וועלכע עס זיינען פאָרגעקומען מיטן אידישען פאָלק די גאַנצע 2000 יאָהר פון זיין גלות און איבערהויפּט פון די לעצטע טרויעריגע געשעהענישען וועלכע עס זיינען פאָרגעקומען מיטן אידישען פאָלק אין אונזערע צייטען? פאַרוואָס האָט קיינער זיך ניט אריינגעטאָן מיטן גאַנצען גוף און נשמה צו טראַכטען און צו דערגיין די אמתע אורזאַכע פאַרוואָס דאָס אַללעס שרעקליכעס און טרויעריגעס איז דוקא פאָרגעקומען מיטן אידישען פאָלק אליין, און ניט מיט קיין אַנדער פאָלק אין דער וועלט?

אָנהויבענדיג פון די אַללע שרעקליכע פיין און יסורים און די שרעקליכע טויטען דורך וועלכע צעהנדליגע טויזענדטער אידען, מענער און פרויען און אפילו יונגע אונשולדיגע קינדערלאַך זיינען אומגעקומען אין דער צייט פון נבוכדנצרן, ווער עס האָט אויסגעקוילעט אזוי פיל אידען, וואו עס זיינען אומגעקומען שפּעטער אפילו די גרעסטע צדיקים פון יענע צייטען, אזוי ווי

די עשרה הרוגי מלכות — און אויך וועגן די שרעקליכע טראַגעדיעס וועלכע עס זיינען פאָרגעקומען מיט דעם אידישען פאָלק ווען מלכות רוים און אויך ווען מלכות יון האָבען אומגעבראַכט הונדערטער טויזענדטער אידען, פרומע אידען צוגלייך מיט ניט פרומע. און אויך אין דער שרעקליכער ברוטאַלער שפּאַנישער אינקוויזיציע, וואו עס זיינען אומגעקומען פרומע אידען צוגלייך מיט די ניט פרומע. און אויך אין די פּאָגראָמען אין דער אַלטער רוסלאַנד און אין פוילען און אין רומעניע און אויך וואָס עס איז פאָרגעקומען אין אונזער גרעסטען אונגליק, וועלכער עס האָט אריבערגעשטיגען אַללע אונזערע אונגליקען פון אַללע צייטען אין וועלכען עס זיינען פאַרפייניגט און געטויט געוואָרען מיט די גרעסטע אכזריות דורך די נאַצישע ברוטאַלע הענט מיליאָהנען אידען, פרומע צוגלייך מיט ניט פרומע און זאָגאַר אונשולדיגע אידישע קינדערלאַך זיינען אויך אומגעקומען!

איך קען זיך פאָרשטעלען אז מסתמה האָבען געענוג אידישע גרויסע קעפּ־מענש׳ן געדרייט זייערע מוחות און האָבען גענוג געטראַכט און געטראַכט אין אַללע צייטען וועגען דער מערקווירדיגער טרויעריגער פראַגע, פונקט אזוי ווי איך האָב דאָס ניט אויפגעהערט צו טראַכטען, וואָס דאָס איז אויך ביי מיר געוועזען צום אָנפאַנג ווי אַ פאַרבאָרגענע רעטעניש! אָבער איך דיינק אז זיי, אונזערע גרויסע קעפּ־מענש׳ן, האָבען די דאָזיגע פראַגע נור געטראַכט ביז אַ געוויסען גרעניץ, און דערנאָך האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט און האָבען בעשלאָסען אז מען טאָר מעהר ניט טראַכטען און מען טאָר ניט פרעגען קיינע קשיות. זיי האָבען זיך צופרידען געשטעלט מיט דעם געדאַנק אז מסתמה איז עס אזוי בעשערט מן השמים! אז ווי גאָט טוט מוז זיין גוט!

אָבער דאָך! טאָקע ווי גאָט טוט מוז זיין גוט! און מען טאָר ניט פרעגען קיין קשיות פאַרוואָס ער טוט אזוי! דאָך, אז מען זאָל נעהמען בעטראַכטען מיט אַ געזונדטע קאָפּ דאָס אַללעס וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט דעם אידישען פאָלק, מיט דעם עם הנבחר, מיט גאָט׳ס קינדער, וועגען עס זאָגען: „אתה בחרתנו מכל העמים, אהבת אותנו״, און וואָס מיר זאָגען: „ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ״, קען דאָך די וואונדערבאַרע פראַגע קיינמאָהל ניט לאָזען רוהען. ווי אזוי דאָס זאָל קענען פאָרקומען אזא זאַך, אז אַ טאַטע זאָל אויסקלייבען זיין בעסטע קינד פון אַללע זיינע קינדער צו מאַכען דאָס פאַר דעם שעיר לעזאזל? אז אַ פאָטער זאָל צושפּרייטען זיינע ליבסטע קינדער צווישען אַלערליי חיות אין געשטאַלטען פון מענש׳ן! פעלקער זאָללען זיינע ליבסטע קינדער אזוי ברוטאַליש פייניגען, און דערנאָך זאָל ער, דער פאָטער, אראָפּקומען און ווייזען נסים און ארויסראַטעווען זיי פון זייערע שונאים׳ס הענט, און ער זאָל דערנאָך זיך אָפּרעכענען מיט זייערע שונאים! קען דאָס זיין, אז דאָס זאָל זיין דער גאַנצער תכלית צוליב וואָס גאָט האָט באַשאַפען

אזא וועלט און דאָס זאָל זיין דער גאַנצער תכלית פאַרוואָס ער האָט אויסגע־קליבען דעם אידישען פאָלק פריהער צו לאָזען זיי שרעקליך פייניגען און דערנאָך צו ווייזען ווי שטאַרק ער איז, אז ער קען זיי דערנאָך ארויסראַטע־ווען ?! ניין, מיינע פריינד. ניט דאָס איז דער אויבערשטער אויסען! ער נויטיגט זיך ניט אין אזעלכע פוסטע בעריהמען זיך, נאָך וואָס אַ בשר ודם יאָגט זיך. גאָט יאָגט זיך ניט נאָך כבוד אזוי ווי אַ בשר ודם. אויך לאָזט זיך דאָס ניט גלויבען וואָס אנדערע מענש׳ן מיט אַ קליינעם פאַרשטאַנד דיינקען אז עס איז חלילה גאָר „לית דין ולית דיין״. ניין! ניין! ניט דאָס איז דער אמתער אנטוואָרט צו דער וואונדערבאַרער רעטעניש.

לאָמיר זיך בעסער אריינבטראַכטען אין דער זאַך אַ סך טיפער און גע־בען אַן אמת׳ן קלאָרען טראַכט, אפשר איז די סבה גאָר ניט פון דעם טאַטען, דאָס אַללעס וואָס מיר ליידען, נור די סבה איז אפשר פון אונז אליין?

אָבער די פראַגע ווערט נאָכמעהר קאָמפּליצירט. עס זיינען דאָך געווע־זען אין אַללע צייטען אזעלכע צדיקים, וועלכע עס זיינען געוועזען זייער פרום, וועלכע עס זיינען געזעסען יומם ולילה און האָבען געלערענט! עס זיינען דאָך געוועזען אזעלכע פיינע אידן, וואָס מיר זיינן געוועזען אבסאָלויט זיכער אז זיי זיינען געוועזען אמתע צדיקים! פאַרוואָס עפּעס האָבען זיי אויך געליטען אפשר ניט ווייניגער פון די ניט פרומע? טאָ וואו קען מען דאָך גע־פינען דעם אמת׳ן אנטוואָרט צו אזא מערקווירדיגער פראַגע? פאַרוואָס דוקא דער אידישער פאָלק אליין האָט אזוי שרעקליך געליטען און פאַרוואָס ער ליידט אפילו ביז היינטיגען טאָג אזוי פיל, אז עס נעהמט גאָר קיין ענדע ניט? דוקא איין פאָלק אויף דער וועלט און ניט קיין אנדערער. איין אויסדער־ווייטלער פאָלק צו ליידען! פאַרוואָס זאָל דאָס זיין אזוי? מסתמה מוז דאָך עפּעס ליגען אין דעם? וואָס דוקא אָט דער איינציגער אידישער פאָלק זאָל אזוי שרעקליך ליידען אויף דער וועלט און ניט קיין אנדערער!

אלזאָ, דער אמתער אַנטוואָרט ליגט אין דער קורצער בעשרייבונג פון דער וועלט־היסטאָרי, וועלכע איך וועל טרייען אויפצוקלערען פאַר אייך אין קורצען. די זאַך איז אָט וואָס:

ווען גאָט האָט באַשאַפען די וועלט מיט אַללע לעבעדיגע זאַכען, און נאָכדעם ווי ער האָט אַנגעגרייט פון אַללעס גוטעס פאַר אַללע בעשעפעני־שען, האָט ער ערשט דערנאָך באַשאַפען דעם מענש׳ן. דאָס לעצטע פון אַללעס! גאָט האָט אין דעם מענש׳ן אריינגעגעבען אַ העכער׳ן פאַרשטאַנד ווי אין די אַנדערע בעשעפענישען, אַ געטליכען פאַרשטאַנד. און ער האָט דעם מענש׳ן געמאַכט פאַר דעם מענעדזשער פון אַללעס אויף דער ערד. ווי מיר זאָגען אין הלל: „והארץ נתן לבני אדם״.

דער אויבערשטער האָט געדיינקט אז דער מענעדזשער וועט געוויס

פאַרשטיין ווער זיין האַר איז. און ער וועט געוויס זיין דאַנקבאַר צו זיין בע־שעפער פאַר דאָס אַלעס וואָס ער האָט געפונען אָנגעגרייט, וואָס דער גרוי־סער בעשעפער האָט אָנגעגרייט! אויך האָט גאָט געדיינקט אז די מענש׳ן וועלען זיך געוויס אויפפיהרען פיין און אָרענטליך איינער מיט דעם אַנדערען, אַט אזוי ווי ברידער!

עס האָט זיך אָבער ארויסגעוויזען אז דער חיהשער אינסטינקט, וועלכער עס איז אין דעם מענש׳נס קערפער, האָט גאַר פיל מאָהל בעזיגט דעם הע־כערען, דעם געטליכען גייסט וואָס עס איז אריינגעטאָן געוואָרען אין דעם מענש׳נס גוף און עס האָט זיך גאַר ארויסגעוויזען אז מענש׳ן זיינען זייער אָפט ערגער פון חיות פון וואַלד! און לויט ווי מיר וויסען פון דער היסטאָריע, און אויך לויט דעם וואָס מיר אליין האָבען עס געזעהען, אז מענש׳ן זיינען זיך גאַר בעגאַנגען צו אַנדערע מענש׳ן מיט די גרעסטע ברוטאַליטעט, ערגער ווי חיות פון וואַלד בעגייען זיך! און דערפאַר האָט גאָט געמוזט אומבריינ־גען די מענש׳ן אין די אַלטע צייטען: איינמאָהל מיט אַ מבול און אַ צווייטען מאָהל צווי גרויסע שטעדט: „סדום און עמורה”. און כאָטש ער איז זייער פאַרצוויפעלט געוועזען פון דעם מענש׳ן, פון וועמען ער האָט אזוי פיל ער־וואַרטעט אז ער וועט זיך אויפפיהרען פיל בעסער, צוליב זיין העכערען פאַר־שטאַנד וואָס ער האָט אין זיך, דאָך האָט גאָט ניט אָפּגעגעבען זיין געדולד און האָפנונג און ער האָט אַלץ געוואָרט, אפשר וועט אימיצער זיך פאַרט באַטראַכטען און וועט קומען צום שכל און וועט זיך כאַפּען צו פאַרשטיין, אז גאָט האָט עס באַשאַפען אזא פיינע וועלט און אז גאָט האָט דאָס אַלעס אָנ־געגרייט פאַר אונז: ליכטיגקייט בייטאָג און ביינאַכט, וואַלקענס ווער עס ברייינגען רעגען מיר זאָללען האָבען וואַסער צו טרינקען און אז אַללע שפּיי־זען זאָללען וואַקסען אז דער מענש און אַללע לעבעדיגע בעשעפעני־שען זאָללען האָבען זייער שפּייז, אַללעס אַללעס פאַרגרייט פאַר אונז אומזיסט! פרואווט ניט בעצאָהלען אייער ביל פאַר ליכט און וואַסער, וואָס וועט מען טאָן צו אייך?! מען וועט אייך אָפּשניידען די ליכט און אָפּשטעלען די וואַסער! גאָט שיקט ניט קיינע בילס און ער שניידט קיינמאָהל ניט אָפּ וואָס ער האָט איינגעשטעלט! אַללעס קומט רעגוליאַר! ווייל וואָס גאָט האָט געמאַכט ווערט ניט קאַליע קיינמאָהל. עס איז אַללעס אָן אייביגקייט! ער איז דער בעשעפער און ער איז דער האַר פון דער וועלט, ווער עס זעהט און ווער עס הערט אַללעס! ער טהוט גוטעס צו די אָרענטליכע און ער וועט שטריינג בעשטראָפען די, ווער עס טוען שלעכטעס צו אַ מענש׳ן אָדער אפילו צו א חיה.

אַט אזוי האָט גאָט אַלץ געוואָרט און געזוכט און געזוכט אַ ריכטיגען מענש׳ן, וועמען ער זאָל קענען אָנטרויען דעם דושאַב צו גיין און צו לערנען דער מענשהייט, אז זיי זאָללען עפענען זייערע אויגען און זאָללען דערזעהען

ווי נאַריש זיי זיינען פאַרפיהרט פון די אַללע פאַלשע גלויבענס און אלערליי פאַלשע געטער וועלכע עס פאַרפיהרען אין אַללע וואָרטען פאַלשקייטען.

איין קלוגער מענש מיטן נאָהמען אברם איז געוועזען דער איינציגער מענש ווער עס האָט זיך אויסגעצייכענט אין די אַלטע צייטען. ער איינער האָט בעוויזען צו זיין גענוג שטאַרק צו בעקעמפפען די חיה אין זיין קערפער און ער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין געטליכען פאַרשטאַנד. ער, דער איינציגער מענש פון אַללע מענש'ן פון דער וועלט האָט פאַרשטאַנען און האָט דערקענט אז אזא וועלט, אזא וואונדערבאַרע וועלט איז ניט געוואָרען פון זיך. אז עס מוז אָהן צווייפעל זיין אזא גרויסער וואונדערבארער קינסט־לער ווער עס האָט דאָס אַללעס באַשאַפען! אזא וואונדערבארע וועלט! און אז דער זעלבער קינסטלער פיהרט עס אָהן מיט אַללעס! ווי באַלד אזוי? אז עס איז דאָ דער, וועד עס האָט אַללעס באַשאַפען און אז ער זעהט און הערט אַללעס וואָס מיר טוען, האָט דיזער מאַהן אברם זיך אויפגעפיהרט זייער אָרענטליך, אָט אזוי געטרי ווי גאָט האָט געדיינקט ווען ער האָט די וועלט צום אָנהויב באַשאַפען, אז אַללע מענש'ן וועלען זיך אזוי אויפפיהרען! דיזער גרויסער מאַהן אברם האָט גענומען פאַרשפרייטען זיינע גוטע געדאַנקען און האָט זיך גענומען פרייוויליג אליין פון זיך אריינצוגעבען דיזע קלאָרע, אמתע געדאַנקען צווישען זיינע פריינד און בעקאַנטע.

מיט דעם קלוגען און אָרענטליכען מענש'ן אברמען ועמען גאָט האָט געבענשט מיט דעם נאָמען אברהם, וואָס עס מיינט דער פאָטער פון א סך פעל־קער, „אב המון גוים“, האָט גאָט געשלאָסען אַ קאָנטראַקט, אז ער, אברהם און זיינע קינדער און קינד'ס קינדער אויף אַלעמאָל זאָללען זיך אויפפיהרען אזוי אָרענטליך און זיי זאָללען זיין די לעהרער צו דער מענשהייט, אזוי ווי זייער פאָטער אברהם האָט דאָס געטאָן. זיי זאָללען אויך לערנען די גאַנצע מענשהייט אז עס איז דאָ אַן אמתער האַר אויף דער וועלט, וועד עס זעהט און וועד עס הערט אַללעס וואָס יעדער מענש טהוט. אז יעדער מענש זאָל די זאַך וויסען גענוי, כדי דער מענש זאָל מורא האָבען צו טאָן שלעכטעס צו דעם אנדערען און אויך אפילו צו אַ חיה, ווייל גאָט וועט זיך זייער שטרייבג אָפּרעכענען מיט אַללע שלעכטע מענש'ן און מיט איהם אויך. דאָס זיינען די זייער וויכטיגע געזעטצען וואָס יעדער מענש מוז דאָס וויסען כדי עס זאָל קענען זיין א גוטע וועלט. אָבער אָהן דיזע וויכטיגע געזעטצען קען די וועלט פאַר קיין פאַל ניט עקזיסטירען און זי מוז אונטערגיין!

אַללע אידען זיינען די קינדער פון דעם דאָזיגען גרעסטען מאַהן אבר־רהמען און עס איז זייער פליכט לויטן קאָנטראַקט וואָס עס איז געשלאָסען געוואָרען צווישען גאָט און זייער פאָטער אברהמען, אז זיי מוזען לערנען דער מענשהייט די דאָזיגע וויכטיגע לעהרע.

וואָס אָבער זעהען מיר? וואָס קומט פאָר אין דער ווירקליכקייט? די

אידען טוען ניט זייער פליכט וואָס זיי האָבען זיך פאַרפליכטעט אויך אַ צווייטען מאָהל, ביים באַרג סיני, ווען זיי האָבען געקראָגען די תורה. זיי לערנען ניט די מענשהייט די נויטיגסטע לעהרע וואָס זיי האָבען זיי געמוזט לערנען! דאַרף דעריבער זיין א גרויסער וואונדער ביי אונז, וואָס דער חיותער ווילדער אינסטינקט שפּילט זיך פאַרנאַנדער אין דעם מענש'נס קערפּער וואָס עס שטאַרקט זיך וואָס ווייטער אַלץ מעהר און מעהר און עס פאַרוואַנדעלט דעם מענש'ן אין אַ ווילדע חיה? דאַרף עס דען זיין א וואונדער? וועמענס שולד איז דאָס, וואָס דער איד ליידט פון די דאָזיגע חיות, אז זיי בייסען איהם און זיי רייסען איהם? איז דאָס ניט זיין אייגענע שולד?! און ניט דעם אויבערשטענס, וועמען מאַנכע אומוויסענדע מענש'ן בעשולדיגען פאַר גאָרניט, פאַר אַ זאַך וואָס גאָט איז גאָרניט שולדיג! אז דער איד וויל ניט טאָן זיין דזשאָב, צו לערנען די מענשהייט די דאָזיגע וויכטיגסטע לעהרע, אז עס זאָל ווערען אַן אָרענטליכע וועלט, טאָ וועמענס שולד איז עס? דעם אויבערשטענס אָדער אונזערע!

און ניט נור וואָס דער איד לערנט זיי ניט, נור ער, דער לעהרער אליין, איז אויך ניט בעסער פון די אנדערע מענש'ן! נו, דאַרף עס יעצט נאָך אלץ זיין א וואונדער פאַרוואָס דער אידישער פאָלק ליידט אזוי פיל?! זיי און זייערע ווייבער און אפילו זייערע קליינע אונשולדיגע קינדער פאַרוואָס זיי אַללע ליידען, אז די עלטער'ן זיינען אזעלכע! טאָ וואָס פאַר אַ דור קען שוין ארויסקומען פון אזעלכע עלטערנ'ס קינדער? וואָס פאַר אַ נוטצען וועלען זיי ברייננגען פאַר דער וועלט? קינדער, וועלכע ווייסען אַ האָר ניט ווער זיי זיינען און וואָס זייער פליכט איז פאַר דער מענשהייט, ווייל זייערע עלטער'ן ווער עס האָדעווען זיי האָבען זיי דאָס ניט געלערענט. ווייל זיי אליין ווייסען אויך זייער ווייניג! אָט אין דער זאַך ליגט דער גאַנצער אונגליק. מען קען גאָט ניט בעשולדיגען, נור זיך אַליין! און לויט ווי ער האָט אונז געוואָרענט אין דער תורה, אז ער וואָלט זיך באמת אזוי בעגאַנגען שטרייננג, ווי ער האָט אונז געוואָרענט, האָט ער זיך גאָר אינגאַנצען געדאַרפט אָפּקערען פון אונז און אוועקוואַרפען אונז, און פאַרגעסען אָהן אונז אויף אלעמאָל! נור ווייל ער האָט ליב געהאַט דעם גרויסען מאַהן אברהמען, דעריבער טוט ער חסדים צו דעם גרויסען מאהנ'ס קינדער. און אויך פאַר אַ צווייטע זאַך פאַרלאָזט ער אונז ניט און דאָס איז: כאָטש מיר אידען זיינען אָפּגעלאָזען פון דעם קאָנטראַקט, דאָך זיינען מיר די איינציגע אין דער וועלט ווער עס גלויבען אין דעם איינציגען גאָט. אללע אנדערע פעלקער זאָגען אויך אז זיי גלויבען אין גאָט, אָבער אין דער אמת'ן גלויבען זיי גאָר אין אַנדערע זאַכען און אין אַלערליי טויטע מענש'ן, וועמען זיי האָבען פאַרגעטערט אז דאָס זיינען אַגענטען פון גאָט. און זיי גלייבען בעסער צו האָבען צו טאָן מיט די אַגענטען, ווייל די אַגענטען קענען ניט קומען צו בעשטראָפען פאַר זינד וואָס

מען בעגייט. דעריבער קען מען טאַקע אָפּטאָן די גרעסטע פאַרברעכענס. און דעריבער איז עס אַ שלעכטע וועלט פון באַרבאַריזם, פון מערדעריי און פון שקלאַפעריי. און דעריבער לײַדט דער שוואַכער. און דעריבער לײַדט דער איד דער ערשטער, ווייל ער איז דער שוואַכסטער פון אַללע! זיין לאַנד האָט מען פון איהם אוועקגערויבט און וואו ער קומט פאַרגינט מען איהם ניט זיין לעבען, און ווי ער ארבעט זיך נור ארויף אויף וואָס ניט איז, ווערט דאָס גרויס אין זייערע אויגען און מען נעהמט זוכען אלערליי מיטלען ווי אזוי דאָס צוצונעהמען פון איהם.

דעריבער מוזען מיר בעטראַכטען די לאַגע זייער ערנסט, ווייל מען קען זעהען פאָראויס וואָס עס קען און וואָס אין די ענדע וועט ווערען פון אזא וועלט ווי דאָס האַלט ביי היינטיגען טאָג, וואָס זי האַלט לויט דעם מענש׳נס אויפפיהרען זיך ביי דער זעלבער לאַגע אזוי ווי יענע שיף, וואָס שווימט אויפען ים אין אַ שטורם אָהן אַ קאַפּיטאַן. די וואָלקענס וואַרפען די שיף אין אַללע זייטען און זי האַלט ביין איבערקערען זיך, ווייל עס איז ניטאָ ווער עס זאָל איהר קירעווען, אז זי זאָל איסהאַלטען און זאָל זיך ניט איבערקעהרען.

דער פונדאַמענט אויף וואָס די וועלט קען זיך האַלטען איז: אָדער דער איד זאָל זיך נעהמען צו טאָן זיין דזשאָב צו לערנען די מענשהייט בלויז די קורצע וויכטיגע וויסענשאַפט וואָס די מענשהייט מוז דאָס ויסען און וואָס אָהן דעם קען די וועלט ניט עקזיסטירען, בלויז די קורצע לעהרע וואָס איך האָב פריהער אָנגעוויזען, ניט מעהר! מען פאַרלאַנגט ניט פון דעם אידען אז ער מוז לערנען די וועלט די גאַנצע תורה. מען פאַרלאַנגט פון דעם אידען צו לערנען בלויז די קורצע לעהרע, אז יעדער מענש זאָל דאָס וויסען און געדענקען, אז עס איז דאָ אַ האַר, וועט עס זעהט און הערט אללעס וואָס יעדער איינער טהוט און עס וועט ניט העלפען דער נאַרישער איינריידען זיך, אז אַגענטען וועלען דורכמאַכען מיט גאָט, אז ער זאָל זיי פאַרגעבען! יעדער מענש זאָל געדיינקען, אז ער אליין איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר אַללעס און ער וועט זייער שווער בעשטראָפט ווערען! דעריבער זאָללען די מענש׳ן אויפהערען צו טאָן שלעכטס און עס זאָל שוין ווערען אַ גוטע וועלט! אָבער אייב די אידען וועלען דאָס ניט טאָן און די מענשהייט וועט אָנגיין אזוי ווייטער ווי ביז יעצט, וועט די וועלט מוזען אונטערגיין דורך שרעקליכע פייערדיגע מלחמות! ווייל דורך א מבול פון וואַסער האָט גאָט געשוואָרען אז ער וועט דאָס מעהר ניט ברייגנען אויף דער וועלט. דעריבער בין איך געניט דאָס נאָך אַ מאָהל אייך צו דערמאָנען, מיינע טייערע ברידער און שוועסטער, אז איהר דאַרפט זיך ניט וואונדערען וואָס מיר לײַדען צרות! עס איז אונזער אייגענער שולד, ניט קיינעמס! אייב מיר ווילען לעבען אין א זיכערע וועלט מוזען׳מיר אָפּהיטען צו טאָן דאָס, וואָס עס פאָדערט זיך פון אונז. אייב אָבער מיר ווילען ניט אָננעהמען דעם איינציגען מיטעל וואָס דער בוך לייגט פאָר,

אַ מיטעל וואָס קיין אנדערער איז זיכער ניטאָ און וואָס קיין אַנדערער קען ניט זיין, וואָס יעדער קלוגער מענש קען דאָס גוט פאַרשטיין, דאַרפען מיר קיינעם ניט בעשולדיגען, נור זיך אַליין! אייב מיר און אונזערע דורות נאָך אונז וועלען חלילה ליידען דאָס זעלביגע וואָס אונזער פאָלק האָט זיך אויסגע־ליטען ביז היינט. און כאָטש איך האָב אללעס אויפגעקלערט אזוי גוט אז יעדער מוז פאַרשטיין וואָס איך האָב דאָ גערעדט, דאָך וועל איך טרייען צו געבען אַ פאָר משלים פאר אזעלכע מענש'ן וועלכע עס קענען פארשטיין בעסער אז מען גיט זיי אַ משל.

אַ פאָטער האָט אַמאָהל אוועקגעשיינקט זיין זוהן אַ פּרעכטיגען גאָרטען. ער האָט איהם אויפגעקלערט אללעס און האָט איהם אָנגעזאָגט ווען און ווי אזוי ער זאָל דעם גאָרטען אַקערן און זייען. אַללעס גענוי ווי אזוי ער זאָל דעם גאָרטען אויפפּאַסען, אז ער זאָל עס אָפּט בעשפּריטצען, און מיט איין וואָרט אַללעס וואָס עס פאָדערט זיך, כדי דער גאָרטען זאָל אַלעמאָל זיין אזוי פּרעכטיג ווי ער איז געוועזען און ער זאָל ארויסגעבען פיינע פּרוכט.

עס האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזען, אז דער זוהן האָט ניט געקעהרט וועגען דאָס אַללעס וואָס דער פאָטער האָט איהם אָנגעזאָגט. ער האָט ניט געקעהרט פאַר זיין פּרעכטיגען גאָרטען, ביז דער גאָרטען האָט אינגאַנצען אויפגעהערט ארויסגעבען זיינע פיינע פּרוכט און איז אַם ענדע גאָר פאַר־דאַרט געוואָרען. די ענדע איז געוועזען, אז דער זוהן האָט ניט געהאַט וואָס צו עסען און ער האָט געליטען גרויסע דחקות. נו, קען דער זוהן בעשולדי־גען זיין פאָטער, אז ער האָט איהם געגעבען אַ שלעכטען גאָרטען, וואָס עס גיט ניט קיין פּרוכט? אָדער ער מוז זיך אליין בעשולדיגען?

אָדער נאָך אזא זאָרט פראַגע: קען אַ מענטש בעהמען אַ ריסק צו גיין אין אַ וואַלד פון חיות און זאָל ניט צוריסען ווערען פון זיי? די אידען זיינען אויסגעקליבען געוואָרען פון גאָט צו לערנען די מענשהייט, אז זיי זאָללען ניט זיין קיין חיות, אָבער דער איד טהוט ניט זיין דזשאָב! טאָ ווער איז שולדיג אין דעם, וואָס די חיות רייסען און בייסען איהם?! עס איז אפילו קלאָר ווי דער טאָג, אז די יעניגע וועלכע עס פייניגען די אידען בעצאָהלען פאַר דעם פאַרברעכען פיל מאָהל מעהר און שווערער ווי דאָס, וואָס זיי האָבען געטאָן צו די אידען. און עס איז דעריבער זייער צו בעדויערען, וואָס די פעלקער ווייסען ניט פון אזעלכע וויכטיגע פעקטס. איך בין פאָלשטענדיג זיכער, אז ווען זיי וואָלטען געוואוסט פון די גאַנצע אידישע געשיכטע, וויפיל פעלקער עס זיינען אומגעקומען פאַר פייניגען די אידען, ווען עס וואָלטען זיך געפונען אַזעלכע אידען וועלכע עס וואָלטען זיך פאַרנומען מיט דער אַרבעט אויפצוקלערען די זאַך פאַר דער מענשהייט, די אַללע פעקטס וואָס עס האָבען פּאַסירט צו די אַללע פעלקער וועלכע עס האָבען געפייניגט די אידען, וואָלטען אַללע פעלקער דאַהן געקענט זעהען, אז עס איז טאַקע דאָ אַ גאָט

ווער עס רעכנט זיך אָפּ מיט יעדען איינעם, און עס וואָלט אָנגעפּאַלען אויף יעדען איינעם פון זיי אַ שרעק, אז זיי וואָלטען שוין מורא געהאַט זיך אָנצו־הויבען מיט די אידען. אָבער לײדער איז ניטאָ אזא, ווער עס זאָל דאָס אויפ־וויזען פאַר די פעלקער! און דערוויל בלייבט די מענשהייט בלינד פון צו זעהען און פון צו וויסען פון אזעלכע לעבעדיגע פעקטס, און זיי דיינקען אז מען קען טאָן וואָס נור מען וויל!

דעריבער קומען מיר צום בעשלוס אז עס איז דאָ נור איין וועג, און דאָס איז דער איינציגער וועג פאַר אונז! אידען, איהר מוזט זיך נעהמען צו אייער דזשאָב און טאָקע גלייך היינט! ניט אָפּצולייגען דאָס! ווייל איהר קענט זיך ניט אויסדרייען פון דעם קאָנטראַקט! עס איז אַ קאָנטראַקט מיט גאָט! מען קען אזאַ קאָנטראַקט ניט ברעכען! איהר מוזט דאָס ערפיהלען. יעדערער פון אייך, ווייל גאָט פאָדערט דאָס פון אייך! איהר אליין, די וועלכע עס האָבען אלעמאָל געליטען און ווער עס לײדען נאָך היינט, קענען דאָס פאַר־שטיין ווי ווייט די מענשהייט נויטיגט זיך אין די וויכטיגסטע לעהרע! און נאָך אַמאָהל — עס איז גאַר ניט קיין שווערע זאַך! מען דאַרף גאַר ניט פּטר'ן אויף דעם קיין סך צייט, אויף אַזאַ קורצע לעהרע, וואָס יעדער איד מוז אריינ־קלאַפּען אין די קעפּ פון אזעלכע מענש'ן, וועלכע עס וועלען זיך לאָזען לערנען.

אַלזאָ, איהר מוזט גלייך היינט אָנהויבען צו טאָן דעם דזשאָב! סיידען, איהר ווילט בעסער אָנגיין ווי ביז אַהער און חלילה אונטערגיין צוזאַממען מיט דער גאַנצער מענשהייט?! ווייל זיי מוזען אַם ענדע אונטערגיין פאַר דאָס וואָס זיי פּייניגען אייך!

אידען, איהר מוזט היינט אָפּמאַכען אייער ווילען: אַהער אָדער אַהין! ווייל אזא וועלט ווי עס איז היינט צו טאָג, קען און וועט לאַנג ניט עקזיסטי־רען! זי מוז אונטערגיין!

דער אַנטוואָרט אויף דער פראַגע וואָס איז אַ איד, איז דאָס: אַ איד אין פולען זין פון וואָרט מיינט: ניט אזא איד, ווער עס טראָגט אויף זיך דעם נאָהמען איד בלויז דערפאַר, ווייל ער קומט ארויס פון אידישע עלטער'ן! ער מעג אפילו זיין אַ הויך געבילדעטער אין פערשידענע חכמות העולם, אָבער ווי באַלד ער איז אַן עם הארץ, ער וויים ניט געַנוי פון זיין אידישע היסטאָרי וואָס אַ איד איז און וואָס זיין פליכט איז צו זיין פאָלק און צו דער גאַנצער מענשהייט, איז אזא איד קיין איד ניט! ווייל אַ איד אַן עם הארץ לאָזט זיך איינריידען כמעט אַלעס, אזוי ווי אַן אומוויסענדער ניט איד. און אזא זאָרט איד מיט זיין פוסטען האַלטען זיך גרעסער פון דעם גוי, ברייגנט נור שאַדען פאַר דעם אידישען פאָלק. און אזא עלעמענט איז איינע פון די אור־זאַכען וועלכע עס ברייגנען דעם אנטיסעמיטיזם, די שנאה אויפען כלל ישראל.

אויך אזא זאָרט איד וואָס איז אפילו פרום, אָבער נור פאַר זיך אליין,

ער נעהמט זיך ניט די מיהע צו טאָן אַללעס וואָס עס איז נור מעגליך, און וואָס עס איז אפילו שווער אויסצופיהרען, כדי איינצופלאַנצען די אמתע וויסענשאַפט וועגען דעם בעשעפער פון דער וועלט אין זיינע קינדער, ווי אויך אין דער מענשהייט, ווי מיר קענען זעהען זייער אָפט, ווי אַנדערע טאַ־טעס ווילל‌ען בושא חן זיין ביי זייערע קינדער און ווילל‌ען זיי ווייזען אז זיי זיינען מאָדערנע, ניט קיין פאַרצייטיגע אידען, און זיי האַלטען זיך אָפּ פון צו דערמאָהנען דעם זוהן, אז עס איז שבת היינט, אז מען דאַרף גיין אין שוהל, אָדער אז מען טאָר ניט רויכערן היינט, אָדער אז מען דאַרף מאַכען אַ ברכה אָדער בענטשען, כאָטש פאר זיך אליין זיינען זיי יאָ פרום! דאָך, אזעלכע אידען זיינען אויך ניט קיין פאָלקאָמע אידען אין פולען זין פון וואָרט!

דאָס נויטיגסטע און דאָס וויכטיגסטע וואָס אַ פאָלקאָמער איד מוז בע־זיטצען איז דאָס: אַ איד טאָר ניט זיין קיין עם הארץ! אַ איד מוז וויסען זיין היסטאָרי, פון וואַנען ער שטאַמט און וואָס זיין פליכט איז צו דער וועלט! יעדער איד מוז לערנען די מענער׳ס און די געזעטצען פון דער תורה, ווי אזוי אַ איד דאַרף זיך אויפפיהרען! יעדער איד מוז וויסען, אז ער איז דער זוהן און דער טרעגער פון דעם סימבאָל פון דעם ערשטען קליגסטען מענש׳ן, וועלכער כאָטש ער האָט געלעבט אין אַ עפּאָכע פון אַ וועלט פון געצענדי־נער, דאָך האָט ער זיך אויסגעצייכענט מיט זיין חכמה, אז ער האָט פאַרשטאַ־נען און האָט דערקענט, אז עס מוז ערגעץ זיין אַ ריכטיגער האר פון אזא וואונדערבאָרער וועלט, ווער עס איז דער אמתער בעשעפער פון דער גאַנ־צער וועלט מיט אַללע פלאַנעטען און פון אונזער ערד, מיט אַללעס וואָס מיר זעהען אויף איהר. דיזער קלוגער מאַהן האָט געהייסען אברהם.

אברהם איז געוועזען אזוי שטאַרק און אזוי איבערצייגט אין זיין גלוי־בען אין דעם אמת׳ן גאָט, אז ער האָט פאַר קיינעם קיין מורא ניט געהאַט, און ער האָט מיט שטאָלצקייט און מיט זיכערקייט זיך מוסר נפש געוועזען על קידוש השם און ער האָט קאַלטבלוטיג זיך געלאָזען אפילו אריינצוואוואר־פען אין אַן אָנגעברענטען קאַלך־אויווען! ווייל ער האָט זיך פאַרלאָזען אויף גאָט, אז ער וועט איהם העלפען. און אזוי ווי ער האָט געהאָפט, אזוי איז ער טאַקע געהאָלפען געוואָרען פון דעם בעשעפער פון דער וועלט. אברהם האָט די קלוגע וויסענשאַפט פאַרשפּרייט צווישען דער מענשהייט, אז גאָט איז דער בעשעפער און דער האר פון אַללעס אויף דער וועלט.

מיט דיזען קלוגען און אָרענטליכען מענש׳ן אברהמען האָט גאָט גע־שלאָסען אַ קאָנטראַקט, אז ער און זיינע קינדער און קינד׳ס קינדער אויף דור דורות זאָללען זיך מל זיין! און דאָס זאָל זיין דער צייכען פון אַ אידען, צו ווייזען אז ער איז איבערגעגעבען צו זיין אמת׳ן גלויבען אין דעם גרויסען האר פון דער וועלט, אפילו ווען עס האַנדעלט זיך, אז ער מוז צאָהלען מיט זיין בלוט פאַר דעם אמת׳ן גלויבען!

ניט אזוי, ווי אנדערע ניט־אידען זיינען זיך אויך מל, בלויז דערפאַר ווייל זיי האָבען אויסגעפונען, אז דער אידישער מנהג זיך מל צו זיין איז גאָר א געזונדטע זאַך פאַרן מענש׳ן. אָדער אז פאַסטען אזוי ווי די אידען טוען יום כפור איז גאָר אַ געזונדטע זאַך פאַר יעדען מענש׳ן. מען געפינט שוין ביסלעכווייז אויס, אז דאָס וואָס גאָט האָט אָנגעזאָגט די אידען צו טאָן איז גאָר פאַר דעם געזונט פון דעם מענש׳ן! ניט וואָס אַנדערע אידען שטעלען זיך פאָר, אז געוויסע מצוות זיינען שווער אויסצוהיטען! אז גאָט האָט עס אָנגעוויזען צו טאָן, מסתמא איז דאָס גוט פאַרן אידען! מען קען און מען מוז זיך פאַרלאָזען אז דער בעשעפער פון דעם מענש׳ן וויס וואָס עס איז גוט פאַרן געזונט פון דעם מענש׳ן.

דעריבער וואָלט איך וועלען בעטאָנגען, אז אַ פאָלקאָמער איד איז נור דער, ווער עס בעזיצט די פאָלגענדע מדות: (1) דער ווער עס גלויבט מיטן גאַנצען האַרצען, אז עס איז דאָ נור איין גאָט ווער עס האָט באַשאַפען און ווער עס פיהרט אַהן איינער אליין מיט דער גאַנצער וועלט, אָהן קיינע אָגענטען!

(2) און אַ ריכטיגער איד איז דער, ווער עס ליבט גאָט מיטן גאַנצען האַרצען, מיט זיין גאַנצען גוף און מיט זיין גאַנצען פאַרמעגען. דאָס הייסט: אז ער איז גרייט אוועקצוגעבען אַללעס פאַר דעם איינציגען ריכטיגען גלויבען.

(3) א ריכטיגער איד איז נור דער, ווער עס פלאַנצט איין דיזע גוטע מדות אין זיינע קינדער, סיי אין די זיהן און סיי אין די טעכטער, ווער עס דאַרפען אויפברייגגען דעם קומענדיגען דור. און ער רעדט צו זיי וועגען דעם ריכטיגען גלויבען און ער ערקלערט צו זיי געגוי פון אַללעס ווען נור ער האָט אַ מעגליכקייט, סיי זיטצענדיג אין הויז און סיי גייענדיק מיט זיי אין וועג. אין אָבענד ביז מען גייט שלאָפען און אין דערפרי ווען ער שטייט אויף ווערט איהם ניט דערעסען צו לערנען מיט זיי!

(4) אַ ריכטיגער איד איז נור דער, ווער עס טהוט אָהן די געטליכע יוניפאָרם יעדען פריהמאָרגען, אויסער שבתים און ימים טובים, די „תפילים״, אין וואָס עס איז אריינגעלייגט אַ שטיקעל פאַרמעט אויף וואָס עס איז אָנגע־שריבען די הויפט־געזעטצען ווי אַ איד דאַרף טאָן זיין דינסט צו גאָט, און ווי ער דאַרף זיין איבערגעגעבען מיטן גאַנצען האַרצען פאַר זיין אמת׳ן גלויבען! דער איד זאָל אָנטאָן די תפילים אויף זיין לינקע האַנט, וואָס איז געגען זיין האַרץ, און אויפען קאָפּ געגען זיין מוח, אז דאָס זאָל איהם דער־מאָהנען, אז גאָט איז איינער, אז גאָט האָט אַללעס בעשאַפען און אז גאָט איז דאָ איבעראַל! אז גאָט זעהט און הערט אַללעס וואָס יעדער איינער טהוט! דאָס איז אַ מיטעל וואָס עס וועט פאַרהיטען דעם אידען פון צו טאָן שלעכ־טעס צו וועמען ניט איז.

(5) אַ ריכטיגער איד איז אויך נור דער, ווער עס האָט אָנגעקלאַפּט

מזוזות אויף זיינע טירען פון זיין הויז און אויף זיינע טויערען, אין וואָס עס איז אויך איינגעשריבען אויף אַ שטיקעל פּאַרמעט די זעלבע געזעטצען, מיט דעם זעלבען צוועק אזוי ווי אין די תפילים. דאָס איז אַ מיטעל פאַר דעם אידען ווען ער גייט ארויס פון זיין הויז און ווען ער קומט צוריק, עס זאָל דאָס איהם דערמאָנען אז גאָט איז דאָ איבעראַל וואו דער מענש גייט און וואו ער שטייט. אז גאָט זעהט און הערט אַללעס.

איך גלויב, אז עס וועלען זיך געפינען איניגע פון די לעזער וועלכע עס וועלען זיך וואונדערען פאַרוואָס מען מוז דאָס אזוי פיל מאָהל דערמאָנען דעם אידען וועגען דעם גלויבען אין גאָט, ווי איך דערמאָהן דאָס אין דיזען בוך? וואָלט דען דער מענטש ניט געקענט געדיינקען די זאַך, אז מען וואָלט דאָס איהם געזאָגט נור איין מאָהל אָדער צוויי מאָהל? אָבער ניט אזוי פיל מאָהל צו דערמאָנען און צו דערמאָנען פון דעם! איז דער אַנטוואָרט צו דעם פאָלגענדעס:

דער לעבעדיגער מענש, וואָס איז אַ בשר ודם, אונטערשיידעט זיך ניט פיל פון אַ חיה. זיין זכרון איז ניט קיין צו גרויסער. איבערהויפּט, ווען עס איז איהם גוט אויפען הארצען, דאַהן פאַרגעסט ער זיך אינגאַנצען וואו ער האַלט אין דער וועלט! ער דיינקט אז זיין חכמה האָט דאָס איהם אַללעס גע־געבען! און אויך אומגעקעהרט, ווען עס איז אַ מענש'ן זייער שלעכט פאַר־לירט ער זיך ווידער, אז עס איז רעכט, אז אנדערע מענש'ן נעהמען זיך גאָר דאָס לעבען, ווען עס פּאַסירעט מיט זיי עפּעס אונגעוויילינכעס. איבער־הויפּט אז זיי פאַרלירען זייער פאַרמעגען.

דעריבער איז דער אידישער גלויבען פאַרבונדען מיט דאַווענען 3 מאָהל אַ טאָג. מיט טראָגען אַ טלית קטן. מיט אַנטאָן תפילים. מיט אָנקלאָפּען מזוזות, און איבערהויפּט מיטן טראַכטען וועגען גאָט אלעמאָל, כדי דאָס זאָל איהם דערמאָנען שטענדיג, אז סיי גוטעס און סיי חלילה שלעכטעס, אַללעס קומט פון דעם איינעם און זעלבען האַר פון דער וועלט! און דעריבער זאָל דער מענטש זעהען צו טאָן אַלעמאָל גוטעס, וועט גוטעס קומען אויף איהם.

דריי און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

און יעצט קומט דער וויכטיגסטער אַנטוואָרט צו דער מערקווירדיגסטער פראַגע, וואָס פיל שרייבער אין אַללע צייטען האָבען זיך געמאַטערט און מאַ־טערען זיך נאָך עד היום צו ענטפער'ן, וואָס עס איז די אמתע אורזאַכע פון אנטיסעמיטיזם? וואו עס ליגען דאָס באַהאַלטען די וואָרצלען, פון וואַנען דער דאָזיגער ביטערער און גיפטיגער געוואוקסט שפּראָצט ארויס? ווי אזוי

דאָס האָט זיך ענטוויקעלט און ווי אזוי דאָס ווערט קיינמאָל ניט פאַרדאַרט און עס האַלט אָהן אין עקזיסטירען פאַר דורות־דורות לאַנג!

מיר וויללען בעהאַנדלען דיזע קאָמפּליצירטע פראַגע אין דער פאָל־־גענדער פאָרם: מיר זאָגען אז מיר וויללען דערגייך אַן ענדגילטיגען קלאָרען אַנטוואָרט צו דער פראַגע, פאַרוואָס עס פאַסירט אזא אונפאַרשטענדליכע זאַך, וואָס די זייער הויכע מיינונג און דער זייער גרויסער רעספּעקט וואָס די גוֹיים פון יעדע לאַנד האָבען געהאַט וועגען די אידען צום אָנפאַנג, ווען די אידען זיינען אריינגעקומען אין זייערע לענדער. פאַרוואָס בייט זיך דאָס אום ביי אַ געוויסע טייל פון דער בעפעלקערונג צו אזא נידריגען צושטאַנד, אז עס פאַרוואַנדעלט זיך גאָר אין אַ מיאוסען האַס און צו אַ שרעקליכער פיינט־שאַפט צו די אידען, וואָס מען רופט דאָס אנטיסעמיטיזם?

ניט דאָס איז די אמתע אורזאַכע פון אנטיסעמיטיזם, וואָס אנדערע גוֹיים דיינקען, אז די אידען פוילען זיך צו אַרבעטען און זוכען צו מאַכען א לייכטען פונט! אויך ניט דאָס איז די אורזאַכע פון אנטיסעמיטיזם און עס זיינען אַבסאָליוטע פאַלשע פאַבריצירטע בלבולים וואָס מען האָט אויסגעטראַכט אויף די אידען, אז די אידען נאַהרען אָפּ דעם גוי אין ביזנעס, אָדער נאָך אזעלכע ליגענס וועלכע עס זיינען נישט געשטויגען און נישט געפלויגען!

איב מען זאָל די זאַך ריכטיג אויספאָרשען, קען מען גאָר אויסגעפינען פונקט דעם היפוך: אז דער איד איז גאָר דווקא א שווערער ארבעטער. און די אַללע פאַלשע חסרונות וועלכע מען האָט אויסגעטראַכט אויף די אידען, קען מען גאָר געפינען ביי די גוֹיים אליין א סך מעהר ווי ביי די אידען. אויך ניט דאָס איז די סבה פון אנטיסעמיטיזם, דאָס וואָס אַנדערע מענש׳ן האַלטען אז דער איד רייסט אויס די אויגען ביי דער בעפעלקערונג מיט זיין קליידען זיך און מיט זיין ארויסווייזען זיך ווי ער לעבט אזוי ברייטליך! איך וועל ניט אָפּלייקענען, אז דאָס גיסט ניט צו קיין אויל צום פייער! אָבער ניט דאָס אליין זיינען די אמתע סבות פון אנטיסעמיטיזם!

אויך בעשולדיגען אַנדערע אידען אונדזער פאָלק, אז דער אנטיסעמיטיזם קומט אויף אונז דורך דעם, וואָס מיר זיינען א צו גרויסער פראָצענט אין ביז־נעס און ניט אין טרייד. אויך ניט דאָס איז די אמתע סבה פון די שרעקליכע שנאה צו אונז אידען, וועלכע עס לעשט זיך קיינמאָל ניט אויס! מען וואָלט אַלץ איינס פיינט האָבען דעם אידען, ווי ער זאָל ניט האָבען געטאָן און וואָס ער זאָל ניט האָבען געטאָן. ווייל די סבות זיינען גאָר אַנדערע.

עס זיינען דאָ צוויי הויפּט־סבות: איין הויפּט־סבה פון אנטיסעמיטיזם איז אַ זאַך, וואָס די אידען אליין ברייגנען צו דעם, אז דער אנטיסעמיטיזם זאָל ארויסשפּראָצען און זאָל אויסוואַקסען, וואָס דאָס איז א טרויעריגער פאַקט וואָס מען קען דאָס ניט אָפּלייקענען. דאָס וואָס די אידען אליין וואַרפען זיך אַראָפּ פון זייער בעריהמטע הויכקייט און פון דעם הויכען רעספּעקט וואָס די

בירגער האָבען צוערשט געהאַט פאר זיי, צו א זייער מיאוסער נידריגקייט, אין אָנפאַנג פון נויט צוליב פּרנסה און שפּעטער אַהין פון הרחבה, אז עס ווערט שוין ביי זיי אַ געוואוינהייט, אזוי ווי עס שרייבט זיך: „וישמן ישורון ויבעט", מיט דעם וואָס די אידען דערווייטערען זיך ביסלעכווייז, ביסלעכווייז פון זייערע זייער פיינע מנהגים, ווי למשל: פון זייער הייליגען שבת און פון זייערע הייליגע ימים טובים, און אין אלגעמיין פון אַללע זייערע הייליגע אי־דישע זיטען און מנהגים, פאַרוואָס די בירגער האָבען זיי אין אָנפאַנג אזוי הויך רעספּעקטירט און האָבען געהאַלטען אזוי הויך פון די אידען! ווייל די בירגער האָבען געהאַלטען די אידען פאַר פיינערע מענש'ן פון זיך, ווייל זיי האָבען אָפּען געזעהען אז עס איז דאַ זייער פיל וואָס צו לערנען זיך פון די אידען. אַט דאָס איז נומער איינס. איין וויכטיגע סבה וואָס די אידען אליין ברייגגען אויף זיך דעם אנטיסעמיטיזם, ווייל זיי האָבען זיך אליין אראָפּגע־וואָרפען צו אַ זייער מיאוסער נידריגקייט אין די אויגען פון די בירגער, אז די בירגער פיהלען שוין גאָר קיין שאַנדע ניט צו טרעטען מיט זייערע בלאָ־טיגע שטיוועל אויף דעם אמאָהליגען פּרעכטיגען בלום, וואָס יעדערער פלעגט זיך דערקוויקען צו געבען אַ שמעק פון איהם. וועלכער עס ליגט היינט צו טאָג אויף דער ערד זייער נידריג און ווערט צוטראָטען פון יעדען איינעם.

דאָס איז די ערשטע הויפּט־סבה. און די צווייטע הויפּט־סיבה בע־שטעהט פון צוויי צווייגען, וועלכע עס זיינען איינע מיט דער אנדערער זייער שטאַרק צוזאַממענגעבונדען.

עס איז אַ וועלט־בעוואוסטע זאַך, אז דאָס איז ניט קיין לעגענדע, דאָס וואָס דער גרעסטער אידישער נביא, משה רבינו ע"ה, איז געוועזען 40 טעג און 40 נעכט אויפען באַרג סיני, פון וואַנען ער איז צוריק געקומען מיט דער הייליגער תורה.

משה האָט אויפען באַרג סיני געלערענט די תורה שבכתב און די תורה שבעל פה. די תורה שבכתב איז דאָס, וואָס עס איז דאָהן פאַרשריבען גע־וואָרען. דאָס איז די הייליגע תורה וועלכע מיר האַלטען אין אָרון קדש, וועלכע מיר נעהמען זייער אָפּט ארויס און מיר לייענען דאָס יעדען מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, שבתים און ימים טובים און ראשי חדשים, וואָס יעדער מענש ווער עס קען נור העברעאיש קען דאָס לייכט פאַרשטיין.

אָבער צו פאַרשטיין אַללעס גענוי וואָס יעדע זאַך אין דער תורה מיינט ריכטיג, דאָס איז שוין גאָר אַ אַנדער זאַך! למשל: עס זיינען דאַ אין דער תורה אזעלכע זאַכען ווי „מצוות, חוקים און משפּטים", וועלכע עס זיינען פאַר אַ איינפאַכען מענש'ן אין גאַנצען שווער צו פאַרשטיין וואָס דאָס מיינט. און צו וואָס מען דאַרף דאָס אינגאַנצען? און אום די אַללע זאַכען צו קענען פאַרשטיין גענוי וואָס יעדער וואָרט מיינט, קומט אויף דעם די תורה שבעל פה. די אמתע און קלאָרע אויפקלערונג אויף די בעדייטונגען פון אַללעס

וואָס איז אין דער תורה געשריבען, וואָס מען האָט דאָס אַללעס דעם גרויסען און היילינען מאַהן, משה רבינו, אויפגעקלערט און דאָס אַללעס איינגעלע־רענט מיט איהם אויפען באַרג סיני.

עס איז מעגליך אז אן אנדער מענש זאָל אויך זיין אימשטאַנד אַמאָהל דאָס צו פאַרשטיין. אָבער דאָס קען געשעהען בור דאַהן, סיידען אז ער זאָל זיך אריינטאָן אין דעם מיטן גאַנצען גוף און נשמה. און צווייטענס, אז ער זאָל זיך אויך אזוי ארויסטאָן פון וועלטליכע זאַכען אזוי ווי משה רבינו האָט זיך פון דעם ארויסגעטאָן ווען ער איז געוועזען אויפען באַרג סיני. דערפון קענען מיר זעהען, אז אום צו קענען בענעהמען וואָס די תורה איז און אום צו קענען פאַרשטיין וואָס אין איהר איז געשריבען מוז אַ מענש זייער פיל די תורה לערנען.

און דעריבער וועט יעדער קלוגער מענש דאָס פאַרשטיין, אז אַ איינפאַ־כער מענש, אַ איינפאַכער „בשר ודם”, קען ניט און טאָר ניט אפילו ארויפ־לאָזען אויפען געדאַנק אזא זאַך ווי צו וועלען קריטיקירען אָדער צו האַלטען אזא זאָרט געדאַנק אויף זיין מוח, אז מען וואָלט געדאַרפט וואָס ניט איז ענדערען פון דיזע העכסטע לעהרע, וואָס עס איז געשריבען אין דער תורה. די אַללע וואונדערבאַרע און וויכטיגע געזעטצען פון דעם וואונדערבאַרען גרויסען בעשעפער, וואָס ער אַליין, דער בעשעפער, האָט דאָס פאַרפאַסט און האָט דאָס ארויסגעגעבען צו די אידען, וועל עס דאַרפען זיין די לעהרער צו דער מענשהייט. די לעהרער אליין זאָללען ערשטענס וויסען ווי אזוי אַ מענש דאַרף זיך אויפפיהרען און אויך ווי אזוי דאָס צו לערנען צו דער גאַנצער מענשהייט, כדי אז עס זאָל קענען זיין אַ וועלט פון גערעכטיגקייט און אַ וועלט פון שלום צווישען דער גאַנצער מענשהייט.

עס וואָלט געוועזען זייער אַ נאַרישע זאַך, אייב אז מענש׳ן וואָלטען וועלען פּרובירען אפילו צו קריטיקירען וואָס ניט איז פון דער העכסטער ווי־סענשאַפט און פון די געזעטצען וועלכע עס קומען ארויס פון דער העכסטער קוועלע, פון דעם בעשעפער אליין, פונקט אזוי ווי עס וואָלט געוועזען נאַריש אז קינדער פון סקול זאָללען וועלען קריטיקירען זייער לעהרער פאַרוואָס ער לערנט מיט זיי דאָס אָדער דאָס, דערפאַר וואָס מאַנכע זאַכען זיינען פאַר זיי אונפערשטענדליך און זיינען אזוי ווי רעטעניישען, וואָס זיי קענען ניט בענעהמען צו וואָס מען דאַרף דאָס.

די קינדער האָבען גאָר קיין אנבונג ניט אז זייער לעהרער, איידער ער האָט געקענט דערגרייכען צו קריגען זיין דיפּלאָמאַ, האָט געמוזט שטודירען איניגע יאָהרען אין אַ לעהרער־סעמינאַריום, וואו מען האָט מיט איהם זייער פיל געלערנט און וואו מען האָט איהם געגעבען צו פאַרשטיין זייער פיל וויכטיגע זאַכען, כדי אז ער זאָל שפּעטער וויסען ווי אזוי אריינצוגעבען פיינע לעהרע און חכמה אין זיינע תלמידים אין די סקולען.

אָדער מיר קענען זעהען פון נאָך אזא זאָרט ביישפּיעל, ווי נאַריש עס וואָלט געוועזען צו קריטיקירען דעם אויבערשטענס געזעצען, פּונקט אזוי ווי עס וואָלט געוועזען נאַריש אז אַ איינפאַכער מענש זאָל נעהמען קריטיקי־רען אַ דאָקטאָר דערפאַר, וואָס ער שטעלט אריין אַ טערמאָמעטער ביי אַ קראַנקען אין מויל אָדער אונטערען אָרעם, ווען דער קראַנקער בעקלאָגט זיך גאָר אויף קאָפּ־שמערצען. פאַר דעם איינפאַכען מענש'ן איז אינגאַנצען פאַרשטעלט די דאָזיגע גרויסע וויסענשאַפט וואָס דער דאָקטאָר האָט אין זיך. ווייל דער דאָקטאָר האָט אויף דעם יאָהרען לאַנג געשטודירט און ער ווייס דעם ריזען פאַרוואָס מען דאַרף צוערשט אויסמעסטען די טעמפּעראַטור פון דעם חולה און ערשט נאָכדעם קען ער זיך נעהמען קליגען וואָס אזוינס עס קען זיין די קראַנקהייט און פאַרוואָס דער קאָפּ טהוט וויי.

היינט וויפיל טיפקייט ליגט שוין אין די הערכסטע לעהרע וואָס מען האָט מיט משה רבינו אויפען באַרג סיני איינגעלערענט? די דאָזיגע הויכע ווי־סענשאַפט וואָס מען האָט מיט משה רבינו אויפען באַרג סיני איינגעלערענט, האָט משה איינגעלערענט מיט זיין ברודער אהרנען און מיט אהרנ'ס קינדער, ווי אויך מיט זיין געהילף יהושען, ווער עס איז אויך געוועזען זייער אַ גרוי־סער מאַהן, ווער עס האָט נאָך משה'ס טויט געדאַרפט דורכפיהרען זייער אַ הויכע אויפגאַבע אריינצוברייגגען די אידען אין ארץ ישראל.

יהושע האָט דיזע לעהרע שפּעטער איינגעלערענט מיט די זקנים. די זקנים האָבען עס דערנאָך איינגעלערענט מיט די נביאים און די נביאים האָבען דאָס דערנאָך איינגעלערנט מיט די אנשי כנסת הגדולה. שפּעטער, אין פיל יאָהרען ארום, האָט מען זיך גענומען דאָס אַללעס צו פאַרשרייבען, ווייל עס איז געשטאַנען אַ געפאַר אז די תורה שבעל פּה, וואָס איין דור האָט איבערגעגעבען צום צווייטען, זאָל חלילה פאַרגעסען ווערען צוליב דעם, וואָס די אידען זיינען פאַרטריבען געוואָרען פון זייער אייגענער לאַנד און האָבען זיך געוואַלגערט אין גלות. פיל זאַכען זיינען טאַקע פאַרגעסען געוואָרען דורך די צרות וואָס די אידען האָבען זיך אויסגעליטען.

אין געוויסע דורות ארום, ווען די אידען זיינען אַראָפּ פון זייער גוטען וועג, פון זייער פיינעם גלויבען און האָבען איינגעפיהרט ביי זיך אין זייער לאַנד אזעלכע מנהגים פון פעלקער וועלכע עס זיינען געוועזען אין שכנות מיט זיי און זיי האָבען ענדליך אָנגעהויבען דינען צו אָפּגעטער אזוי ווי זייערע שכנים ארום זיי, האָט גאָט זיך אָפּגעקעהרט פון זיי, אזוי ווי ער האָט דאָס זיי מתרה געוועזען אין זיין תורה, אז ער וועט דאָס אזוי טאָן צו זיי, אייב זיי וועלען אראָפּ פון דעם ריכטיגען וועג. און די ענדע איז געוועזען, אז די אי־דישע לאַנד איז פאַרנומען געוואָרען פון אַ פרעמדע מלוכה און די אידען האָבען פאַרלאָרען זייער גאַנצע פרייהייט צו עקזיסטירען אַלס אַ פאָלק.

די אידען זיינען געוועזען זייער דערנידערט און אַראָפּגעפאַלען פון

מוטה, אז זיי האָבען זיך קוים אויפגעהאַלטען, אַ דאַנק די גרויסע און וויכטיגע וויסענשאַפט, וועלכע עס איז נאָך געוועזען פאַרבליבען אין די קעפּ פון געציילטע גרויסע מענש׳ן, וועלכע עס האָבען געטרייט מיט אַללע זייערע כחות איינצוהאַלטען דעם מוטה פון דעם אידישען פאָלק אין אזא טרויעריגען פּער״אָד. זיי האָבען געטאָן אַללעס וואָס עס איז געוועזען אין זייערע כחות צו זעהען אז דער אידישער פאָלק זאָל זיך ווי עס איז האַלטען ביי זיין פיינעם גלויבען און ער זאָל ניט פאַרזונקען ווערען צוריק אין דער זעלבער פינסטערניש אזוי ווי דער אידישער פאָלק איז אַמאָהל שוין געוועזען פאַרזונקען אין די צייטען פון זייער פינסטערען גלות אין מצרים.

אין יענע טרויעריגע צייטען, ווי איך האָב ערשט געשילדערט, ווי דער אידישער פאָלק האָט זיך אזוי שרעקליך געפּלאָגט, איז געבאָרען געוואָרען ביי אַ אידישער טאָכטער אַ זוהן, וואָס אַללע האָבען דאַהן געוואוסט און וואָס די שפּעטערדיגע היסטאָרי זאָגט אויך פון דעם ווער זיין פאָטער איז געוועזען און ווער זיין מוטער איז געוועזען, לויט ווי די ניט־אידישע היסטאָרי בעשטעטיגט אויך איז זיין פאָטער געוועזען אַ געוויסער קאַרפּענטער, מיט וואָסער מלאכה דער זוהן האָט שפּעטער זיך אויך פאַרנומען.

איך גיי דאָ געגוי בעשרייבען די געשיכטע פון ישוע הנוצרי צוליב דעם, ווייל איך האַלט אז אַ סך אָרענטליכע ניט־אידען וועלכע זיינען איינגעגלויבט אין איהם מיטן גאַנצען האַרצען וואונדערען זיך אויף די אידען און זיי פרעגען געוויס אַ מאָדנע פראַגע. די אידען זיינען דאָך אזא קלוגע פאָלק און זיי זיינען דאָך אַ פאָלק פון רחמנות און זיי טוען דאָך שעטצען זייערע הייליגע און געלערנטע ? טאָ ווי קומט דאָס אז זיי גלויבען ניט אין קריסטוסען דעם גרויסען מאַהן ? און ניט נור וואָס זיי גלויבען ניט אין איהם, נור זיי האָבען אים גאָר אָפּגעשטויסען פון זיך ! און זיי האָבען גאָר אַן אייביגען כעס אויף אַזאַ מאַהן, וואָס מען האָט זיי, די ניט אידען, איינגעגלויבט, אז ער איז געוועזען גאָט׳ס זוהן און משיח, אויף וועמען די אידען זאָללען האָבען געוואַרט און וואָס זיי וואַרטען מיט גרויס אונגעדולד אז ער זאָל שוין קומען און זאָל זיי שוין אויסלייזען פון זייערע צרות.

עס דערמאָנט מיר אַ עפּיזאָד, ווי איינער אַ ניט־איד האָט מיך אַמאָהל געפרעגט, פאַרוואָס מיר אידען גלויבען ניט אין קריסטוסען ? ער האָט מיך געפרעגט בזה הלשון : וואַרט איהר אידען ניט אויף משיחן ? איז דאָס ניט ריכטיג ? זאָג איך יעס, מיר וואַרטען אויף משיחן. נו, זאָגט ער, מיר האַלטען אז ער איז שוין געקומען. טאָ פאַרוואָס האַלט איהר אויך ניט אזוי ווי מיר ? האָב איך איהם געפרעגט : וואָס האָט איר צו טאָן מיט אונזער משיחן ? מיר אידען, וועלכע עס וואַלגערען זיך אין גלות, ווער עס לידען אזוי פיל צרות, מיר וואַרטען אויף דעם אז דער אויבערשטער זאָל זיך שוין דערבאַרעמען אויף אונז, און ער זאָל שוין שיקען דעם ריכטיגען משיחן אונז ארויס־

צוראָטעװען פון דעם טרויעריגען גלות. אָבער איהר, װאָס יעדערער פון אייך זיצט זיך אויף זיינע ערד און יעדערער פון אייך לעבט אונטער זיין אייגענעם װיינגאָרטען, װאָס האָט איר צו טאָן מיט משיח׳ן ?! מיט אונזער משיח׳ן, אין װעמען מיר אידען נויטיגען זיך! אויף װעמען מיר װאַרטען ?!

עס פאַרשטייט זיך, אז ער האָט ניט געהאַט װאָס צו ענטפערן! די אָרענטליכע ניט אידען טוען פאַרשטייך, אז עפּעס איז דאָ ניט קיין גלאַטע זאַך אין דעם װאָס מען האָט זיי דערציילט, און װאָס דער אמת איז פארװאָס די אידען װילען אפילו ניט הערען װען מען דערמאָנט זיי װעגען קריסטוסען. דעריבער זיינען זיי זייער נייגעריג צו הערען פון די אידען אליין דעם ריינעם אמת׳ן אַנטװאָרט צו דער דאָזיגער מערקװירדיגער פראַגע, װעלכע עס שטייט פאַר זיי אזוי װי אַ רעטעניש.

אַלזאָ, אָט דעם קאַרפּענטער׳ס זוהן װען ער איז אויסגעװאַקסען, האָט ער זיך אריינגענומען אַ געדאַנק אז א סך געזעטצען פון גאָט׳ס תורה זיינען גאָר ניט קיין װיכטיגע און זיינען ניט צוגעפּאַסט צו די מאָדערנע צייטען. און דעריבער דאַרפען אַ טייל פון זיי װערען אַנולירט און אַנדערע דאַרפען װערען איבערגעמאַכט זיי זאָללען זיך פּאַסען פאַר די מאָדערנע צייטען.

די אידען, דערהערענדיג פון אזעלכע װילדע פאַנטאַסטישע געדאַנקען, זיינען זייער ערשטוינט און פאַרציטערט געװאָרען! אַ איינפאַכער מענש, אַ בשר ודם, װער עס האָט זייער װייניג געלערענט, קען זיך נעהמען אַ העזה צו װעלען ענדערען געזעטצען, װעלכע עס זיינען ארויסגעגעבען געװאָרען פון דער העכסטער קװעלע אין דער װעלט, פון דעם בעשעפער אליין! ער, אָט דער מענשעלע, װער עס איז אזא מענש װי אַללע מענש׳ן זיינען! ער װיל זיין קליגער פון גאָט! איבערצומאַכען גאָט׳ס געזעטצען! אַללע אידען, װער עס האָבען נור דערהערט פון אזא זאַך האָבען זיך אָפּגעזונדערט פון איהם. און אפילו זיין אייגענע פאַמיללע האָט זיך דערװייטערט פון איהם און האָבען ניט געװאָלט איהם מעהר קענען! הערענדיג װי אַ מענש איז אזוי אַראָפּ פון זיננען און האָט גאָר קיין מורא ניט צו רײדען װעגען אזעלכע זאַכען, װאָס עס איז גאָר אַ שאַנדע און די גרעסטע זינד פאַר אַ אידען פון אזעלכעס צו טראַכטען, אָדער אפילו צו הערען פון אזעלכע זאַכען!

דער יונגערמאַהן האָט אָבער פאַר קיין זאַך ניט געקעהרט און ער איז ארומגעגאַנגען און האָט געהאַלטען רעדעס און האָט אַלץ גערעדט װעגען זיין פלאַן, אז מען דאַרף איבערמאַכען די תורה און מאַכען עס מאָדערנער. אזוי האָט ער אָנגעהאַלטען אין רײדען צו איינפאַכע אידען און צו ניט אידען, װער עס האָבען זייער װייניג געװאוסט פון דער תורה. ער האָט זיי אויסערדעם איינגערעדט אז ער איז דאָס משיח און ער איז אַ הייליגער! ער איז גאָט׳ס זוהן און ער האָט די אַאוטאָריטי פון גאָט צו ענדערען זיינע אַלטע געזעטצען און צו מאַכען נייע געזעטצען.

פיל מענש׳ן ווען זיי האָבען איהם געהערט ריידענדיג פון דעם, האָבען געהאַלטען אז דער מענש איז ווירקליך אַראָפּ פון זינען און האָבען ניט נור ניט געהאַט מיט איהם קיינע געשעפטען, נור זיי פלעגען גיין ארום און ארום, אוהם איהם ניט אָנצוגעגנען. ער איז אָבער ניט נתפעל געוואָרען און ער איז נאָך אַלץ אָנגעגאַנגען מיט זיינע רעדעס וועלכע עס האָבען אָפּגעלאַכט און וועלכע עס האָבען געמאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט די גאַנצע אידישע מנהגים ווי אויך פון דער גאַנצער תורה.

אָט אזוי האָט ער נאָכאַנאַנד פאַרביטערט די לעבענס, איבערהויפּט פון די פרומע אידען וועלכע עס האָבען זיך געמאַטערט מיט אַללע זייערע כחות איינצוהאַלטען דאָס ביסעלע און דאָס טייערע פון אידישקייט, וואָס עס האָט געשטאַרקט און געטרייסט די אידען אין אזא ביטערע צייט און וואָס עס האָט זיי דערמאָנט פון זייערע אַלטע גוטע צייטען פון זייער פרייען לעבען און פון די פיינע לעהרע, וואָס זייער געטרייער פיהרער משה רבינו האָט מיט זייערע אמאָהליגע עלטער׳ן געלערענט.

די דעמאָלטדיגע אידען האָבען אין דעם רעפאָרמער ענדליך דערזעהען אַ גרויסע געפאַהר, אז ער וועט פאַרפיהרען אַ סך אונוויסענדע אידען פון דעם גלייכען וועג און די ענדע וועט זיין, אז די אונוויסענדע אידען וועלען אריינפאַלען אין די פינסטערקייט פון געצענדינערײַ! ווייל פּונקט אזוי ווי יעדער פאָלק האָט זיך זיינע פינסטערע עלעמענטען, ווענען מען קען אַללעס איינריידען, אזוי זיינען ביי די אידען אויך אזעלכע געוועזען. איבערהויפּט אין אזא טרויעריגע צייט ווי דער אידישער פאָלק איז אזוי פאַרלאָרען געוועזען ביי זיך פון דעם גרויסען אונגליק וואָס עס האָט זיי געטראָפען, אז דער אידי־שער פאָלק האָט פאַרלאָרען זיין פרייהייט און ער האָט זיך געהאַלטען בלויז מיט דער האָפפנונג און האָט געוואַרט אויף דעם אמת׳ן אויסלייזער, ווער עס זאָל זיי אויסלייזען פון דעם יאָך פון די רוימער, אזוי ווי זייערע הייליגע נביי־אים האָבען זיי מתרה געוועזען און אויך זיי געטרייסט אין די פריהערדיגע צייטען, אז איבּ זיי וועלען אַראָפּ פון גלייכען וועג און עס וועלען קומען אויף זיי צרות, זאָללען זיי זיך אינגאַנצען ניט פאַרליהרען און זאָללען האָפפען אז עס וועט קומען דער גוטער טאָג ווען גאָט וועט שיקען אַן אויס־לייזער און ער וועט זיי אויסלייזען פון זייערע צרות.

יעדער קלוגער מענש קען זיך פאָרשטעלען ווי טרויעריג עס איז גע־וועזען די לאַגע, איבערהויפּט פון די אידישע רבנים און פון די עלטערע געלערענטע, אז אויסער וואָס זיי האָבען געמוזט זיין אונטער דעם שווערען יאָך פון אַ פרעמדע מלוכה מיט אַ פאַרקערטער קולטור און מיט פאַרקערטע געזעטצען און מיט אָפענע געצענדינערײַ ביי זיך אין זייער הייליגער לאַנד, און האָבען דאָס אַללעס געמוזט צוקוקען און האָבען קיין זאַך ניט געקענט טאָן זיך צו בעפרייען. וואָס איבּ אימיצער וויל האָבען עפּעס אַן אַנבונג ווי

די אידען האָבען זיך דאָהן געפיהלט זאָללען זיך פאַרשטעלען אַ בילד ווי עס וואָלט אַן איראָפּייאישער פאָלק זיך פיהלען אונטער דער אָקופּאַציע פון יאַפּאַניזער. און אַלס צוגאָב צו אַזעלכע צרות איז נאָך אָנגעשטאַנען אויף זיי אַן אייגענער, אַ איד, ווער עס האָט קיין אַננונג ניט געהאַט פון די אמתע בעדייטונגען פון די היילגע געזעטצען פון דער תורה און פון די פיינע אידישע מנהגים וואָס זיי אַללע בעדייטען, ווער עס האָט ארויסגענומען בלויז אייניגע ווערטער פון דער תורה, וועלכע עס זיינען איהם יאָ געפעלען געוואָרען, ווי אויך אייניגע גוטע אָנווייזונגען פון די עלטערע אידישע געלערענטע ווי אזוי אַ איד דאַרף זיך אויפפיהרען, און ער האָט דאָס אַללעס צונויפגעמישט מיט די גריכישע קולטור און פילאָזאָפיע צוזאַממען מיט דער באַבטישטישער פילאָזאָפיע, וועלכע ער האָט געלערענט פון זיינעם אַ חבר, וואָס דיזע צונויפגעמישטע לעהרע האָט געפיהרט זייער באַהנט צו דעם וועג פון געצענדינעריי!

דיזע צונויפגעמישטע לעהרע האָט ער געפריידיגט צו אלערליי צוהערער אַללעס אין גאָט'ס נאָהמען. מענש'ן מיט קליינעם שכל, הערענדיג אייניגע קלוגע ווערטער וואָס איך האָב פריהער אָנגעוויזען פון וואַנען ער האָט דאָס ארויסגענומען, האָבען ניט געקענט פאַרשטיין די גרויסע געפאַר וואָס דער רעפאָרמער קען ברייגגען צו דעם אידישען פאָלק, און זיי האָבען געדיינקט אז אפשר איז ער טאַקע גאָט'ס זוהן און משיח, אזוי ווי ער רעדט זיי איין?!

אָבער די קליגערע האָבען זיך איבערצייגט אז וואָס ער רעדט איז אַללעס כזב ושקר פון דעם, וואָס זיי האָבען איהם געבעטען צו ווייזען פאַר זיי אותות ומפתים, אז ער איז משיח און גאָט'ס זוהן! ער זאָל ווייזען עפּעס א נס אָדער אַנדערע אותות ומופתים! אָבער ער האָט זיך אַלעמאָל ארויסגעדרייט און האָט זיך ענטזאַגט פון צו ווייזען נסים! און וואָס האָט ער געקענט זיי ווייזען? אַ איינפאַכער בשר ודם! דעריבער האָט ער קיין השפּעה ניט געקענט האָבען אויף די קליגערע און די געלערענטע! ער האָט נור געקענט האָבען אַ שוואַכע ווירקונג אויף אייניגע פינסטערע און שוואַכע עלעמענטען, אזוי ווי דער אידישער פאָלק פאַרמאָגט אין אַללע צייטען! אזעלכע, ווער עס האָבען ווייניג געלערענט אָדער וועלכע עס האָבען גאָרניט געלערנט פון דער תורה און פון גמרא. און דאָך האָבען אזעלכע יאַ אַ העזה אָפּצולאַכען פון אידישע מנהגים! און אזעלכע פוסטע אידען האַסען ניט נור די אידען אליין, נור אפילו די ניט אידען האַסען זיי אויך! ווייל יעדער קלוגער מענש קען גלייך זעהען דעם אונטערשייד פון אַ אידען ווער עס האָט געלערענט די תורה, און פון דעם ווער עס איז אַן עם הארץ! און מען קען גלייך דערקענען אז אזעלכע פוסטע אידען ווילען זיך ארויסווייזען אז זיי וויסען אויך עפּעס. אָבער אַ קלוגער מענש קען גלייך אויסגעפינען אז אזעלכע מענש'ן זיינען אָהן וויסענשאַפט און עס איז ניטאָ וואָס צו לערנען זיך פון זיי.

אַט אזוי האָבען די קליגערע אידען אויך ניט געהאַלטען פון קריסטוסען און מען האָט זיך אויסגעלאַכט פון איהם. און מען האָט זיך דערוויטערט פון איהם. ישוע איז וואָס ווייטער געוואָרען אַלץ אַ גרעסערער און אַ גרעסערער שונא צו אַללעס וואָס נור עס איז געוועזען אידיש! ער האָט אָפּגעלאַכט פון דער גאַנצער תורה, פון דעם אידישען פאָלק און אפילו פון דער טייערסטער זאַך וואָס עס איז ביי די אידען, פון זייער הייליגען שבת! ער האָט זיך גענומען אָפּצוטאָן די אידען אויף צו להכעיס, און ער האָט גענומען פריידיגען אז מען זאָל אָננעהמען זונטאָג פאַר דעם רוהטאָג, אַנשטאַט שבת!

אַט אזוי פיל צרות האָבען זיך די אידען אויסגעליטען פון אַן אייגענעם כופר בעיקר, ווער עס האָט זיך גענומען די אויפגאַבע אומצוברייננגען דעם אידישען פאָלק אום אויסצופיהרען זיינע אמבישענס, וואָס ווען עס וואָלט פּאַסירט אזא זאַך ביי איין אַנדער פאָלק, וואָלט מען פון אַזאַ ניט געליטען אזא לאַנגע צייט ווי די אידען האָבען פון איהם געליטען. מען וואָלט אזא שונא לאַנג געהאַט געטויט.

יעצט, אז מען זאָל בעטראַכטען בלויז איניגע זאַכען, קען מען גלייך זעהען ווי קריסטוסעס ווערטער זיינען געוועזען אָהן קיינע ממשות און אויך ווייט פון אמת! איבערהויפט דאָס, וואָס ער האָט זיך בעמיהט איינצורײדען רויע און נאַרישע אומוויסענדע מענש׳ן, אז ער איז גאָט׳ס זוהן און גאָט׳ס אַגענט־משיח, וועמען גאָט האָט געשיקט אויסצולייזען די אידען פון גלות.

פון די ווייטערדיגע פעקטס קען יעדערער זיך איבערצייגען אז ער איז ניט נור ניט געוועזען דער שליח פון גאָט, נור אומגעקעהרט, ער איז גאָר געוועזען אַ צושטערער און אַן אָפּברעכער פון גאָט׳ס טייערע געזעטצען. די ערשטע זאַך פון וואָס מען קען זעהען ווי ער האָט זיך געצילעוועט אָפּצוברעכען גאָט׳ס געזעטצען איז פון דיזער זאַך, וואָס ער האָט זיך גענומען אָפּצוברעכען דעם אידישען שבת. די גרויסע טייערע זאַך וואָס גאָט האָט דאָס די אידען אָנגעזאָגט אין זיין תורה אָפּצוהיטען, וואָס ישוע האָט געגנר־מען איינריידען זיינע צוהערער, אז מען זאָל אָננעהמען דוקא זונטאָג פאַר דעם רוהטאָג און ניט שבת, כדי מיט דעם ווי צו טאָן די אידען און צו ווייזען זיי אז ער לאַכט זיך אויס פון אַללע זייערע מנהגים און דינים! אַט פון דער זאַך אליין קען מען שוין זעהען, אז ער, ווער עס האָט גערעדט אַללעס אין גאָט׳ס נאָהמען אלס גאָט׳ס זוהן און זיין אַגענט, איז גאָר געוועזען אַ ריכטי־גער געגנער פון גאָט מיט זיינע געזעטצען.

לאָמיר זיך אריינקוקען און לייענען וואָס האָט גאָט אָנגעזאָגט אין זיין תורה, און וואָס האָט ישוע געמאַכט פון דעם? גאָט האָט געזאָגט אין זיין תורה: „ששת ימים תעשה מלאכה וביום השביעי תשבת״. דאָס הייסט: זעקס טעג זאָלסטו ארבעטען און דעם זיבעטען טאָג זאָלסטו רוהען, ווייל איך האָב אויך דעם זיבעטען טאָג גערוהט פון מיין אַרבעט.

לאָמיר זיך צוקוקען וואָס די תורה דערציילט אונז געגוי: דעם ערשטען טאָג וואָס עס רופט זיך זונטאָג, האָט גאָט בעשאַפען די ליכטיגקייט. דעם צווייטען טאָג, וואָס עס רופט זיך מאָנטאָג, האָט גאָט בעשאַפען דעם הימעל. דעם דריטען טאָג, וואָס עס רופט זיך דינסטאָג, האָט גאָט בעשאַפען אללע געוויקסע. דעם פירטען טאָג, וואָס עס רופט זיך מיטוואָך, האָט גאָט בעשאַפען די זון מיט דער לבנה מיט אַללע פּלאַנעטען. דעם פינפטען טאָג, וואָס עס רופט זיך דאָנערשטאָג, האָט גאָט בעשאַפען אַללעס וואָס עס לעבט אין וואַסער און אַללעס וואָס עס פליהט אין דער הויך. דעם זעקסטען טאָג, וואָס עס רופט זיך פרייטאָג, האָט גאָט בעשאַפען די חיות און די בהמות און דאָס לעצטע פון אַללעס האָט גאָט בעשאַפען דעם מענש׳ן. און דעם זיבעטען טאָג וואָס עס רופט זיך שבת, האָט גאָט גערוהט פון זיין אַרבעט, און דאָס זעלבע האָט ער אָנגעזאָגט דעם מענש׳ן, אז ער זאָל אויך רוהען דעם זיבעטען טאָג שבת.

יעצט לאָמיר געבען א קוק אויף די קאַלענדאַרען אין דער גאַנצער וועלט, און איבערהויפּט אין די לענדער וואו דער גלויבען אין קריסטוסען איז זייער געדיכט פאַרשפּרייט, און לאָמיר זעהען אין וואָס פאַר אַן אָרדער עס ציילען זיך די טעג פון דער וואָך ביי אַללע מענש׳ן אין דער וועלט, לויט זייערע אַלעמענס קאַלענדאַרען. לאָמיר זעהען וועלכער טאָג עס איז דער ערשטער און וועלכער טאָג עס איז דער לעצטער פון דער וואָך. ציילען די קאַ־לענדאַרען ניט די טעג פון דער וואָך אין דעם זעלבען אָרדער אזוי ווי די תורה ציילט? איז ניט דער ערשטער טאָג פון וואָך אויף אַללע קאַלענדאַרען זונטאָג און דער לעצטער טאָג פון דער וואָך שבת? א זאַך וואָס עס איז איינ־געוואָרצעלט ביי יעדען מענש׳ן אין זיין האַרצען! אַ זאַך וואָס די תורה זאָגט אזוי! וואָס דאָס קען בשום אופן ניט געענדערט ווערען! וויל עס מוז אזוי זיין, אז דער ערשטער טאָג איז זונטאָג און דער לעצטער טאָג מוז זיין שבת!

אלזאָ, אייב ישוע האָט באמת געגלויבט אין גאָט, און אייב ער האָט טאַקע געוואָלט ערפיהלען גאָט׳ס געזעטצען, אין וועמענס נאָהמען ער האָט געפּריי־דיגט, טאָ ווי אזוי האָט ער געמעגט איינריידען זיינע צוהערער אז מען זאָל אָננעהמען זונטאָג פאַר דעם רוהטאָג, וואָס די קריסטליכע וועלט טוט דאָס ביז היינטיגען טאָג, אז זונטאָג איז דאָך דער ערשטער טאָג פון דער וואָך, לויט דער תורה און לויט אַללע קאַלענדאַרען פון דער וועלט? וואָס די מענשהייט קען דאָס אַנדערש ניט ציילען! אנדערש ווי דער בעשעפער פון דער וועלט האָט דאָס בעשטימט! ווי באַלד אזוי, פרעגט זיך אַ גרויסע פראַ־גע: וואו האָט ישוע געטאָן גאָט׳ס וויללען מיט זיין הייסען אָנצונעהמען דוקא זונטאָג פאַר דעם רוהטאָג, אז גאָט האָט גאָר געהייסען צו רוהען שבת, דעם לעצטען טאָג פון דער וואָך, און ניט דעם ערשטען?

איז ישוע׳ס לערנען צו דער מענשהייט ניט דער היפך פון גאָט׳ס געּ־

זעטצען ?! איז עס ניט קלאָר גענוג, אז ער האָט זיך גענומען צו טאָן אַללעס פּונקט פאַרקעהרט, אַללעס געגען גאָט מיט זיינע געזעטצען. און איבערהויפּט געגען דעם פאָלק וועמען גאָט האָט די דאָזיגע געזעטצען געגעבען, צו וועלכען פאָלק ער, ישוע אליין, האָט דאָך אויך געהערט ?! איז עס ניט צו לאַכען וואָס איינער קען איינריידען אַ וועלט מיט מענש'ן ?! יעדער מענש אין דער וועלט וויס, אז צוערשט ארבעט דער מענש און דערנאָך רוהט ער פון זיין ארבעט, וויל ער איז פאַרמאַטערט ! נאָך ישוע'ס לעהרע קומט גאָר אויס, אז צוערשט זאָל דער מענש רוהען, דאָס הייסט דעם ערשטען טאָג וואָס עס איז זונטאָג זאָל דער מענש רוהען און דערנאָך זאָל ער ארבעטען זעקס טעג ! איז דאָס אַ גלייכער געדאַנק אָדער אַ קרומער ? שטימט דאָס מיט גאָט'ס ווערטער, וואָס ער האָט געהייסען אז דער מענש זאָל רוהען דעם זיבעטען טאָג ? אָדער עס איז פּונקט דער היפך פון גאָט'ס ווערטער ?! פון דעם פאַקט אליין קען יעדער קלוגער מענש זעהען, אז אַללעס וואָס ישוע האָט געפּריידיגט איז געוועזען ניט אמת ! איבערהויפּט וואָס ער האָט איינגערעדט אומוויסענדע מענש'ן אז ער איז משיח און ער איז גאָט'ס זוהן !

די אידען האָבען געליטען פון אַ טרויעריגען לאַנגען גלות פאַר זייערע זינד, פאַר דעם אַראָפּגיין פון גאָט'ס ריכטיגע וועג, פון גאָט'ס געזעטצען ! און דאָ קומט צוגיין אַ מענש, ווער עס לאַכט אָפּ פון גאָט און פון זיינע געזעטצען און פון גאָט'ס אויסגעקליבענע פאָלק וועמען גאָט האָט די אַללע געזעטצען געגעבען, און ער ישוע גייט אריינריידען אז ער איז משיח, וועמען גאָט האָט געשיקט אויסצולייזען די ליידענדע אידען ! קען אזא, ווער עס לייקענט אין אַללעס, קריגען אזא גרויסע מיסיע ? צו זיין דער אויסלייזער פון אַ פאָלק וועלכער האָט געזינדיגט, אז ער אליין איז א ערגערער זינדיגער ?! די אידען האָבען זיך בענאַרישט און געזינדיגט. דיזער מענש אָבער האָט מיטן פולען זינען געזינדיגט און האָט אָנגעלערענט אויך אַנדערע צו זינדיגען !

קען אזא מענש זיין משיח ? איז עס ניט צו לאַכען, אין וועמען אַ וועלט מענש'ן האָבען זיך געלאָזען איינגלויבען ? אלזאָ, דער אמת איז גאָר, אז ישוע איז געוועזען אַן אָפּענער צושטערער פון גאָט'ס געזעטצען, און ער האָט ניט געוואָלט ראַטעווען דעם אידישען פאָלק פון זיינע צרות, נור אומגעקעהרט, ער האָט זיי גאָר געוואָלט אומברייגגען, צוזאַממען מיט גאָט'ס תורה, וואָס אין דער תורה זיינען אָנגעוויזען די אמתע אָנווייזונגען פון דעם גרויסען וועלט בעשעפער, ווער עס האָט אַללעס בעשאַפען. און דער גרויסער האַר פון דער וועלט, ווער עס שטייט און וואַכט די אידען טאָג און נאַכט פון אַללע זייערע שונאים, האָט אויך דעם מאָהל בעוויזען אַ נס, אז דער ווער עס האָט געוואָלט אומברייגגען דעם אידישען פאָלק, איז ער אליין אומגעקומען, אזוי ווי אַללע אידישע שונאים זיינען אומגעקומען אין אַללע צייטען, און ווי זיי

וועלען אַלעמאָל אומקומען, ווייל גאָט רעכנט זיך אָפּ שטריינג מיט די, וועל־כע עס הויבען זיך אָהן מיט די אידען, וואָס דאָס איז אַ לעבעדיגער פאַקט וואָס יעדער מענש קען דאָס זעהען פון דער היסטאָרי.

אַ צווייטע זאַך פון וואָס מען קען זיך איבערצייגען ווי פאַלש עס זיינען געוועזען ישוע׳ס איינריידען די מענש׳ן, אז ער איז גאָט׳ס זוהן, אז דאָס איז אַ זאַך וואָס מען קען בלויז איינריידען נאַרישע קינדער, קען מען זעהען פון דאָס: איז עס ניט צום לאַכען וואָס מען קען איינריידען גרויסע דערוואַקסענע מענש׳ן, וועלכע עס האַלטען זיך פאַר פאַלשטענדיגע מענש׳ן, וועלכע עס זיי־נען הויך געבילדעטע, וועלכע עס פיהרען אָהן מיט מלוכות און גרעסטע אונטערנעהמונגען, אז גאָט דער גרויסער האַר פון דער וועלט, האָט זיך ניט בעגנוגענט מיט דעם אליין, וואָס מיט זיין איין בעפעהל איז בעשאַפען גע־וואָרען יעדע זאַך אויף דער וועלט, ווי אויך דער מענש, אדם הראשון, און דערנאָך די פרוי חוה! נור אָט דעם גרויסען וואונדערבאַרען האַר פון אַלעס, וואָס מיר מענש׳ן זעהען ביי איהם אויס אפשר טויזענדטער מאָהל קלענער ווי עס זעהט אויס אַ מילב אין אונזערע אויגען, און וואָס אונזער נאַרישע תאוה זעהט ביי איהם אויס אַ סך מעהר קליינווירדיג ווי עס זעהט ביי אונז אויס די נישטיגע תאוה פון דעם צוזאַממען קומען פון אַ מילב מיט אַ מילב, זאָל זיך האָבען אָט דעם גרויסען וואונדערבאַרען בעשעפער פון אַלעס פאַר־גלוסטען צו פאַרזוכען דעם טעם פון תאוה מיט אַן אשה, א „בשר ודם״, כדי זי זאָל איהם געבאָרען אַ זוהן! און דאָס זאָל זיין דער דאָזיגער מענש, וועגען עס רעדט איין אַלעמען אז ער איז גאָט׳ס זוהן! אז ער איז געבאָרען געוואָרען פון דעם הייליגען גייסט פון גאָט׳ס צוזאַמען קומען זיך מיט זיין מוטער, און ניט פון דעם וואָס זיין פאָטער איז צוזאַממען געקומען מיט זיין מאַמען, אזוי ווי אַ מאַהן קומט צוזאַממען מיט זיין פרוי, וואָס אַלע האָבען דאָס דעמאָלט געוואוסט קלאָר וועגען זיין פאָטער און וועגען זיין מוטער זיינען געוועזען! אָט אזא אומגעלומפּערטע לעגענדע, וואָס יעדער מענש וואָס ווער עס האָט אַ האַר שכל קען דאָס אָנטאַפּען די פאַלשקייט און די נאַרישקייט פון אזא לעגענדע וואָס איין וואָרט קלעפּט זיך ניט מיט דעם אַנדערען, האָט מען דאָס אין די אַלטע צייטען איינגערעדט אַ טייל פון דער מענשהייט אַ לעגענ־דע, וועלכע עס האָט זיך איבערגעגעבען פון איין דור צום צווייטען! און אויך, ווער קען דאָס בערעכענען גענוי וויפיל הונדערטער טויזענדטער אידען און ניט אידען מען האָט פון דאָהן אָהן אויסגעקוילעט דערפאַר, וואָס זיי האָבען זיך ניט געלאָזען איינגלויבען אין אזא פאַלשע לעגענדע! ווייל זיי האָבען אַרויסגעזעהען די פאַלשקייט פון דער לעגענדע, ווי פאַלש זי איז! אָט אזוי זיינען פאַרפיהרט ביז היינטיגען טאָג אפילו, מיליאָהנען מענש׳ן, וועלכע עס האַלטען נאָך היינט אפילו, אין אזא ציוויליזירטער וועלט, אז די פאַלשע לע־גענדע אז ישוע איז געוועזען גאָט׳ס זוהן און משיח איז אַן אמתע געשיכטע!

אָט אזוי האָט דער רעפאָרמער ישוע הנוצרי, ווער עס האָט זיך אליין אַ נאָהמען געגעבען גאָט׳ס זוהן, זיך גענומען צו רעפאָרמירען די תורה מיט אַללע אידישע מנהגים אויף אַ סטייל, ווי איהם איז געפעלען געוואָרען! און איבּ אז אימיצער זאָל זיך וועלען ריכטיג פאָרשטעלען וואָס דאָס האָט געמיינט פאַר דעם אידישען פאָלק און אויך דאָס צו וואָס רעפאָרם פיהרט, קען מען דאָס היינט זייער לייכט זעהען ווי דאָס אַרבעט און מען קען זיך אויך פאָרשטעלען דעם בילד, ווי עס וועט אויסזעהען די זאַך אין יאָהרען ארום, וואָס די פרוכט פון רעפאָרם וועט ברייגגען פאַר דעם אידישען פאָליק, און במילא אויך פאַר דער גאַנצער מענשהייט! ווייל דאָס מוז יעדער מענש וויסען, אז דאָס וואָס עס טהוט שאָדען דעם אידישען פאָלק וועט גלייכצייטיג ברייגגען גרעסערע שאָדען צו דער גאַנצער מענשהייט, וואָס דאָס קען יעדער מענש זעהען, ווער עס לייענט די פאַרגאַנגענע היסטאָרי.

אַלזאָ, לאָמיר יעצט בעטראַכטען וואָס עס מיינט רעפאָרם: רעפאָרם מיינט, מאַכען אַ זאַך מאָדערנער, לייכטער. למשל: צו וואָס זאָל אַ איד, ווער עס דאַרף גיין ארבעטן צו מאַכען אַ לעבען, דאַוונען 3 מאָהל אַ טאָג? איינמאָהל אין דערפרי און נאָך אַמאָהל אידער די זון פאַרגייט, און נאָך אַמאָהל אז די זון איז שוין פאַרגאַנגען. איז עס ניט אַ סקאַנדאַל צו מאַטערען מענש׳ן אזוי פיל? וואָלט עס ניט געוועזען בעסער, אז מען זאָל די זאַך רעפאָרמירען און מאַכען עס מאָדערנער. ניט ווי מען האָט איינגעשטעלט אין די אַלטע צייטען צו דאַוונען 3 מאָהל אַ טאָג, און מען זאָל בעסער דאַוונען בלויז איין מאָהל אַ וואָך! פרייטאָג צו נאַכט אליין! ווייל שבת פרי דאַרף דער איד דאָך גיין צו דער אַרבעט! און צו מאַכען די זאַך נאָך מעהר מאָדערנער, ווי עס פאַסט זיך פאַר אזעלכע אידען וועלכע עס לעבען אין אזא ציוויליזירטער וועלט ווי מיר לעבען היינט, פרעגט זיך גאָר: ווער זאָגט דאָס, אז דעם איינמאָל אַ וואָך, פרייטאָג צו נאַכט, דאַרף דער אָנגעמאַטערטער איד פון דער וואָך אַרבעט קומען און אָנשטריינגען זיך מיט דעם דאַוונען? פאַרוואָס זאָל מען טאַקע ניט מעגען זיטצען אין האָל מענער מיט פרויען און בחורים מיט מיידלאַך צוזאַממען, אזוי ווי מען זיצט אין אַ טיאַטער אָדער אין אַ קלויסטער און זיך זיטצען שטיל און רוהיג און זיך ניט אָנשטריינגען, און יוצא זיין בלויז מיט דעם הערען ווי דער רביי מיט זיין קווייער דאַוונען שוין אָפּ פאַר אַלעמען! איז ניט אזא סיסטעם אַ סך אַ פיינערער און אַ סך אַ לייכטערער פון דעם, וואָס עס ווערט געטאָן אין די אָרטהאָדאָקסישע שוהלען, וואו מענער זיטצען גאָר בעזונדער און פרויען בעזונדער און מען איז ניט יוצא מיטן רביי׳ס דאַוונען אליין, נור יעדערער בעזונדער מוז גאָר אליין אויך בעטען גנעדיגקייט פאַר זיך ביי דעם האַר פון וועלט?! ווייטער, ווען עס וואָלט זיך ניט האַנדלען וועגען אזא פראַגע, פון וואַנען דער אויבענדערמאָנטער רביי וועט מאַכען אַ לעבען, וואָלט איך גאָר

געפרעגט אזא זאָרט קשיא: צו וואָס דאַרף מען דאַוונען אזוי אָפט ווי יעדע וואָך? וואָלט דען ניט געווען גאָר גענוג, אז א איד זאָל בלויז צווי מאָהל אַ יאָהר דאַוונען — איין טאָג ראש השנה און נאָך אַ טאָג, יום כפור, און פאַרטיג?! און מען זאָל זיך חלילה ניט אָנשטרייגגען, נור דער רביי זאָל שוין אַללעס טאָן פאַר זיי! איז עס ניט לייכטער און בעקוועמער אזא סיס־טעם?! מיר זיינען דאָך היינט עפּעס מאָדערנע מענש׳ן, ניט אזוי ווי אונזערע טאַטעס און מאַמעס זיינען געווען אין די אַלטע צייטען!

און וויבאַלד אז מיר זיינען טאַקע מאָדערנע מענש׳ן, ניט קיין פאַנאַטישע אזוי ווי די אַמאָהליגע מענש׳ן זיינען געווען, וואָלט איך וועלען פרעגען גאָר אַן אַנדער זאָרט פראַגע, טאַקע אַן אמתע מאָדערנע פראַגע: צו וואָס דאַרף מען דאָס איינגאַנגען גיין אין שוהל און דאַוונען אפילו איין מאָהל אַ יאָהר? קען גאָט חלילה ניט לעבען אָהן דעם, סיידען אז דער מענש זאָל איהם געבען אַ חניפה, אז ער איז אַ שטאַרקער און אַ מעכטיגער גאָט?

און אז מיר האַלטען שוין יאָ אין פרעגען קשיות, וועל איך שוין דער־מאָנען נאָך איין קשיא, דעם מאָהל אזא קשיא, וואָס עס איז זייער אַ גוט־בעקאַנטע, וואָס מען הערט דאָס זייער אָפט היינטיגע צייטען פון געוויסע אומוויסענדע מענש׳ן, ווער עס פרעגען: ווער זאָגט דאָס, אז עס איז איבּ־גאַנצען דאָ אַ גאָט? האָט אימיצער פון אונז איהם ווען ניט איז געזעהען? טאָ פאַרוואָס זאָללען מיר ניט גלויבען טאַקע, אז די וועלט פיהרט זיך פון דער נאַטור אליין, אליין פון זיך! און עס איז גאָר ניטאָ קיין גאָט, קיין פיהרער, ווער עס פיהרט אָהן מיט אַללעס. און איינמאָהל פאַר אלעמאָל פטור געוואָ־רען פון די שרעק, וועלכע מען האָט אונז אָנגעשטראָסעט אמאָהליגע יאָהרען, אין די אַלטע פאַרצייטיגע יאָהרען! היינט זיינען מיר שוין ניט מעהר נאַריש! היינט זיינען מיר דאָך מאָדערנע און קלוגע מענש׳ן, וואָס מיר פאַרשטייען אַללעס!

אָה! ווי באַלד אזוי? אז די אַלטע שרעק איז אוועקגעמאַכט געוואָרען און עס איז ניטאָ קיין גאָט פאַר וועמען מורא צו האָבען! אז גאָט זיצט אין הימעל און ער זעהט און ער הערט אַללעס וואָס יעדער מענש טהוט! אָה! אז די דאָזיגע שרעק איז שוין אָפּגעשאַפט געוואָרען און עס איז אַ פרייע וועלט, עס איז שוין מעהר ניטאָ פאַר וואָס זיך צו שרעקען, אז גאָט וועט זיך אָפּרעכענען און דערצו זייער שטריינג פאַר אַללע פאַרברעכענס וואָס אַ מענש טהוט צו אַ צווייטען! אָה! אז די מורא פאַלט אוועק, איז מען דאָך טאַקע פריי! מען קען דאָך דאַהן שוין טאָן טאַקע אַללעס, וואָס נור עס גלוסט זיך! מען קען שוין פריי גנבענען! מען קען שוין פריי גזלנען! מען מעג שוין מערדער׳ן איינער דעם אַנדערען! מיט איין וואָרט, מען קען שוין טאָן אַללעס, וואָס די האַרץ גלוסט! מען מוז נור זעהען איין זאַך: צו זיין

שטאַרק געגוג אז דער אַנדערער זאָל דיר ניט קענען בייקומען! אָבער אזוי איז מען שוין פאָלשטענדיג פריי צו טאָן אַללעס!

אָט דאָס איז די ענדע! דער טערמינוס ביז וואַנען רעפאָרם דערפיהרט דעם מענש׳ן! די מורא פאַר גאָט ווערט אוועקגעמאַכט ביסלעכווייז, ביז מען ווערט אַ פרייער מענש צו קענען טאָן וואָס די ווילדע חיה אין דעם מענש׳ן געלוסט צו טאָן!

אָט דאָס האָבען די דעמאָלסדיגע קלוגע און געלערענטע אידען פאָראויס־געזעהן צו וואָס די נייע לעהרע פון דעם דעמאָלסדיגען רעפאָרמער וועט דערפיהרען, און וואָס פאַר אַ שאָדען די לעהרע וועט ברייגגען פאַר דעם אי־דישען פאָלק בפרט און במילא פאַר דער גאַנצער מענשהייט בכלל, וואָס מען קען דאָס ארויסזעהען פון דעם ווען מיר זאָללען נור בעטראַכטען ווי די וועלט שטייט ביי היינטיגען טאָג, ווי די וועלט האָט זיך רעפאָרמירט און איז געוואָ־רען אַ מאָדערנע! ווי די וועלט האַלט ביי היינטיגען טאָג, וואָס עס איז א וועלט פון העכערע קלאַס מענש׳ן און פון נידריגערע! וואָס עס איז אַ וועלט פון האַרען און פון שקלאַפען! אַ וועלט פון רייכע און אָרימע! אַ וועלט פון אָפטע בלוטיגע מלחמות אין וועלכע עס פאַללען אויס מילליאָהנען מענש׳ן! מענש׳ן ווערען געקריפעלט אויפען גאַנצען לעבען! פרויען בלייבען אלמנות און קינדער בלייבען יתומים! און פאַרוואָס איז דאָס געוואָרען אזא וועלט? וויל די מענשהייט האַלט היינט ביי דער לעצטער מדרגה! ביין טערמינוס, וואוהין רעפאָרם האָט דערפיהרט, אזוי ווי איך האָב פריהער געשילדערט! עס איז אבסאָליוט ריכטיג געקומען צו אזא טרויעריגע מדרגה, אז עס איז ביטאַ קיין מורא פאַר גאָט! און די מענשהייט איז היינט ניט פיל בעסער פון דעם דור המבול! אז מען זאָל נור נעהמען בעטראַכטען ווי מען גרייט זיך צו אַ נייער מלחמה אומצוברייגגען דער מענשהייט אויף אַ מאָדערנעם ציווי־ליזירטען אופן!

אַלזאָ, די אידען אין די אַלטע צייטען דערזעהענדיג אז דער מחבר פון רעפאָרם קריגט ביסלעכווייז אָנהייגגער, פונקט אזוי ווי מיר קענען זעהען היינט, ווי די היינטיגע רעפאָרמער קריגען אָנהייגגער, עס פאַרשטייט זיך, אז די אָנהייגגער זיינען בלויז אונוויסענדע מענש׳ן! און פאָראויסזעהענדיג דאָהן די גרויסע געפאַר צו וואָס דעם רעפאָרמערס אידיעס וועלען דערפיהרען, אַ רעפאָרמער, ווער עס לאַכט אָפּ פון די אידישע תורה און פון דעם אידישען פאָלק! אַ רעפאָרמער, ווער עס האָט זיך גענומען אומצוברייגגען די אַללע אידישע מנהגים, דעם הייליגען שבת און די אידישע הייליגע ימים טובים, צו פאַרבייטען דאָס אַללעס אויף באַבטישטישע מנהגים, וועלכע עס פיהרען צום זיכערען שמד און צו פינסטערע געצענדינערריי! אַ רעפאָרמער, ווער עס האָט זיך גענומען אומצוברייגגען דעם גאַנצען אידישען פאָלק, האָבען דאָס אַללעס די אידען פון די אַלטע צייטען פאָראויסגעזעהען, אז אייב מען זאָל איהם לאָ־

זען אָנגיין וועט ער טאַקע חלילה אומברייינגען דעם גאַנצען אידישען פאָלק! זיי האָבען שוין מעהר ניט געקענט וואַרטען צו לאָזען דאָס לייגגער אָנהאַל־טען ביז זיי וועלען חלילה אומקומען, און אָנשטאָט וואָס מען האָט איהם גע־דאַרפט פאַרשטיינען לויט דעם אידישען דין, וואָס מען דאַרף טאָן צו אזא, וועך עס איז אַ כופר בעיקר, ווער עס פיהרט נאָך אַנדערע אַראָפּ פון ריכטיגען וועג! דאָך האָבען די אידען דאָס ניט געטאָן! נור זיי האָבען בעשלאָסען צו שיקען אַ דעלעגאַציע צום רוימישען גובערנאַטאָר, וועלכע זאָל אויפקלעהרען צו איהם וועגען די געפאַר וואָס עס שטייט פאַר פאַר דעם אידישען פאָלק און במילא פאַר דער גאַנצער מענשהייט.

דער רוימישער גובערנאַטאָר האָט דאָס אַללעס אויסגעהערט און האָט די זאַך בעטראַכט מיט אַ קאָפּ און איז אויך געקומען צום בעשלוס, אז אזא זאָרט מענש איז ווירקליך א גרויסע געפאַהר ניט נור פאַר די אידען אליין, נור ער איז אויך אַ געפאַהר פאַר דער גאַנצער מענשהייט.

ער האָט דעריבער געשיקט פאָליציי דעם רעפאָרמער צו אַרעסטירען. עס האָט גענומען אַ לאַנגע צייט ביז מען האָט אים געכאַפּט, ווייל דער רע־פאָרמער, ווער עס האָט אַלעמען געזאָגט אז ער איז גאָט׳ס זוהן און משיח, האָט ניט געטאָן דאָס וואָס אברהם אבינו האָט אין זיין צייט געטאָן, וואָס אברהם האָט זיך געלאָזען אריינוואַרפען אין קאַלך־אויווען, ווייל ער האָט זיך פאַרלאָזען אויף גאָט אז ער וועט איהם העלפען. דער רעפאָרמער ישוע האָט זיך באַהאַלטען פון די פאָליציי, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען אז דאָ איז זיין ענדע, אז דער גאַנצער בלאָף וועט אויפגעדעקט ווערען.

מען האָט איהם דאָך געכאַפּט און מען האָט איהם געבראַכט צום גו־בערנאַטאָר. דער גובערנאַטאָר האָט איהם אויסגעפרעגט אַ סך פראַגעס וואָס זיינע איידיעס זיינען און נאָכן אויסהערען אַללע זיינע פאַלשע איידיעס און אויסגעפיבענדיג אז עס איז אַ פשוטער בלאָף וואָס ער זאָגט אז ער איז גאָט׳ס זוהן און משיח, האָט דער גובערנאַטאָר זיך אליין איבערצייגט, אז די אידען זיינען טאַקע פאָלשטענדיג גערעכט אין זייער טענה אז ער איז נור אויסען זיי אומצוברייינגען! אַן אייגענער, אַ איד זאָל זיך אָנזעטצען און וועלען אומברייינגען זיין אייגענעם פאָלק צוליב וואָס? ווייל ער וויל אויס־פירען זיינע אמבישענס און זיינע קאַפּריזען. און די ענדע איז געוועזען, אז דער גובערנאַטאָר האָט איהם פאַרמשפּט צום טויט.

און אזוי ווי דער געזעטץ פון זיין לאַנד פון רוים האָט געזאָגט, אז מען טאָר אַ מענש׳ן ניט טויטען אויף אַן אָרט מיט אַ מאָהל, נור דורך דעם צו־קלאַפּען דעם פאַרמשפּטען מיט צוועקעס צו אַ בוים, דער פאַרמשפּטער זאָל אזוי אויסגיין ביין בוים פון זיך אליין, האָט מען אזוי אויך געטאָן צו איהם. און די רוימישע סאָלדאַטען, לויטן אָרדער פון זייער גובערנאַטאָר, האָבען איהם צוזאַממען מיט נאָך צוויי פאַרמשפּטע צום טויט, צוגעשטעלט אַללע

דריי יעדען צו אַ בוים און האָבען אַריינגעקלאַפּט נעגעל אין יעדע האַנט און אין די פיס פון יעדען איינעם פון זיי, און אזוי איז ישוע, אזוי ווי די אַנדערע פאַרמשפטע, אויסגעצאָגענען זייענדיג צוגעקלאַפּטע צו די בוימער. און אזוי זיינען די אידען פּטור געוואָרען פון איינעם ווער עס האָט געציהלט זיי אומ־צוברייגען. און די אידען האָבען געזעהען די ענדע פון זייערען אַ שונא, אזוי ווי זיי האָבען דאָס פיל מאָהל געזעהען וואָס עס האָט פּאַסירט צו אַ סך פון זייערע שונאים אין אַללע צייטען. און די אידען האָבען אָפּגעאָטהעמט פריי פון אַ גרויסע צרה, וועלכע איז געוועזען אַנגעשטאַנען אויף זיי אַלס אַ צוגאָב צו זייערע צרות וואָס זיי האָבען געהאַט אויסצושטיין, זייענדיג אונ־טערדריקט פון אַ פרעמדע מאַכט וואָס האָט פאַרנומען זייער לאַנד און גע־וועלטיגט אויף זיי.

דאָ וועט יעדער אָרענטליכער ניט איד זעהען דעם אַנטוואָרט צו דער פראַגע וואָס עס וואונדערט זיי, פאַרוואָס די אידען גלויבען ניט אין קריס־טוסען, ווי זיי טוען דאָס! און פאַרוואָס די אידען וויללען אפילו ניט הערען זיין נאָהמען, וואָס עס דערמאָנט זיי די צרות וואָס ער האָט אָנגעטאָן צו זייערע עלטערן אין די צייטען ווען זיי זיינען געוועזען אין זייער גרויסע צרות, אז זיי זיינען שיעור ניט אומגעקומען.

די אידישע נחמה האָט אָבער צו לאַנג ניט אָנגעהאַלטען און אין איניגע דורות ארום האָט זיך געגרינדעט אַ נייע סאָסייטע פון אידישע שונאים, וואָס אַועלכע זיינען אלעמאָל דאָ, אין אללע צייטען, וועלכע עס האָבען זיך גע־געבען אַ נאָהמען: די נאָכפאָלגער פון ישוע׳ן, און זיי האָבען ארויסגעלאָזען אַ לעגענדע, אז ישוע האָט זיך צו זיי בעוויזען אין פעלד און האָט זיי געהיי־סען אָנצוגיין מיט זיינע איידיעס. און ער האָט זיי אויך דאָס געזאָגט, אז ער זיצט אין הימעל ביי גאָט׳ס רעכטע האַנט און ער קען פועלען ביי גאָט וואָס ער וויל, און ער קען פאַרגעבען זינד.

די הערשער אין די לענדער ווער עס קאָנטראָלירען אַללעס און ווער עס הערשען אויף די פינסטערע מאַסען, די דאָזיגע מאַגנאַטען ווער עס גלויבען אַ האָר ניט אין גאָט און ווער עס זיינען פאַראינטערעסירט מיט לייב און לעבען אז דער המון זאָל לעבען אין פינסטערניש און ווער עס פיהרען דעם המון פאַרן נאָז מיט דער הילף פון ביער און בראַנפען, חבר, הינט און פערד־רייסעס און נאָך אזעלכע טריקס, צו האַלטען דעם המון פאַרנומען אין זיינע פרייע שטונדען, אז ער זאָל ניט האָבען קיין פרייע צייט צו בערעכענען זיך ווי פאַרזונקען ער איז, און זאָל ניט קענען דערזעהען ווי די הערשער רייטען אויף זיי, שטייט זיי, די הערשער, אייך זאַך אלעמאָל אין זייער וועג וואָס עס לאָזט זיי ניט רוהען! אָט דער אייך פאָלק אין דער וועלט, וועמען מען קען ניט פאַרפיהרען מיט די זעלבע מעטאָדען, מיט וועלכע מען קען אזוי לייכט פאַרפיהרען דעם המון אין יעדע לאַנד. און דאָס איז דער אידישער

פאָלק, וועלכער איז צוזייט און צושפּרייט איבער גאָר דער וועלט אין יעדע לאַנד, ווער עס לאָזט זיך ניט אַסימילירען און ווערען מען קען ניט האַלטען אין פינסטערניש אזוי ווי מען האַלט דעם אייגענעם המון מיט די מעטאָדען וואָס איך האָב פריהער אָנגעוויזען. דעריבער קליגען זיך די הערשער פון די לענדער און זיי זוכען אַללע זאָרטען מיטלען צו מאַכען אז דער פאָלק זאָל פיינט האָבען די אידען, כדי אז דער המון זאָל זיך ניט צוהערען צו די אידען, טאָמער וועלען די אידען טרייען צו עפענען די אויגען פון דעם המון און דער המון וועט דערזעהען דעם אמת וואָס עס טהוט זיך ארום איהם, ווי פאַר־טרונקען זיי זיינען און ווי זיי זיינען אייביגע קנעכט צו זייערע הערשער! דעריבער ריידען די הערשער איין דעם המון דורך אלערליי אַגענטען, וועלכע עס ווערען גוט בעצאָהלט און וועלכע זיינען אויסגעמישט מיט אַללע קלאַסען פון פאָלק, און זיי טוען איינריידען דעם פאָלק, אז דער איד איז אַ געפאַהר פאַר דער לאַנד, כדי מען זאָל קוקען אויף דעם אידען מיט פאַרדאַכט! און צווישען אַללע זייערע מעטאָדען האָבען די הערשער זיך אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט אָהן דער לעגענדע וועגען קריסטוסען, ווייל דיזער מיטעל וועט זיין איי־נער פון די בעסטע מיטלען מיט וואָס מען וועט קענען אויפרייצען דעם המון אויף די אידען! אָנהויבענדיג צוערשט מיט ריהמען קריסטוסען, וואָס פאַר אַ גרויסער מאַהן ער איז געווען, אז אַלעמענס הערצער זאָללען זיך צוציע־הען צו איהם מיט ליבשאַפט, און דערנאָך דעם שילדערען די גרויסקייט פון איהם וואָס ער איז געבאָרען געוואָרען דורך אַ וואונדערליכען פאַל, ניט ווי אַללע מענש׳ן, וואָס ווערען געבאָרען דורך דעם צוזאַמענקומען פון אַ מאַהן מיט אַ פרוי, נור זיין געבאָרען ווערען איז גאָר פאַרגעקומען פון דעם, וואָס גאָט איז גאָר צוזאַממענגעקומען מיט זיין פאַרהייראַטער מוטער און זי האָט געבאָרען איהם אַלס אַ זוהן צו גאָט. און אָט דער זוהן איז נעבאַך געשטאָר־בען פון אזא פאַרמוטשעטען טויט, זייענדיג צוגעקלאַפּט צום בוים! און אום צו מאַכען די איבערראַשונג נאָך גרעסער און די שנאה אויף די אידען נאָך שטאַרקער, האָבען זיי פאַרפאַסט אַ גרויסען איבערראַשענדען, שרעקליכען פאַבריצירטען ליגען, אז ניט די רוימישע סאָלדאָטען האָבען ישוע׳ן געבראַכט צום טויט, נור די אידען האָבען דאָס גאָר געטאָן!

און אזוי ווי דער המון לייענט ניט די אמתע היסטאָרי, וועלכע עס זאָגט גאַנץ קלאָר, אז די רוימישע סאָלדאָטען האָבען דורכגעפיהרט דעם טויט־אורטייל איבער ישוע׳ן צוזאַממען מיט נאָך צוויי פאַרמשפּטע צום טויט, דעריבער גלויבט דער המון אַללעס וואָס מען רעדט איהם איין און ער גלויבט אין דעם פאַבריצירטען בלבול, אז דאָס איז טאַקע אמת! די גאַנצע לעגענדע וועגען ישוע׳ן, וואָס עס ווערט אונטערשטיצט פון די הערשער אז דאָס זאָל שטענדיג אָנהאַלטען, האָט זיך ארויסגעוויזען צו זיין דער בעסטער קאָונטער־אַטאַק געגען דער מורא פאַר די אידען טאָמער וועלען זיי עפענען די אויגען

פון המון און וועלען זיי אויפוויזען ווי פאַרטרונקען זיי זיינען. די לעגענדע וועגען ישוע׳ן האַלט אָהן אלעמאָל אין אויפרייצען אלעמענס הערצער אויף די אידען, סיי פון מענער און סיי פון פרויען, סיי פון איינפאַכע אונגעבילדעטע מענש׳ן און סיי אפילו פון די געלערנטע! די הערשער זעהען דעריבער אז די לעגענדע זאָל ניט ווערען אָפּגעקיהלט און עס זאָל אָנהאַלטען און פאַרשפרייטען זיך. און דער בעסטער אָרט וואו די לעגענדע זאָל אריינגעדרונגען ווערען אין אַלעמענס הערצער איז דער קלויסטער, וואו דער פאָלק קומט יעדען זונטאָג! אָט אזוי ווערט דורך דיזער לעגענדע אָנגעהאַלטען די שרעקליכע אומזיסטע שנאה אויף די אידען. דערווייל פאַרברייגגען זיך די מאַגנאַטען רוהיג אין זייערע סאַלאָנען מיט די בעסטע געטראַנקען און מיט פרויען און זיי לאַכען צווישען זיך ווי די פיינע לעגענדע ארבעט אזוי גוט! ווי דער פאָלק גלויבט אין דעם, און ווי די שנאה פון פאָלק צו די אידען שטאַרקט זיך.

דער בילד ווי די מאַגנאַטען לעבען דעם גוטען טאָג אין זייערע סאַלאָנען מיט אַללע פאַרגעניגענס און ווי זיי קייקלען זיך פון געלעכטער שיכורערהייד פון דעם נאַרישען המון, ווי מען קען איהם אַללעס איינריידען, איז פונקט דער זעלבער אזוי ווי מיר אַללע זעהען יעדען יאָהר ווי אַ סך קריסטליכע עלטערן שטייען און לאַכען צווישען זיך, ווי זייערע קליינע קינדער גלויבען מיטן גאַנצען האַרצען, אז די קליינע מתנה וואָס דער פאַדהער קריסטמעס, דער מאהן מיט דער ווייסער באָרד, שיינקט זיי, וועלכער לויט ווי מיר אַללע ווייסען דעם אמת, אז ער איז גאָר אַ איינפאַכער אָרימער מענש, ווער עס פאַרדינגט זיך יעדען יאָהר צו אַ גרויסען געשעפט בלויז פאַר דעם סעזאָן, צו שטייך און צו אַדווערטייזען דעם ביזנעס, ווען די פירמע גיט יעדען יאָהר דעם רויטען מאַנטעל מיט די רויט־ווייסע היטעל אָנצוטאָן פאַר די עטליכע וואָכען, פון זינט דער געשעפט עפענט זיך אין דערפרי ביז פאַרנאַכט.

און אזוי ווי די אָרימע אונוויסענדע קינדער גלויבען, אז די קליינע מתנות וואָס זיי קריגען פון דעם „פאַדהער קריסטמעס“ זיינען פון גאָט׳ס זוהן דירעקט, און זיי בענעהמען ניט די זאַך, אז ווען זיי קומען צו צו אַן אַנדער געשעפט שטייט דאָרטען נאָך אַ „פאַדהער קריסטמעס“ און נאָך אַ ביסעל וויטער שטייט נאָך איינער. די קינדער דיינקען אז דאָס איז אַלץ דער זעלבער „פאַדהער קריסטמעס“, אז ער גייט נאָך נאָך זיי. פונקט אזוי שטייען די מאַגנאַטען פון וויטען און לאַכען צווישען זיך ווי דער נאַרישער המון גלויבט אין דער לעכערליכער לעגענדע וועגען ישוע׳ן, ווי דאָס אַרבעט אזוי גוט!

אָט אזא פאַלשען גיפטיגען בלבול בענוטצען די מאַגנאַטען, די הערשער, כדי צו פאַרשפרייטען די אומזיסטע פיינטשאַפט אויף די אידען. און זיי גיסען נאָך צו אויל צום פייער מיט נאָך אַ ליגען, אז די אידען ליידען צרות דערפאַר וואָס זיי האָבען ישוע׳ן געטויט און זיי ליידען צרות אויך דערפאַר, ווייל זיי זיינען פאַרעקשנט און ווילען נאָך אַלץ ניט זיך אונטער־

צוגעבען און גלויבען אין ישוע׳ן, אַז ער איז געוועזען גאָט׳ס זוהן און משיח! דאָס לעצטע וואָס זיי האָבען צוגעגעבען איז אַ מיטעל געגען דעם, טאָמער וועט ווער פון פאָלק קריגען מיטלייד מיט די אידען פאַרוואָס מען פייניגט זיי אַזוי פיל, זאָללען אַזעלכע טראַכטען אַז דאָס קומט טאַקע אַזאַ שטראָף צו די אידען, אַז מען דאַרף אויף זיי ניט האָבען קיין רחמנות און אַז עס איז זייער אייגענער שולד פאַרוואָס זיי ליידען צרות, ווייל זיי זיינען עקשנים און ווילען זיך ניט אונטערגעבען און צו גלויבען ווי די ניט אידען גלויבען. און דעריבער בעהמען די ניט אידען טראַכטען ביי זיך, אַז זיי זיינען טאַקע בעסערע מענש׳ן פון די אידען מיט דעם וואָס זיי גלויבען יאָ אין דער לעגענדע! אָבער די אידען זיינען נאַרישע עקשנים!

און יעצט קען מען זעהען ווי עס ווערט בעשטעטיגט דאָס, וואָס איך האָב אַנגעוויזען אין אָנהויב פון דעם בוך: אַז די געוויסע אורזאַכע וועלכע עס ברייגנט האָס פון איין נאַציאָהן צום אנדערען איז דאָס, וואָס מענש׳ן פון איין רעליגיאָהן האַלטען זיך פאַר בעסערע מענש׳ן פון אַנדערע, ווער עס גלויבען ניט אין דעם זעלבען רעליגיאָהן ווי זיי גלויבען. און דער דאָזיגער פאַלשער איינריידען זיך, אַז זיי זיינען בעסערע מענש׳ן פון די אַנדערע, האָט זיי בע־רעכטיגט אַז זיי מעגען פאַרשקלאַפען און פאַרפייניגען מענש׳ן פון אַנדערע גלויבענס וועלכע עס לאָזען זיך ניט אַסימילירען. דעריבער איז עס גאָר קיין וואונדער ניט, אַז די דאָזיגע פאַנאַטישע גלויביגע אין דער לעגענדע וועגען קריסטוסען האַסען אַזוי די אידען!

און טאָמער איז דאָס נאָך אַלץ ניט גענוג פאַר דעם אָנהאַלטען פון דער אייביגער שנאה צו די אידען, פיהרען די מאַגנאַטען אָהן נאָך איין אנדערע שרעקליכע גיפטיגע פראָפּאַגאַנדע געגען די אידען, אַז ניט נור וואָס די אידען זיינען אַ נידריגערער קלאַס מענש פון די אנדערע מיט דעם, וואָס זיי גלויבען ניט אין קריסטוסען, נור אויך אַז די אידען מאַכען זייער לעבען ניט אויף אַן אָרענטליכען אופן, אַז זיי נאַהרען אויס פון די גוֹיים זייער געלט און אַז די אידען האָבען געמאַכט זייערע פאַרמעגענס דורך אַלערליי פאַלשקייטען, צו געבענדיג אַז די אידען פאַרמעגען די גאַנצע רייכקייט פון לאַנד און אַז די אידען פיהרען אָהן מיט דער פאָליטיק פון לאַנד. און ווי, די אידען מאַכען עס אַז עס זאָללען פאַרקומען מלחמות כדי צו קענען מאַכען מעהר געלט. און דער המון שיכורט און קימערט זיך ניט אויסצוגעפינען דעם אמת! נור זיי גלויבען אין אַללעס וואָס זייערע פאַלשע אונטערגעקויפטע ברידער, וועלכע עס קריגען אַ געהאַלט אָדער חבר, ריידען זיי איין! דער המון ווערט אַזוי שטאַרק פאַרבלענדעט מיט דעם, אַז זיי זעהען ניט דעם אמת, אַז די מאַגנאַ־טען פיהרען אָהן די פראָפּאַגאַנדע כדי צו פאַרמאַסקירען אַז מען זאָל ניט זעהען דעם אמת, אַז דאָס אַללעס וואָס זיי ריידען אויף די אידען, טוען זיי אליין גאָר דאָס אַללעס אָפּ! און טאָמער זיינען די אַללע פאַלשע פראָפּאַגאַנ־

דעס און בלבולים נאָך אַלץ ניט גענוג, אז די פיינטשאַפט צו די אידען זאָל אָנהאַלטען און זאָל זיך שטאַרקען, ריידען די מאַגנאַטען איין דעם העכערען קלאַס פון פאָלק, דורך די זעלבע אונטערגעקויפטע אַגענטען אָדער דורך בעזונדערע אַגענטען, אז די אידען זיינען גאָר קאָמוניסטען אויך! אז די אידען ווילען איינפיהרען אַ קאָמוניסטישען סיסטעם, און דאָהן ווילען זיי צונעהמען פון אַלעמען וואָס יעדערער פאַרמעגט. און דער העכערער קלאַס פון פאָלק גלויבט אויך די פראָפּאַגאַנדע אז דאָס איז אמת! און זיי אפילו, די קליגערע פון פאָלק, כאַפּען זיך ניט צו פאַרשטיין די פאַלשקייט פון דער פראָפּאַגאַנדע: אז אָט זיינען די אידען קאַפּיטאַליסטען און אָט זיינען די אידען קאָמוניסטען! וואָס איין סיסטעם אונטערשיידעט זיך פון דעם אַנדערען אויף אַזוי פיל, אַזוי ווי עס אונטערשיידעט זיך דער טאָג פון דער נאַכט, אָדער וואַסער פון פייער!

אין דאָס אַלעס וואָס איך האָב ערקלערט ליגט דער גאַנצער פאַרבאָרגענער סוד פון די אייביגע אומזיסטע שנאה און דער האַס צו די אידען, וואָס הייסט מיטן נאָהמען „אַנטיסעמיטיזם“. דער פּראָסטער המון פאַרשטייט ניט און אויך דער העכערער קלאַס מענש אפילו פאַרשטייען קיינער ניט די געפאַהר וואָס עס וואָלט געוועזען פאַר דער גאַנצער מענשהייט בכלל, אייב דער אידישער פאָלק וואָלט חלילה זיך יאָ אסימילירט צווישען די פאַרפיהרטע פינסטערע מענש'ן! מה דאָך אז דער איד האָלט אָהן ביסלעכוויז אַנצוואוייזען די מענש'ן אין יעדע לאַנד, וואו דער איד בלייבט, אז עס דאַרף זיין גערעכטיגקייט און יושר, און פון דען איז די וועלט אַלץ אַזוי פאַרטיפט אין רציחה, אין שקלאַפעריי און אין מערדעריי, טאָ וואָס וואָלט שוין געוואָרען פון דער וועלט דאָהן, אייב די קליינע ליכטעלע, דער אידישער פאָלק, וועלכער עס טראָגט מיט זיך דעם אוצר פון ליכטיגקייט, ווען מענס שטראַלען עס לייכטען אויף דער מענשהייט אומעדום, אז די קליינע ליכטעלע וואָלט חלילה אויך אויסגעלאָשען געוואָרען, וואָס וואָלט דאָהן געוואָרען פון דער וועלט? וואָלט גאָט דאָהן ניט געמוזט פאַרניכטען די וועלט, אייב ניט מיט אַ צווייטען מבול, איז מיט וואָס אַנדערש?

דעריבער, נאָכען אויפקלערען פון דאָס אַלעס פון וואַנען עס שטאַמט די אומזיסטע האַס און די אייביגע שנאה צו די אידען, וויל איך זיך ווענדען צו יעדען אָרענטליכען מענש'ן אין דער גאַרער וועלט, אז יעדער אָרענטליכער מענש ביי וועמען עס קומט ארויף ווען ניט איז אפילו אַ געדאַנק פון האַס און פון פיינטשאַפט צו אידען, אז ער אָדער זי זאָל זיך געבען אַ טיפען טראַכט און זאָל בעטראַכטען מיט אַן אָרענטליכען געוויסען און זאָל זיך פרעגען אַ קלאָרע פראַגע: ערשטענס, דער מאָהן וועמען מען הערט אז ער לאַכט אָפּ פון די אידען, מיט וואָס איז ער אַ בעסערער מענש פון די אידען און מיט וואָס זיינען זיינע קינדער בעסערע פון די אידישע? די צווייטע זאַך

זאָל ער זיך אַליין פרעגען: וואָס האָב איך פערזענליך צו די אידען? וואָס פאַר אַ שלעכטס האָבען די אידען צו מיר פערזענליך געטאָן? צי דערפאַר וואָס די אידען גלויבען ניט אין דער לעגענדע וואָס איך גלויב, דאַרף איך זיי דערפאַר פיינט האָבען? מען רעדט אונז איין, אז מיר זיינען פרייע מענש'ן, מיר לעבען אין אַ פרייע וועלט וואָס יעדערער קען און מעג דיינקען אזוי ווי ער וויל, טאָ וואָס קען איך האָבען געגען די אידען, אז זיי גלויבען ניט אין דער זעלבער זאַך וואָס איך גלויב?! מעג איך צווינגען אַן אַנדערען צו גלויבען אין דאָס וואָס איך גלויב?! זיינען דען ניטאָ פעלקער ווער עס גלויבען אויך ניט אין דער לעגענדע?!

טאָ פאַרוואָס זאָל איך עפּעס פיינט האָבען געראָדע די אידען?! האָבען די אידען דען ניט געהאַט פיל גרויסע מענש'ן, וועלכע עס זיינען געוועזען זייער בעריהמט אין זייערע צייטען אזוי ווי אברהם, יצחק און יעקב? אָדער יוסף, אזא קאָפּ־מענש! אָדער משה, אזא גרויסער הייליגער נביא ווער עס האָט ווירקליך גערעדט צו גאָט פנים אל פנים!! אָדער יהושע ווער עס האָט אָפּגעשטעלט די זוהן אויף עטליכע שעה! אָדער דוד המלך ווער עס האָט פאַרפאַסט דעם תהילים, מיט וואָס די מענשהייט קוויקט זיך נאָך היינט אפילו! אָדער אלישע ווער עס האָט לעבעדיג געמאַכט אַ טויטע קינד! אָדער שלמה המלך ווער עס איז געוועזען דער קליגסטער מענטש אויף דער וועלט! אָדער אליהו הנביא און נאָך און נאָך אזעלכע גרויסע מענש'ן ווי די אידען האָבען געהאַט אין אַללע צייטען, ווי אויך אין היינטיגע צייטען, אזעלכע וועלכע עס זיינען זייער הויך געבילדעטע מענש'ן, פון וועמען די וועלט איז ענטציקט!

אָבער די אידען זיינען אזא פאָלק וועלכער עס גלויבט נור אין גאָט אַליין! זיי גלויבען נור אין דעם בעשעפער פון אַללעס, ווער עס איז די איינ־ציגע אייביקייט, און וועמען זיי שעטצען נור אַליין! אָבער אַ איינפאַכען מענש'ן, אַ „ילוד אשה“, ווער עס איז געקומען פון דער ערד און ווער עס איז אוועק צוריק אין דער ערד, אכטען איהם די אידען אייב ער איז געוועזען אַ גרויסער מאָהן נור דאַהן, כל זמן ער לעבט! אָבער נאָכהער, נאָך זיין טויט פאַרגעטערען די אידען קיינעם ניט! ווייל די אידען גלויבען אז עס איז דאָ נור איינער ווער עס איז דער האַר פון דער וועלט, דער ווער עס האָט אַללעס בעשאַפען! דער ווער עס פיהרט אָהן מיט דער גאַנצער וועלט! און נור גאָט אַליין איז די אמתע זאַך צו וועמען יעדער מענש איז פאַראַנטוואָרטליך! דאָס מוז יעדער אָרענטליכער מענש אין גאַר דער וועלט וויסען! דעריבער מוז יעדער אָרענטליכער מענש פרעגען זיך אַליין די זייער, זייער וויכטיגע פראַגע: פאַרוואָס זאָל איך אזוי פיינט האָבען די אידען?! פון וואַנען איז אָט די אומזיסטע האַס און די אומזיסטע שנאה צו די אידען געקומען צו מיר?! בין איך זיכער, אז דאַהן וועט זיך יעדערער כאַפּען, אז ער פערזענליך האָט טאַקע צו די אידען קיין זאַך ניט, ווייל ער האָט גאָר פיל מאָהל צו דאַנקען

זיינע בעקאַנטע אידען פאַר פערשידענע טובות, וואָס ער האָט געהאַט פון זיי. און אז די דאָזיגע פאַלשע שנאה צו די אידען איז צו איהם געקומען נור פון דעם, ווייל ער האָט דאָס געהערט פון אַ צווייטען מענש׳ן! און פון וואַנען האָט דאָס זיך גענומען ביי דעם צווייטען מענש׳ן? ווייל ער האָט דאָס גע־הערט פון אַ דריטען, דורך דער פראָפּאַגאַנדע וועלכע עס גייט אָהן וועגען די אידען! ווער זיינען דאָס די פאַרשפרייטער פון דער פראָפּאַגאַנדע און ווער איז דאָס אזוי פאַראינטערעסירט, אז די אומזיסטע שנאה צו די אידען זאָל אָנהאַלטען? דער אַנטוואָרט איז אַ קורצער. זוכט מיינע פריינד די זאַך גענוי און ענערגיש, וועט איהר דאָס אויסגעפינען, אז די דאָזיגע שמוציגע פאַלשע פראָפּאַגאַנדע און די אַללע פאַלשע בלבולים אויף די אונגליקליכע אידען קו־מען גאָר פון אויבען אָהן! פון אייערע אייגענע הערשער, וועלכע עס פיהרען אָהן מיט אייער אייגענער לאַנד! פון די מאַגנאַטען פון אייער לאַנד, וועלכע עס שטייען אין פאַרבינדונג מיט מאַגנאַטען פון אנדערע לענדער! און אז איהר וועט זיך אזוי נעהמען צו זוכען וועט איהר ווערען אזוי ענטציקט און איבער־ראַשט ווען איהר וועט זיך דערוויסען ווי ווייט און ווי געדיכט עס איז פאַר־שפרייט די נעטץ פון די אַגענטען פון דער שמוציגער פראָפּאַגאַנדע וועגען די אידען! און וואָס קאָסט דאָס אַפּ יעהרליך? און ווער דאַרף עס צאָהלען פאַר דעם, פאַר די גרויסע קאָסטען, אייב ניט איהר אליין?!

זוכט און פאָרשט די זאַך ענערגיש, וועט איהר דאָס האָפּענטליך אויס־געפינען וואו די וואָרצלען פון דער אומזיסטער האָס צו די אידען זיינען בעהאַלטען!

אָט דאָס זיינען די אמתע אורזאַכען פון אנטיסעמיטיזם, דאָס וואָס איך האָב אויפגעקלערט אין דיזען ארטיקעל. דריי וויכטיגע אורזאַכען. ערש־טענס: וואָס די אידען אליין דערנידערען זיך אין די אויגען פון די ניט אי־דען. צווייטענס: די פאַלשע לעגענדע וועגען קריסטוסען, אז די אידע זהאָ־בען אים אוועקגעהרגעט. און די דריטע זאַך: איז דאָס, וואָס די מאַגנאַטען ריידען איין די מענשהייט אז די אידען זיינען די איינציגע קאַפּיטאַליסטען און ווען און וואו עס פאַסט זיי, זאָגען זיי אז די אידען זיינען קאָמוניסטען! און פון די אַללע גיפטיגע אינדזשעקשענס זיינען כמעט אַללע ניט אידען, יונג און אַלט, אַללע פאַרסמט מיט אַ אומזיסטע שנאה צו דעם אידישען פאָלק.

פיר און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

יעצט קומט איינע פון די גרעסטע פראַגעס וואָס עס איז שווער צו פאַרשטיין: דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו אברהם אבינו: „ושמתי את זרעך ככוכבי השמים, וכחל אשר על שפת הים... אשר לא יספר מרוב".

ערשטענס איז אַ גרויסער וואונדער! ווי קען דאָס זיין: „אשר לא יספר מרב"? מיר זעהען היינט, אז די מענשהייט איז דערגאַנגען צו אזא מדרגה אין שכל, אז מען קען שוין איבערציילען ניט נור אין די קלענערע לענדער די צאָהל פון דער מענשהייט, נור אפילו די צאָל פון דער מענשהייט אין די גרעסטע לענדער. מיר ווייסען שוין היינט די צאָל פון דער בעפעלקערונג פון אינדיע און אפילו פון כינע! און דער אויבערשטער האָט דאָך געוויס געוואוסט פאָראויס, אז עס וועט קומען אַ צייט אז מען וועט יאַ קענען איבערציילען די מענשהייט ווי גרויס זי זאָל ניט זיין!

טאָ ווי אזוי זאָגט דער אויבערשטער, אז דעם אידישען פאָלק וועט מען ניט קענען איבערציילען, ווייל ער וועט זיין זייער פיל? אָבער, זאָל ביי אייך גאָר ניט זיין קיין צווייפעל אז דער אויבערשטער האָט חלילה געמאַכט אַ טעות! איהר קענט זיין זיכער, אז וואָס דער אויבערשטער זאָגט, ווייס ער וואָס ער זאָגט!

און יעצט קומט נאָך אַ גרעסערע פראַגע:

וואָס פאַר אַ לאַנד דאַרף מען צוטיילען צו אזא פאָלק, וואָס ער וועט זיין אזוי גרויס, אז איהם וועט מען ניט קענען איבערציילען? מיר דוכט אז דער גאַנצער ערד קוגעל וואָלט געווען צו קליין!

אָבער לאָמיר גיין אויף הנחות. די ווייניגסטע וואָס דער אויבערשטער האָט אונז געדאַרפט צוטיילען איז לכל הפחות דעם גאַנצען שטח פון אמעריקע, פון צפון אמעריקע ביז אונטען אין דרום אמעריקע, ווייל אמעריקע איז דאָך ארומגערינגעלט מיט ים ארום און ארום. מיר וואָלטען בעפעסטיגט די ברעגעס פון אונזער לאַנד מיט די שטאַרקסטע פעסטונגען,, מיר וואָלטען געהאַט אלערליי שיפען און סובמאַרינען צו שטיין און היטען אונז פון אַן אָנפאַל, ווי אויך א לופט-פלאָט צו פאַרהיטען אונז פון אַן אָנפאַל פון דער הויך, און אָט אזוי וואָלטען מיר זיך געלעבט רוהיג, בשלוה, ווי עס פאַסט זיך פאַר גאָט'ס עם הנבחר! ווי מיר זאָגען: „אתה בחרתנו מכל העמים, אהבת אותנו, ורצית בנו, ורוממתנו מכל הלשונות"!

און איב מיר וואָלטען געוואָלט טאָן מסחר מיט די אַנדערע פעלקער אין דער וועלט, וואָלטען מיר דאָס געקענט טאָן פונקט אזוי ווי די היינטיגע אמע־

ריקע טהוט דאָס, וואָס זי איז די שטאַרקסטע און די רייכסטע מדינה אין דער וועלט. אזוי וואָלטען מיר דאָך געקענט זיין! אַט אזוי האָט געדאַרפט זיין דער גורל פון אונז, פון דעם עם הנבחר!

אָבער וואָס זעהען מיר? וואָס האָט דער אויבערשטער געטאָן? ער האָט אונז, דעם עם הנבחר, וואָס עס האָט געזאָלט זיין אין צאָל „אשר לא יספר מרב״, גאָר צוגעטיילט איינע פון די קלענסטע לענדער פון דער וועלט! און וואו געפינט זיך אַט די דאָזיגע לענדעלע? אין מיטן פון אַ וואַלד, וואו מיר זיינען ארומגערינגעלט פון ווילדע חיות אויף צוויי פיס, ווער עס זיינען אין צאָל אזוי פיל אנטקעגען אונז! ווער עס בייסען און רייסען שטיקער פון אונז יעדע ווײַלע, און ווער עס צילעווען אונז חלילה איינגאַנצען אומצוברייגען אָדער אריינצוטרייבען אונז חלילה אין ים אריין!

מי האיש החכם, ווער עס קען ענטפער'ן אויף דיזע צוויי וואונדערליכע פראַגעס?! איך האָף, אז אייב איהר וועט לייענען דעם בוך מיט פאַרשטאַנד וועט איהר קריגען דעם ענטפער אויף די צוויי פראַגעס. אייב אָבער איהר וועט ניט קריגען דעם ענטפער צום ערשטען מאָהל, וועט איהר מוזען לייענען דעם בוך אייניגע מאָהל ביז איהר וועט אם ענדע יאָ קריגען דעם אמת'ן אנטוואָרט.

פינף און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

דער אויבערשטער האָט באַשאַפען צווישען א סך פלאַנעטען אַן ערד, וואָס האָט לופט פאַר לעבעדיגע בעשעפענישען צו קענען אטהעמען. ער האָט באַשאַפען אַ זון וואָס גיט ליכטיגקייט און וואַרימקייט. ער האָט באַשאַפען אַ לבנה, אַ נאַכט־לאָמפּ צו לייכטען ביינאַכט און צו פאַרהיטען אז מען זאָל קע־נען זעהען וואו עס איז אַ גרוב, אז מען זאָל ניט אריינפאַלען, אָדער אַ וואַסער וואו מען קען דערטרונקען ווערען. ער האָט באַשאַפען וואָלקענס, וואָס אז מען זאָל ריכטיג באַטראַכטען פון וואָס דאָס בעשטעהט, אז דאָס איז ניט מעהר ווי רויך פון אַ קוימען און דאָס קלייבט אריין אין זיך וואַסער אין די טויזענדטער טאָננען, און דאָס טראָגט די וואַסער צו די ערטער וואוהין דער בעשעפער פון דער וועלט הייסט זיי זאָללען דאָס דערלאַנגען. וויפיל עס זאָל רעגענען דאָ, און וויפיל ער זאָל רעגענען דאָרטען, און ווי עס זאָל רעגענען. צי עס זאָל רעגענען אז עס זאָל מאַכען וואַקסען, אָדער עס זאָל זיין אנדערש! עס וואַקסט אויף די פעלדער גראָז פאַר די חיות און בהמות און אויך גע־וויקס, וואָס מען מאַכט מעהל פאַר ברויט, ווי אויך אלערליי זאָרטען גרויפּען פאַר דעם מענש'ן צו עסען. עס וואַקסען אלערליי פרוכטען אויף בוימער,

וואָס דערקוויקען די האַרץ. ער האָט באַשאַפען אין דער ערד אַלערליי זאַר־טען מעטאַלען: גאָלד, זילבער, מעש, קופּער, אייזען און נאָך אַלערליי זאַר־טען מעטאַלען צו מאַכען אַלערליי זאַרטען מאַשינערי, ווי אויך צו בויען היי־זער, צו בויען בריקען איבער טייכען, צו בויען שיפען צו קענען פאָהרען אי־בער טייכען און ימים. ווי אויך צו מאַכען פלי מאַשינען. ער האָט אויך באַ־שאַפען פליסיגע מינעראַלען מיט וואָס מען זאָל קענען הייצען אַלערליי מאַ־שינען, מען זאָל קענען מיט זיי אַרבעטען און מען זאָל קענען פאָהרען און פליהען. ער האָט באַשאַפען עלעקטריסיטי, וויירלעס, פאָטאָגראַפי און נאָך און נאָך וואונדערליכע זאַכען.

פאַר וועמען האָט דאָס גאָט אַללעס אַנגעגרייט? אייב ניט פאַר דעם מענש׳ן, ווער עס זיינען אַללע אָהן אונטערשייד זיינע בעשעפעניש׳ען. זעהט ווי גליקליך מיר זיינען צו האָבען אַזאַ פאָטער, ווער עס זאָרגט זיך פאַר אונז, ווער עס האָט אַללעס אָנגעגרייט פאַר זיינע קינדער נאָך איידער מיר זיינען געקומען אויף דער וועלט.

וואָס איז געוועזען אונזער וואונדערבאַרען׳ס גרויסען פאָטער׳ס אויסקוק, אָט דער גאַנצער פלאַן צו בויען אַזאַ גראַנדיעזע וועלט? עס האָט דאָך גע־וויס געמוזט זיין אַ געוויסער צוועק, אַ ציל אויף וואָס גאָט האָט געהאָפט צו זעהען פון דעם באַשאַפען אַזאַ וועלט?!

דעם ענטפער קענען מיר געפינען אין דעם, ווען מיר קוקען זיך צו צו אַ פאָטער, אַ בשר ודם, ווי ער האָט די גרעסטע הנאה ווען ער זעהט ווי זיינע קינדערלאַך עסען און טרינקען און עס פעהלט זיי קיין זאַך ניט! אָט די זעלבע הנאה האָט אויך אונזער הימעלשער פאָטער, ווען ער זעהט אז זיינע קינדער לעבען אין שלום, אין ברידערשאַפט און זיי העלפען זיך איינער דעם אַנדערען. דאָס איז זיין גרעסטע הנאה און ער איז העכסט צופרידען וואָס ער האָט די וועלט באַשאַפען.

אָבער ווען די מענשהייט פאַרשטייט דאָס ניט און מענש׳ן פאַרשטייען ניט צו זיין דאַנקבאַר צום הימעלשען פאָטער פאַר אַללעס גוטעס וואָס ער האָט אָנגעגרייט פאַר אונז, און זיי האַלטען מלחמות און טוען פאַרניכטען איי־נע די אַנדערע פאַר וואָס? פאַר גאַרנישט! דאָהן פאַרדריסט איהם פאַרוואָס ער האָט געבויט אַזאַ פיינע וועלט.

עס זיינען דאָ אַזעלכע מענש׳ן וואָס האַלטען אז עס מוזען פאַרקומען מלחמות, כדי צו רעגולירען דעם וואוקס פון דער מענשהייט, ווייל עס וועט ניט זיין גענוג שפייז פאַר אַ צו גרויסע צאָהל מענש׳ן אויף דער וועלט. פאַר דעם צוועק האַלטען זיי אז מלחמות זיינען גאַר אַנוטציגע זאַך!

זעהט ווי נאַריש אַזאַ געדאַנק איז! זיי האָבען מורא טאָמער וועט שפע־טער אַהין זיין ווייניג שפייז פאַר אַלעמען און מענש׳ן וועלען חלילה שטאַר־בען פון ניט האָבען גענוג צו עסען? ווי עס קוקט אויס זיינען אַזעלכע מענש׳ן

הומאַניטאַרען, רחמנים! זיי דאגען פאַר די צוקונפטיגע דורות טאָמער וועלען זיי דאַרפען הונגערען און וועלען חלילה שטאַרבען פון הונגער? אָבער פון דער אַנדער זייט זיינען זיי גזלנים און האָבען מערדערישע הערצער, וועלכע האַלטען פאַר גוט דעם אויסקוילענען אונשולדיגע מענש׳ן אין מלחמות היינט! טאָמער וועט שפּעטער ניט זיין גענוג וואָס צו עסען, צו פאַרהיטען פון הונ־גער טויט! זיינען אזעלכע מענש׳ן ביין פולען זינען? אָדער מען דאַרף אזעלכע האַלטען אין אַ משוגעים־הויז?!

דער אַנטוואָרט איז: עס דאַרפען געוויס ניט פאַרקומען קיינע מלחמות פאַר דעם צוועק צו פאַרקלענערען דעם צאָהל פון דער מענשהייט! ווייל גאָט, דער גרויסער וואונדערבאַרער בעשעפער ווער עס האָט באַשאַפען אַללע בעש.עפּענישען אויף דער ערד, האָט די זאַך שוין בעזאָרגט אַז די ערד זאָל קענען שפּייזען אַללע בעשעפּענישען, ווי גרויס די צאָהל פון דער מענשהייט זאָל ניט זיין! איך בין ניט קיין פאַרמער, אָבער איך וואָלט אייך ראָטען צו פרעגען פאַרמערס, וועלען זיי אייך דערציילען ווי גרויס עס איז גאָט׳ס גע־נאָד, ווי וואונדערבאַר ער האָט אַללעס געמאַכט, אַז פון איין פּאָטייטע וואָס מען פאַרזייט, וואַקסען אויס אפשר 50, און פון איין מילע וואַקסען אויס הונ־דערטער מילעס. און די זעלבע זאַך קומט פאַר מיט אַללעס וואָס מען פאַר־זייט. און דעריבער וואָס מעהר מענש׳ן עס וואָלטען געוועזען ,וואָלטען מעהר העגט געוועזען צו פאַרזייען און עס וואָלטען געוועזען מעהר תבואות.

דעריבער קומען מיר צום בעשלוס, אַז עס דאַרפען ניט פאַרקומען קיינע מלחמות צוליב דער מורא טאָמער עס וועט ניט זיין גענוג עסענוואַרג פאַר אַלעמען. גאָט שפּייזט די וועלט. ער שפּייזט אפילו אַ וואָרים אין דער ערד.

דער אַנטוואָרט צו דער פראַגע וואָס איז דער ריכטיגסטער מיטעל, אַז עס זאָל קענען זיין אייביגער שלום אויף דער וועלט איז אָט וואָס:

דאָס ערשטע מוז די גאַנצע מענשהייט אַנערקענען, אַז עס איז דאָ נור איין גאָט, ווער עס האָט באַשאַפען די וועלט! אַז ער איז דער פאָטער פון אַללע מענש׳ן, אָהן אונטערשייד פון קאָליער אָדער ראַסע. און יעדער מענש זאָל אַנערקענען אַז גאָט האָט באַשאַפען די וועלט, און ער אליין פירט אָהן מיט דער וועלט, אָהן קיינע העלפער און אָהן קיינע אַגענטען.

די אַללע טעותדיגע גלויבענס אין פון לאַנג געשטאָרבענע מענש׳ן, אָדער אין אנדערע טעותדיגע איינגלויבונגען מוזען אַללע אַבאַלישט ווערען אויף אַללע מאָהל!

עס מוזען אויפגעקלערט ווערן געגוי צו יעדען מענש׳ן וואָס פאַר אַ שרעק־ליכען שאָדען די אַללע פאַלשע גלויבענס האָבען פון אייביג אָהן געבראַכט צו דער מענשהייט און וואָס זיי קענען נאָך ברייננגען אין דער צוקונפט! יעדער מענש מוז די אַללע טעותדיגע גלויבענס אַוועקוואַרפען מיטן פולסטען גע־וויסען אויף אלעמאָל. יעדער מענש מוז גלויבען אַז ביי גאָט זיינען אַללע

מענש'ן גלייך בערעכטיגטע קינדער. ביי איהם זיינען ניטאָ קיינע בעסערע אָדער ערגערע, פיינערע אָדער מיאוסערע! אַללע זיינען ביי איהם גלייכע מענש'ן, מיט די זעלבע רעכט צו לעבען און צו געניסען פון אַללעס וואָס ער, דער טייערער פאָטער האָט אַנגעגרייט!

אַללע פאַלשע סיסטעמען וואָס יעדע קליקע האָט איינגעפיהרט אין יעדע לאַנד, לויט ווי עס האָט זיך געפּאַסט פאַר יעדען פון זיי, מוז אַללעס אוועק־געמאַכט ווערען!

אַללע פאַלשע מאַסקעס מיט די אַלערליי לאָזונגען צו פאַרבלענדען די מענשהייט און צו פיהרען עס אין דעם קרומען וועג, ווי למשל: קאַפּיטאַליזם, פאַשיזם, נאַציאָהנאַליזם, קאָנסערוואַטיזם, ליבעראַליזם, רעפּובליקאַניזם, דע־מאָקראַטיזם און אפילו קאָמוניזם, אָהן דעם גלויבען אין גאָט מיט אָן אמת, מוזען אַללע דאָזיגע מאַסקעס אַראָפּגעריסען ווערען, ווייל אונטער די אַללער־לייאיגע מאַסקעס זיינען איינע און די זעלביגע פאַרדאָרבענע מענש'ן, ווער עס פיהרען דער מענשהייט צום אומקום!

ווען די מענשהייט וועט קומען צו דעם אמת'ן געדאַנק, אז יעדער מענש איז גלייך, אז יעדערער איז אַ גלייכע קינד ביי גאָט, דאַהן וועט די מענשהייט זיין אימשטאַנד אויסצואַרבעטען אַן אמת'ן אָרענטליכען סיסטעם, אז יעדער מענש זאָל קענען לעבען גליקליך אין אַ גוטע וועלט פון אמת און פון שלום. אזוי ווי גאָט האָט פון אָנפאַנג געוואונשען, ווען ער האָט די וועלט באַשאַפען.

דעריבער לייג איך פאָר צו דעם כנסת־פּאַרלאַמענט פון ישראל, דיזען וויכטיגען פאָרשלאָג:

אזוי ווי מיר, דער אידישער פאָלק, איז דער עם הנבחר פון אַללע פעל־קען, וועמען דער בעשעפער פון דער וועלט האָט אויסגעקליבען און האָט אַרויפגעצוואונגען אויף אונז אז מיר זאָללען לערנען און אויפווייזען פאַר דער מענשהייט אז די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען ביי גאָט און אז ער פיהרט אָהן מיט די וועלט. אז ער זעהט און הערט אַללעס, אז ער וועט זייער שטרייגג בעשטראָפען פאַר דעם פאַרגיסען פון אונשולדיגע בלוט, און אזוי ווי מיר האָבען עס ניט געטאָן ביז אַהער, ווייל די מענשהייט האָט אונז אַלעמאָל אונטערדריקט, גערודפט און פאַרגאָסען אונזער בלוט, און עס איז באמת געוועזען שווער צו טאָן אזא פליכט אין די פריהערדיגע ציטען, און אזוי ווי עס האָט זיך געשאַפען אין אונזערע היינטיגע צייטען אַ גרויסע מעגליכ־קייט דאָס צו טאָן, צו לערנען די מענשהייט דורך ראַדיאָ און טעלעוויזשען און איבערהויפּט דורך קינעמאָ פילמס אין די טיאַטערס וואו עס קומען אַללע שיכטען פון פאָלק, לייג איך פאָר אז דער כנסת זאָל בעפולמעכטיגען די יש ראל רעגירונג צו מאַכען אַ פילם לויט מיין בוך און איך לייג אויך פאַר מיין דינסט צו העלפען און אָנצווייזען דעם סדר פון דעם פילם, צו לערנען דער מענשהייט די ריכטיגע לעהרע וואָס גאָט האָט אונז בעפולמעכטיגט צו טאָן.

כדי די מענשהייט זאל לערנען דעם אמת׳ן וועג ווי אנצוגיין און זאל געראַ־טעוועט ווערען פון אונטערגאַנג, וואָס יעדער קלוגער מענש קען דאָס קלאָר זעהען וואוהין עס פיהרט דער צושטאַנד פון דער היינטיגער וועלט, וואָס עס איז פול מיט רציחה, מיט מערדער און מיט שנאה פון מענש צו מענש, אז עס האַלט זייער גאָהנט אז די וועלט זאל אומקומען.

דיזען מאָהל וועט די וועלט אומקומען ניט פון די הענט פון גאָט, ווי אין די צייטען פון דעם מבול, נור די וועלט וועט אומקומען פון די הענט פון דער מענשהייט אליין, דורך דעם שרעקליכסטען פייער וואָס די מענשהייט וועט אליין אָנצינדען.

דער פילם זאל דאָס ערשטע דערציילען פאַר דער וועלט, אז מיר זיינען ניט קיינע מיסיאָנערען צו אסימילירען דער מענשהייט, אז מיר גייען ניט צווינגען דער מענשהייט מיט געוואַלד צו גלויבען און צו אַסימילירען מענש׳ן, אזוי ווי דאָס האָבען געטאָן און טוען דאָס נאָך היינט מענש׳ן, וועלכע עס ריידען איין אַנדערע צו גלויבען אין זייערע גלויבענס.

מיר גייען בלויז אויפווייזען פאַר דער מענשהייט דאָס, וואָס מיר האָבען געליטען און וואָס מיר ליידען נאָך היינט פון פאַרדאַרבענע מענש׳ן, ווער עס האָבען פאַרגאָסען אונזער בלוט פאַר גאָרנישט! און ווי דער גרויסער האַר און ריכטער פון דער וועלט האָט אלעמאָל געטאָן צו אונז גרויסע נסים.

אָנהויבענדיג פון דעם גרויסען נס וואָס גאָט האָט געטאָן צו דעם ערש־טען אידען אברהם אבינו, ווי ער האָט איהם אַרויסגעראַטעוועט פון אָנגעי־ברענטען קאַלך־אויוועז און אזוי ווייטער און ווייטער, יעדען נס אין זיין צייט ווען די געפאַר האָט געדראָהט די אידען, כדי אז די גאַנצע מענשהייט און אפילו אונזערע אייגענע זיהן און טעכטער זאָלען לערנען אז עס איז יאָ דאָ איינער ווער עס איז דער אמתער ריכטער און אָנפיהרער פון דער וועלט, אז עס איז ניט הפקר, ווי אַנדערע דיינקען אז מען קען טאָן וואָס די חיה אין דעם מענש׳ן פאַרגלוסט צו טאָן.

איך בין ביי דער פולסטער האָפנונג, אז די מענשהייט וועט זיך צו־הערען און וועט וועלען לערנען פרייוויליג דאָס אַלעס וואָס מיר וועלען טרייען צו לערנען דער מענשהייט. די זאַך וואָס עס איז אַרויפגעצוואונגען געוואָרען אויף אונז דאָס צו טאָן פאַר דער מענשהייט, כדי צו ראַטעווען די וועלט פון אונטערגאַנג. אז עס זאל ווערען אַ גוטע וועלט צו לעבען אין איהר פאַר אַלע מענש׳ן.

ווי וועט אָבער זיין, אז עס וועלען זיך געפינען אזעלכע מענש׳ן וועלכע עס וועלען שטערען אונז אין אונזער טאָן פון אונזער פליכט? דאַהן האָבען מיר יוצא געוועזען פאַר גאָט! מיר האָבען ערפיהלט אונזער פליכט און גאָט וועט אראָפנעהמען זיין כעס פון אונז און ער וועט אונז פאַרגעבען. מיר

האָבען געטאָן אונזער פליכט! איי, מען וויל ניט פאָלגען, איז דאָס ניט אונ־זער שולד!

דאַהן וועט גאָט שיקען אנדערע פעלקער, די ווער עס האָבען אוועקגע־מאַכט אין זייערע לענדער אַללע זאָרטען גלויבענס! ווייל זיי גלויבען, אז די וועלט איז געוואָרען פון זיך, פון דער נאַטור, אז עס איז ניטאָ קיין בעשעפער און קיין פיהרער אין דער וועלט.

דיזע פעלקער וועלען פאַרכאַפּען די וועלט און זיי וועלען אוועקמאַכען אַללע גלויבענס פון דער מענשהייט! זיי וועלען דאָס טאָן מיט געוואַלד, מיט צוואַנג! און די מענשהייט וועט דאַהן אריינפאַלען אין פינסטערניש אַ סך ערגער ווי עס איז פריהער געווען, וויבאַלד עס וועט אוועקפאַלען די מורא פאַר דעם, ווער עס וועט בעשטראָפען פאַר אונגערעכטיגקייט! עס וועט זיך אָנציינדען די גרעסטע שרעקליכסטע מלחמה פון גוג ומגוג, ווי דער גרויסער נביא האָט פאָראויסגעזאָגט אין גאָט׳ס נאָהמען מיט טויזענדטער יאָהרען צוריק, אז עס וועלען איבערבלייבען פון דער לעצטער מלחמה בלויז איינער פון אַ שטאָדט און צוויי פון אַ משפחה.

נאָכדעם וועט זיך דער אויבערשטער בעווייזען און ער וועט טאָן גרויסע נסים צום אידישען פאָלק און ער וועט זיין מיט זיי אויף אַלעמאָל. און די וועלכע עס וועלען זיין פון די גליקליכע צו פאַרבלייבען פון דער שרעקליכ־סטער קאַטאַסטראָפע, וועלען זעהען די גרויסע נסים וואָס גאָט וועט טאָן צו די אידען, און אַללע וועלען דאַהן גלויבען אין דעם גרויסען בעשעפער פון דער וועלט. מענש׳ן פון ווייטע לענדער וועלען זיך ציהען צו דער אידישער לאַנד צו לערנען פון די אידען גוטע לעהרע און עס וועט מקוים ווערען דאָס וואָס עס שרייבט זיך: „כי מציון תצא תורה ודבר ד׳ מירושלים״.

ע נ ד ע.